STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02724

HAIFA

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיפה

יארבוך פאר ליטעראטור און קונסט

2 — 3

רעדאגירט:

מרדכי קראשניץ / דוד ראדין

ארויסגעגעבן פון דער חיפהער אפטיילונג
פון יידישן שרייבער־און זשורנאליסטן־פאראיין אין ישראל

פארלאג „חיפה"

חיפה ✶ תשכ"ה — 1965

"HAIFA"

YEARBOOK FOR LITERATURE AND ART

Edited by

M. Kroshnitz and **D. Rodin**

Published by
Haifa Branch of Yiddish Authors and Journalists Association in Israel
HAIFA, ISRAEL — P. O. B. 4267

All rights reserved

כל הזכויות שמורות לאגודת סופרי ועתונאי יידיש בישראל, סניף חיפה, ת.ד. 4267

מיר ברענגען דא דעם צווייטן יארבוך פון די יידישע שרייבער אין חיפה.

דער ערשטער נומער איז דערשינען אין טויזנט עקזעמפליארן און איז אויסגעפארקויפט געווארן אין וויניקער פון 6 וואכן. ליידער האבן מיר געמוזט אפזאגן פיל ווענדונגען וועגן נאך ביכער.

דעם צווייטן נומער גיבן מיר ארויס אין א פארגרעסערטן פארמאט און אין 1,500 עקזעמפליארן. מיר גלויבן, אז אויך דאס מאל וועט דער גאנג פון „חיפה" צווישן די יידיש־לייענער זיין מיט מזל.

✶

דער ערשטער נומער „חיפה" איז אויפגענומען געווארן מיט ווארעמקייט, הארציקייט און פרייד, וואס דער אלטער יידיש־בוים איז נאך בכוח ארויסצוגעבן פרישע זאפטיקע פירות.

למען האמת: מיט א געפיל פון א קליין ביסעלע גאווה דערלויבן מיר זיך צו ברענגען דא אייניקע אויסצוגן פון בריוו און אפשאצונגען וועגן אונדזער „חיפה", — זאלן גוטע פריינד הנאה האבן און זיך פארגינען א ביסעלע פרייד. אוי, ווי שטארק מיר נויטיקן זיך אין דער פרייד!

פראפ' ד"ר א. ראַבאק ז"ל:

„איך בין גאר צופרידן מיטן תוכן. איך זע אז יידיש האט א קיום ביי אייך, און מיין אמאליקע טענה אין „יידישע קולטור", אז עולם שרייבער אין א"י האט ניט קיין אונטערנעמער־גייסט איז איצט ניט גילטיק... ...איר האט אין חיפה מענטשן מיט טאלאנט ומחיפה יצא ליטעראטור."

שרייבט אויך פראפ' עוזריאל נאָקס:

„...דער איינדרוק איז א פיינער. מיך האט אויך גערירט אייער צמ־צומדיקע און ציטערדיקע הקדמה."

די דיכטערין רבקה קאָפּע, שרייבט פון פּאַריז:

„געבענטשט זאָלן זיין די הענט וואָס טוען די דאָזיקע הייליקע אַרבעט".

דער עסייאיסט וו. גראָסמאַן, פון זשענעווע:

„...דאָס בוך איז שיין און ריין אַרויסגעגעבן און דער אינהאַלט איז פּונקט אַזוי גוט ווי דאָס בוך זעט אויס."

לוי שאַליט, רעדאַקטאָר פון דרום אַפריקאַנער „יידישע צייטונג":

"...זיך באמת דערפרייט צו באַקומען אַזאַ שיינעם און לעבעדיקן יידיש־גרוס פון חיפה. איך וועל שרייבן וועגן דעם."

דער שרייבער, שוישפּילער און טעאַטער־פאָרשער — יאָנאַס טורקאָוו, שרייבט פון ניו־יאָרק:

„...דער יאַרבוך איז גוט און אינטערעסאַנט. איך באַוואונדער אייער ענערגיע. אַ פּנים אַז שטאַרקער ווילן ברעכט אייזן."

מ. זעלדין, אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן „חיפה" אין „דער וועקער", ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1963, און אין „אונדזער שטימע", פּאַריז:

„...וואָלט געוועז אַ „שולחן ערוך" פון „יידישלאַנד", וואָלט מן־הסתם אין אים געווען אַן אָנווייזונג צו מאַכן שהחיינו — אויף דעם „חיפה".

י. א. ראָנטש, אין „מאָרגן פרייהייט", ניו־יאָרק, 29.3.1964:

„...די קליינע גרופּע שרייבער פון חיפה וואָס האָט אונדז צוגעטראָגן דאָס יאַרבוך „חיפה", קאָן זיין שטאָלץ מיט איר דערגרייכונג. הלואי אויף דעם גרויסן האַלב־מיליאָניקן יידישן ישוב פון לאָס אַנדזשעלעס געזאָגט געוואָרן."

מ. שענדעריי, אין „די אידישע צייטונג", בוענאָס איירעס, 26.1.64:

„...אין סך הכל איז דאָס יאַרבוך „חיפה" אַ גוט, ערנסט יידיש בוך, וואָס דריקט אויס ימים פון יידישן צער און טראַפּנס פון יידישן נחת. עס איז אַ יאַרבוך וואָס פאַרדינט געלייענט צו ווערן און די חבריא פון חיפה פאַרדינט פאַר אים אַ גרויסן יישר־כוח".

פּראָפעסאָר ד"ר ל. זשיטניצקי, אין „די פּרעסע", בוענאָס איירעס", 11.3.64:

„...דער מאַטעריאַל פונעם זאַמלבוך איז אַ פּאָזיטיוו־און קענטעוודיק אָפּגעקליבענער. דער יידיש גופא, — אַן אָפּגעהיטענער אין פאָרם און סטיל.

אויך איז געלייגט געוואָרן אויפמערקזאַמקייט אויף דער עסטעטישער זייט פונעם זאַמלבוך.

...ווירדיקע ווערטער צו אַ ווירדיק־ליטעראַריש ווערק — דאָס ווערק שטרייכט אונטער, אַז חיפה איז אַ האָפן פון יידישן שאַפן און הלוואי זאָלן אויך אין די תפוצות זיין אַזעלכע „האַפנס" פון לויטערן און געהייליקטן קידוש־השמדיקן יידיש לשון".

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו, „אונדזער וואָרט", בוענאָס איירעס, 23.6.64:

„...עס זיינען פאַראַן נאָך יוגנטלעך־פאַרליבטע אין דער יידישער פאָלקס־קולטור און אייביק פאַרגלויבטע אין דעם שעפערישן געניוס פון פאָלק, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו שמידן זיין גאָלדענע קייט ביי די ערגסטע באַדינגונגען פון לעבן. „חיפה" איז פון דעם נאָך אַ ביישפּיל און אַן אָנזאָג."

✶

פון די צענדליקער אָפּרופן האָבן מיר געבראַכט נאָר געציילטע אויסצוגן. חלילה ניט צוליב באַרימעריי טוען מיר דאָס, נאָר כדי צו פאַרשאַפן אַ טראָפּן נחת די לייענער און פריינד פון יידישן בוך און, טאַקע אויך זיך אַליין דערמוטיקן צו פאָרזעצן אָט די הייליקע אָבער ביז גאָר ניט גרינגע אַרבעט און פלאַנצן אין זיך דעם באַוואוסטזיין, אַז קערנדלעך וועלכע ווערן פאַרזייט אין באָדן, — יערן, שפּראָצן אויף, וואַקסן און ברענגען פּירות.

די קערנער פון יידיש־לשון — אוודאי און אוודאי!



יאַנקעלעוויטש: מוטער און קינד

ל י י ב ח י י ן – ש מ ע ו נ י

די הייל פון אליהו הנביא

מאַרי *) דוד יחיא האט זיך געפילט גאר קלאגעדיק: דער רוקן האט אים געבראכן; די פיס זיינען אים געווארן שווער; ס׳הארץ איז אים ניט געווען אין ארדנונג — אדער ס׳האט געקלאפט צו שטארק, אדער אזוי שוואך, אז ער האט קוים געפילט זיין דופק.

אז ס׳הארץ האט אים געקלאפט שטארק, האט עס אים געקלאפט אין די שלייפן און אין קאפ האט געררוישט און געטומלט; בעת ס׳הארץ איז אים געווען שוואך, פלעגט ער זיך באדעקן מיט א שוויס, ס׳אטעם פלעגט אים ווערן שווער, און די הענט פלעגן אים זיין ווי אפגעשטארבענע. אין אזעלכע מאמענטן פלעגט מאַרי דוד זיך אוועקלייגן אויף דער ערד, אויף דער מאטע, פארמאכן די אויגן און מורא האבן א ריר צו טאן מיט א גליד; ער האט מורא געהאט פאר נסיונות — טאמער, חלילה, וועט אים דער גליד ניט פאלגן, איז אלץ אויס!

זוגתו חנה, וואס האט געוואוסט מארי דוד׳ס שלאפקייט, איז שטענדיק געווען גרייט מיט תרופות. זי פלעגט טונקען האנטעכער אין קאלט וואסער, אים צולייגן צום הארצן; אים געבן שמעקן שארפע געווירצן, וואס זי האט געהאלטן אין פלעשעלעך, ביז מארי דוד פלעגט נעמען קרעכצן, באוועגן מיט די הענט און שטאמלען:

„ברוך השם, ברוך השם הקדוש ברוך הוא, דער שטן מקטרג האט מיך צורו געלאזט.״ דעמאלט פלעגט חנה אוועקנעמען די נאסע האנטעכער, אויסגלייכן זיין קאפל, וואס איז געווען אראפגערוקט אויף הינטן — ער זאל חלילה ניט בלייבן בגלוי ראש — און אוועקגיין אין ווינקל פון זייער איינציקן צימער, צעבלאזן ס׳פייער, אנגליען קוילן, און פארבריען א פינדזשאן שארפע, ביטערע קאווע, וואס זי פלעגט לאזן מארי דודן אויסזופן, שלוק נאך שלוק, באגלייט מיט קרעכצעלעך: „ברוך השם, יום־יום.״

מארי דוד האט חתונה געהאט א יאר פארן אנטרינען פון צנעה קיין עדן, וואו ס׳האבן זיך געפונען א סך יידישע משפחות אין א פליטים־לאגער, וועלכע האבן זיך אהין אוועק געלאזט באלד ווי ס׳האט זיך צעטראגן די ידיעה, אז מדינת ישראל עומדת על תלה.

---

*) מאַרי — חשובער מענטש.

חיפה

ס׳איז געווען אין יאר תש״ח, ווען די פארצווייפלטע יידן אין יענעם לאנד האבן געמיינט, אז ס׳איז כולו הקיצין. די ישמעאלים האבן זיי גערודפט, בארויבט, געמאכט פאגראמען, געכאפט יידישע יתומים און געפירט צו שמד; א יידישע טאכטער פלעגט ציטערן ארויסצוגיין אין גאס, מען זאל איר חלילה ניט מאנס זיין; מען האט פארווערט יידן דאוונען בציבור און טראגן ווייסע קליידער; א ייד האט ניט געטארט רייטן אויף אַן אייזל, ער זאל אין גאס ניט אויסזען העכער פון די ישמעאלים; יידן האבן געמוזט בויען נידעריקע הייזלעך, זיי זאלן ניט אריבערשטייגן די הייך פון די בנינים פון די ישמעאלים, יידן זיינען געווען פסול פאר עדות; יידן האבן געמוזט טאן יעדע מלאכה בזויה — אוועקנעמען נבלות, ראמען דעם שמוץ פון די גאסן, אפטרעטן דעם וועג פאר יעדן מוסלמענישן מנובל און בעטן ביי אים רשות, ווייטער צו גיין דעם וועג.

וואס מער ס׳איז ערגער געווארן זייער לאגע, אלץ מער האבן די יידן פון תימן זיך מתיחד געווען מיטן בורא עולם און זיך פארטיפט אין די הייליקע ספרים: געזאגט תהילים, געלערנט אויף אויסנווייניק דעם תנ״ך מיט אלע דיני ישראל, און ארויסגעגראבן פונעם זוהר הקדוש יעדעסווארט און יעדן פסוק, וואס האט מרמז געווען אויף דער גאולה, אויף ביאת המשיח. אזוי, ביז ס׳האט זיך צעטראגן די בשורה, אז דער גואל איז שוין געקומען אין הייליקן לאנד פון די אבות, אין ארץ ישראל.

די טיפע שמחה פון ביאת הגואל, האט זיך באלד אויסגעמישט מיט פחד און אימה; טאמער וועט דער אימאם אויס רשעות אלעמען אויסשעכטן, אז קיינער זאל ניט דערלעבן די גאולה. דעריבער האט מען געמוזט עוקר זיין פונעם לאנד, וואו מען האט געלעבט פון דורי־דורות, וואס גיכער, אלץ בעסער און זיכערער. וגדולים מעשי אלוהינו!

אז דער אימאם האט זיך דערוואוסט וועגן מדינת ישראל, איז אים באפאלן אַן אימה פארן יידישן גואל, ווי ס׳איז אמאל באפאלן פרעהן מלך מצרים בעת דער צענטער מכה, און ער האט באפוילן, אז יעדער יהודי וואס וויל אוועק פון תימן, זאל דאס טאן וואס גיכער, און קיינער זאל אים ניט פארהאלטן.

זיינען דעמאלט אוועק פון תימן רבבות יהודים, בנעריהם, בטפם ובזקניהם, — ווער צופוס, און ווער אויף אייזעלעך, דורך טיפע זאמדן און דורך וויסטע מדבריות. ביז זיי האבן זיך דערקליבן קיין עדן, האבן זיי געלאזט הינטער זיך א סך קברים. פון עדן זיינען זיי געקומען אין הייליקן לאנד ישראל מיטן „מרבד הקסמים״.

אין מארי דודס רייד האט זיך ניט געפונען דער אויסדרוק „מרבד הקסמים״, ווייל ס׳האט געשמעקט מיט עבודה־זרה. ער האט דעם „מרבד הקסמים״, פארביטן אויף „כנפי נשרים״.

זאל זיין „כנפי נשרים״, אבי ער, מיט נאך טויזנטער יידן ווי ער, האבן זיך דערקליבן קיין ראש המעין, אשר במדינת ישראל. פריער האט מען זיך באזעצט אין א לייוונט־צעלט, נאכדעם אין אן אמתער הויז, אין א דירה פון א צימער מיט א ווינקל צו קאכן מזונות, מיט א געבויטן בית שמוש אין דרויסן, מיט א וואסער־קראן ביי דער טיר.

אין ראש המעין איז פרנסה געווען בצמצום, באזונדערס פאר אזא ווי מארי דוד, וואס איז געווען א שטיקל כלי־קודש, א מלמד, וואס האט געלערנט יידישע קינדער תורה, דת ותפילה. ער האט געלערנט פון אן אייגנהאנטיק געשריבענעס „תכלאל״ (סידור), געכתיבעט מיט א פערלדיקן רש״י שריפט.

מיט מלמדות איז געווען שווערלעך אין מדינת ישראל, מחמת די חוקים וואס האבן געפאדערט צו שיקן יידישע קינדער אין די שולן פון דער מדינה על חשבון הכלל, אן א פרוטה שכר לימוד. פונדעסטוועגן זיינען נאך געווען יידן וואס האבן אויסגעמיטן דעם אומזיסן בית ספר; זיי האבן געצאלט שכר לימוד און ווייטער געשיקט זייערע קינדער צו מלמדים, אינעם „כותאב״, כדי צו זיין זיכער, אז די קינדער זאלן לערנען נאר ביי אזעלכע יידן, ווי מארי דוד יחיא און זיינס גלייכן, וועלכע זיינען בארופן צו לערנען יידישע קינדער תורה, דת ותפילה.

אזוי ווי מארי דוד איז געווען א מיוחס און באוואוסט אין זיין עדה ווי א גוטער מלמד, איז אים ניט שווער געווען צונויפנעמען 9 יינגלעך, אוועקזעצן ארום זיך אויף א מאטע, אויף דער ערד ארום זיין גרויסן „תכלאל״ און לערנען עברי.

אזוי זיינען אוועק א שיינע פאר יאר ביז ס׳האט געטראפן אז מארי דוד האט פלוצים געחלשט אין מיטן דעם שיעור. לכתחילה האט מען געמיינט, כי פרחה נשמתו, אז זיין נשמה איז שוין ארויס, אבער די „שיכנזים״ האבן ניט דער־לאזן דעם מלאך המות לייכט און שנעל אוועקנעמען א יידישע נשמה. נאכדעם ווי די נאסע האנטעכער, שארפע געווירצן און אנדערע סגולות האבן ניט געהאלפן אפמינטערן דעם גוטן מארי דוד יחיא, האט מען געבראכט די בתולה פון דער „סאָסיאַליט״ (סאציאלע שוועסטער).

די בתולה האט קודם כל אלעמען אוועקגעטריבן פונעם געחלשטן מארי; נאכדעם האט זי אויפגעריסן דעם פארמאכטן פענצטער מיט דער טיר, כדי אינעם טוכלען צימער זאל אריין פרישע לופט; זי האט ארויסגעווארפן אין דרויסן דעם פייער־טאפ מיט די אנגעגליטע קוילן; און ווי אמאל אלישע, אליהו הנביא׳ם דינער, האט זי זיך גענומען צו מארי דודן: זי האט אים געדרייט דעם קאפ, געהייבן און אראפגעלאזן די הענט, געפעטשלט אין די באקן, און אז ס׳האט ניט געהאלפן, האט זי ארויסגענומען פון איר רענצל אזא „מאכוט״

מיט א לאַנגער נאדל, און האט אים געמאכט אַן „איברי״ (איינשפריצונג) אין ס׳פיצל ווייכס פון זיין דארער האנט. אז דאס האט אויך ניט געהאלפן, זיינען איר באפאלן די מענטשן גרייט קורע כדג זיין:

„אזא חוצפה פון א חצופה! אזוי צו פייניקן א גוסס, א מת!״

האט די בתולה געגוואלדעוועט מיט אירע לעצטע כוחות:

„טיפשים! ער איז ווארעם! דער דופק קלאפט נאך! מען דארף אים ראטעווען! ער לעבט, ווי מיר אלע לעבן!״

זיינען אירע געשרייען דערגאנגען ווייט אין דרויסן, ביז זיי האבן דער־גרייכט צו דער פאליציי און ס׳איז געקומען צולויפן א פאליציאנט. דערזען דעם פאליציאנט, האט די בתולה פון דער „סאָסיאַליט״ גענומען שרייען צו אים, איבער די קעפ פונעם עולם:

„מהר, מהר, שוטר! תזעיק רופא, — וואס גיכער ברענג א דאקטאר!״

אין וויניקער ווי א האלבע שעה, איז געקומען צופארן א ווייסער „טראמביל״ (אמבולאנס), און געבראכט א דאקטאר, מיט א מיידל אין ווייסן, מיט נאך עמעצן. דער דאקטאר האט באטאפט דעם מארי דוד, געמאכט נאך אַן איינ־שפריצונג, און בקול רם געפאדערט פון אלעמען, חוץ חנה׳ן, תיכף ומיד צו פארלאזן דעם צימער. אז מען האט ניט געפאלגט האט זיי דער פאליציאנט, בחרפתם, ארויסגעבעטן אין דרויסן. נאכדעם האט מען געבראכט א לייוונטענע מיטה, פארזיכטיק ארויפגעלייגט דעם מארי דוד, אריינגעשטופט אין אמבולאנס, מיטגענומען זוגתו חנה, און „יאללא״, פארשוואונדן שנעל ווי שדים, איבער־לאזנדיק הינטער זיך א וואלקן שטויב מיט א בייסיקן רויך. זיי זיינען אוועק־געפארן אין דער „מוסטאשפי״ (שפיטאל) קיין פתח תקוה.

שפעט אין אוונט איז חנה צוריקגעקומען אליין, א פארוויינטע, מיט דער גוטער בשורה, אז די „שיכנזים״ האבן פארטריבן דעם מלאך המות פון מארי דוד׳ס צוקאפנס: זיי האבן אים דארטן געהאלטן פארמאכט אין א גרויסן צימער מיט א סך פענצטער, און נאכדעם ארויסגעפירט א לעבעדיקן מיט אפענע אויגן אויף אזא בעט מיט רעדלעך.

„ברוך השם, ברוך הוא הקדוש ברוך הוא,״ האט מארי דוד געמורמלט.

„זיי האבן מיך צוריקגעשיקט א היים מיט זייערן א טראמביל, און האבן מיר געזאגט אזוי:

„גברת, דער מארי מוז דאָ בלייבן א פאר וואכן ביז ער וועט געזונט ווערן, דערווייל פאר געזונטערהייט אהיים. קענסט אים באזוכן יעדן טאג אחרי הצהרים, שלום גברת, שלום!״

„האב איך פארבראכן די הענט, געוויינט, זיך געריסן די האר פון קאפ און זיך געבעטן: — יא אדונים! ווער וועט אים מאכן קאווע? ווער וועט אים געבן עסן? ווער וועט אים פארריכטן ס׳געלעגער?"

„זארג ניט, גברת, וועסט קומען מארגן אחרי הצהרים, אם ירצה השם, וועסטו זען אז ער קריגט אלץ וואס ער באדארף. שלום גברת!"

„וואס האב איך געזאלט טאן? כ׳האב א קוש געטאן די מזוזה, און אט בין איך צוריק אין דער היים", האט זי פארענדיקט מיט א געבראכענער שטים.

★

אלע ווייסן, אז מארי דוד שטאמט פון גרויסן יחוס, פונעם בעל־הסליחות, צאלאח יחיא, ז"ל. ס׳איז נאר ניט קלאר געווען צי זיין יחוס קייט האט זיך געצויגן פונעם בעל הסליחות בכבודו, אדער פון עמעצן פון די קרובים פונעם מיוחס. די צייט האט אלץ מטשטש געמאכט, אלא, דער נאמען יחיא האט גערעדט פאר זיך.

מארי דוד און זוגתו חנה זיינען געווען שטאטישע, געבירטיקע אין צנעה. ווי געזאגט, איז דער מארי דוד געווען א נצר פון חכמים און בני תורה, בעת חנה איז געווען א שטיל מיידל, וואס איז פרי פאריתומט געווארן. איר פאטער איז געווען א גאלדשמיד. ער האט ניט אויסגעלעבט קיין גאנצע דרייסיק יאר. און איר מוטער, נאכן פארצערן ס׳גאנץ פארמעגן וואס איז געבליבן פון איר מאן, איז אויך יונג אוועק אין קבר. ס׳זיינען געבליבן דריי יתומות, וואס האבן נאכן טויט פון דער מוטער זיך געהאדעוועט ביי קרובים.

חנה׳ן האט צוגענומען דער פעטער, דער מוטערס ברודער. צו זעקס יאר איז זי אריין אין שפאן פון פעטערס שטוב־ווירטשאפט, וואו זי האט פארשפארט א דינסט־מיידל. חנה האט געטאן אלע שטוביקע ארבעטן, און אירע שוועסטער־קינדער האבן זיך געשאפט מיט איר ווי מיט א געדונגענער דינסט. ביידע בתולות האבן איר ניט פארטראגן אויס קנאה צו איר שיינקייט און געשיקטקייט. זיי זיינען ניט געווען אזוי באחנט און געשטאלטיק ווי זי. זיי פלעגן איר אנטאן צרות צרורות, זידלען און קנייפן אין דער שטיל. זייענדיק א יתומה האט חנה אלץ פארשוויגן און איר ווייטאק געשטילט מיט טרערן אין די נעכט.

איר מומע האט זיך צו איר באצויגן קאלט און בייזלעך, זי האט זיך געמאכט ניט זעענדיק. דער פעטער ווידער, איז געווען א גוטער און ביי יעדער געלעגנהייט איר געגלעט איבערן קאפ, געקוקט אויף איר מיט אויגן פולע מיט רחמים.

דער פעטער איז געווען א פאר־פראצעוועטער מענטש. ער האט געדארפט צושטעלן „טרף לבית״ פון א קרעמעלע, וואס פארקויפט צו ישמעאלים גע־ווירצן מיט בשמים פאר פרוטות, און אויף בארג.

זינט איר מוטערס טויט, האט חנה ניט געוואוסט פון א ניי קליידל, אדער נייע שיך. בדרך כלל פלעגט זי גיין בארוועס און טראגן די אפגעניצטע קליידלעך פון אירע שוועסטערקינדער — קיינמאל ניט לויט איר מאס. נאר איר חן, איר געשטאלטיקייט און אירע גרויסע שווארצע אויגן, האבן אין זיך פארמאגט דעם כשוף אפצוואווענדן פרעמדע אויגן פון איר קלאגעדיקן לבוש.

ווען חנה איז אלט געווארן 15 יאר, האבן זיך גענומען לאזן שדכנים צום פעטער, ניט צו שדכענען זיינע טעכטער, אלא חנה׳ן. דער אויסרייד איז געווען, אז חנה איז די עלטסטע מיידל אין פעטערס משפחה. אויסמיידנדיק חנה׳ן, איר ניט געפרעגט, האט דער פעטער איר פארקנסט צום בחור דוד יחיא — אזא שידוך איז פאר אים געווען א זכיה.

די „שטאט״ האט באוואונדערט דעם שידוך: ראשית, איז דוד יחיא געווען צוויי, אפשר דריי מאל עלטער פון דער כלה; ער איז געווען א חלוש, קליין־געוויקסיק, דאר, מיט א גאר שיטער בערדעלע, מיט צוויי לאנגע פיאות־לאקן. מ׳האט אים קוים ארויסגעזען פונעם לבוש. והשנית, דער יחוס! אזא יחוס! דער איידעלער בחור, דער וואוילערנער, קעגן אַן איינפאַך מיידל, אַ יתומה, וואס ווייסט ניט פון קיין צורת אות.

די חתן־בחורים פונעם בעל־מלאכה׳שן און קליין־סוחרישן שטאנד, האבן געברענט פון קנאה; זיי פלעגן אין דער שטיל פרעסן חנה׳ן מיט די אויגן. אין די פרימארגנס פלעגן זיי זיך לאזן גיין נאענט צום ברונעם, כדי צו כאפן א קוק אויף איר בעת זי שעפט וואסער. חנה פלעגט אינסטינקטיוו דערפילן די שפיזן פון זייערע אויגן, זי פלעגט זיך פארראיטלען און מיטן האנט א טאפ טאן צי איר קאפטל איז פארקנעפלט ביז ארויף; זי האט ניט דערלאזן א „שנארעריש״ אויג זאל זיך גליטשן אפילו אויף א כזית פון איר מיידל־לייב, וואס איז געווען איינגעהילט אין א קלייד פון האלדז ביז צו די שמאלע הויזן, וואס פארענדיקן זיך ביי די פוס־טריט.

לכתחילה האט זיך דוד יחיא׳ס משפחה געבלאזן און געגרויסט און ניט באלד מסכים געווען מיטן שידוך. נאכדעם איז אוועק א דינגעריי וועגן נדן, וואס איז געווען גישטיק. צום סוף איז מען מסכים געווארן, וויסנדיק אז דוד איז שוין אַן אלטער בחור, ארייננעפארן אין די פערציקער, א חלוש, וואס נויטיקט זיך אין אַן „עוזר כנגדו״, אַן אשה, וואס זאל אים צוזען און אויספילן כל משאלות לבו. אלנפאלס אזוי געעצה׳ט האט אויך דער חכם, מאָרי יוסף שאבאזי, דער בכבודיקער קרוב פונעם חתנ׳ס משפחה.

אין חודש ניסן, תרצ״ז, האט מעןביידן געפירט צו דער חופה, אין א מזל־דיקער שעה.

אחינו בני תימן זאגן: „החתונה לשנים, והשמחה לאלפיים, — א חתונה פאר צווייען, און א שמחה פאר צוויי טויזנט.״

די שמחה האט זיך אנגעהייבן א וואך פאר קדושין, און האט געדויערט גאנצע זיבן מעת־לעת נאך דער חופה.

די שטוב פון חנה׳ס פעטער איז א גאנצע וואך פול געווען מיט ווייבער, וואס האבן זיך פארנומען מיט דער מצוה פון נייען די חופה קלייד — חנה׳ס ערשטע נייע קלייד אין לעבן. די ווייבער האבן געהאלפן דער כלה זיך וואשן און זאלבן מיט בשמים מכל המינים.ביים נייען און ביים פוצן די כלה האט מען געשפילט און געזונגען. דער חתן האט יעדן טאג געשיקט דער כלה א נייע מתנה: א שיינעם אויבער־בגד, א זיידן שטערן־טיכל, זילבערנע קמיעות איינ־צופלעכטן אין די האר, שיך פון פיינעם קאלב־לעדער, אויסגעהאפטענע הויזן פון בעסטן קעמל־וואל, שמעקעדיקע זייף, בשמים וואסער, צוויי ליכט, אוירינגלעך, בראסלעטן וכדומה.

אזוי ווי חנה איז געווען א יתומה, האט דער חתן אין חופה־טאג נים געדארפט גיין קג׳יען פאר אירע עלטערן, צו בעטן ביי זיי סליחה ומחילה פארן אוועקנעמען די כלה פון איר היים. ער האט נאר געדארפט זיך באשמירן דעם שטערן מיט פייכטן אש — זכר לחורבן, און זאגן בלחש: „אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני.״

די חתונה האט זיך אנגעהייבן מיט ארויספירן די כלה פון באהעלטעניש, פון הינטער א פארהאנג. בפני כל עם ועדה, האט איר דער חתן, דוד יחיא, מקדש געווען מיט א גרויסער זילבערנער מטבע, נאכדעם האט זיך אנגעהייבן די אמתע שמחה והילולה.

ערשט אין מיטן דעם טומל און רויש פון די זמירות, אכילה און טענץ, האט חנה צום ערשטן מאל גוט אנגעקוקט איר מאן. ס׳האט איר פארקלעמט ס׳הארץ און זי האט זיך פאנאנדערגעוויינט:

„דאס איז מיין מאן? אט דער בלאסער חלוש?״

„יא, יא״, האבן מענטשן געטענה׳ט, „זעט, די כלה וויינט פון שמחה! אזא מזל! אזא גליק פון אן ארעמער יתומה, ארייננצופאלן אין אזא פיינער, מיוחסדיקער משפחה! אזא גליק!״

דעם פעטערס טעכטער האבן דאס מאל איר נים מקנא געווען. זיי האבן

איר ארומגענומען, באַרירט מיט די ליפּן אירע קאַלטע, פייכטע באַקן, אַנגעקוקט מיט שׂדים אין די אויגן און אַרויסגעמורמלט: „מזל טוב חנה, מזל טוב!"...

דער איינציקער פון די מחותנים, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן עולם מיט אַ תשעה־באבֿ געפיל אין האַרצן, איז געווען חנה׳ס גוטער פעטער. ער האָט פּרובירט שטילן זיין קומער מיט אַ טוץ כּוסות שאַרפן, ריינעם אַראַק, אָן אַ טראָפּן וואַסער.

די מומע ווידער, איז אויך געווען באַזאָרגט: „ווער וועט איר איצט אָפּטאָן אַלע שטוביקע אַרבעטן, ווער?"

*

נאָך דער חתונה, האָט זיך ס׳פּאָר פּאָלק אַריינגעצויגן אין אַ דירה פון צוויי צימערלעך, וואָס זיי האָבן געדונגען ביי אַ שכן, אַ ישמעאלי. די דירה האָט מען געיידישט מיט אַ גרויסער מזוזה אין אַ קופּערנער שייד און מיט אויס־מאָלן אויף דער וואַנט, ביים אַריינגאַנג, אַ שוואַרצן פּירעק, זכר לחורבן בית המקדש.

אַ טרעגער האָט געבראַכט אַ קופערט מיט זאַכן, אַ פּאָר נידעריקע בענקלעך, כּלים, אַ פּייער־טאָפּ, אַ דרייפוס צו שטעלן איבערן פייער, מאַטעס, קישעלעך וכדומה.

אַזוי איז צוגעקומען אין דער יידישער גאַס פון צנעה נאָך אַ משפּחה בישראל.

אַז דוד איז אַרויס ברשות עצמו, האָט ער געמוזט באַזאָרגן זיין חיים מיט מזונות און אַלדאָס נייטיקע. לויט דער עצה פון עם קרובֿ, החכם יוסף שאַבאַזי, האָט אים דער פעטער געהאָלפן אויפמאַכן אַ „כּותאבֿ" (חדר), צו לערנען יידישע קינדער תּורה ודת.

אַז דוד איז געוואָרן אַ מלמד, האָט מען אים שבת אויפגערופן צו דער תּורה מיט דעם טיטל: מרן, מאָרי, ר׳ דוד בר — — — פון יענעם שבת אָן, האָבן אים אַלע גענומען רופן, ניט סתם „דוד", אַלאַ מאָרי דוד, אַזוי ביזן היינטיקן טאָג.

*

חדשים שפּעטער, האָבן די קרובים פון ביידע צדדים גענומען באַטראַכטן חנה׳ס געשטאַלט. געוואָלט עפּעס „דערקענען", „דערזען" אַ שינוי... האָבן זיי גאָרניט באַמערקט. זיי האָבן געזען, אַז חנה׳ס אויגן לייכטן ווי פריער, אַלאַ

מיט עצבות. האט מען גענומען ריידן אין דער משפחה, פריער צווישן זיך, נאכדעם צווישן שכנים: „היתכן?״...

גערעדט און בארעדט האט מען נאר חנה׳ן און איינגאנצן ניט דערמאנט דעם מארי דוד. מען האט זיך געסודעט, אז נאר זי, חנה, „טויג ניט״, און זי, חנה, האט געוואוסט דאס פארקערטע... בעת מען פלעגט איר באגלייטן אין גאס מיט די אויגן, האט זי געפילט ווי די פרעמדע בליקן שטעכן איר לייב ווי מיט נאדלען...

מיט דער צייט האט איר פנים פארלוירן די פריערדיקע פרישקייט, זי איז געווארן בלאס און פאראומערט.

היימישע זארגן, דאגות פרנסה, גזירות און רדיפות, האבן ביסלעכווייז אפגעקערט די נייגעריקייט פון דער „גאס״ צום מארי דוד מיט זיין יונגער אשה. מען האט זיי געלאזט צורו. נאר דעם פעטערס מיידלעך האבן ניט אויפגעהערט שארפן זייערע צינגלעך און געניסן פון א שטיקל נקמה אין דער שיינער חנה, וואס האט באקומען א פנים ככל הנשים. קיינער זאגט איצט ניט מער „חנה דזשאמילא״ — „חנה די שיינע״. „זי טויג ניט״, האבן זיי געפלאפלט צווישן זיך און צווישן באקאנטע... „זי טויג ניט...״

*

מיט א צייט שפעטער האט זיך אלץ איבערגעדרייט: מארי דוד מיט חנה׳ן זיינען פארפלויגן ווייט, ווייט פון צנעה און מגולגל געווארן אין ראש המעין, אין מדינת ישראל. מארי דוד׳ס עלטערן זיינען אוועק אויפן עולם האמת. חנה׳ס פעטער מיט זיין משפחה האט זיך באזעצט ווייט פון ראש המעין, אין יבניאל. דעם פעטערס טעכטער זיינען געבליבן פארזעסן און העלפן דער מוטער ארבעטן אין אַן אייגענער קליינער דארפישער ווירטשאפט, בעת דער פעטער האט זיך פארדונגען אויף „עבודת חוץ״, ביי איינעם א מושבניק אין א נאענטער קאלאניע. ער קומט יעדן פארנאכט א מידער, וואשט זיך ארום, דאוונט מנחה מיט מעריב צוזאמען, עסט עפעס אפ און פארן שיין פון דער לבנה, אדער פון א ווינט־לאמפ, פארעט ער זיך אין הייף, אדער אין שטאל ביי דער מילך־קו.

די נייע פרנסה איז דעם פעטער ניט לייכט אנגעקומען (ער קען זיך ניט צוגעוואוינען צום ווארט „ארבעט״). אבער, בעזרת השם, געפינט ער זיך אין מדינת ישראל און אבי געזונט, יעדע פרנסה איז אים ניחה. אמת די ארבעט איז שווער, אלא ס׳איז פרנסה און דערפאר קומט א שבח דעם בורא עולם.

דאס איינציקע וואס פאראומערט זיין לעבן, איז די פארזעסנקייט פון די טעכטער. ווען ס׳וואלטן זיך געפונען באשערטע, וואלט אלץ געווען גוט און

וואויל. אמת, ער איז זיכער, אז ס'וועלן זיך געפינען זייערע באשערטע. ער איז מער ווי זיכער! אבער זיין ווייב פרעסט און יאדעט אים, ווי ער וואלט געווען דער שולדיקער אין דעם, וואס די טעכטער האבן ביז איצט ניט חתונה געהאט.

מארי דוד, אין ראש המעין, לערנט מיט יידישע קינדער תורה ודת. ער איז דא געווארן מער איינגעשרומפן, מער אויסגעטריקנט; דאס שיטער בערדל איז געווארן מער גרוי ווי שווארץ, און די אויגן זיינען אים האלב פארמאכט געווארן. פארקערט, חנה איז אין ישראל געווארן געשטאלטיקער, ווייבלעכער, צוריק שיין ווי אמאל אין צנעה. שטילערהייט קעגן מארי דודס רצון, האט זי גענומען זוכן ארבעט אויסער דער היים.

ווי אומעטום אין מדינת ישראל, איז פאראן אין ראש המעין א בית ספר. איינער פון די לערער, ייסחאק שמו, איז אויסגעקאכט אינעם דארטיקן לעבן, מחמת אין די אוונטן איז ער א כלל־טוער און א מדריך פון דער דער־וואקסענער יוגנט.

די עלטערע תושבים זיינען ניט צופרידן פון דעם לערערס דרכים, כאטש ער איז אַן אייגענער, מבני תימן. זיי טענה'ן, אז ער פארפירט די יוגנט מיט פאלשע תורות, און שטעלט זיי אויף קעגן די עלטערן.

דער מורה ייסחאק מאכט זיך משוגע! ער לערנט ס'יונגווארג מאכן ווילדע עוויות מיט קונצן: ווי דרייען מיט די הענט און פיס; שטיין אויפן קאפ; זיך לייגן מיטן עכוז (הינטערחלק) אויף דער ערד, ווי להבדיל, פיר פיסיקע, וכדומה. די צרה וואלט ניט געווען אזוי גרויס, ווען ער לאזט צורו די מיידלעך; זיי לערנט ער אויך די עבודה זרה, די זעלבע קונצן, צוגלייך מיט די יינגלעך...

אזוינס האט שטארק אויפגעבראכט דעם מארי דוד, ווארום ייסחאקס טענות און מעשים זיינען ניט געפאלן ווי שטיינער אין וואסער, זיי זיינען געווען דער יוגנט צום הארצן; ס'יונגווארג האט אלץ געוואלט וויסן און לערנען כדי זיך אויסצוגלייכן מיט די אשכנזים. ייסחאק האט זיי געלערנט חשבון, טבע און היסטאריע; ער האט זיי דערציילט די חכמה, ווי ס'דרייט זיך א מאטאר בעזרת עלעקטריע מיט ברען־שטאף; ער האט זיי דערציילט וואס ס'איז אזוינס עלעקטריע; ווי אזוי ס'פליט אַן עראפלאן; ער האט זיי דערציילט פון ווייטע לענדער, פעלקער וכדומה.

ייסחאק איז געבאָרן געווארן אין ארץ ישראל. ער האט געענדיקט א בית ספר נאכדעם א גימנאזיע. איז אוועק לערנען אויף העכערע קורסן און איז געווארן א לערער אין רחובות. ביז מען האט אים געשיקט קיין ראש המעין לערנען קינדער און „עפענען די אויגן" די נייע עולים פון זיין תימנער שבט.

ס׳האט ניט געהאלפן, ניט דער רוגז און ניט די פעטש פון די עלטערן; מיידלעך מיט נשים־נשואות האבן גענומען באזוכן ייסחאקס אונט־קורסן און ייסחאק האט געטאן דאס זייניקע: ער האט „אראפגעפירט פונעם גלייכן וועג״.

איינמאל האט ער זיך אנגעשטויסן אן חנה׳ן און איז געבליבן שטיין מיט אויפגעריסענע אויגן: — „אזא יפת תואר״! פון דעמאלט אָן האט ער שוין חנה׳ן ניט ארויסגעלאזט פון אויג. יעדע באגעגעניש פלעגט אים אנצינדן און אוועקנעמען זיין אינערלעכע רו. ער האט זיך פאראינטערעסירט מיט איר לעבן און זיך דערוואוסט מער ווי חנה האט זיך געקענט פארשטעלן.

ייסחאק האט געוואוסט פריער ווי דער מארי דוד, אז חנה קלייבט זיך גיין ארבעטן אויסער דער היים. ניט אומזיסט האט ער זיך געחברט מיט שפרה׳ן פון דער „סאָסיאַליט.״ שפרה האט פון אים שטארק געהאלטן, ניט נאר פאר דער הילף וואס זי האט פון אים געגאסן ביי איר סאציאלער ארבעט, נאר זי האט אין אים געפונען א שיינעם בחור, א פיקח, אַן אקטיוויסט, און דערצו מיט א פאר פייערדיקע אויגן. זי איז אויך געווען א רווקה... פון שפרה׳ן האט ייסחאק זיך דערוואוסט אלץ וואס האט א שייכות צו חנה׳ן. ער האט פארשטאנען אז דעם מארי דודס שווער געמיט און רוגזה קומט פון אייפערזוכט; ער האט מורא, אז אויב חנה וועט ארבעטן אויסער דער היים, וועט זי זיכער זיך געפינען צווישן פרעמדע גברים...

וואס ווייטער, זיינען מער יוגנטלעכע אוועק פון ראש המעין קיין פתח תקוה, רמת־גן און תל־אביב. זיי זיינען אוועק ארבעטן אין פאבריקן און ווארשטאטן, כדי זיך אויסצומישן מיט די אשכנזישע ארבעטער און איבערנעמען זייערע זיטן צוזאמען מיטן שטייגער לעבן פון ישראל. דער דורשט צו לערנען און אלץ צו וויסן איז געווען שטארקער ווי דער ווילן פון די עלטערן. די יונגע האבן איבערגעוועלטיקט די אלטע. פארזיכטיק געקירצט די פיאות, אדער זיי באהאלטן אונטער די היטלען און מ׳האט זיך גענומען קליידן „פרענדזשי״ (אייראפעאיש).

די „מגיפה״ האט זיך אריינגעכאפט אויך אין מארי דודס היים. חנה איז געווארן אַן אנדערע, ביז ניט צו דערקענען; זי איז מער ניט די שטילע יתומה, די געהארכזאמע טרייע אשה, מיט די אראפגעלאזטע אויגן...

שכנים האבן געטענה׳ט: „ווען חנה וואלט געהאט קינדער, ווי אלע נשים, וואלט זי ניט געקענט אוועק אויף גאנצע טעג ארבעטן אויסער דער היים; אין בעסטן פאל, וואלט זי געקענט אוועקגיין אויף א פאר שעה, עטלעכע מאל א וואך, מאכן „ספאנזשע״ (וואשן דילן), צופארדינען אויף אויסהאלטן די משפחה, איז אבער חנה׳ס טראכט פארשלאסן״...

צום סוף איז די מענטשן פון ראש המעין מיאוס געווארן זיך צו פארנעמען מיט דער רעטעניש „ווער ס'איז שולדיק", חנה, אדער דער מארי דוד? דעם ביטערן סוד האבן געוואוסט נאר זיי ביידע. דער מארי דוד האט זיך געשטיקט און געפרעסן מיט זיין בושה און ניט געקענט פארטראגן דעם מינדסטן רמז וועגן א גט.

מארי דודווארט נאר אויף רחמי שמים... זיין צרה איז, וואס ער קען ניט מלחמה האלטן מיט חנה'ן, פארוואס זי גייט אויף גאנצע טעג צו באדינען אשכנזים אין פתח תקוה. וויפל מאל ער האט פרובירט שמועסן מיט חנה'ן, מיט גוטן און מיט בייזן, אז זי זאל זיך אויפפירן ווי אלע נשים פון איר גלייכן, האט דאס ניט געהאלפן. ער איז איר מוחל די פארדינסטן, וויפל ער פארדינט דארף זיין גענוג פאר ביידן; „לחם במשורה", זאגט ער, איז יידיש. אויב דו ווילסט שוין יא ארבעטן, איז גענוג א פאר שעה א טאג נאר כדי אויסצופילן דעם חסר. אבער — — —

לכתחילה האט חנה אלץ אויסגעהערט און געשוויגן. זי האט ניט געוואגט און ניט געוואלט ווידערשפעניקן איר מאן, דעם געלערנטן מארי דוד. צום סוף זיינען איר דערעסן געווארן זיינע טענות, און זי איז ארויס מיט לשון:

„וואס ווילסטו פון מיר? איך באזארג דיך מיט אלץ: איך מאך דיר עסן, איך רייניק די היים, איך וואש דיין וועש און בגדים, איך זע זאלסט שטענדיק טראגן א ריינע העמד מיט א ריינעם בגד; איך לאטע, צערעווע און שטריק; איך הארעווע פון פארטאג ביז האלבע נאכט, און מיט דעם אלעמען געפין איך זיך ניט קיין ארט אין א ליידיקער שטוב אָן קינדער... וואס פאר א טענות קענסטו האבן צו מיר? צי ברענג איך דיר ניט א יעדע פרוטה וואס איך פארדין?"

נאך אזא מענה־לשון האט זיך מארי דוד איינגעקארטשעט אין זיין ווייסן קאפטאן, אראפגעלאזט דעם קאפ און גענומען זאגן תהילים בקול רם, כדי ניט צו הערן חנה'ס רייד. דעם ספר תהילים האט ער געקענט אויף אויסנווייניק ביזן לעצטן אות.

*

די ארבעט האט חנה'ן פארשאפט שפרה פון דער „סאָסיאַליט", ביי איינעם א רופא אין פתח תקוה. בעת די עלטערע תושבים פון ראש המעין האבן ניט פארטראגן שפרה'ן, געזען אין איר א „פגע רע", איז זי געווען זייער אנגעלייגט ביי די יונגע.

די עלטערע תושבים האבן אויך ניט פארטראגן ייסחאקן: „ייסחאק פירט די קינדער צו כפירה און שפרה קריכט אלעמען אין די ביינער און שטעקט אומעטום איר נאז."

„מוחל, מוחל טובות, לא מעוקצך ולא מדובשך," האבן זיי געמורמלט הינטער ביידנס פלייצעס.

שפרה האט זיך דערנעענטערט צו חנה׳ן מיט דער כוונה איר צו העלפן, ווי זי פלעגט העלפן אנדערע געליטענע פרויען; זי האט געוואוסט ווי אזוי, בנעימות, מיט א סך געדולד, צו פארטרייבן פון ראש המעין די „רופאטעס" מיט זייערע סגולות, קמיעות און אפשפרעכערייי; באזונדערס די יעניקע וואס פלעגן אפנעמען קינדער און „היילן" קראנקע און ניט איינעם אוועקגעשיקט אויף יענער וועלט.

ווען שפרה האט זיך דערוואוסט פון דער עקרות אין מארי דודס היים, האט זי צורו געלאזט דעם מארי און זיך פארלייגט אויף חנה׳ן: איר געגעבן עצות, פרובירט ווירקן אז זי זאל קודם כל אליין גיין צו א דאקטאר, און נאכדעם ווירקן אויפן מאן, אויך ער זאל אזוי טאן.

איז חנה׳ן איינגעפאלן די נשמה פון פחד און בושה: זי וועט זיך גיכער אנטאן א מעשה! זי וועט בשום אופן ניט גיין צו א דאקטאר, און וועט אזוינס ניט וואגן בעטן דעם מארי! גיין ארבעטן איז עפעס אנדערש. דער מארי וועט זיך טאקע רוגזן אבער צום סוף וועט ער משלים זיין. די הכנסה פון דער ארבעט וועט שטארקן איר מעמד און וועט איר אויך דערמעגלעכן ארויסגיין פון דער קלאגעדיקער היימישער לופט.

חנה האט געארבעט שווער, זייער שווער — ביי זיך און ביי יענעם. פונדעסטוועגן האט די פראצע ניט געמינערט איר שיינקייט: זי איז געבליבן שיין ווי א בלום, איינגעהילט אין איר אומגעלומפערטן לבוש, אין די לאנגע שמאלע הויזן ביז די קנעכל פון די פיס, מיטן קאפ־טיכל ביז די אויגן...

דער דאקטאר, ביי וועמען חנה האט געארבעט, איז געווען א ייד פון דער דריטער עליה, א געוועזענער חלוץ פון רוסלאנד, וואס האט די ערשטע יארן אין לאנד געארבעט עבודת פרך ביים טריקענען זומפן און אויסלייגן כבישים. ער האט פארבארגן זיין אומנות א פאר יאר צייט, ביז די מאלאריע האט פארצערט זיין געזונט.

דער דאקטאר האט געקרענקט, געפיבערט, געליטן פון א געשוואלענער מילץ, ביז ער האט חתונה געהאט מיט דער חובשת וואס האט אים באדינט גאנצע

נעכט: געקילט די היץ מיט נאסע טיכער, איינגעגעבן כינין און געקארמעט ווי א קינד.

פונעם דאקטארס בעט, וואס האט זיך געפונען אין א צעלט, האט די חובשת גענומען לערנען ווי זיך צו באגיין מיט קראנקע. ווארום דעמאלט, זיינען נאך ניט געווען אזעלכע שולעס אין לאנד. דעמאלט פלעגט אַן ארבעטער־קאלעקטיוו באשטימען א מיידל זיך צו פארנעמען מיט די קראנקע, גענוי אזוי ווי ער פלעגט באשטימען א חברטע אויף וואשן וועש, קאכן בורגול און פרעגלען ציבעלעס אין אייל.

דער דאקטאר האט ליב באקומען זיין פלעגערין, זי אים אויך... די פריינדשאפט האט זיך פארענדיקט מיט א חתונה.

ביידע האבן געדונגען א צימער אין פתח תקוה, און בלית ברירה, מחמת פרנסה, אנגעהייבן היילן קראנקע. נאך אלעמען איז עס געווען א פראגע פון פיקוח־נפש, אַן גוזמה.

אין מדינת ישראל איז שוין דער דאקטאר געווען באריםט, געהאט א גרויסע פראקטיק און געוואוינט אין א רחבותדיקער דירה, געהאט א זון א סרן (קאפיטאן) אין צה״ל און א חתונה געהאטע טאכטער אין א קיבוץ.

זיין פרוי וואלט שוין לאנג פארגעסן אַז זי איז אמאל, גאר א מאל, געווען א חובשת; איצט איז זי שוין געווען א גברת, אקטיוו אין דער געזעלשאפט, אינעם „ארגון אמהות עובדות״ וכדומה. אלא, ס׳פאלק האט איר ווייטער גערופן „חובשת״. אזא צונאמען איז ניט קיין אומכבוד אין דער סביבה וואו זי האט זיך אויסגעלעבט. די ליבשאפט פונעם עולם צום עלטערן דאקטאר איז אויך צוגעפאלן צו זיין פרוי, די „חובשת״.

לכתחילה האט דארט חנה געטאן נאר די שווערע ארבעט. געראמט, געוואשן וועש און כלים. ביסלעכווייז האט איר די „חובשת״ אויסגעלערנט אנדערע שטוביקע מלאכות: פרעסן העמדער און קליידער, צוגרייטן לייכטע מאלצייטן, און גרייטן דעם טיש, ווען קיין געסט זיינען ניט געווען.

אין אזעלכע פאלקסטימלעכע משפחות, ווי ביים דאקטאר, עסט די „עוזרת״ צוזאמען מיט דער משפחה ביים זעלבן טיש, אלא, מ׳האט אזוינס בשום אופן ניט געקענט פועלן ביי חנה׳ן, ס׳איז געווען איבער אירע השגות. זי האט זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צו נוצן גאפל־מעסער, ווי מען האט איר געלערנט און האט זיך ניט געקענט אפגעוואוינען פון עסן מיט די הענט גלייך פון טעלער ארויס. ס׳איז איר ניחא געווען צו עסן אליין אין קיך, פון קיינעם ניט געשטערט.

די גברת איז געווען צופרידן פון חנה׳ן. ווער רעדט נאך, ווען זי האט געקענט דערציילן אירע באקענטע, אז זי דערציט א נייע עולה פון תימן, ווי זי זארגט פאר איר, אפילו פאר איר מאן — א מלמד אין ראש המעין.

אזוי, טראט נאך טראט, איז חנה אריין אין א נייער אומבאקאנטער סביבה פון אשכנזים און האט זיך באקענט מיט א נייעם לעבן. ביסלעכווייז האט זי זיך גענומען קליידן אנדערש. אונטער דער השגחה פון דער גוטער גברת פלעגט זי איבערנייען און צופאסן פאר זיך די גענוצטע קליידער וואס די גברת פלעגט איר שענקען.

איז געקומען דער טאג, ווען חנה האט געוואגט ניט אנטאן מער איר אלטן לבוש. זי האט אנגעטאן א געבלומטע קלייד, האלבע זאקן און פאנטאפל מיט הויכע קנאפל. זי האט אויסגעטאן די בראסלעטן פון די הענט און אראפגע־ווארפן דאס טונקעלע טיכל מיט די קמיעות און פארבונדן דעם קאפ מיט א פשוט קאלירט טיכל, וואס זי האט איינגעהאנדלט אין גאס.

ווען מארי דוד האט איר דערזען אינעם נייעם לבוש, האט אין אים ס׳בלוט גענומען קאכן. ער האט עטלעכע מאל אויסגעשפיגן און ניט געקוקט אויף זיין חולשה, האט ער זיך געווארפן אויף איר מיט זיינע קנאכיקע פויסטלעך, און געשריען:

„סוררת! חצופה! פוזמקאות האסטו אנגעטאן, צו ווייזן שטיקער פון דיינע נאקעטע פיס. — געוואלד! דו גייסט צו שמד! צו כפירה! חצופה, ארויס פון מיין שטוב! ארויס!״

האט אים חנה אפגעשטויסן פון זיך, ניט געזאגט שלום, אפילו ניט א וויש געטאן מיט די פינגער די מזוזה און איז ארויסגעלאפן פון שטוב. א צעפלאמטע א פארסאפעטע, איז זי צוגעלאפן צום אויטאבוס, געקויפט א בילעט, זיך פאר־קליבן אין א ווינקל אויף דער לעצטער באנק און האט זיך צעוויינט אין דער שטיל. זי האט ניט צוגעלאזט צו זיך דעם געדאנק פון חרטה, אדער רחמנות צום מארי דוד, איר מאן, וואס האט קיינמאל ביז איצט ניט געוואגט צו אויפהייבן אויף איר א האנט. זי האט אים אויך צום ערשטן מאל ניט דערלאנגט זיין פרימארגן־קאווע און ניט אראפגענומען ס׳עסן פונעם פייער־טאפ.

ס׳האט זיך גראד געמאכט, אז אינעם זעלבן אויטאבוס האט זיך געפונען דער לערער ייסחאק, וואס האט זיך באלד אוועקגעזעצט נעבן חנה׳ן. בעת זי האט זיך אביסל בארואיקט, האט ער איר בלחש געפרעגט, הלמאי זי איז אזוי צעטראגן, צי איז דער מארי קראנק?

„לא״, האט זי אפגעהאקט און אפגעווענדט די אויגן צום פענצטער. „לא״, האט זי איבערגעחזרט.

האט איר ייסחאק אלכסוניק באטראכט, באמערקט איר נייעם הילוך און זיינע אייגענע אויגן ניט געגלויבט. אט אזוי, האט ער זיך געטראכט, געפעלסטו מיר בעסער. און ער האט זיך אנגערופן:

„מאלעש, חנה, ועסט זיך צוגעוואוינען, אלע וועלן זיך צוגעוואוינען, דא איז ניט צנעה, דא איז מדינת ישראל. בחיי חנה, ביסט באמת א מוטיקע אשה, אזוי דארף זיין, אזוי!״

בדרך כלל, האט חנה זעלטן וועו געהערט א גוט ווארט פון די ארומיקע אויף איר חשבון, א פשיטה שוין וועגן איר אויסזען. מיט דעם מארי דוד לעבט זי שוין קנאפע צען יאר, ער האט איר קיינמאל ניט געזאגט קיין גוט ווארט, ווי מען זאגט צו א פרוי, א ווארט וואס זאל גלעטן. האט ער איר וועו א קוש געטאן, איז איר דער קוש געווען דערווידער, מחמת דעם שלעכטן ריח פון זיין מויל. מיט שרעק און איבל, דערמאנט זי זיך זייערע ערשטע נעכט צוזאמען, ווען ער פלעגט ליגן ביי איר זייט, ציטערן און קרעכצן פון מאכטלאזיקייט. זי פלעגט זיך בייסן די ליפן ביז בלוט. ביז זי האט זיך גענומען אויסבעטן באזונדער אויף א צווייטע מאטע.

ס׳זיינען אוועק א סך שלאפלאזע נעכט אין וועלכע זי פלעגט זיך דרייען אוןווארפן פון איין זייט אויף דער צווייטער; איר גאנץ לייב און לעבן האט געוויינט ביזן לעצטן גליד... און אט הערט זי פון לערער ייסחאק גוטע ווערטער, וואס ווארעמען און גלעטן... האט זי זיך פארוויטלט, אראפגעלאזט די אויגן, און זיך פארקוקט אין פענצטער, וואו ס׳זיינען פארבייגעלאפן פעלדער,ביימער און שמעקעדיקע פרדסים.

די גברת מיטן דאקטאר, האבן זיך אויך איבערגעוואונקען ווען זיי האבן איר דערזען אינעם נייעם לבוש. די גברת האט מיט א גוטמוטיקן שמייכל זיך אנגערופן:

„ככה, חנה! ס׳קליידט דיר, ביסט מלא חן. איצט חנה, דארפסטו נאך זיך אויסלערנען לייענען און שרייבן און דו וועסט זיין א גברת, ווי אלע.״

*

יענעם אוונט האט זיך חנה צוריקגעקערט אהיים מיט א שווער געמיט און מיט אַן אינערלעכן אומרו. זי האט זיך געריכט אויף א נייעם דין־ודברים מיטן מארי דוד, נאר ס׳איז גארניט געשען. זי האט אים געטראפן זיצן א צונויפגעקארטשעטן אויף דער מאטע אנגעלענט אויף א קישן, ער האט אויסגעזען קלענער ווי ער איז געווען; דער פינדזשאן איז געלעגן אַן איבערגעדרייטער און א ריטשקע קאווע האט זיך געשפרייט אויפן דיל. אויפן נידעריקן טישל ביים

אויסגעלאשענעם פייער־טאפ איז געשטאנען צוגעברענט ס׳עסן, וואס זי האט צוגעגרייט פארן אוועקגיין.

מארי דוד איז געזעסן ווי א שטיק וואקס. ער האט א גאנצן טאג געפאסט און געזאגט תהילים מיט זוהר. די תלמידים האט ער געשיקט אַהיים, מחמת ער איז ניט בקו הבריאות, ער קען היינט ניט לערנען. יענער אומגליקלעכער טאג פארן מארי איז געווארן א יום טוב פאר זיינע תלמידים, זיי זיינען ארויס אויף דער פריי און האבן צעטראגן די ידיעה איבער דער גאנצער לענג פון ראש המעין.

ווייזט אויס, אז ווינטן האבן פארטראגן די נייסן פון ראש המעין ביז קיין יבניאל, צו חנה׳ס פעטער. מען האט דעם פעטער דערציילט, אז חנה איז אראפ פון גלייכן וועג, זי איז געווארן א סוטה, זי האט פארביטן איר היימיש־יידישן לבוש און קליידט זיך „פרענדזשי״, זי איז געווארן א חצופה. נאכמער, חנה לאזט איבער דעם מארי דוד אליין גאנצע טעג און אפילו אין די אוונטן בלייבט ער אליין, ווייל זי גייט גאר אויף קורסן צו לערנען לייענען און שרייבן. און איינער א לערער, א כופר, פארדרייט איר דעם קאפ. באגינען באגלייט ער איר צו דער אַרבעט און גאר אַפט זעט מעןביידן צוזאמען זיך צוריקקערן פון פתח תקוה.

מען האט אים אויך דערציילט, אז מען האט איר געזען טאנצן מיט יונגע גברים אויף איינער פון די הילולעס, וואס דער לערער, דער כופר, פראַוועט פאַר דער יוגנט פון ראש המעין. ס׳איז אים קנאפ צו פארסמען זייערע נשמות, מוז ער אויך פארדארבן זייערע גופים, רייצן ס׳בלוט, מקרב זיין בחורים מיט מיידלעך אָן חופה וקדושין, — אוי ואבוי לנו!

ס׳האט זיך דעם פעטער ניט געוואלט גלויבן, אז „גם חנה בתוכם״. כאטש אזעלכע מעשות זיינען אים ניט פרעמד; ער זעט אזוינס אין יבניאל, אין פוריה און אפילו אין שרונה, וואו ער ארבעט. זיינע פארזעסענע טעכטער גייען אויך אין די אוונטן לערנען לייענען און שרייבן. אזא איז די היינטיקע וועלט.

דעם פעטער האט נאר שאקירט חנה׳ס באציאונג צו אזא איידעלן מאן, אזא מיוחס און תלמיד חכם, ווי מארי דוד. נאך אלעמען איז חנה ניט קיין פארזעסן מיידל, וואס דארף גיין אויף אוונט־קורסן כדי צו געפינען א חתן, זי איז אָן אשת איש. ער האט פארשטאנען, אז דארטן וואו ס׳זיינען ניטא קיין קינדער, איז שלעכט און ביטער. ער האט זיך דערמאנט אינעם פסוק: „אין השמחה שרויה אצל חשוך בנים, — די שמחה איז אפגעטאן פון דעם יעניקן וואס האט ניט קיין זין״, א פשיטא, ווען ס׳זיינען בכלל ניטא קיין קינדער...

וועגן דעם פלעגט ער שמועסן מיט זיין זוגתו ביז אין האלבער נאכט אריין. זי, ווידער, האט אים געפרעסן און געשטאכן מיט איר שארפער צונג, אז זי

גלויבט אלץ און אפשר נאך מער ווי מען דערציילט! אלא, אויב ער וויל צופארן קיין ראש המעין, זאל ער פארן, זי וועט אים ניט שטערן.

איז דער פעטער געפארן באלד ווי ס'האט זיך אים געמאכט אַן אומזיסטע נסיעה. דער שאפער פון „תנובה" וואס פירט די מילכיקס פון שרונה קיין עפולה און טבריה, איז געפארן צו משפחה קיין פתח־תקוה, האט ער אים מיטגענומען און צוגעזאגט: „אם ירצה השם, צומארגנס, וועל איך דיך צוריק־ברענגען קיין שרונה, און פון שרונה קיין יבניאל איז דער מהלך ווייניקער פון א תחום שבת."

ווען דער פעטער האט זיך דערקליבן צום מארי דוד, איז אים שלעכט געווארן אויף דער נשמה: ער האט ניט געטראפן חנה'ן אין דער מחיצה פון איר מאן, ווי ס'פירט זיך אין יידישע משפחות, — ער האט געטראפן דעם מארי דוד אליין.

דער מארי איז געזעסן אויף דער מאטע ביי א פאררויכערטן נאַפט־לעמפל, דאס שוואכע ליכט איז געפאלן אויף די פארגעלטע בלעטער פונעם זוהר הקדוש — א ירושה ספר פון זיין פאטער, זצ"ל. דער מארי האט געהאלטן דעם ספר ווייטלעך פון די אויגן און איז געווען אזוי פארטיפט אין די הייליקע אותיות אז ער האט ניט באמערקט דעם גאסט איבערטרעטן זיין שוועל.

„אהלן, שלום! יא שאר בשרי, יא מרן מארי דוד! עליכם השלומים והברכות, יא מארי!" האט דער פעטער צוויי מאל איבערגעחזרט זיין באגריסונג בקול רם, ביז דער מארי האט זיך אויפגעכאפט פון זיין פארטיפונג, זיך באלד ניט געכאפט ווער זיין גאסט איז, מחמת מיט א רגע צוריק האט ער זיך געטראגן אין די עולמות העליונים און האט געמאכט אין דמיון כלערליי צרופים וחישובים פון א פסוק מיט א גירסה צום פסוק אין שיכות מיטן קץ, מיט דער גאולה און ביאת המשיח.

טיף אין דער מחשבה איז מארי דוד געקומען צום אויספיר, אז משיח איז נאך ניט געקומען, אז הקדוש ברוך הוא פרובירט נאך אויס זיין פאלק ישראל צי ס'איז שוין ראוי צו א גאולה שלימה. מארי דוד האט געהאלטן, אז דאס פארגאסן יידיש בלוט בעת דער וועלט מלחמה, וואס איז געווען מלחמת גוג ומגוג, האט נאר מטהר געווען דעם גוף פונעם פארליטענעם עם הבחירה, בעת די נשמה פון פאלק ישראל איז נאך כולה שקועה בעוונותינו הרבים, די טומאה איז נאך ניט אויסגעבערענט: די יראה ראנגלט זיך מיט דער טומאה; זי ראנגלט זיך מיט פארקליידעטע דמויות; ער, דער מארי דוד אליין האט בנסתר מגלה געווען א שד, בצורת דעם מורה ייסחאק, וואס לעבט ממש אונטער זיין נאז. די פייער צונגען פונעם גהינום שלאגן אן ביז די ווענט פון בית הספר אין ראש המעין, וואו חנה, די אשה נשואה, די סוטה, זיצט איבער א טריף־פסולדיקן מעשה־ביכל מיט נאך אזעלכע זינדיקע ווי זי — גברים ונשים צוזאמען...

„שמע בקולי, שאר בשרי", האט מארי דוד שטיל געזאגט צום פעטער און אויסגעשטרעקט צו אים זיין מאגער הענטל מיט די גרויסע געלע נעגל: „שמע בקולי! דער כופר, א שד בצורת אדם, ייסחאק, ימח שמו, שטייט איצט פאר דער כיתה מיט א טמא־ביכל אין האנט און לייענט עפעס בקול רם... שמע שאר בשרי! זיין טריפהנער קול דערגייט ביז אַהער, דאס לייענט ער פאר איר, פאר חנה'ן. ער פרעסט איר מיט די אויגן. זי איז בעוונותינו הרבים געפאלן בשבי ביי א גיט גוטן, ימח שמו"...

א שעה שפעטער, בעת חנה האט זיך צוריקגעקערט אהיים, איז זי נשתומם געווארן, ווען זי האט דערזען צוויי שאטנס אויף דער וואנט צוגעטוליעט קאפ צו קאפ ווי פארגליווערטע. מארי דוד האט געטייטלט מיט א פינגער אין ספר און שטיל אריינגעטענה'ט צו א צווייטן מענטשן אין וועמען זי האט א ווילע שפעטער דערקענט איר פעטער.

„אַי", האט זי אַן איבערראשטע אויסגערופן. — „אַי, פעטערל, דודי!" האט זי נאך אמאל אויסגעשריען.

האבן זיך ביידע מענער אויפגעכאפט ווי פון שלאף. מארי דוד האט ארויס־געלאזט דעם ספר פון האנט, אים צוריקגעכאפט, א קוש געטאן און צוגעדריקט צו זיך. דער פעטער איז אויפגעשפרונגען און איז געבליבן שטיין, פנים אל פנים מיט חנה'ן.

„הזאת היא את? — דאס ביסטו, חנה?" ער האט איר אנגעקוקט אינעם טונקל פון צימערל, אפגעמאסטן מיט א בליק פון אויבן ביז אראפ און איז געבליבן צוגעשמידט צו אירע אויגן, וועלכע האבן געגליט.

„אַייוואַ, יאַ, דאס ביסטו, חנה."

אין חנה'ס מחיצה האט זיין אנגעווייטיקט הארץ אנגעקוואלן מיט רחמים און בענקשאפט פון אמאל, ווען ער פלעגט איר טרעפן אלס קינד מיט א פינגער אין מויל. ער האט זיך דערמאנט, ווי נאך דער קבורה פון זיין ברודער האט ער איר אריינגענומען צו זיך אין הויז, וואו זי איז פארבליבן ביז דער חתונה. ער האט איר ליב געהאט ווי אַן אייגן קינד. אין דער רגע האט ער אלץ פארגעסן. באהערשט פון פאטערלעכער ליבע האט ער איר ארומגענומען, צוגעטוליעט איר קאפ צו זיין ברוסט און געשטאמלט:

„חנה, חנה, יא בינתי חנה יתומה"!...

מארי דוד האט זיך געמאכט ווי ער זעט גארניט. ער איז געבליבן זיצן א פארגליווערטער מיטן ספר אין האנט, בעת אין דער אמתן האט ער געברענט פון אייפערזוכט. דער נאמען ייסחאק האט געעגבערט זיין מוח, ווי דער מאסקיט אינעם אויער פון טיטוס הרשע.

נאכדעם ווי זיי האבן זיך בארואיקט, האט חנה צעבלאזן די קוילן אינעם פייער־טאפ, פארבריט קאווע און מכבד געווען מארי דוד מיטן גאסט. אליין איז זי געבליבן שטיין פון ווייטן ביזביידע האבן הילכיק אויסגעליידיקט די טעפּעלעך. נאכדעם האט זי זיך פארקליבן אין איר ווינקל און גענומען צוגרייטן עסן פארביידן.

דער פעטער האט געגעסן מיט אפעטיט, נאר ניט דער מארי — ער האט קוים באריהרט דאס עסן. נאך ברכת המזון, האט חנה צוגעראמט די שיריים, זיך צוגעזעצט אין א ווינקל פון דער מאטע און זיך גענומען אויספרעגן דעם פעטער וועגן אלץ און אלעמען פון זיין היים אין יבניאל. פרעגנדיק האט זי אלע ווילע פארריכט דעם קנויט אין לעמפל, וואס האט דווקא היינט געראיכערט און פאר־שווארצט די גלאז מער ווי שטענדיק.

ס׳איז געווארן שפעטלעך. אין דרויסן האט מען שוין מער ניט געהערט די ריידעריי און שטיפעריי פון דער יוגנט. שטיקלעך וואלקן האבן זיך געריצט מיט א דרייפערטלדיקער לבנה, וואס האט זיך באמיט אראפּקוקן אונטן און די וואלקנס האבן איר אלע ווילע פארשטעלט ס׳פּנים. פון די נאענטע ירקון־קוואלן האט זיך געהערט דאס שטענדיקע קוואקן פון די זשאבעס. און דא, אונטערן פענצטער פונעם מארי דוד האבן שווארצע שפרינגערס זיך איבערגעפרעגט, געריבן די הינטערשטע פיסלעך — צא — צא — צא! און האבן גערופן זייערע געליבטע. אין די אויערן האבן געזשומעט מאסקיטן.

דער פעטער, וואס האט געדארפט מארגן גאנץ פרי זיך צוריקקערן אהיים, האט ניט באוויזן צו כאפן א שמועס מיטן מארי דוד וועגן תכלית, וועגן די ריידערייען און רמזים פון צעבראכענעם שלום־בית. ווייזט אויס, אז אויך ביים מארי דוד איז ס׳הארץ געווען געענוג אנגעקוואלן מיט עגמת־נפש, פול ביז די ברעגעס מיט טענות ומענות, מיט ביטערניש און ווייטאק. האט ער געבעטן דעם פעטער ארויסצוגיין מיט אים אין דרויסן, כדי ניט אין דער געגנווארט פון חנה׳ן, בנוכחות האשה, זיך אראפּריידן פון הארצן און הערן וואס דער פעטער וועט זאגן, כאטש דאס הארץ האט אים געזאגט אז דער פעטער וועט זיין חנה׳ס מליץ יושר.

אין דרויסן האבן זיך ביידע אוועקגעזעצט אויף א באלקן ניט ווייט פון שטוב און גערעדט בלחש. לכתחילה האבן זיך די רייד ניט געקלעפּט, אבער אז דער שמועס האט זיך פארפעדימט, האבן זיי זיך אויסגעטענה׳ט ביזן סוף.

מארי דוד האט אלץ דערציילט, מחוץ פון ביידנס עינויים אין די נעכט. דער פעטער האט געענטפערט מיט עצות און האט ניט גענומען אין חשבון קיין גט. אויך מארי דוד האט ניט געוואלט בלייבן קיין גרוש און נאכדעם ווידער

איבערחזרן די נעכט מיט א צווייטער אשה — מי יודע ווער זי קען זיין. ס׳איז אויך געווען אומזיניק צו ריידן וועגן אריינגעמען א צווייטע אשה אין שטוב, מחמת אימת־הדין און דער שארפער קעגנערשאפט פון פעטער, וואס איז לויטן רושם פון מארי דוד, אויך ניט געווען דער זעלבער עזריה פון צנעה, ער איז דא געווארן אַן אנדער מענטש, נאענט צו סטיה פונעם גלייכן וועג.

דער פעטער האט אים דערציילט, אז אויך זיינע טעכטער לערנען לייענען און שרייבן; אז אויך זיי האבן געביטן זייער פריערדיקן לבוש און זיך גענומען קליידן כמנהג האשכנזים. צו זיין גרויס ווייטאק, ווארטן נאך ביידע טעכטער אויף שידוכים, ווייל קיינער האט זיך ניט אומגעקוקט אויף זיי אינעם אלטן לבוש... צי ווייסט ניט דער מארי, אז די יוגנט איז דא אנדערש, ווי דארטן? צי ליגט ביים מענטשן זיין יראת שמים נאר אינעם לבוש? און צי איז דען דאס טאנצן און זינגען כפירה? צי ווייסט ניט מארי דוד פון די חסידים ביי די יהודי אשכנז, וואס דאווגען זינגענדיק און טאנצנדיק? די חסידים זיינען זיך מתיחד מיטן בורא־עולם דורך זמירות, וואס קוועלן ביי זיי ארויס ממעמקים, פון די סאמע טיפענישן פון דער נשמה.

וואס איז שייך דעם לערער ייסחאק, איז ער דאך אַן אחד משלנו, מיהודי תימן, וואס וויל אונדז מקרב זיין צום גאנג פון מדינת ישראל, וואו אלע יידישע עדות און שבטים וועלן זיך צונויפשמעלצן און מיר וועלן באמת קענען זאגן מיטן גאנצן הארצן: — מי כישראל עם אחד! דאס וואס דער בחור ייסחאק דערציילט דער יוגנט פון אלע חידושים אין דער וועלט, דארף עס דען אויס־געטייטשט ווערן ווי כפירה ומינות?

אזוי שמועסנדיק ברמז ובלשון סגי נהור, איז מען צוגעקומען צו דער ווּאונד אשר בלבֿ. דער פעטער האט פארשטאנען אז דאס איז דער מקור פון אלע צרות און מחלוקת.

„פאר אַן אשה, האט דער פעטער געזאגט, איז שווער צו לעבן אין א ליידיקער שטוב, ניט צו זיין ארומגערינגלט מיט קינדער און ניט צו זיין פארטאן מיט קינדער" — — —

ובכן, עצה׳ט דער פעטער: „זאל דער מארי דוד מאכן נאך א נסיון. און אויב זיי ווילן ניט גיין צו א רופא — ניט ער און ניט חנה — איז זאלן זיי ביידע ארויספארן אויפן הר הכרמל, זיך משתטח זיין און תפילה טאן אין דער מערת אליהו הנביא, דארט בעטן גנאד מיט רחמים, אז חנה׳ס טראכט זאל זיך אויפמאכן. אליהו הנביא וועט פארנעמען אייער געבעט און זיין א מליץ יושר פארן כסא הכבוד... און הקדוש ברוך הוא וועט זיך דערבארעמען...

אלע שכנים, ידידים און קרובים ווייסן און זאגן אז דאס העלפט. ס'העלפט אפילו ווען אלע תרופות, קרייטעכצער און משקאות האבן פריער ניט געהאלפן"...

מארי דוד איז רויט געווארן, ווען ער האט געהערט דעם פעטער עזריה'ס רייד; ער איז געווארן אומרואיק און צעחושט. דער פעטער האט גערעדט און גערעדט, ניט א קער טועדיק זיין פנים אין דער זייט פונעם מארי דוד. זיינע רייד וועגן מערת אליהו זיינען פארן מארי געווען — דברים כדרבנות — א פיצל אחיזה, ווי א שטרוי פאר א מענטשן וואס טרינקט זיך.

פון דער לבנה איז שוין ניט געבליבן קיין זכר, זי איז ערגעץ פארקראכן הינטער די פרדסים און הויכע עקאליפטוסן. ס'איז געווען שטאק פינצטער, שטיקלעך וואלקן מיט טיולן נעפל האבן פארשטעלט די שטערן. ס'איז געווארן פייכט, קיל און קאלעמוטנע. אין די ארומיקע פעלדער און פרדסים האבן שאקאלן גענומען קלאגן פון הונגער און עלנט...

✶

יענע נאכט איז קיינער פון די דריי ניט געשלאפן: דער פעטער איז ניט געווען געוואוינט צו דער געדיכטער, פייכטער לופט פון שרון, נאענט צום ירקון. ער האט זיך געווארפן פון איין זייט אויף דער צווייטער ער האט זיך געבאדן אין שוויס און געהוסט. די בעט איז אים דא געווען הארטער ווי אין דער היים, וואו די נעכט זיינען מחיה'דיק קיל אין דער באַרגיקער געגנט. ס'הארץ האט אים געוויייטיקט און גענאגט: „אזא גורל האט זי, מיין חנה, די יתומה," האט ער געמורמלט צו זיך אליין.

חנה איז געלעגן אין א ווינקל ביים פייער־טאפ. זי האט זיך ניט אויסגעטאן און האט פרובירט פארטרייבן פון זיך די מחשבות וועגן ייסחאקן. זיינע זיסע רייד, זיינע גליאיקע אויגן און זיין שיינע מראה האט זיך פון איר ניט אפגעטאן, באזונדערס אין די עלנטע נעכט. און דא איז צוגעקומען די אויפרודערונג מיטן פעטערס באזוך. בעת זי נעמט טראכטן פון פעטער, דוכט זיך איר, אז איצט האט זי קיינעם ניט אזוי ליב ווי איר גוטהארציקן פעטער עזריה, וואס איז איר שטענדיק געווען ווי א טאטע א באשיצער, א מליץ־יושר כלפי דער בייזער מומע און קעגן די שארפע צינגער פון אירע טעכטער.

דער מארי דוד, איז געזעסן איינגעהילט אין טלית, פארטיפט אין תיקון חצות, דאס מאל אַן אויפגעראמטער און מונטערער האט ער אין דער שטיל געזונגען:

„אתה יודע רזי עולם ותעלומות סתרי כל חי, — דו ווייסט די סודות פון דער וועלט, מיט אלע פארבארגענישן פון יעדער באשעפעניש."

„אתה, אתה יודע כל חדרי בטן ובוחן כליות ולב. אין כל דבר נעלם ממך, ואין נסתר מנגד עיניך! — דו, דו, רבונו של עולם, ווייסט אלע צעלן פון בויך, דו פרובירסט אויס דעם מענטשנס נירן און הארץ, פאר דיר בלייבט גארניט פאר־בארגן.״

„רעי, נלכה נשכימה לכרמים, שם אתן את דודי לב אהבת עולמים, — קום, מיין פריינד, לאמיר אויפשטיין צו גיין אין די וויינגערטנער, וואו כ׳וועל דיר געבן מיין אייביקע ליבע״...

„שפתותיך כלה צוף יזובון, ועיניך יונים לב ייטיבון, שני שדיך רצון ישאבון. — דיינע ליפן, כלה, וועלן פליסן מיט מעד, דיינע אויגן ווי טויבן וועלן פארגיטיקן ס׳הארץ, דיינע ברוסטן וועלן שעפן ווילן״...

„מור ואהלות בגדיך, — ווייערך מיט גארדינען איז דיין קליידונג״ ———
„צרור המור בין שדיך, — בינטלעך ווייערך צווישן דיינע ברוסטן.״ — —

„אי, יאי, יאי, אלהינו ואלהי אבותינו״, האט דער מאַרי געזונגען מיט חדוה, מיט מתיקות און דביקות און באטאנט יעדן אות פון דער תפילה.

בעלות השחר, מיטן אויפגאנג פון מארגנשטערן, האט זיך דער פעטער אויפגעהייבן און איז פארכאפט געווארן פונעם מארי דודס תפילה און ניגון. ער האט ארויסגענומען פון זיין פעקל דעם טלית ותפילין, זיך איינגעהילט, און האט זיך אוועקגעשטעלט צוזאמען מיטן מארי ביים גרויען פענצטער אין דער ריכטונג צו ירושלים עיר הקודש.ביידע האבן גענומען זינגען מיט דביקות דעם „אדון עולם״ פסוק נאך פסוק, גלייך ווי זיי וואלטן אויפגעשטאנען נאך א גוטער נאכט פון א זארגלאזן שלאף.

בעת דער פעטער מיטן מארי האבן געדאוונט, האט זיך צעשפרייט איבערן שטוב דער שמעקעדיקער ריח פון פארבריטער קאווע און פון אפגעפרישטע פיטעס. דער פרישטיק איז געווען גרייט.

נאכן פרישטיק האט זיך דער פעטער געזעגנט מיטן מארי דוד, א קוש געטאן די מזוזה, זיך גענומען איילן צום ערשטן אויטאבוס. חנה איז מיטגעפארן מיטן פעטער ביז פתח תקוה צו איר ארבעט. אונטערוועגס, האט דער פעטער איר דער־ציילט דעם סוף פונעם שמועס מיטן מאַרי דוד, ניט באמערקנדיק אז א באנק הינטער זיי זיצט דער לערער ייסחאק, כלומרשט פארטיפט אין א צייטונג, און הערט זיך צו וואס דער פעטער רעדט.

✶

באלד נאך תשעה באב זיינען אלע וועגן וואס פירן קיין חיפה פול געווען מיט יידן, וואס האבן זיך געלאזט אויפן הר הכרמל צו דער

הייל וואו אליהו הנביא האט זיך אמאל אויסבאהאלטן פון זיינע שונאים, ס׳זיינען געפארן גאנצע משפחות, אויסגעפוצטע אין יום־טובדיקע קליידער, און האבן מיטגעפירט אלטע עלטערן, פארזעסענע טעכטער, חולאים, קאליקעס, עקרות, גרושות, אלמנות וכדומה. דאס זיינען געווען יידן פון די מזרח עדות און אויך אשכנזים פון די אלטע ישובים אין ישראל.

ס׳זיינען פאראן מקדימים, וואס קומען א מעת־לעת פריער צו פארנעמען בעסערע פלעצער און אויפשטעלן דארט געצעלטן. אדער צו פלעכטן סוכות פון אפגעבראכענע צווייגן, פון די ארומיקעביימער אויפן שפּוע פון בארג, כדי צו זיין גרייט פאר די קרובים, וועלכע קומען שפעטער.

אין די דאזיקע טעג לעבט און ווימלט יענער ווינקל פונעם מערבדיקן כרמל ארום דער מערת אליהו, וואס געפינט זיך צווישן צעווארפענע אלטע באקסער־ביימער און ווילדע קוסטעס.

ערשט די לעצטע יארן האט מען גענומען אויסראמען און באצירן דעם שטח: אויסברענען די דערנער, אויסשטייניקן און טעראסירן די סביבה, פאר־זייען גראז מיט בלומען, פלאנצן ביימער און אויסבויען טרעפ, כדי צו פאר־לייכטערן דעם ארויפשטייג פאר די עולי רגל; מען האט פארלייגט רערן צו ברענגען פריש וואסער, מחיה צו זיין די דורשטיקע און פארלייכטערן ס׳לעבן פאר די שוואכע און פארליטענע עולי רגל, וואס קומען זוכן טרייסט און בעטן הילף ביים ליכטיקן נביא. זיי קומען און קושן די ערד מיט די פעלזן פון דער הייל, ווייל ס׳איז א „סגולה״ און א „רפואה״ צו לינדערן אלע ליידן. נאכדעם קערן זיי זיך אום א היים מיט דערלייכטערונג און בטחון, אז ס׳וועלן זיך אויפ־מאכן פארשלאסענע טראכטן פון עקרות, ס׳וועלן געבוירן ווערן זכרים ביי יענע וואס געבוירן מיידלעך, ס׳וועלן זיך אויסהיילן קראנקע גלידער, און פארזעסענע בתולות, אלמנות און גרושות וועלן באגליקט ווערן מיט א זיווג.

גוט און הייליק איז אליהו הנביא ביי אלעמען: ביי יידן, קריסטן און מוסלמענער. אלע שבחים צום מר אליאס! (אליהו הנביא).

אין די טעג הילכן מיילן ווייט די געזאנגען פון הר הכרמל: „אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי, שיבוא אלינו במהרה ובימינו.״

די טעג פון עליה ברגל אויפן כרמל, איז יום טוב ביי א גרויסן טייל יידן אין חיפה: מען זאמלט זיך צונויף אין די טויזנטער אינעם סקווער בייט שטאטראט און מען שטעלט זיך אויס אין שורות אין א מאניפעסטאציע; פאנען פלאטערן איבער א ים קעפ; מען טראגט ספרי תורה אונטער קאלירטע חופות; בראש פונעם עולם שפאנען דער ראש העיר מיט די פני פון שטאט — רבנים, חכמים, לומדים און ישיבה־בחורים צוזאמען מיט „עמך״, מיט יוגנט און קינדער;

מען שפאנט בגילה, ברינה ובשמחה רבה; מ׳זינגט פּזמונים, באגלייט מיט נגינה פון כלי־זמר מיט טראמפייטן, חלילים, פידלען, פויקן און טאצן.

לכבוד יום טוב ברענען אלע גאסן־לאמפן אין מיטן טאג. דער וואס האט זיך ניט משתתּף געווען אין אזא גאנג אויפן כרמל, קען ניט וויסן דעם טעם פון א שמחה, ניין!

„אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי, יבא אלינו, במהרה בימינו״...

✶

נאכן באזוך פון פעטער, איז געווארן היימלעכער ביים מארי דוד. ער האט אויפגעהערט זיך רוגזן און האט ווידער געגומען ריידן מיט חנה׳ן. כאטש זיי האבן זיך ניט דערנענטערט, דאך האבן ביידע געגומען שלאפן אויף דער זעלבער מאטע, אויף דער ערד, ווי פריער. אלא, זיי זיינען געלעגן אפגערוקט איינער פון צווייטן, איר צוקאפן איז געווען דעם מארי דוד׳ס צופוסן.

מארי דוד האט געקרעכצט אין די נעכט, און חנה האט געהאלטן פארבונדן דעם קאפ מיט די אויערן מיט א טיכל, כדי ניט צו הערן זיין קרעכצן. זי איז געווען יונג, אבער פארהארעוועט פון זיין אויף די פיס פון פרי ביז האלבע נאכט, האט זי געוואלט שלאפן. דער מארי האט איר צורו געלאזט... פריער פלעגט חנה׳ס קערפער וויינען אין די נעכט, איצט האט דעם מאריס קערפער געוויינט א פארגליווערטער...

נאך די „דריי אויסגעפאסטע וואכן״, איז געקומען דער חודש אב. אין די „ניין טעג״ האט דער מארי גאנצע נעכט תפילה געטאן און באוויינט דעם חורבן הבית מיטן חורבן פון ירושלים עיר הקודש. יענע נעכט פלעגט ער איינ־דרעמלען ערשט ווען די העגער פלעגן נעמען קרייען און חנה פלעגט זיך שוין נעמען פארען אין דער שטיל ביים פּיִיער־טאפּ. נאך א קורצן שלאף, פלעגט זיך דער מארי אויפכאפן, אפגיסן נעגל־וואסער, א שמיר טאן דעם שטערן מיט אש — לזכר חורבן בית המקדש — און זיך שטעלן דאווגען. בעת ער פלעגט זיין פארטאן אין תפילה, פלעגט שוין דער פרישטיק זיין גרייט און די קאווע פארבריט. ביים צונויפלייגן טלית און תפילין פלעגט שוין חנה זיין מחוץ פון דער היים, אונטערוועגס צו דער ארבעט.

ווי ס׳איז געווען אפגערעדט מיטן פעטער, האט חנה אלץ צוגעגרייט עולה רגל זיין, צוזאמען מיטן מארי דוד צו אליהו הנביא׳ס הייל, צו געפינען דארט א סגולה און א תרופה.

האט זיך געמאכט, אז ביים אפפאסטן זיך פון תענית תשעה־באב, האט זיך דער מארי א הייב געטאן פון טיש און געזאגט:

„חנה, לאו איך בלייב אין דער היים. איך פאר ניט. ווילסטו, פאר אליין, אן מיר. איך וויל ניט אז לייט זאלן לאכן. ווועט מען דיך פרעגן, וואו איך בין — ענטפער, אז איך בין ניט מיט אלעמען, כ׳פאר ניט! איך פאר ניט!" האט ער א געשריי געטאן און זיך צוריקגעזעצט, אראפגעלאזט דעם קאפ און זיך פארשטעלט מיט די הענט דעם פנים.

איז חנה צעטומלט געווארן, באלד ניט תופס געווען וואס ער מיינט. אלא, זיין אויסגעשריי האט איר אנגעצונדן מיט האס צום מארי, ווייל זי האט געוואוסט אז אויב ער זאגט „ניין", וועט בלייבן „ניין". זי האט אים גוט געקענט, צוזאמען מיט זיין עקשנות. האט זי אים ניט דערווידערט, ניט פארלוירן קיין ווארט. זי האט זיך נאר אויפגעהייבן א דערצארנטע און איז ארויסגעלאפן פון שטוב, לאזנדיק הינטער זיך אפן די טיר.

חנה האט זייער ליב געהאט איר פעטער און האט אים אלץ געגלויבט; אט האט זיך דער פעטער מטריח געווען, געמאכט א ווייטע נסיעה מיט דער כוונה צו ברענגען שלום בית אין איר צעשטערטער היים, צו העלפן מיט אן עצה, „דער פעטער ווייסט וואס ער רעדט, דער מארי איז מסכים געווען, און מיט אמאל — ער פארט ניט!"

זי, חנה, איז געבוירן געווארן און געלעבט אין צנעה, סוף וועלט, אין א פארווארפן יידיש ווינקל, וואו צווישן גלויבן און אבערגלויבן איז ניט געווען קיין גרענעץ. דארטן האט מען דורות נאך דורות געלעבט מיט ניסים, מיט סגולות, מיט אפשפרעכערייי וכדומה. אלץ איז געווען איינגעוועבט אין בטחון, אין א טיף פארווארצלטער אמונה, וואס האט געריזלט און געשטראמט אין בלוט; אן אמונה, וואס מ׳קען ניט גיך אפשניידן, ווי מען שניידט אפ פאות, ווי מען בייט א לבוש. — — — פארוואס זאל זי ניט גלויבן דאס וואס דער פעטער האט געזאגט, און פארוואס זאל זי ניט אננעמען זיין עצה?

אין תוך גענומען, נייטיקט זי זיך ניט אין עצות אין שייכות מיט איר צרה; זי נייטיקט זיך ניט אין רפואות און ניט אין סגולות, אלא, זי וויל זיין ווי אלע נשים, וואס געבוירן קינדער און האדעווען זיי — דאס איינציקע פרייד און גליק אין אזעלכע היימען ווי אירס. פארוואס זאל זי ניט טאן אלץ, פארוואס זאל זי ניט פרובירן אלץ? פארוואס זאל ער ניט אננעמען דעם פעטערס עצה? פארוואס קומט איר אזא פינצטער מזל?

אין חנה געלאפן לענג אויס דער לײדיקער גאס. פון ביידע זייטן איז געווען ליכטיק אין די אפענע פענצטער. פון יעדן פענצטער האט זיך געטראגן רייד און געזאנג. אלע זיינען געזעסן, במסובין, ארום זייערע נידעריקע טישלעך און הנאה געהאט פונעם מאלצייט נאכן תענית. נאר זי אליין איז געבליבן מיט תשעה באב אין איר געמיט.

זי איז געלאפן א צעשויבערטע היין און צוריק איבער דער ליידיקער גאס אין דער פייכטער אוונט לופט, ביז זי איז מיד געווארן און האט זיך צוגעזעצט אויפן זעלבן באלקן, וואו דער פעטער מיטן מארי דוד זיינען געזעסן און געשמועסט אין יענער פאר איר האפנונגספולער נאכט. איצט איז חנה געזעסן פארטיפט אין צער און יאוש ביז זי האט זיך א קלאפ געטאן אין הארץ און אויסגערופן הויך, אויף א קול: „איך פאר! איך פאר און אים! איך וועל בעטן פאר אים! איך פאר אליין!"

צו מארגנס איז זי געפארן. זי האט א כאפ געטאן דאס צוגעגרייטע פעקל, אויף גיך ארויסגעווארפן דעם מארי דודס חלק, און איז ארויס פון הויז אן א ווארט, גלייך ווי קיינער וואלט דארט ניט געווען, זי האט זיך אפילו ניט אומגעקוקט.

בעת חנה איז ארויס מיטן פעקל, איז דער מארי דוד געזעסן אויף זיין שטענדיק ארט איינגעהילט אין טלית און איינגעשפאנט אין די רצועות פון זיינע גרויסע תפילין. ער איז געווען פארטאן אין שחרית און האט זיך ניט אומגעקוקט אויף חנה׳ן.

✶

אין ראש המעין זיינען ניט געווען קיין סודות, אלע האבן געוואוסט אז דאס יאר פארט דער מארי דוד מיט חנה׳ן אויפן כרמל, צו דער „נחמו"־פייערונג אין מערת אליהו הנביא. אויב אלע האבן געוואוסט, האט דער לערער ייסחאק זיכער געוואוסט...

בעת חנה איז פלינק ארויפגעשפרונגען אויפן אויטא, וואס איז געפארן קיין חיפה צום כרמל, האבן איר די שכנים אנגעקוקט מיט שטוינען: „אליין? היתכן?" צו פארשפארן איבעריקע רייד, האט זי ווי צו זיך אליין געזאגט בקול: „יא, כ׳פאר אליין! דער מארי איז ניט מיט אלעמען, ער איז ניט בכוח צו פארן."

אין אויטאבוס זיינען אלע געווען פארנומען מיט זיך, מיט די קינדער, מיט אלטע עלטערן, מיט פעקלעך, מיט פארנעמען בעסערע זיץ־פלעצער. האט מען חנה׳ן צורו געלאזט. די עולי־רגל האבן געקענט דעם מארי דוד, איר מאן, און געוואוסט אז ער איז א חלוש, במילא לאזט זי אים שטענדיק אליין בעת זי פארט ארבעטן. אזוי, אז איר נסיעה אליין, איז ניט געווען אזא חידוש און מ׳האט זיך אויף איר אפילו ניט אומגעקוקט.

נאר איין און איינציקער פון די עולי־רגל האט איר ניט פארלוירן פון אויג — דער לערער ייסחאק. ער איז געזעסן אויף דער לעצטער באנק פון אויטא צווישן די אנגעווארפענע פעקלעך און צונויפגעוויקלטע מאטעס. חנה האט אים באמערקט ערשט האלבוועגס און האט גלייך אפגעקערט דעם קאפ. זי האט ניט

געוואלט זיך באַגעגענען מיט זיינע אויגן. אָבער פון דער רגע וואָס זי האָט אים דערזען, האָט זי זיך דערפילט בעסער: „זי פאַרט ניט אַליין!" דאָס בלוט אין איר האָט געגומען שטאַרקער פּולסירן, ס'האָט איר גענומען קלאַפּן אין די שלייפן און אַ וואַרעמקייט האָט זיך צעגאָסן איבער איר קערפּער. כאָטש זי האָט אויף אים ניט געקוקט, דאָך האָט זי דעם גאַנצן וועג געפילט אויף זיך זיינע אויגן.

✶

דער „נחמו"־טאָג האָט געגליט. די זון האָט געברענט ווי פייער. די מענטשן אין אויטאָ האָבן געשוויצט. אַלע זיינען געווען איינגעהילט אין זייערע היימישע מלבושים, מיט קאַפּטאַנעס איבער די מלבושים; די פרויען — אין קליידער אויף קליידער, מיט שטערנטיכלעך באַהאַנגענע מיט מטבעות און קמיעות, אַרומגע־גאַרטלטע מיט קאָלירטע, וואָלענע גורטן. אַלעמען איז געווען הייס, זייער הייס. אַלע האָבן געלעכצט נאָך אַ קאַלטן טרונק, ביז, ביז די ברעמזן האָבן גרילצנדיק אַ קרעכץ געטאָן, דער אויטאָ האָט זיך געגעבן אַ שטעל אַפּ מיט אַ צאַפּל און אַ שליידער געטאָן די מענטשן איינעם אויפן צווייטן. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גוטמוטיקן געלעכטער ביי די יינגערע און תרעומות ביי די עלטערע.

מיט טומל און אויסרופן האָבן די מענטשן אָנגעהייבן אַרויסשטייגן פון אויטאָ, געקלעטערט איינער איבערן צווייטן, זיך איבערגעפּרעגט; אויסגערופן נעמען פון קינדער און קרובים און אַראָפּגעטראָגן אויף די הענט די אַלטע, די שוואַכע און קראַנקע.

צופוסנס דעם כרמל איז דער ים געלעגן פאַרגליווערט ווי אַ צעשמאָלצענע מאַסע זילבער, באַזוימט אויף מרחקים, מיט אַ לייסט פון שניי־ווייסן שוים.

ס'האָט געבלאָזן אַ פרישׁ ווינטל אויסגעמישט מיטן זאַלציקן ריח פון ים. די מענטשן, באַרויִקטע, האָבן זיך אָפּגעגאַרטלט, צעשפּילעט די אויבערשטע קאַפּטאַנעס און איינגעאָטעמט די מחיהדיקע פרישקייט. מען האָט זיך געלאָזט גיין מיט קריגלעך און פלעשער, אָנצופילן מיט וואַסער פון די קראַנען, לענג אויס די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט באַרג אַרויף צו דער הייל פון אליהו הנביא.

חנה האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון טומלדיקן עולם, מוחל געווען דאָס וואַסער, כאָטש דער דורשט האָט איר געפייניקט, ניט ווייניקער ווי די אַנדערע. זי האָט זיך געלאָזט באַרג אַרויף ניט מיט די טרעפּ, נאָר מיט אַ זייטיקן שטעג, וואָס איז אויך פול געווען מיט יוגנטלעכע גייער.

ווי אַ שאָטן, האָט זיך פון ווייטן געשלייכט ייִצחאָק, מיט אַ טעקע אין האַנט און האָט ניט אַרויסגעלאָזן חנה'ן פון אויג. זי האָט אים דאָ ביז איצט ניט באַמערקט, אַפילו ניט ווען זי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיין כדי אָפּצורוען

זיך. אירע בליקן זיינען געווען געווענדט צו דער אנסופיקער רחבות פון ים, וואס האט איר פארכאפט ביז פארגעסונג.

✶

שפעט אין אוונט, נאך אלע תפילות, זמירות, טרערן און מצוה־טענץ ארום צעצונדענע שייטערס, האט זיך חנה פארקליבן אונטער א פיסטאציע קוסט, אויס־געשפרייט די מיטגעבראכטע דעקע, אויסגעטאן די שיך און צעבונדן ס׳פעקל מיטן עסן. זי איז געווען הונגעריק, מיד און זייער דורשטיק.

אזוי זיצנדיק מיט א פיטע אין האנט, איז זי פארכאפט געווארן פון דער פארכישופער פראכט: איבערן קאפ — א טונקל סאמעטענער הימל, אנגעזעצט מיט פינקלדיקע סאפירן; אונטערן כרמל — דער ים א צעוויגטער; און אויפן ראנד פון כרמל — דער לייכט־טורעם, דרייט זיך, פעכערט דעם ים מיט ווייסע פאסן און כאפט אויף א באלויכטענעם שווימענדן פאלאץ. אט שוועבט דער פאלאץ, ווי ער וואלט הענגען אין דער לופטן, ווי ער וואלט זיך געוויגט א צעשטראלטער ארומגערינגלט מיט פייערלעך ווי שטערן. חנה האט געגאפט, זי האט ניט געוואוסט, אז דאס שווימען יידישע פישער־שיפלעך אויף זייער נאכט פאנג, און יעדעס פייערל איז דער מזל פון פישער מיט זיין שיפל... זי דרייט אויס דעם קאפ צו מערב און זי דערזעט אַן אנסופיקע גירלאנדע אנגעגליטע פלארעסצענט רערן, דורכגעפלאכטן מיט רויטלעכע פאנארן. אונטער דער גירלאנדע ציט זיך אַן אנסופיקע קייט כלי־רכב מיט פייערדיקע אויגן... דרייט זי אויס דעם קאפ צו מזרח, דערזעט זי א נייע גלאנציקע פאנאראמע פון שווארצע שפיגל־סטענגעס — די צעשניטענע גאסן, צעצויגענע צווישן קאלירטע פייער־פאסן, וואס צינדן זיך אן, לעשן זיך אויס, און צינדן זיך ווידער אן: — דאס לייכט, פינקלט און שטראלט די צפון רעזידענץ, די כרמל שטאט פון ישראל, וואס שפרייט זיך פון צעשטערנטן הימל אין דער הויך ביזן בארג אראפ, צום שוימיקן זוים פון ים. אין דער מיט פון די פייערן טיילט זיך אויס א הויכער, פירקאנטיקער גיגאנט מיט געזימסן, באהאנגען מיט רויטע, אנגעגליטע נעאן־לאמפאדן. אונטערן גיגאנט וויגן זיך באלויכטענע שיפן אין די שפיגל וואסערן פון פּאָרט, פון וואנען ס׳טראגט זיך א קרעכצן פון קראנען מיט לאמפן אויף די קעפ, וואס זעען אויס ווי פייערדיקע היטל׳ען.

איז חנה געזעסן ווי א פארכישופטע און האט ניט באמערקט ווי ייסחאק שטייט אין דער נאענט אונטער א קנאכיקן פייגן־בוים, איינגעגעסן אין איר א פאר אויגן — שטיקער פייער.

ערשט נאכן זאט ווערן פון דער מראה, האט זי אויפגעכאפט דעם גלי פון ייסחאקס אויגן. פון איבערראשונג האט זיך ביי איר ארויסגעריסן א געשריי, זי האט זיך א כאפ געטאן מיטן האנט פארן מויל און אויסגעגלאצט א פאר אויגן

אויף אים. זי האט זיך בכוונה דערווייטערט פון עולם, ווייל זי האט ניט געוואלט זיין באלעסטיקט פון קיינעם, און אט שטייט פאר איר ייסחאק, ווי אראפגעפאלן פון הימל...

ס׳איז געווען נאך חצות. די שייטערס זיינען שוין געווען אויסגעלאשן. די מענטשן זיינען געלעגן איינגעוויקלטע אין בגדים און דעקעס און געשמאק געשלאפן. וואו ניט וואו האט געוויינט א קינד. פונעם ים מיט ליכט פון אויבן און פון אונטן, איז קיין סך ניט געבליבן. פון ווייטן האט זיך נאך דערטראגן דאס געזאנג און האפקען פון טאנצנדיקע רעדער־יונגווארג, אקאמפאנירט מיט א ברומען פון שיפן, וואס לאזן זיך ארויס אין מרחקים. דער הימל האט זיך געשפרייט ווי א שווארצע אנסופיקייט, אנגעזעצט מיט פינקלדיקע בריליאנטן. די לבנה איז פארשוואונדן ערגעץ הינטער די בערג. די כוואליעס פון ים האבן זיך ריטמיש געקייקלט, געמורמלט און געוואשן די ברעגעס.

חנה איז געזעסן צוגעשמידט צו ייסחאקן, איינגעקלעמט אין זיינע ארעמס. זי האט געגליט, ניט געוואלט טראכטן פון גארניט בעת ער האט געגאגט די זיסע ווארעמקייט פון אירע הייסע ליפן.ביידע האבן זיך געגראבן איינער אינעם צווייטן. ביז זיי האבן זיך אויסגעצויגן אונטערן קוסט און זיינען געווארן צונויפ־געשמאלצן אין א חמימה און מתיקות. ייסחאקס ליפן האבן זיך צונויפגעשלאסן מיט אירע און האבן געגאגט ווי א בין דעם זיסן נעקטאר פון א צייטיקער בלום...

דער לייכט־טורעם האט געפעכערט דעם ים מיט ווייסע פאסן און האט ווי מיט א כיוון אויסגעמיטן דעם גן־עדן קוסט, וועמענס שאטנס ס׳האבן איינגעהילט חנה׳ן מיט ייסחאקן אין זייער עקסטאז.

ערשט פארטאג, ווען א שווערער קילער טוי האט זיך צעלייגט אויפן כרמל, האט זיך ייסחאק אויפגעכאפט, צארט איינגעוויקלט חנה׳ן אין איר דעקע, און איז שטיל פארשוואונדן געזעטיקט מיט גליק.

חנה איז יא געווען וואַך, און ניט געווען וואַך, זי איז געלעגן פול געלאדן מיט דער ברכה און מיט אלע סגולות פון אליהו הנביא׳ס הייל...

פונעם נאענטן קלויסטער האט זיך געטראגן ס׳געזאנג פון גלחישן שחרית. א כאר פון בארוועסע כרמליטן האבן געווארפן מיט די פינגער צלמים פון קאפ צו אקסל, פון אקסל צום נאפל און האבן געזונגען: „דאמינוס וואָביסקוס, דאמינוס וואָבי־י־סקום״. א גלעקל האט באגלייט זייער נזירישע תפילה.

ווייט, גאר ווייט פון אליהו הנביא׳ס הייל, איז דער מארי דוד געזעסן אויף דער מאטע, איינגעהילט אין טלית, פארטאן אין תיקון חצות, פארן טונקעלן שיין פון א פאררויכערט לעמפל. דער מארי האט זיך געשאקלט אין דביקות און האט פארגאסן טרערן אויפן חורבן בית המקדש...

נחמן מייזיל

פאר נייע וויכטיקע אויפגאבן

(באטראכטונגען און אויספירן)

1

עס איז אודאי גוט, און מען דארף עס זיכער באגריסן, וואס מיר שענקען לעצטנס באזונדערע אויפמערקזאמקייט און וואס, מינדלעך און שריפטלעך, האבן מיר פייערלעך אפגעמערקט און, אויף פארשיידענע אופנים, פארצייכנט אין דער יידי־שער קולטור־וועלט די וויכטיקע ליטעראריש־קינסטלערישע דאטעס: 100 יאר פון דער מאדערנער יידישער ליטעראטור; דעם 50־טן יארצייט פון י. ל. פרץ; די 100־סטע געבוירנטעג פון די פארדינסטפולע יידישע און העברעאישע שרייבער, ווי שמעון פרוג, מאָריס ראָזענפעלד, שמעון דובנאָוו, ראובן בריינין, ש. אנסקי און אנדערע. וועגן אייניקע פון זיי אויך ארויסגעגעבן ספעציעלע זאמלונגען, און פארעפנטלעכט ספעציעלע נומערן פון זשורנאלן, געווידמעט זייער לעבן און שאפן. איצט גרייטן מיר זיך אפצומערקן די 100־סטע געבוירנטעג פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, פון מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, און אט־אט וועלן מיר שטיין פאר די 50־טע יארצייטן פון שלום עליכם און מענדעלע מוכר ספרים. די דאזיקע פייערונגען און אפצייכענונגען פון יובל־דאטעס — פון געבוירן און פון פארלאזן די וועלט — גיבן א מעגלעכקייט און א געלעגנהייט צו ווארפן א ליכט אויף די אויפטוען, פארמעסטן און דערגרייכונגען פון די אוועקגעגאנגענע שריפטשטעלער, דענקער, און דערביי אויך באטראכטן און באהאנדלען זייער באדייט פאר אונדז־ער איצטיקער צייט און אנווייזן אויף די ווערק און ווערטן, וואס זיי האבן אונדז איבערגעלאזט פאר דער רייכער גייסטיקער ירושה, וואס מיר דארפן און מוזן ניט נאר פארהיטן, נאר פארטיפן און באנייכערן, אויפלעבן און צואייגענען פאר אונדזערע קולטור־אוצרות.

מיר זיינען עדות פון א פארשטארקטן אינטערעס, פארערונג און ליבשאפט, וואס די יובל־פייערונגען רופן ארויס אין דער ברייטער געזעלשאפטלעכקייט און וועקן א באנייטן נייגיר און פאראינטערעסירונג צו די אוועקגעגאנגענע שרייבער, וועלכע האבן אונדז איבערגעלאזט ווערק, וואס זיינען מיט די יארן ניט פארעלטערט געווארן, און פון וועלכע מיר האבן נאך פיל צו געניסן און לערנען. עס איז שוין געזאגט געווארן, — און מען מעג עס איבערחזרן, —אז דאס בארימטע ווארט „דור דור וסופריו״, — מיינט ניט בלויז, אז אין יעדן דור קומען אויף נ י י ע שרייבער,

נאר עס דארף פארשטאנען ווערן, אז יעדער דור קען אויפלעבן פונדאסניי שרייבער און ווערק, וועלכע געהערן צו פריערדיקע דורות און תקופות. באווייזן וועגן דעם האבן מיר איבערגענוג. און מיר איבערצייגן זיך ווידעראמאל און אבעראמאל, ווען א קיילעכדיקע דאטע לעבט אויף א לאנג־פארשטארבענעם שרייבער און זיינע ווערק אויף אזא אופן, ווי עס איז ניט געווען מיט יארצענדליקער און אפילו מיט יארהונדערטער צוריק. א באווייז: די אלעמאל באנייטע שעקספיר־פייערונגען, וואס אין יעדער תקופה נעמען זיי אַן אַן אנדער כאראקטער מיט אַן אלץ מער פארטיפטן אינטערעס. און ניט נאר שעקספיר. מען קען אויסרעכענען נאך און נאך אוניווערסאלע און יידישע שרייבער, וואס א יובל־דאטע לעבט־אויף און רוקט ארויס א נייעם, בארייכערטן און פארטיפטן שרייבער. דאס האבן מיר געזען ביי די פייערונגען פון די 100־סטע געבוירנטעג פון מענדעלע מוכר ספרים, י. ל. פרץ, שלום עליכם (אין די יארן 1936, 1951, 1959) און לעצטנס — פון די פריער אויסגערעכנטע שרייבער־דענקער, וואס די יידישע קולטור־געזעלשאפטלעכקייט האט אפגעריכט כשר־פארדינטע יובל־פייערונגען, און דערביי ווי אויפגעעפנט און געמאַכט צוטריטלעך פאר די פאלקס־מאסן ספרים, ווערק און ווערטן, וואס די פארשטארבענע האבן איבערגעלאזט און זיי שטייען אין די ביכערשאפעס אוןווארטן אויף דערמאנונג, אויף א תיקון, ווען זיי וועלן ווידער קומען אין לעבעדיקן באריר מיט לייענער־באוואונדערער. אין „שיר השירים" איז דא דער רירנדיקער אויסדרוק: „דובב שפתי ישנים", — טייטשט יהואש: „וואס מאכט רעדן די ליפן פון שלאפנדיקע"...

און עס איז אויך פיל מער ווי א „חסד של אמת" וואס מיר ברענגען ארויס אין אונדזער יידישער ליטעראטור ווערק פון און וועגן די אומגעבראכטע און אומגעקומענע סאוועטיש־יידישע שרייבער, וועלכע זיינען געווען פון אונדז, צוליב די אדער אנדערע סיבות, ווייט, דערווייטערט און אפגעפרעמדט. זיי זיינען פארבליבן הינטער דעם אייזערנעם פארהאנג, און עס איז דורכאויס נויטיק צו טאן אלץ זיי צו דערנעענטערן, אנווייזן אויף זייערע קולטור־קינסטלערישע פארדינסטן, אדער פארעפנטלעכן זייערע ווערק, וועלכע זיינען ניט דערגאנגען צו אונדז. באדארפן מיר באגריסן און זיין צופרידן, וואס עס זיינען איבערגעדרוקט געווארן אין ניו־יארק, אין פוילן, פאריז, ארגענטינע און אין מדינת־ישראל איינצלנע ווערק, שאפונגען פון די דיכטער, דערציילער פון סאוועטנפארבאנד, וואס האבן א גרויסן קולטור־קינסטלערישן ווערט, — די ווערק פון דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, פרץ מארקיש, דוד האָפשטיין, איציק פעפער און אנדערע. מיר גייען דא ניט מאכן קיין רשימה פון אלע דערשינענע ביכער פון די סאוועטיש־יידישע שרייבער, פארעפנטלעכט פאר די לעצטע עטלעכע יאר. זייער צאל איז גאר באדייטנדיק. לאמיר דערמאנען דעם אלמאנאך „אויף נייע וועגן", דרייסיק יאר סאוועטיש־יידיש שאפן, — (פארלאג איקוף, ניו־יארק 1949, 432 זייטן), מיט שאפונגען פון 67 סאוועטיש־יידישע שרייבער. דער אלמאנאך איז צונויפגעשטעלט געווארן מיט דער מיטהילף פון יידישן אנטי־פאשיסטישן קאמיטעט אין מאסקווע, זומער

1947, און איז דערשינען ווען דער דאזיקער קאמיטעט און דאס רוב זיינע אנ־פירער זיינען שוין אין דעם סטאלין־בעריא־קעניגרייך, געווען ארעסטירט און דער־נאך פארשוואונדן פון דער לעבעדיקער וועלט...

און מען דארף באזונדערס באגריסן די וואגיקע און וויכטיקע אנטאלאגיע „א שפיגל אויף א שטיין", אין וועלכער עס זיינען אויפגעזאמלט „פאָעזיע און פּראָזע פון צוועלף פארשניטענע יידישע שרייבער אין ראטנפארבאנד", צונויפגע־שטעלט און ארויסגעגעבן דורך דער „גאלדענע קייט" און „פרץ־פארלאג", תל־אביב, רעדאקציע — ח. שמערוק, 1964, 814 זייטן, מיט פיל הערות, ביאגראפישע און ביבליאגראפישע ידיעות, מיט בילדער א. א. וו.

באדארפן מיר זיין צופרידן און הייס באגריסן די אלע באמיאונגען און דער־גרייכונגען, וואס ווערן געמאכט אין דער־אָ ריכטונג, און הלוואי — נאך און וואס־מער!

2

אבער ווי וויכטיק און נויטיק עס זיינען ניט די אלע אויפטועו, פארמעסטן און דערגרייכונגען, וואס ס'איז צו באמערקן אין אונדזער ליטעראַרישער וועלט, אין פארשיידענע יידישע ישובים, טארן מיר אבער ניט פארבלייבן דערביי און זיך באגנוגענען מיט זיי. אפצייכענען די אלע יובל־דאטעס, אפגעבן זיך מיט אונטערפירן סך־הכלען פון פארגאנגענע יארן, — פון דער ווייטער און נאענטער פארגאנגנהייט — איז דורכאויס וויכטיק, עס איז אויך אונדזער הייליקע פליכט לגבי די, וועלכע זיינען אוועק אדער „אוועקגעשיקט" געווארן אויפן עולם האמת.

גאר באזונדערס באדארפן מיר דערמאָנען און באגריסן די הונדערטער יזכור־ביכער, וואס זיינען דערשינען די לעצטע צען־פופצן יאר אין פארשיידענע טיילן פון דער יידישער וועלט, געווידמעט שטעט און שטעטלעך, קרייזן און געגנטן, אָרגאניזירט און ארויסגעגעבן דאס רוב דורך לאנדסמאנשאפטן, וועלכע זיינען צעזייט און צעשפּרייט אין אלע עקן וועלט. צווישן אט די קאלעקטיווע ווערק, וואס זייער קולטור־היסטארישער ווערט איז פארשיידן, האבן מיר גרויסע וואָגיקע זאמלביכער, פנקסים, וואס האלטן הונדערטער זייטן, אנגעפיקעוועט מיט א פארשיידנארטיקן רייכן דאקומענטאלן און מעמוארן־מאטעריאל, געשריבן דורך פארשיידענע מענטשן, — על פי רוב דורך ניט פראָפעסיאנעלע שרייבער, — מענער און פרויען, יונג און אלט, וועלכע ברענגען ארויס אין כלערליי פארמען וויכטיקע געשעענישן, געשיכטלעכע פאסירונגען, ווי אויך שילדערונגען און בילדער, פרטים און עפּיזאדן פון דעם שטייגער לעבן אין פארשיידענע שטעט און שטעטלעך פון פוילן, ליטע, וואָלין, ווייסרוסלאנד, רומעניע, גאליציע א.א.וו. און דערביי זיינען אט די יזכור־ביכער און פנקסים פארזען מיט זעלטענע בילדער, אילוסטראציעס, פארטרעטן, פון איינצלנע פערזאנען, פון חברות און ארגאני־

זאציעס, פון גאנצע דורות און פאמיליעס. און וואס עס איז באזונדערס צו באמערקן, וואס די מיטארבעטער און פארפאסער פון די ביכער, פון די באזונדערע אָפּטיילן זיינען מענטשן, אפשטאמיקע פון די פארשיידענע לענדער, געגנטן, קרייזן, וועלכע דער גורל האט זיי פארוואָרפן אין ווייטע און אין ווייטסטע עקן וועלט, — און די ליבשאפט, די בענקשאפט, די צוגעבונדנקייט צו זייערע אלטע היימען, צו זייערע פארשניטענע משפחות פאראייביקט זיי, דערנעענטערט זיי און זיי פילן דעם הייליקן חוב צו פאראייביקן זיי, זיי און זייערע לעבנס פון די פרידלעכע צייטן און בעיקר — אין די מוראדיק גרוילִיקע יארן פון אקופאציע, שחיטות, הריגות, טאָטאלן אומקום.

אט די ספרי־קודש, די „דברי־הימים"־ביכער, די אלע פנקסים פון חרובע און פארשניטענע קהילות הקודש, מיט די אלע אויפשוידערנדיקע באשרייבונגען און שילדערונגען פון אומגעקומענע און פון על־פי־נס לעבן־געבליבענע, מיט די אלע נעמען און רשימות פון פארפייניקטע אין די פארשיידענע טויט־לאגערן און גאזקאמערן, — אלץ צוזאמען שטעלט מיט זיך פאר א מאנומענטאלן, גרויזאמען, מערקווירדיקן טורעם, וואס איז שווער צו געפינען זיין גלייכן אין דער רייכער וועלט־ליטעראטור און וועלט־געשיכטע, סיי לויטן טיף־טראגישן אינהאלט, סיי לויט דער פאָרם און פארנעם.

און סאר א פארשיידנארטיקער שטייגערישער, פאלקלאריסטישער, מעמוּאריסטישער און געשיכטלעכער מאטעריאל עס געפינט זיך אין אט די הונדערטער פאלקסביכער, וואס פארמאגן אומאויסשעפּלעכע אוצרות פון שטאף, — ראפינירטן און אויך גאנץ־פרימיטיוון מאטעריאל. און וואס פאר א פרעכטיקע געשטאלטן עס ווערן ארויסגעבראכט: רבנים, „גוטע יידן", רביים, זעלטענע טיפּן, און געשטאלטן פון פארשיידענע יידישע „עמך"־מענטשן, פון די עלטערע דורות און פון די יונגע און ייִנגסטע! עס מישן זיך שרעק, פייניקונג, חורבן, ווּיסטעניש, ווילדע ברוטאליטעטן פון די דייטשע מערדער, מיט זייערע ארויסהעלפער, די ארטיקע, לאָקאלע באצאלטע און ניט־באצאלטע פייניקער. דא און דארטן ווערן אויך גע־שילדערט איידעלע פרויען און מענער, ניט־יידן, וועלכע האבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס, באצאלט מיט זייערע לעבנס פאר ראטעווען, פאר געבן שוץ א יידן, א יידיש קינד. צוזאמען מיטן בראך, צוזאמען מיט די גרויל־באשרייבונגען פון די מיתות משונות, פון פארפייניקטע און לעבעדיק באגראבענע, האבן מיר אויך שילדערונגען פון ווידערשטאנד, פון גבורה, פון בונט און אויפשטאנד. דערביי ווערן ארויסגעבראכט הונדערטער, טויזנטער העלדן, מענער און פרויען, — וואס האבן אין די ערגסטע צייטן, ביי די מוראדיקסטע באדינגונגען, ארויסגעוויזן גבורה, מוט, אמתן מסירת־נפש און קידוש־השם.

עס זיינען שוין פארעפנטלעכט געווארן אין פארשיידענע לענדער, — בעיקר אין מדינת־ישראל און אין די פאראייניקטע שטאטן, — רשימות, ביבליאגראפישע

ווערק, אלגעמיינע באשרייבונגען וועגן אט דעם אייגנארטיקן מין חורבן־און אויפ־שטאנד־ליטעראטור. עס איז אבער נאך ווייט ניט געגעבן געווארן קיין סך־הכל פון דער ריזיקער ליטעראטור, פון די אלערליי יזכור־ווערק, פנקסים, וועלכע זיינען דערשינען און דערשיינען אין אזא שפע ביי דער דירעקטער מיטבאטיי־ליקונג און מיטשאפונג פון הונדערטער און הונדערטער מענטשן, פון אלערליי שיכטן און קרייזן, פון גרויסע געלערנטע, וויסנשאפטלער, היסטאריקער און פארשער ביז די סאמע פשוטע, פרימיטיווע, וואס האבן קיינמאל קיין פען אין האנט ניט געהאלטן, אבער זייערע גביית־עדות, זייערע זכרונות האבן א גרויסן קולטור־היסטארישן און עטנאגראפיש־שטייגערישן ווערט.

עס איז פון די ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאבן פאר דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט, — אונטערצופירן א וואס־גענויערן סך־הכל, אויסטיילן און ארויסברענגען דאס עיקרדיקסטע, אינטערעסאנטע און ווערטפולע פון די אלע יזכור־ביכער און פנקסים, וואס פארנעמען איצט גאנצע שראנקען און ביבליאטעקן, און וואסווארטן אויף די זארגפעליקע, פלייסיקע, געניטע פארשער, וואס זאלן פון די אלע צעווארפענע מאטעריאלן אויפשטעלן דאס גרויסע ווערק, דעם גאנצן בנין. צו די אלע יזכור־ביכער דארף מען אויך צורעכענען די פארטיזאנען־זכרונות, טאגביכער, דערציילונגען, וועלכע זיינען אין א גרויסער צאל דערשינען די לעצטע 20־25 יאר אין פארשיידענע פארמען, אינהאלט און קולטור־קינסט־לערישן ווערט.

אבער ס'איז ניט קיין ארבעט פאר א יחיד, אפילו ניט פאר עטלעכע יחידים, — נאר פאר א גרויסער אויטאריטעטער ארגאניזאציע, פאר א גרעסערער גרופע היסטאריקער, ליטעראטור־פארשער, פאלקלאריסטן, קינסטלער א.א.וו. מען טאר עס ניט אפלייגן, מען דארף וואס־גיכער צוטרעטן צו דעם, ווייל איצט, ווען די וואונדן זיינען נאך ניט פארהיילט, ווען עס גייען ארום צווישן אונדז און אין פארשיידענע לענדער מענטשן, וואס זיינען עדות געווען פון דעם אלעמען, און וואס די אלע שטעט און שטעטלעך, לענדער און געגנטן זיינען זיי נאענט, אייגן, טייער און הייליק, — איצט איז גרינגער צו ארגאניזירן אט די גרויסע פאראנט־ווארטלעכע ארבעט פון סומירן, סינטעזירן, אונטערפירן כלערליי סך־הכלען און מאכן נויטיקע אויספירן.

מען קען אויפן סמך פון די אלערליי ביכער, קאלעקטיווע און יחידישע, שרייבן דיסערטאציעס, ווערק, מאנאגראפיעס, סאציאל־געזעלשאפטלעכע, קולטור־ליטערארישע, פסיכיש־פסיכאלאגישע ארבעטן פון א גרויסן פארנעם און ווערט.

3

מיר קומען איצט צו איינעם פון די וויכטיקסטע און אקטועלסטע פראבלעמען, און פון דעם וואקסן ארויס די דרינגענדיקע אויפגאבן, וועלכע שטייען פאר אונדז, פאר דער יידישער ליטעראטור, פאר אירע שאפער, פארשער און שרייבער. וועלכע געהערן צו די פארשיידענע ריכטונגען און קרייזן, וואס טראגן די אחריות פארן יידישן ווארט, פאר דער יידישער קולטור, פאר דעם יידישן שאפן אין ברייטן און פולן זין פון ווארט.

מיר לעבן אין א זייער האסטיקער צייט. די געשעענישן, פאסירונגען באוועגן זיך, וואקסן און אנטוויקלען זיך אין א שנעלן טעמפא און זיי רופן ארויס פראגן און פראבלעמען, וואס וואקסן און קומען־אויף צוזאמען מיט די אלץ־ענדערנדיקע דערשיינונגען. אין די לעצטע יארצענדליקער זיינען אין דער וועלט בכלל און אין דער יידישער וועלט בפרט פארגעקומען ראשיקע פראצעסן, וועלכע האבן געביטן די געאגראפישע מאפע פון דער יידישער וועלט און גלייכצייטיק געענ־דערט דאס אויסערלעכע און אינעווייניקסטע אויסזען פון דעם יידישן מאטעריעלן און גייסטיקן לעבן. ישובים זיינען אומגעבראכט געווארן, מיליאנען יידישע מענטשן, צוזאמען מיט זייער האב און גוטס, צוזאמען מיט זייערע פארפונדעוועטע, איינ־געווארצלטע לעבן־שטייגערס, טראדיציעס, אנגעקליבענע און אויפגעבויטע אוצרות זיינען אפגעווישט און פארשוואונדן געווארן לעולם ועד. און, ווי עס האט געטראפן פיל מאל אין דער לאנגער מארטירער־און הערצאישער יידישער געשיכטע, זיינען „באצייטנס״, — ווי דער גורל וואלט פאראויסגעזען דעם קומענדיקן חורבן און אונטערגאנג, — אויפגעקומען ישובים און קיבוצים, „ערי מקלטס״ פאר די געראטעוועטע פון דעם מוראדיקן מבול. עס איז ווי עס ווערט דערציילט וועגן דער „תיבה״, וואס נח האט געבויט ערב דעם מבול און אריינגענומען צו צוויי־צוויי און צו זיבן־זיבן פון יעדן מין, כדי עס זאל פארבלייבן דערנאך א לעבעדיקער זוימען אויף דער ערד...

וואס איז דא פאראן לאנג און פיל צו ברייען? דער חורבן און פארניכטונג איז געווען פיל מער און גרויליקער, ווי די קרענקלעכסטע און ווילדסטע פאנטאזיע האט זיך גאר געקענט פארשטעלן...

אט ליגט פאר אונדז „דער לעצטער רוף פון אונדזערע ווארשעווער ברידער״, פארפאסט און ארויסגעשיקט פון דער באלאגערטער חרובער ווארשע דורך א גרופע פארבליבענע יידן־טוער, מיט ד״ר עמנואל רינגעלבלום בראש, דעם 1־טן מערץ, 1944 (פארעפנטלעכט צווישן אנדערן אין „יידישע קולטור״, ניו־יארק, נ׳ 10, פון אקטאבער 1944, זייטן 1—3). מיר לייענען עס איצט ניט ווי א רוף, נאר ווי א „ווידוי״, וואס איז פול מיט פארצווייפלונג און ווירדע. ער הויבט זיך אן מיט די פיינלעכע גרויליקע ווערטער: „מיר שרייבן צו אייך אין א מאמענט,

ווען 95 פראצענט פוילישע יידן זיינען שוין אומגעקומען אין מוראדיקע פייניקונ־גען אין די גאַז־קאַמערן פון די פארניכטונגס־ערטער (עס גייט ווייטער א צעטל פון די פארניכטונגס־פלעצער, לאגערן און גאז־קאמערן — נ.מ.), אדער זיינען אויס־געהרגעט געווארן בשעת די „ליקווידיר־אקציעס" אָן א צאל אויף דעם שטח פון די געטאס און לאגערן..." עטלעכע מאל ווערט אין אט דעם בלוט־און גרויל־פארפאסטן דאקומענט איבערגעחזרט, אז זיי זיינען אין ספק, צי עמעצ פון די פארבליבענע יידן וועלן לעבן בלייבן, און צי וועט נאך זיין א געלעגנהייט זיך צו זען... און ס'איז באקאנט, אז מיט א וואך שפעטער איז דער הויפט־מחבר פון דעם וויי־און מוט־געשריי רוף, ד"ר ע. רינגעלבלום, ער מיט זיין פרוי און זון, פאר־פייניקט געווארן דורך די געסטאַפּאָ־לייט, צוזאמען מיט נאך און נאך, דאן נאך לעבן־געבליבענע יידן...

ס'איז דעריבער „למעלה מדרך הטבע", איבערנאטירלעך און ממש מעשה־נסים, וואס עס זיינען אפגעראטעוועט געווארן פון די אלערליי גהינומס אויף דער וויסטער ערד און וואס האבן געהאט דעם ווילן, דעם דראנג פארצוזעצן ווייטער צו לעבן, און מיט די סאמע גרעסטע שוועריקייטן, פיזישע און מאראלישע, פארלייגן נייע יסודות אויף פארשיידענע באדנס און שטחים און אנהויבן א ניי לעבן, נייע לעבנס... און אויך די, וואס זיינען אין טרעבלינקע ניט געוועזן (ווי ה. לייוויק ע"ה האט אנגערופן זיין בוך איינדרוקן פון זיינע באזוכן אין די חרובע שטעט נאך דער מלחמה אין אייראָפּע), — אויך די אלע „גליקלעכע" יידישע פאָלקס־מאסן, וועלכע האבן אויסגעמיטן די דירעקטע פייניקונגען, יסורים, גרויל־איבערלעבענישן, — האבן ניט געגלויבט, אז עס וועט זיך איינגעבן אריינבלאזן א רוח־החיים אין די אויסגעמאטערטע, דערנידעריקטע און באליידיקטע יידישע פאלקס־מאסן, — די עדות פון די אלע גרויזאמע אוממענטשלעכע פאסירונגען, און אז עס וועט מעגלעך זיין אויף די אלע חורבות פאמעלעך אויפשטעלן נייע בנינים, און אנהויבן א באנייט יידיש לעבן.

באדארפן מיר, איצט, ווען מיר צייכענען אפ די גרוילִיקע דאטעס, מיט שטאלץ, מוט און פרייד קאנסטאטירן די גרויסע אויפבוי־און־אויפלעב־מאמענטן, די אלע מסירת־נפשדיקע און איבער די כוח'דיקע פארמעסטן פון די אלע, וועלכע האבן אין די נאך־מלחמה־יארן אויף פארשיידענע אופנים אין פארשיידענע עקן וועלט, — און בעיקר און קודם־כל אין ארץ־ישראל, — אנגעהויבן פון סאמע יסוד מיט א גרויסן פארנעם די גרויסע ארבעט פון תחיית־האומה און פון תחיית־הארץ, און גלייכצייטיק — אויך די פארמעסטן צו באפעסטיקן יידישע ישובים, וואו נאר עס זיינען געוועזן אדער עס זיינען געקומען יידן און ווידער גענומען בויען היימען, און אויפריכטן דאס צעשטערטע לעבן, אין יעדן ארט, אין יעדן ישוב, אויף זיין אופן און שטייגער.

מיר גייען ניט מאכן קיין חשבון פון דעם אלעמען, וואס איז נאכן גרוי־זאמען פיזישן און גייסטיקן חורבן, במשך פון די לעצטע צוויי־דריי צענדליק יאר

אויפגעטאן געווארן. פונקט ווי עס איז א חוב פאר אונדז אונטערצופירן סך־הכלען פון די קרבנות, פארוויסטונגען און צעשטערונגען, אזוי אויך איז וויכטיק צו באטאנען און גענוי זיך אפשטעלן אויף די אלע גרויסע פארמעסטן, אויפטוען און דערגרייכונגען, וואס די יידישע פאלקס־מאסן האבן פאר די לעצטע יארן, זינט דעם „אויסברוך״ פונעם, משטיינס געזאגט, „וועלט־שלום״ אויפגעטאן ביי די שווערסטע שטערונגען און באדינגונגען. צו דערמאנען די הערויאישע באפרייי־אונגס־מלחמה אין ארץ־ישראל און דעם אויפקום, וואוקס און ממש־פאנטאסטישע אנטוויקלונג פון מדינת־ישראל, ווען די מיליאניקע שכנים־שונאים זיינען מיט ווילדער אכזריות און פאנאטיזם ארויס אין דעם „הייליקן״ קריג אפצואווישן מדינת ישראל, און די יידן פארטרייבן און פארשטויסן אין ים אריין. און דאס איז דאך געשען ווען די יו״ען, די פאראייניקטע ארגאניזאציע פון די פעלקער, אין דער שפיץ פון די גרויסמאכטן, האבן אנערקענט די מדינה און דאס רעכט פון יידישן פאלק אויף ארץ־ישראל... באדארפן מיר, צו אלע אנדערע נסים ונפלאות, אויך צורעכענען דעם דאזיקן נס, וואס מדינת־ישראל, ברענגענדיק מוראדיקע קרבנות פון טויזנטער טייערע, הייליקע יונגע לעבנס, איז געבליבן גאנץ, און מיטן ווילן, מיטן דראנג און מיט דער זיכערקייט ווייטער צו לעבן, מיט דער הילף און ביישטייערונג, פון די יידישע קיבוצים אין דער וועלט. און בעיקר — מיט די לעבעדיקע הונדערטער טויזנטער יידישע נפשות, — קינד און קייט, מאן און פרוי, אלט און יונג — וועלכע זיינען געקומען, און געבראכט געווארן אהער דורך וועגן־אומוועגן, פון פארשיידענע לענדער, דורך לופט און דורך ימים, און האבן פארגרעסערט, פארשטארקט, באררייכערט די צאל, דעם כוח, דעם אנזען, דעם מאטעריעלן און גייסטיקן קאפיטאל, די כוח־און מוח־אוצרות פון עם ישראל אין ארץ־ישראל.

4

ווען מיר, אין אונדזער איצטיקן ארטיקל, ניט רעדן, ניט באהאנדלען אלע פראבלעמען, וועלכע דארפן אונדז אלעמען פארנעמען, וואס קומען־אויף כסדר אין לאנד און וועלכע נויטיקן זיך אין אן ענטפער, און לייזונג. דאס אלץ גייט ניט אריין און עס איז ניט די אויפגאבע פון דער דאזיקער אפהאנדלונג. סוף כל סוף פארנעמט מען זיך פיל מיטן מדינת־ישראל־פראבלעם, און מיט די אלע פראגן, וואס קומען־אויף און שטייען פארן היגן ישוב. עס איז פאראן די מלוכה, אירע פארשיידענע ארגאנען, אלע אפיציעלע, האלב־אפיציעלע גרויסע אינסטיטוציעס, אנשטאלטן, חברות, ארגאניזאציעס, סיי די, וואס זייער צענטער איז דא אין לאנד, און סיי אין אנדערע גרויסע יידישע ישובים, וועלכע זיינען ארגאניש, אידייאיש און ארגאניזאציאנעל פארבונדן מיט מדינת ישראל, זארגן און באזארגן די נויטן, די באדערפענישן, און שאפן און זאמלען די מיטלען, וועלכע העלפן ארויס דער מדינה אין א גאר גרויסער מאס און פארנעם.

אונדז אינטערעסירט איצט און מיר ווילן זיך אָפּשטעלן אויף די פראַגן און פּראָבלעמען, וועלכע שטייען פאַר די פאָלקס־מאַסן, די צעזייטע און צעשפּרייטע איבער פיל לענדער. די פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן און וואַקסן אַרויס אויפן שטח פון קולטור־געביט און וועלכע זיינען אַנגעוויזן, אין דעם גרעסטן רוב, אויף אייגענער אויסקומעניש און האָבן אַ שייכות צו דער יידישער קולטור, יידישן שאַפן, יידישער ליטעראַטור אין אירע פאַרשיידענע צווייגן און געביטן, און גייען אָן און דאַרפן אַנגיין די שרייבער אין דער יידישער שפּראַך. אַט די פראַגן און פּראָבלעמען האָבן זיך די לעצטע 20־25 יאָר געענדערט אויף אַ ראַדיקאַלן אופן.

מדינת ישראל שטעלט מיט זיך פאַר דערוויייל, ביי היינטיקן טאָג, און מסתמא וועט עס נאָך דויערן יאָרן און יאָרן, — אַ קליינעם טיילווייזן קיבוץ־גלויות. ניט געקוקט אויף דער גרויסער צאָל יידן, וועלכע זיינען אַריינגעקומען אין לאַנד ישראל, לעבט די מערהייט אין פאַרשיידענע לענדער און קאָנטינענטן. בלויז פון אייניקע לענדער אין אַזיע און אַפריקע זיינען די יידן אַרויסגעיאָגט געוואָרן אָדער זיינען מיטן „גוטן ווילן" פון דאָרט אַוועק. אין די ראַמען און געביטן פון דער יידישער קולטור אין דער יידישער שפּראַך, קומען אַריין ישובים מיט יידן, וואָס זייער צאָל איז זייער גרויס, — זיכער אַ צוויי־דריי מיליאָן, — ניט רעכענענדיק די אַנדערע עטלעכע מיליאָן, וועלכע זיינען אָפּגעפרעמדט פון יידיש, יידישן שאַפן און יידישער קולטור. הייסט עס אַז מיר האָבן נאָך אַלץ גרויסע צאָלן יידן, באַנוצער, און ממילא — מיטשאַפער פון דער יידישער קולטור, יידישער שפּראַך, יידישער ליטעראַטור, פּרעסע, טעאַטער, א.א.וו.

וועגן די פראַגן און פּראָבלעמען, וועלכע זיינען זיי נוגע, און אין וועלכע זיי זיינען בלויז פּאַראינטערעסירט ווילט זיך דאָ רעדן, און זען, וואָס פאַרא אויפגאַבן שטייען פאַר אונדז, — אויפגאַבן וויכטיקע, ברענענדיקע, שאַרפע — וואָס מיר מוזן טראַכטן וועגן זיי און זוכן פאַר זיי אַ לייזונג.

און ווייל מיר האָבן פאַר זיך פאַרשיידענע לענדער, וועלכע געפינען זיך איבער ימען און אונטער פאַרשיידנסטע רעזשימען און סאָציאַל־פּאָליטישע, מאַטעריעלע און קולטורעלע באַדינגונגען און איינשטעלונגען, — איז דער צושטאַנד פון די יידישע פאָלקס־מאַסן און זייערע קולטור־שעפערישע פּראָבלעמען האַרבער און קאָמפּליצירטער, און זיי פאַרלאַנגען אַ גאָר באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, באַהאַנדלונג און פאָרשונג.

ווען מיר איצט בלויז אַנוואַרפן זיי, באַרירן זיי און אַנרעגן פאַר ווייטערדיקע, מער־גרינטלעכע און מער־אויספירלעכע שטודירונגען.

גלייכצייטיק מיטן טאָטאַלן חורבן אין אומקום פון אַמאָליקע גרויסע יידישע קולטור־צענטערן מיט זייער הונדערטער־יאָריקער געשיכטלעכער, קאָליר־פולער און אייגנאַרטיקער קולטור־טראַדיציע, לעבנס־שטייגער, און במילא — די

אלע קוואַלן פון וועלכע עס האט געשטראָמט אָן אויפהער דאס יידישע שאפן אין זיינע פאַרשיידענע פאַרמען, — גלייכצייטיק זיינען אויפגעקומען און זיך צעוואַקסן נייע יידישע ישובים — אמת, שוין ווייט ניט אין דער פאָרם, גרויס, ברייט און טיף, ווי די פאַרשוואונדענע שטעט און שטעטלעך, — אָט די נייע יידישע ישובים האָבן פאַרטיפט און פאַרשטאַרקט זייער שעפערישן און פראָדוקטיוון לעבן ווי מיר זעען עס אין די לענדער פון צפון־און דרום־אַמעריקע, דרום־אַפריקע און אויסטראַליע. מען דאַרף אויך נעמען אין אכט דאס באַנייטע לעבן אין שטעט און לענדער, וועלכע זיינען אין די שווערע סטאַלין־יאָרן געווען געצוואונגען איבער־צורייסן, אפצושטעלן און ליקווידירן דאס קולטור־שעפערישע לעבן אין יידיש. אויך אין מדינת־ישראל, מיט דער פאַרגרעסערטער און פאַרשטאַרקטער עליה פון די אייראָפּעאישע און אויך אַמעריקאַנער לענדער, איז געוואַקסן די צאָל יידיש־געברויכער און יידיש־שאַפער אין אַזעלכע מאָסן און פאַרמען, וואָס זיינען אונדז ניט באַקאַנט געווען פריער.

עס איז באַקאַנט אין דער העברעאישער פובליציסטיק פון אַמאָליקע יאָרן דער אויסדרוק: „בואו חשבונה!” — לאָמיר מאַכן אַ חשבון, אַ חשבון־צדק און אויך — אַ חשבון הנפש. און דער חשבון דאַרף געמאַכט ווערן מיט דער גאַנצער אחריות און ערנסטקייט, — אָט דער חשבון ווערט איצט געמאַכט אַליין פון זיך, אַפּט אויסער אונדזער איניציאַטיוו, כוונה און ווילן.

און די פראַגע פון אַלע פראַגן אין דער־אָ ריכטונג איז: וואָס דאַרף מען און וואָס מוז מען טאָן, אַז די גרויסע נאַטירלעכע שאַפונגס־ענערגיע פון די גרויסע צאָלן פאָלקס־מענטשן אין די אַלע ישובים, וועלכע זיינען פאַרבונדן אַקטיוו און פּאַסיוו, באַוואוסטזיניק אָדער אָן זייער ספּעציעלן ווילן, — מיט דער יידישער קולטור, יידישן לשון, יידישן שאַפן און יידישער ליטעראַטור, און וועלכע לעבן אין דער יידישער וועלט, וואָס איז אייגנאַרטיק און אייגנטימלעך — וואָס טוט מען, אַז אָט די שאַפונגס־ענערגיע זאָל ווי געהעריק אויסגענוצט ווערן?

די קולטור־ליטעראַרישע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, — די פּרעסע, די טעגלעכע, וועכנטלעכע און חודשלעכע; די יידישע פאַרלאַגן, שולעס, סעמינאַרן; די יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, צענטראַלע און אָרטיקע אין אַלע לענדער; די טעאַטערן, טעאַטער־גרופּעס און טרופּעס; יידישע ראַדיאָ־סטאַנציעס, יידישע ביבליאָטעקן אָדער יידיש־אָפּטיילונגען א.א.וו. — מיט וועלכע ניט נאָר מעכאַניש, נאָר אידייאיש, אָרגאַניש זיינען פאַרבונדן צענער טויזנטער שעפערישע, אַקטיווע, מיט לייב און לעבן איבערגעגעבענע טרייע טוער־שאַפער, וועלכע טראָגן די לאַסטן און פירן אויס די פליכטן גערן, מיט פרייד, שטאָלץ און ווירדע; מיט גלויבן און ווילן פאַר אַ ווייטערדיקן לעבן־שאַפן.

קענען מיר און מעגן מיר באַטראַכטן זיי אַלעמען ווי אַ „דור המדבר”, וואָס איז פאַראורטיילט אויף אומקום, אויף אויסשטאַרב, אויף לעצטע שבלעצטע, אָן

קיין שום וואוקס און נאכוואוקס, אָן קיין שום איבערבלייב?
און מיר קענען און דארפן צובאַמקען:
געוועזן, און שוין, — נאך אלעמען?

5

ניין, ניט כאפן זיך און ניט איילן זיך צו זאגן דעם „רבנן קדיש" נאך יידיש! — דאס דארף זיין אונדזער ערשטער און ערנסטער זאג צו די אלע, וואס זיינען גרייט צו באגלייטן אונדזער יידיש־לשון, די יידישע ליטעראטור, די „לעצטע" יידישע שרייבער אויפן עולם האמת!

גראד האבן מיר געהאט די לעצטע צוויי־דריי יאר ציפערן, וואס רעדן קלארער און איבערצייגנדיקער, ווי סתם ווערטער און וואונטשן. אין די פאראייניקטע שטאטן האבן דא ניט לאנג ארום א האלבן מיליאן יידן אנגעגעבן יידיש אלס זייער מוטער־שפראך. און זיכער זיינען דא נאך אזוי פיל און מער יידן, וואס פארשטייען יידיש, הגם זייער שפראך איז טיילוויז ענגליש. אין ראטנפארבאנד האבן (נאך די אלע פארפאלגונגען, וואס זיינען געווען בימי־סטאלין און זיינע ארויסהעלפער) — אין יאר 1959 אנגעגעבן יידיש ווי זייער מוטער־שפראך ארום 475 טויזנט. איצט וואלטן זיכער מער יידן אנגעגעבן יידיש־לשון ווי זייער שפראך. — און אזוי אין אנדערע לענדער איבער דעם וועלט־קיילעך, וואו גרעסערע צאלן יידן האלטן זיך שטאל און אייזן פאר דער יידישער שפראך. הגם, „געוויסע" נאציאנאלע קרייזן באמיען זיך אויף פארשיידענע אופנים אונטערצוגראבן די יסודות פון יידיש און מען טוט אלץ צו פארמינערן איר ווערט און אנזען.

ריכטיק האט געשריבן מיט א פאר יאר צוריק אָן אנגעזעענער שרייבער אין ניו־יארקער „טאג". אז „יידיש ווערט דערמארדעט פון די דאזיקע, וואס דארפן זי באשיצן". און ער האט אויסגעפירט, אז „ס'דארפן, ס'וועלן זיך געפינען ליבהאבער פון יידיש, וואס וועלן ניט דערלאזן צום דאזיקן מארד" (24־טן פעברואר, 1962)... און עס האבן לעצטנס זיך געפונען יונגע און עלטערע, ווייניק־באקאנטע און באוואוסטע יידישע שרייבער־טוער, וואס זיינען צוגעטראטן אקטיוו צו באשיצן יידיש קעגן די אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע שונאים.

אין די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע איז איצט טעטיק א נייע קולטור־באוועגונג מיטן נאמען „יוגנטרוף", וואס פאר דער קורצער צייט פון איר עקזיסטענץ האט זי שוין באוויזן מיט מעשים, אז זי פארנעמט זיך אויף ברייטע וועגן. סוף זומער, 1964, איז אפגעהאלטן געווארן די גרינדונג־פארזאמלונג, וואו עס איז געלייגט געווארן די באזע פאר דער ארגאניזאציע, צו וועלכער עס ווערן צוגעצויגן מיטגלידער פון אלע ריכטונגען אויף דער יידישער גאס, אין פארשיידענע גרעסערע שטעט. עס איז ארגאניזירט געווארן א ברייט־פארטראכטע אר־

גאניזאציע „בני יידיש" אין ניו־יארק און אין אנדערע גרעסערע שטעט פון אמעריקע. דאס יידישע פוילן, וואס ציילט יידן א דריטל, פערטל, פינפטל פון פילאדעלפיע, קליוולאנד, שיקאגע, קאנאדע, לאס־אנזשעלעס, ווייזט ארויס (מיט דער ברייטער און פולער אונטערשטיצונג פון דער פוילישער רעגירונג) אויף אלע געביטן פון יידישן שאפן וואונדער איבער וואונדער. אויסער דער פרעסע, אייגענעם טעאטער, פיל יידישע וועלטלעכע שולן, לערער־סעמינארן א.א.וו., — עקזיסטירט דער פארלאג „יידיש בוך" וועלכער האט פאר די לעצטע 20 יאר ארויס־געגעבן 322 יידישע ביכער (95 פראזע־ווערק, 50 — פאעזיע, 32 קלאסיקער, 70 ביכער געווידמעט דער יידישער מארטיראלאגיע און ווידערשטאנד, 18 בענד ליטעראטור־און קונסט־קריטיק, 18 פאר קינדער א.א.וו.) אין אנדערטהאלבן מיליאן עקז. עס איז א גוטער ענטפער דעם נאציזם און היטלעריזם, וואס האט געוואלט אפווישן דעם יידישן ישוב אין פוילן, צוזאמען מיטן גאנצן יידישן פאלק פון מזרח־און מערב־אייראפע.

עס איז אויך וויכטיק צו באטאנען, אז דאס יידישע פוילן דינט פאר א מוסטער פאר די אנדערע יידישע ישובים אין אייראפע. סימנים פון אט דער וואקסנדיקער פארבינדונג און קעגנזייטיקער גייסטיקער קולטור־און שאפונגס־אויסטויש האבן מיר באמערקט די לעצטע חדשים, ווען עס האט זיך פארשטארקט דער דירעקטער קאנטאקט און בשותפותדיקע דערקלערונגען. פריער מיט יארן, און אפילו חדשים, האט מען עס ניט געזען און ניט געהערט.

וואס פארא טענות און תביעות, וואס פארא פארדרוסן און פאראיבלס מיר האבן ניט געהאט און האבן נאך איצט צום ראטנפארבאנד אין שייכות מיט די אלע טראגישע גרוילטאטן און חורבנות בנוגע דער יידישער קולטור, יידישן לשון און זיינע פארשטייער און שאפער, וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארן אָן קיין שום זינען און סיבות, — דארפן מיר איצט קאנסטאטירן, מיט געוויסער באפרידיקונג, אז „דער אייז האט זיך גערירט", און אז עס זיינען לעצטנס געמאכט געווארן אייניקע שריט, וואס ווייזן א קער צום בעסערן, צום גוטן. דאס דערשיינען פון „סאוועטיש היימלאנד", וואס גרופירט ארום זיך איבער הונדערט יידישע שרייבער, דיכטער, דערציילער און ליטעראטור־פארשער, וואס גייט ארויס יעדן חודש אין 160 זייטן, און דאס אויפלעבן, אמת מיט א צו פאמעלעכן טעמפא, פונעם יידישן פארלאג, וועלכער איז דערווייל א מין צוגאב, א „סובלאקאטאר" (שכן) צום גרויסן „סאוועטישן פארלאג ביים סאוועטיש־רוסישן שרייבער־פארבאנד", — דאס אלץ איז דאך א שריט פאראויס, א מין דורכברוך אין דער מויער־וואנט, וועלכע האט פארשפארט דאס יידישע לשון, דעם יידישן שרייבער, די יידישע קולטור מיט אלע אירע צווייגן אין א תפיסה במשך פון לאנגע שווערע יארן, אָן אויסזיכט און האפנונג אויף באפרייאונג. זיינען מיר צופרידן פון דער ענדערונג, הגם ווייט־ווייט ניט באפרידיקט. אבער דער פאקט, וואס איבער הונדערט יידישע שרייבער אין די אלע געגנטן פון

סאוועטנפארבאנד האבן באקומען די מעגלעכקייט און דאס רעכט צו שרייבן, צו פארעפנטלעכן זייערע שאפונגען, און עס זיינען געשאפן געווארן אויסזיכטן אויף ווייטערדיקן וואוקס און אויסברייטערונג פון די גינסטיקערע באדינגונגען פאר זייער קולטור־שעפערישן לעבן, — דאס איז שוין א שריט פאראויס. באַ־דארפן מיר פארלאנגען פולע רעכט און מעגלעכקייטן פאר א פולשטענדיקן אויפ־בוי און אויפלעב פון דער יידישער קולטור און יידישן שאפן, ווי עס האבן און געניסן אנדערע נאציאנאליטעטן אין ראטנפארבאנד, אָן קיין שום באגרע־נעצונג און „קראָמיע יעוורעיעוו״־געזעצן און איינשטעלונגען.

מיר קענען אויך מיט פרייד באצייכענען די וויכטיקע טעטיקייטן און אויפטוען לטובת יידיש און יידישן שאפן אין מדינת ישראל אין די לעצטע יארן און אויך אויף פאזיטיווע פראצעסן, וואס קומען פאר אין דער באציאונג און אין דער אויפפאסונג פון דעם באדייט און ראלע פון דער יידישער שפראך און איר ליטעראטור אין דער היגער יידישער געזעלשאפטלעכקייט. באדייטנדיקע סימנים פאר דער באזינונג זיינען אָן ספק פאראן. קודם כל, — אויסער יחידישע פאנאטישע גרופעס און קרייזן — באגרייפט מען, אז ניט אויף די חורבות פון יידיש, יידישן שאפן, יידישער ליטעראטור און קולטור איבער דער גארער וועלט און אוודאי דא אין לאנד, קען אויפגעבויט ווערן די העברעאישע ליטעראטור, דאס העברעאישע שאפן און די העברעאישע קולטור אין ברייטן און טיפן פארנעם. עס איז צום באמערקן א געוויסע „פארברידערונג אויף די פראנטן״, א ווילן צו קומען צו א וואפנשטילשטאנד, צו א פארשטענדעניש פאר קעגנ־זייטיקן שותפותדיקן, צוזאמענלעבן אויף פארשיידענע אופנים. און אפט גייט עס אזוי ווייט, אז עס איז דא א באגער צו דערגרייכן א צושטאנד פון שוועסטער־ליטעראטורן, פון שוועסטער־שפראכן. עס קומט פאר דא און דארטן א ווילן און שטרעבן פאנאנדערצעווארפן די מחיצות, די גרענעצן צווישן יידיש און העברעאיש, און די איבערציגונג, אז איין שפראך קען דערגאנצן, פארפולן און בארייכערן די צווייטע. אפטמאל איז עס שיעור ניט ווי „שניים מקרא ואחד תרגום״, ווען עס ווערן ארויסגעגעבן וויכטיקע דיכטערישע ווערק — אויף איין זייט דער מקור אין יידיש, אויף דער צווייטער — די איבערדיכטונג אין העברעאיש. אדער די אלץ־אפטערע דערשיינונג פון ווערק, זאמלונגען, יזכור־ביכער און פנקסים, וואו מיר האבן סיי העברעאישע שאפונגען און סיי יידישע. און עס איז ניט קיין שטנז, עס איז ניט קיין שטער, ווייל „יש מקום בראש״, פאראן ארט אויפן קאפ פאר צוויי פאר תפילין...

אין אט דעם פעלד פון איבערגיסן די שאפונגען פון יידיש אויף העברע־איש און פון העברעאיש אויף יידיש איז פיל געטאן געווארן. די דערגרייכונגען דארפן באגריסט ווערן, זיי האבן פאר ביידע ליטעראטורן א קאלאסאלן באדייט. אבער אט די גרויסע וויכטיקע ארבעט איז געטאן געווארן אָן א פאסיקן, פאראויס־אויסגעארבעטן דורך אויטאריטעטן פלאן. אפטמאל איז מען געגאנגען אויפן וועג

פון לייכטן ווידערשטאנד, אדער זיך געלאזט פארפירן פון ניט גוטע כוונות, אדער סתּם „פראטעקציאניזם", „גוטברודערשאפט", וואס האט געבראכט דערצו, אז מען האט אריינגעלייגט פיל מי, מיטלען ארויסצוגעבן צוויטראנגיקע יידישע ווערק, וועלכע האבן ניט פארדינט, מ'זאל זיי אריינברענגען אין די אוצרות פון העברעאישן שאפן.

עס איז געקומען די צייט מען זאל האבן פאר זיך א פול בילד, א גענויע פארשטעלונג פון דעם, וואס איז ביז אהער אויפגעטאן געווארן ביים איבערזעצן פון איין שפראך אויף דער אנדערער, כדי צו קענען פארזעצן אט די וויכטיקע ארבעט בטוב טעם ודעת, מיט גוטן געשמאק און וויסן. די ארבעט פון איבערזעצן דארף טראגן א סיסטעמאטישן כאראקטער און צו דער דאזיקער זייער וויכטיקער ארבעט דארפן צוגעצויגן ווערן פאכמענער, גוטע קענער פון דיביידע שפראכן, וועלכע זאלן איבערזעצן און ניט איבערפירן די ווערק וואס זיינען ראוי צו קומען צו די לייענער פון דער צווייטער שפראך, פון יידיש אדער העברעאיש. באגריסנדיק אט די איניציאטיוו פון די וויכטיקע קולטור־ארויסגעבערישע קערפערשאפטן, דארף מען אבער שטעלן זיי באדינגונגען, מאנען אחריות, און אויך אפצייכענען די גוטע דערגרייכטע רעזולטאטן. און זאל עס ניט זיין קיין ענין פון הפקר, פון „כל דכפין".

אבער וואו איז די אינסטיטוציע, וואס זאל נעמען אויף זיך אט די וויכטיקע אויפגאבע, אכטונג צו געבן אויף דעם אלעם, זאל געבן די נויטיקע אנווייזן און וואס זאל האבן די אויטאריטעט ביים עולם, ביי שרייבער און איבערזעצער, און ביי די ארויסגעבער? און ווער זאל טאקע זיך פארנעמען מיט אט די פראבלע־מען, סיי דא אין לאנד, און סיי אין אנדערע לענדער, וועלכע האבן א שייכות צו דעם געביט?

6

נאך אין יאר 1937, אויפן אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס אין פאריז, ביים בייזיין פון פארשטייער פון 23 לענדער און ביי דער באטייליקונג פון באוואוסטע יידישע שרייבער, קינסטלער, וויסנשאפטלער און קולטור־טוער, האט מען, נאך א לענגערן ישוב־הדעת איבער די באריכטן פון לענדער, אנגע־וויזן אינעם מאניפעסט אויף דער נויטיקייט: „העלפן מיט קולטור־קרעפטן און אנדערע מיטלען די קלענערע יידישע קיבוצים, וואס זיינען פאנאנדערגעווארפן איבערן גאנצן ערד־קיילעך און פאר וועמען דער וועלט־צענטער איז פון גאר א באזונדערן באדייט". און פון דעם איז ארויסגעקומען דער באשלוס: „קאָארדינירן די קולטור־טעטיקייט פון אלע לענדער מיט א יידישן קיבוץ, וואס דאס הייסט, אין דער ערשטער ליניע: אנהאלטן דעם נויטיקן גלייכגעוויכט צווישן די פאר־שיידענע קולטור־צווייגן; פארהיטן פון כוחות־פארשווענדונג דורך דופליקאציע; העלפן דער נארמאלער פארטיילונג פון קולטור־קרעפטן צווישן פארשיידענע

לענדער; באזארגן די יידישע קולטור־וועלט מיט אינפארמאציע וועגן דער גאנצער קולטור־ארבעט אין פארשיידענע לענדער; ארגאניזירן א קולטור־פארקער אין א וועלט־מאסשטאב". און ווייטער: „אונטערנעמען קולטור־אקציעס און גרינדן קולטור־אנשטאלטן און קולטור־אונטערנעמונגען, וואס זיינען איבער די כוחות פון איין לאנד". און אזוי ווייטער...

און אויב עס זיינען געווען גרויס די נויטן און באדערפענישן אין 1937, פארן היטלער חורבן און פאר דעם יידיש־חורבן בימי סטאלין, ווען עס זיינען געווען אין די גרויסע יידישע ישובים גוט־ארגאניזירטע קולטור־געזעלשאפטן, און מיר האבן געהאט ירושלימס „דפוילן", „דליטע" א.א.וו. — וואס זאלן מיר איצט זאגן, ווען א שטיק יידישע קולטור־וועלט איז חרוב ונחרב, און די צאל קליינע און קלענערע יידישע ישובים און קיבוצים איז פארמערט געווארן?

אפילו אזא פשוטע און נוצלעכע זאך, ווי א ביבליאגראפישע צענטראלע פונעם יידישן בוך, וואס זאל ניט אנגעבן בלויז א טרוקענע רשימה פון נעמען פון ביכער, וואס דערשיינען איבער דער יידישער וועלט, נאר וואס זאל ברענגען גענויע, גוט באארבעטע און גרינטלעך־צונויפגעשטעלטע רשימות פון ביכער, זשורנאלן, בראשורן, ארטיקלען, רעצענזיעס א.א.וו. וואס ווערן פובלי־קירט אין גאר דער יידישער וועלט, כדי מיר זאלן האבן א בילד פון אונדזער שאפונגס־פראדוקציע אין אלע יידישע וועלט־טיילן. אמאל, בימי ווילנע, האט טיילוויז געטאן אט די ארבעט דער ייווא.

מיר האבן דאך אפילו ניט קיין רשימה פון די טאג־צייטונגען, וואכנבלעטער, חודש־שריפטן, זאמלביכער, העפטן, בראשורן, וועלכע דערשיינען אין דער יידישער וועלט, און אוודאי ווייסן מיר ניט וועגן וויכטיקע ליטעראַרישע ארבעטן, וועלכע ווערן פארעפנטלעכט אין דער פרעסע. מיר מעגן אויך וויסן וועגן דעם, וואס עס ווערט געשריבן וועגן דער יידישער ליטעראטור, וועגן שרייבער און ווערק אויך אין ניט־יידישע צייטונגען און ביכער. און עס איז דאך די לעצטע יארן גרויס די צאל פון ווערק אויף יידישע טעמעס, וועגן יידישע פראגן און פראבלעמען, ווי אויך וועגן דער נאענטער און ווייטער יידישער פארגאנגענהייט אין ווערק פון ניט־יידישע שרייבער. און עס מערט זיך די צאל איבערזעצונגען פון יידיש אויף אנדערע, גרעסערע און קלענערע, שפראכן א.א.וו.

און פארוואס זאלן מיר ניט האבן קיין אויג און פירן א ריכטיקן חשבון וועגן דעם יידישן טעאטער, וועגן די יידישע טעאטער־טרופעס, וועגן טאלאנטפולע שוישפילער, רעזשיסערן, וועלכע זיינען דא אין ווייטע לענדער, זיינען אפגעריסן פון אנדערע יידישע קולטור־שעפערישע צענטרען? און ווייסן מיר דען וועגן די וויכטיקע אויפפירונגען, דראמאטיזירונגען, פיעסן, למשל, פון אזא לאנד ווי די יידישע רומעניע, אדער די ווייטע אויסטראליע, אדער גאר פון ווילנע אדער דרום־אפריקע א.א.וו. מיר ווייסן דאך גוט, אין וואס פאר א ביטערן נידעריקן

מצב דאס יידישע טעאטער געפינט זיך, און מיר זיינען דאך עדות ווי די מערסטע טעאטער־אויפפירונגען, מיט זייער טעמאטיק, זייער שפילן, זייער חוזקן אויף דער היגער יידישער בינע, זיינען שעדלעך און פארשאפן אונדז שפיכת־דמים. דער אינטערעס און דער דראנג צום יידישן טעאטער איז דאך אזוי גרויס דא אין לאנד, אז אין איין צייט, אין איין טאג שפילט מען אין תל־אביב און אין אנדערע גרעסערע און קלענערע פונקטן פון לאנד. אבער וואס גיבן זיי דעם עולם? איז דען ניט אנגעווענדט אויף זיי דאס ווארט: „יצא שכרו בהפסדו?" זיי ברענגען פיל שאדן, דריקן אראפ דעם ניווא פון דעם יידישן צושויער אנשטאט אים צו דערהויבן. אבער וויבאלד, אז עס איז ניטא קיינער וואס זאל אכטונג געבן, און קיין אויטאריטעטע אינסטיטוציע, וואס זאל זיך ארייננמישן, — איז דאך לית דין ולית דיין!

אבער דאס איז אגב אורחא. לאמיר זיך אומקערן צום עיקר העיקרים: וואס דארף שטיין פאר אונדז אלעמען, ווען מיר טראכטן זיך גוט אריין אין דעם מצב פון דער יידישער שפראך, פון דעם יידישן שאפן, און טראכטן וועגן מיטלען און מעגלעכקייטן צו פארבעסערן די געשאפענע לאגע? מיר זיינען מחויב קודם כל אויפווייזן און טייטלען אויף די בלויזן, אויף די באגאנגענע פעלערן, און זוכן תרופות, מאסמיטלען ווי צו פארבעסערן די לאגע.

מיר ווייסן גוט, אז קיין שום ליטעראטור, אפילו די גרעסטע און די מעכטיקסטע, קען זיך ניט באגיין אָן איבערזעצונגען פון אנדערע שפראכן, פון אנדערע ליטעראטורן, — אמאליקע פארצייטיקע, אדער היינטיקע, מאדערנע. עס איז איצט, ניט געקוקט אויף די שטענדיקע „קאלטע" און „הייסע" קריגן און שטרייטן צווישן לענדער און פעלקער, — דאך איין גרויסע וועלט, מיט אלגע־מיינע ליטעראטורן און קולטורן, קונסט־און וויסנשאפט־אינטערעסן און נויטן. און יודעי־דבר ווייסן גוט, ווי גרויס עס איז די לעצטע יארן אין יעדער ליטעראטור די צאל איבערגעזעצטע ווערק אויף אלע געביטן פון מענטשלעכן וויסן. און געוועזן צייטן, פאר דעם צווייטן וועלט־קריג, וואס אויך מיר אין דער יידישער ליטעראטור, האבן געהאט געזעלשאפטלעכע און פריוואטע פארלאגן, וואס האבן עס פארשטאנען, מען האט ארויסגעגעבן ביכער, איבערגעזעצט פון אנדערע שפראכן און דערמיט באַרייכערט אונדזער יידישע ליטעראטור און דער־מיט אויך צוגעצויגן גרעסערע צאלן לייענער. די לעצטע יארן, בעוונותינו הרבים, זיינען מיר רעדוצירט געווארן צו א ליטעראטור, צו פארלאגן, צו ביכער בלויז פון אייגענע יידישע מחברים, און מיר טוען גארניט צו פארברייטערן די ראמען, ארייננצוברענגען אין יידיש די וויכטיקסטע ווערק פון אנדערע שפראכן און ליטע־ראטורן. פארוואס עס איז אזוי איז פארשטענדלעך: ווייל דאס רוב איז דער שרייבער גופא דער פארלעגער, דער מעצענאט פון זיין בוך, אדער ער שאפט א קאמיטעט, אָן אמתן צי א פיקטיוון. איז פארוואס וועט ער גיין אויף זיין חשבון אדער איניציאטיוו ארויסגעבן א בוך פון א פרעמדן מחבר? צו וואס אזא צר־

שטאנד, אזא סימן דלות ברענגט איז איבעריק צו זאגן... עס איז אפילו א בזיון, און מען דארף בעטן: אל תגידו בגת... (גת — מיין איך: גאַס !!). זאלן מיר לאזן אזא אומנאָרמאלן צושטאנד ווייטער אזוי?

און אפילו דער ענין פון די איבערזעצונגען פון יידיש אויף העברעאיש און פון העברעאיש אויף יידיש. אויך אין דעם פעלד הערשט א ניט־נארמאלע לאגע, וואס רופט זיך אפ שלעכט אויף די טעטיקייטן. מיר האבן ניט קיין פולע רשימה פון די דערשינענע איבערזעצונגען פון העברעאיש אויף יידיש, און פארקערט — פון יידיש אויף העברעאיש. אבער אפילו אַן אויבנאויפיקע באקאנטשאפט און באטראכטונג זאגט אונדז, אז פון יידיש אויף העברעאיש ווערט פיל, פיל מער איבערגעזעצט, ווי פון העברעאיש אויף יידיש. און עס זיינען דערביי פאראן סיבות און איינשטעלונגען: די ערשטע — מען וויל „ראטעווען" די יידישע ווערק, געבן זיי א „השארת הנפש", ווייל... יידיש גייט דאך אונטער, און די יידיש־שיף האלט דאך ביים זינקען א.א.וו. אבער אין תוך ווּאלטן די ביכער, וואס ווערן איבערזעצט פון העברעאיש אויף יידיש, געהאט מער לייענער און וואלטן געקענט ברענגען, ביי דער איצטיקער צייט, מער נוצן דעם טרייען און איבער־געגעבענעם יידיש־לייענער אין אלע וועלט־טיילן. און פארקערט, דאס בוך וואס ווערט איבערגעזעצט פון יידיש אין העברעאיש, חוץ אייניקע אויסנאמען, האט פאר זיך א קליינע צאל פאראינטערעסירטע לייענער. איך זאג עס פון דערפארונג, און זאלן די, וואס האבן א דעה (און די מאה !!) זיך גוט אריינ־טראכטן אין אט דעם ענין. עס איז א זייער וויכטיקע פראגע, און מען מוז ציען אויספירן פון דעם, וואס עס איז פארווארלאזט אינגאנצן דער געביט פון אריינ־ברענגען אין יידיש די שאפונגען פון אנדערע ליטעראטורן און שפראכן, און ממילא — אויך פון העברעאיש.

7

און לסוף: מיר שטייען פאר זייער א וויכטיקער אויפגאבע — צו אינטע־רעסירן זיך, צו וויסן, צו פירן א חשבון פון דעם, וואס עס ווערט געשאפן אין דער יידישער שפראך אין אנדערע לענדער. עס דערשיינען יידישע ביכער אין פארשיידענע עקן יידישער וועלט; עס באווייזן זיך שרייבער, דיכטער, פארשער, עסייאיסטן; עס ווערן פארעפנטלעכט ביכער, וואס ווען זיי וואלטן געפונען אַן אפרוף, וואלט עס צוגעגעבן די מחברים קוראזש, פרעסטיזש און וואלט זיי סטימולירט פאר ווייטערדיקע פארמעסטן, אבער וויבאלד, אז עס איז ניטא קיין שום אפרוף, פארלירן זיי דעם ווילן, דעם מוט און די שאפונגס־ענערגיע.

און גראד דערפאר, וואס אונדזערע שרייבער, דיכטער, פארשער, זיינען צעזייט און צעשפרייט איבער די ווייטע לענדער און ישובים, און זיי געפינען זיך ממילא אונטער די איינפלוסן פון יענע אויסטערלישע און מערקווירדיקע סאציאלע, פאליטישע, ווירטשאפטלעכע און געאגראפישע באדינגונגען און

ספערעס, גיט עס צו זייערע ווערק א באזונדערן קאלאריט, כאראקטער און אייגנשאפט, און די אריגינעלע שאפונגען, וואס קומען פון די ווייטע לענדער וואלטן זיכער אריינגעבראכט נייע מאטיוון, נייע פארבן, נייע פראבלעמען פון לעבן, פון שטרייטן און ראנגלענישן, פון לעבנס־שטייגערס, וועלכע וואלטן געווען און אפילו אויסגעזען עקזאטיש, אויסטערליש. עס וואלט זיכער געווען א באררייכערונג פון דער יידישער ליטעראטור, איר טעמאטיק, איר פארנעם, איר אויסזען און כאראקטער. אבער דערצו מוז מען איינשטעלן ענגערע פארבינדונגען צווישן די יידישע ליטעראטורן פון די פארשיידענע יידישע ישובים אין די פארשיידענע לענדער. אזעלכע קעגנזייטיקע השפעות וואלטן געווען א מזל־ברכה פאר דער יידישער ליטעראטור און פאר אירע שאפער.

טאקע צוליב אט דער צעזייטקייט און צעשפרייטקייט איבער דער גארער וועלט, און צוליב דער אפגעריסנקייט איינער פונעם אנדערן, פארבלייבן וויכטיקע יידישע שרייבער און ווערק אומבאקאנט און פרעמד אין דער יידישער שעפע־רישער וועלט. אמאל, אין זעלטענע פאלן, ווערט געשריבן אַן איילקע רעצענזיע וועגן א בוך, וואס דערשיינט ערגעץ הינטער די הרי־חושך אדער ערגעץ פון יענער זייט סמבטיון, אבער עס גיט זייער ווייניק סיי דעם מחבר און סיי דעם לייענער. און גראד וואלטן די־א שרייבער־קינסטלער, וואס האבן דורכגעמאכט די לעצטע יארצענדליקער די שבעה מדורי גיהינום, סיי ביי זיך אין לאנד, און סיי אין די לענדער וואוהין זיי זיינען געלאפן צו זוכן שוץ און ראטעווען זייער לעבן, האבן זייער פיל וואס צו דערציילן און צו שילדערן. א טייל פון זיי פארעפנטלעכן אין די ארטיקע צייטונגען און צייטשריפטן אפגעהאקטע, אפגע־ריסענע זכרונות־איינדרוקן פון א קינסטלערישן און געשיכטלעכן ווערט, אבער זיי זיינען פארלוירן פאר אונדז, זיי דערגייען ניט צו אונדז.

מיר נויטיקן זיך גאר באזונדערס אין וואגיקע, ערנסטע אלגעמיינע אפהאנדלונגען וועגן דער יידישער ליטעראטור, וועגן דעם יידישן שאפן, וואס זאלן מאנען, לערנען, אנווייזן אויף די וויכטיקע געשעענישן אינעם אלגעמיינעם און יידישן לעבן, אויף די ראשיקע ענדערונגען, אויף די גייסטיקע, אידייאישע איבערוואנדלונגען און פראצעסן, וואס געהערן זיך שטארק אָן מיט אונדז, מיט אונדזער לעבן־שטרעבן. מיר באדארפן אנרעגן און סטימולירן די שאפער, ווייזן אויף דורכרייסן, בלויזן און באטאנען די נייע וועגן און שטרעמונגען אין דער גייסטיקער אינטעלעקטועלער וועלט, אויף די זוכענישן, עקספערימענטן פון גרויסע מאדערנע קינסטלער. מיר טארן ניט בלייבן אין דער גייסטיקער געטא, וואס מיר שאפן פאר זיך אליין.

מיר זיינען, — צי מיר ווילן אדער ניין, — בירגער פון דער גאנצער וועלט, און קענען ניט זיך פאררוקן אין ווינקלען, און ארומרינגלען זיך מיט צוימען און פארצוימונגען. קענען מיר ניט נאכיאגן נאך דער וועלט־ליטעראטור און נאך

אירע היינטצייטיקע שאפער־קינסטלער דורך איבערזעצונגען פון די וויכטיקסטע ווערק פון דער מאדערנער וועלט־ליטעראטור, — די בעלעטריסטישע, עסייאיסטישע, קריטישע ווערק און היסטארישע מאנאגראפיעס, לאמיר לכל הפחות האבן אזא זשורנאל ווי, למשל, „דווקא", וואס דערשיינט אין בוענאס־איירעס (ארגענטינע), וואס זאל זיך פארנעמען ניט מיט געשיכטלעכע און ווייט־געשיכטלעכע דענקער, נאר מיט די היינטיקע אידייאישע און אינטעלעקטועלע שאפונגען, און זאל זיין געווידמעט די פראבלעמען פון ליטעראטור, קולטור און קונסט אין זייערע פארשיידענע צווייגן. אזא זשורנאל, צום ביישפיל, ווי דער סאָוועטישער „וואָפראָסי ליטעראטורי", וואו מיר האבן חודש־איין חודש־אויס אויסשעפנדיקע באריכטן, ארטיקלען, אפהאנדלונגען, סימפאזיומס, אינטערוויוען, דיסקוסיעס וועגן דעם וואס עס טוט זיך אין וועלט־שאפן און אין דער סאוועטישער ליטעראַרישער וועלט.

מיר האבן פארשיידענע יידישע וועלט־קאנגרעסן, מיט וועלט־קולטור־קאנגרעסן, מיט צווייגן, פארשטייער און שליחים איבער דער גארער יידישער וועלט, פארוואס זאלן זיי ניט ארויסווייזן קיין שום אינטערעס צום גייסטיק־שעפערישן יידישן לעבן אין די ווייטע „תפוצות"? מיר וואלטן געשטוינט, וויפל אינטערעסאנטע קינסטלערישע דערשיינונגען אויפן געביט פון ליטעראטור, טעאַטער און קונסט עס ווערט געשאפן אין די אלע ווייטע יידישע ישובים, וואס גייען לאיבוד, ווערן פארלוירן אין די ווייטע לענדער...

הקיצור, עס שטייען פאר אונדז פיל, פיל וויכטיקע אויפגאבן, וואס ווארטן, מ'זאל זיי רעאליזירן און לייזן...

איז ווער, ווער זשע וועט זיך נעמען צו דעם?

יוני 1965 — אלונים, ביי חיפה



אברהם ישכיל: אדם און חוה

מרדכי קראַשניץ

חיפהער יידישע שרייבער

א. לייב חיין־שמעוני

דער באַקאַנטער ישׂראל־דיכטער יוסף פּאַפּיערניקאָוו, האָט מיט יאָרן צוריק געזונגען:

„מיר גייט נישט אין דעם כ׳זאָל האָבן דערגאַנגען;
מיר גייט נאָר אין גאַנג אויף אַ זוניקן וועג.״

לייב חיין־שמעוני געהערט צום זעלבן דור יידישע שרייבער אין ארץ־ישׂראל, וועלכע האָבן געזוכט דעם גאַנג „אויף אַ זוניקן וועג״. זיין ליטעראַרישער שאַפן איז טאַקע אַן אויסדרוק פונעם דאָזיקן גאַנג אויף זוניקע וועגן פון ארץ ישׂראלדיקן לעבן. אמת, די וועגן זיינען דורכגעוואַקט געוואָרן מיטן שווייס פונעם יידישן אַרבעטס־מענטש, ניט איינמאָל אויך מיט זיין בלוט, אָבער שטענדיק האָט באַגלייט די זון, — די ליכטיקע זון פון גלויבן און בטחון; די זון פון ליבשאַפט צום לאַנד, פון שטרעבן צו שלום און פריינדשאַפט.

✶

לייב חיין־שמעוני איז דער מחבר פון 6 ביכער. מיטן אויסנאַם פונעם בוך „נעכטן״, זיינען אַלע זיינע ביכער ארץ ישׂראל שאַפונגען. זיי גיבן איבער אין אַ קינסטלערישער פאָרם דעם לעבנס־גאַנג פון ארץ ישׂראל אין אויפבוי און קאַמף. נאָך מער, לייב חיין־שמעוני איז דער איינציקער יידיש־שרייבער אין ישׂראל(און אפשר דער איינציקער בכלל), וואָס דאָס רוב פון זיין שאַפן איז געווידמעט חיפה מיט אירע יידן און אַראַבער; דאָס נייע חיפה זייט איר אויפקום, וואָס הויבט זיך אָן מיט זיין דערציילונג „יעמאַלט״, אינעם בוך „באַרג אַרויף״, ביז צו זיינע לעצטע שאַפונגען.

די פריער דערמאָנטע דערציילונג „יעמאַלט״, פאַרענדיקט שמעוני אַזוי:

„אַ צעדרייטע, ווייזט אויס״, דערציילט דער קברן: „אַ מענטש קומט דאָ יעדן ניסן און אב; אַזוי יאָר איין, יאָר אויס, צעוואַרפט זי די בלומען, שטייט פאַרגליווערט, פאַרלירט אַ טרער, אָדער נעמט אַרום דעם שטיין, גלעט אים מיט אירע באַקן, זיצט ביז אָוונט און גייט אַוועק.

דער איינציקער מענטש, וואָס געדענקט נאָך יענע ערשטע פאַר־געסענע חברים.

העניע הייסט זי״.

העניע איז אבער ניט די איינציקע וואס געדענקט נאך יענע חברים, ס׳איז אויך דא לייב שמעוני וואס געדענקט זיי, — ער האט אויפגעלעבט יענע תקופה און איר פאראייביקט אין אונדזער ליטעראטור.

מיט זיין ערשטן בוך „בארג ארויף״, דערשיינט לייב שמעוני ווי א רייפער און אידייאישער שרייבער; ער גייט בארג ארויף מיט א זיכערן טראט, ווייסט וואוהין ער צילט און וואס ער וויל ארויסברענגען אין זיין שאפן.

דער יידישער ארבעטער, — דער פיאנער און בויער פון לאנד, — האט אויפגעוועקט די הארטע פארשטיינערטע פרוכטלאזע ערד צו א נייעם פרוכטבארן לעבן און געשלאגן אין אירווארצלען. ס׳איז א וויטעקדיקער פראצעס פון איבערבוי, פון צופאסן זיך צו נייע באדינגונגען, פון קאמף מיטן אויפגעהעצטן מדבר־מענטש און, — אויך מיט די אייגענע רייכע פרדסנים, גרויסע סוחרים און כלל־טוער, די שמואל הלל׳ס און זיינס גלייכן. ס׳פאדערן זיך קרבנות: די יונגע אידעאליסטן, — די שמואלס, שלמה׳ס און ברוכס, — גיבן אוועק זייערע לעבנס פארן הייליקן גלויבן. לייב שמעוני לעבט אין דער דאזיקער סביבה, זאפט איין אירע שטימונגען, טרוימען און האפנונגען, צוזאמען מיט אירע ביטערע אנטוי־שונגען און וועג־זוכענישן, דאס אלץ ברענגט ער ארויס אין זיין שאפן.

דאס צווייטע בוך פון ל. שמעוני, דער ראמאן „טאג־איין, טאג־אויס״, איז געווידמעט דער שטאט חיפה, אויפן הינטערגרונט פון אויפבויען איר נייעם וואוינ־קווארטאל — „נוה שלום״ אויפן כרמל־בארג.

אין דעם ראמאן ברענגט ער ארויס פארשיידענע געשעענישן, שטרייטן, קאנפליקטן, און אַ ריי געשטאלטן און טיפן: יידישע ארבעטער — די הויפט העלדן אין אלע זיינע שאפונגען — ארבעטסגעבער, ביוראקראטישע באאמטע, דירעקטארן, פאליציאנטן, אראבער און אראבישע עפענדיס. זיינע העלדן זיינען לעבעדיקע מענטשן וואס באוועגן זיך אפטמאל אין אַן ענגן קרייז און קענען פון אים ניט ארויס; זיי ראנגלען זיך מיט שוועריקייטן, מיט סתירות, ליבן און ווערן פאררעטן, זוכן דאס גליק און געפינען אים ניט, —

„— הייסט עס אז ס׳איז אויס?
— יא, לייבוש, ס׳איז אויס.״

ל. שמעוני איז אַן אידעאליסט, אבער א רעאליסט: ער ווייסט, אז כדי אויפצובויען דאס לאנד דארף מען געבן קרבנות; ער ווייסט אויך, אז דער סאציאלער געראנגל איז א שטענדיקער לעבנס־באגלייטער פונעם מענטש; אז דער יידישער ארבעטער איז געקומען אין זיין לאנד באגלייט און באזעלט מיט דער אידייע אויפצובויען דאס לאנד אויף יסודות פון סאציאלער גערעכטיקייט און קען דעריבער ניט אויסמיידן דעם סאציאלן געראנגל. ל. שמעוני מאלט דעם

דאזיקן געראנגל אין זיין פולער און רויער נאקעטקייט: די דעמאלט קליינע פראווינץ שטאט חיפה איז צעשטורעמט פון שטרייקן, — אויך אראבישע טאבאק־ארבעטער — געשלעגן, צעשפאלטענע קעפּ, ארעסטן, אויספארשונגען און תפיסות.

דער ראמאן הויבט זיך אָן מיטן אנהויב פון אויפבויען „נוה שלום" און ענדיקט זיך מיט די שיפן וואס ברענגען נייע עולים. אינעם דאזיקן בוך שפיגלט זיך אפ די גאנצע געשיכטע פון ישוב: כיבוש עבודה און כיבוש הקרקע; פאר־ברידערונג מיט די אראבער און קאמף מיטן אויפגעהעצטן אראבישן שכן; אויפבוי פון לאנד און קאמף קעגן די אויסנוצער און ביוראקראטן. און דאך ווערט געבויט, דאס אנגעהויבענע ווערט פארענדיקט; נייע עולים קומען, די מענטשן־רעדער אין טאנץ פלאטערן, דער אוונט זינגט מיט:

„ווער וועט בויען דעם גליל?
מיר בויען דעם גליל!"

לייב שמעוני איז פארליבט אינעם קליינעם זוניקן לאנד ארץ ישראל; ער לעבט ממש מיט דער נאטור פון לאנד און איר פּייזאזש. אירע בערג און טאלן ווירקן אויף אים ווי א כישוף, ס'ליגן אין זיי פארבארגן די סודותדיקייטן פון תנ"ך און די חלומות און בענקשאפטן פונעם יידישן מענטש צום לאנד פון די אבות. אין זיינע דערציילונגען וויקלט שמעוני ארויס די חנען און דעם צויבער פון ישראל:

„יענעם פארנאכט אין פאדערשטן גליל, האט געשפּילט א סימפאניע פון פארבן. אין דער לופט האבן זיך געקוליעט פייגל. היישעריקן האבן צווישן זיך געשמועסט, ווי דער רויש פון א יונגן בלעטער־וואלד. פון די בערג האבן אראפגעשפאצירט גרויסע טשערעדעס שאף, צעשטעלטע אין שורות מיט אראפּגעלאזענע קעפּ. פארויס איז געגאנגען א שווארצער סילועט פון א פאסטוך מיט א לאנגן שטעקן אויף די אקסל. אויפן שטעקן פון ביידע זייטן זיינען געלעגן איבערגעווארפן זיינע העמט. הינטערן פאסטוך איז מיט גדולה פארגעגאנגען א גרויסער באַראַן מיט א קופערנעם גלאק אויפן האלדז. די לופט האט געשמעקט מיט געסמאליעטע דערנער און שעפּסענע מילך."

אדער:

„די גלעקער האבן אויפגעהערט ברומען אין דער שטאט ירושלים. נאכט איז צוגעפאלן. די צעצונדענע שרפות איבערן הימל־געוועלב — אויסגעלאשן. דער מדבר יהודה איז פארשוואונדן, צוזאמען מיטן ים המלח דערטרונקען אינעם חושך. טויזנטער אויגן האבן זיך צעפינקלט ארום בארג ציון און אין טאל רפאים".

אויף די אראבישע סביבה מיט איר אייגנארטיקן אריענטאלישן רייץ, אין וועלכן ס'ליגט דער צויבער פון די „טויזנט און איין נאכט" געשיכטעס, וועקט שמעוניס פאנטאזיע. די דאזיקע סביבה איז איינגעוועבט אינעם ארץ־ישראלדיקן פייזאזש ווי בונטע פעדים אין א פארביקן טעפיך:

„אין די גרויסע אראבישע קאפעען איז געווען פוסט. דער שטענ־דיקער עולם איז געזעסן צעכראשטשעט אין גאס אויף נידעריקע בענקלעך. קינדער אין שמוציקע פארטעכער האבן דערלאנגט לימאנאד, קאפע און אייז־וואסער. מען האט געשפילט דאמינא, „שעזבעז" און אין קארטן. מען האט געקלאפט און געווארפן די ביינער, געשמירט פאסן מיט קרייט אויף נאקעטע טישן. אנדערע זיינען געזעסן ארום א זקן, וואס האט דערציילט אנטופיקע מעשיות. אנדערע האבן געקרעכצט און גערויכערט נארגילעס, דאס וואסער אין די נארגילעס האט געבולקעט, און דער טאמבאנק אונטער די גליענדיקע קוילן האט פארשפרייט א נודנעם חשודן ריח... עס האט געקלאגט א סטאמבולער זינגער פון אן אויסגעריבענער גראמאפאן פלאטע ארויס. צווישן עולם האבן זיך ארומגעדרייט אראבער מיט ווארעמע באַ־בעלעך, געבאקענע קיכעלעך, צעשניטענע שטיקער שעפסענע לעבער, זיי האבן בקול אויסגערופן די מעלות פון זייערע סחורות. אין סאמע מיטן גאס זיינען געזעסן ברייט הויזנדיקע אראבער פאר פייערטעפ, מיט פארשוויצטע צעפלאמטע פנימער האבן זיי געדרייט שטיקלעך פלייש אויף אייזערנע שפיזלען — „שאשליק". עס האבן שפאצירט שלאנקע הויכע בעדואינער אין אבאַיעס, מיט פארדעקטע פנימער, שווארצע ווי די נאכט. עס האבן זיך געשלייכט ווי הונגעריקע הינט חורנער, קינדער און ציגיינער אין טראנטעס, האלב נאקעטע מיט בארוועסע לעדערנע פיס. אן אויסגעשמירטע זונה האט חוצפהדיק געדרייט מיט די אויגן, זיך איינגעבויגן ביי יעדער טישל און פון איר בלוזע איז כלומרשט ניט ווילנדיק ארויסגעפאלן א גרויסע ווייסע ברוסט מיט א טונקל ברוינעם ווארצל..."

„פון א ווייטן מינארעט האט א מואזין געציקלט ניגונים אין דער לופט אריין..."

פונעם ישראל פייזאזש גייט שמעוני אריבער צו די לעבעדיקע באשע־פעניש, דער עיקר צום מענטש. זיינע הויפט העלדן זיינען, ווי שוין פריער דער־מאנט, יידישע ארבעטער. די ארבעט ברענגט זיי פרייד און יום־טובדיקייט; זיי האבן הנאה ווען זיי געלינגט צו בייקומען „אזא ווילדעניש, דורך אזעלכע פעל־דזן". זייער ליבשאפט צו די דערגרייכונגען אין זייער אויפבוי־ארבעט דריקט זיך אויס אויף אן אייגנארטיקן אופן:

„אין אוונט, ווען דער עולם האט זיך געקליבן צום אוונט־עסן, האט מען געזען טעווקען זיצן מיט זיין גרויסן גוף אויף דאס שטיק אויסגע־פרעסט כביש. טעווקע איז געזעסן מיט צעשפרייטע פיס, און מיט זיינע

אייזערנע הענט שטום געגלעט און געפּאַטשט דעם אויבערפלאַך פון די געפרעסטע שטיינער ווי עפּעס א נאָענט ליב באַשעפעניש.״

★

פון א גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער איז שמעוניס בוך „נעכטן״, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1959. א בוך פון 450 זייטן, זכרונות און מעמואַרן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט.

ביים לייענען אַזאַ בוך דערוועקן זיך שטענדיק צוויי גאַנץ באַזונדערע געפילן:

א) א געפיל פון ספק: צי וועט דער מחבר זיין בכוח אויפצוהייבן זיך העכער פון זיך אַליין, אָדער ער וועט דערציילן נאָר וועגן זיך, ער וועט זיין די אַקס און אַלץ וועט זיך דרייען אַרום אים. כאָטש דאָס איז אויך עכט מענטשלעך, ווייל דער מענטש זעט קודם כל זיך אַליין און וויל אַז מען זאָל אים אַרויסזען. בפרט ווען מיר האָבן פאַר זיך מעמואַרן פון א מענטש, וואָס איז זיין גאַנץ לעבן געווען א געזעלשאַפטלעכער טוער; איז געשטאַנען בראש פון געשעענישן, האָט זיי באַאיינפלוסט, און איז געווען א גורם צו געשעענישן און פּאַסירונגען.

ב) א געפיל פון פּיעטעט און דרך־ארץ פאַר לעבנס־נסיון, בעיקר פון א פּערזענלעכקייט, און דאָס לויטן תלמודישן כלל — „מכל מלמדי השכלתי״.

ל. שמעוניס מעמואַרן זיינען געשריבן פּאָפּולער און אינטערעסאַנט. זיי לייענען זיך פליסיק, מען דאַרף זיך ניט אַנשטרענגען צו אַקומולירן אין זיך דאָס געלייענטע. זיינע מעמואַרן, ווי זיין שרייבן בכלל, איז באַהויכט מיט א לייכטן הומאָר, וואָס איז ווי דער טוי וואָס גיט די פּרוכטן דעם גוטן ריח און גוטן טעם. דאָס דאַזיקע פילט מען באַלד ביים אָנהויב ווען ער דערציילט וועגן דער צאַריש־יאַפּאַנישער מלחמה, „דאָס היטל״, א. א. כאָטש ס׳איז א בוך מעמואַרן איז עס דערביי אויך אינטערעסאַנטע פּראָזע: ס׳איז אין אים פאַראַן שילדערונג פון יידישן לעבנס־שטייגער, בפרט אין דעם ערשטן טייל, וואו ס׳ווערט דערציילט וועגן זיינע קינדער־און־יוגנט־יאָרן ביזן אויפקום פון דער ליטווישער מדינה. דאָס טראָגן אים אין חדר, „טויבן״, „זאַלץ״, די ויכוחים אין זיידנס מנין, זיינען זייער קאָלירפול און גיבן איבער די פּאַנאָראַמע פונעם דעמאָלטיקן יידישן לעבן און דעם גויאישן אַרום — א תקופה וואָס זעט היינט אויס כמעט ווי א חלום: יידן אין ליטע האָבן געלעבט אין שכנות מיט רוסן, ליטווינער, פּאָליאַקן און דייטשן, — יאָ, דייטשן! געלעבט מיט זיי מי יודע וויפל דורות אין שלום, געווען אויסגעמישט אין האַנדל, מלאכה, אין שמחות און צער, געבורטן, חתונות, לוויות און יום־טובים מיט קעגנזייטיקע באַזוכן, טראָגן יום־טוב מתנות א.א.וו. ל. שמעוני שרייבט וועגן דעם מיט בענקשאַפט. דאָס זיינען טיפּע שטימונגספולע שילדערונגען אין וועלכע מען פילט ממש אַז ער לעבט איבער נאָך א מאָל דעם

באגינען, וואס קומט אזוי בולט צום אויסדרוק אין דער ליריש־פּאַטעטישער פּאַרענדי־ קונג פון ערשטן קאפּיטל „באגינען".

„בראשית, אין אנהויב, אינעם באגינען פון לעבן.
בראשית האט בלחש, מיט פארכטיקער פרייד נאכגעזאגט מיין ויידע".

ל. שמעוני האט א שארף אויג און א גוטן זיכרון. די געשעענישן וועלכע ער קלייבט אָפּ צו דערמאנען, וואַרפן א ליכט אויף יענער צייט, און די מענטשן וועלכע ער שילדערט קומען ארויס ווי לעבעדיקע עדות פון די געשעענישן. אין איין קאפּיטל דערציילט ער ווי אזוי ס'האט זיך ביי אים צום ערשטן מאל דער־ וועקט דער באוואוסטזיין וועגן דער שפלות פונעם יידישן לעבן אין צארישן רוסלאנד און דער מקור פון שנאה צו די אייגענע יידישע ניקאלאיעווסקע פּאַט־ ריאָטן, די „קריכער", „חונפים". דאס געשעט ווען מען טראגט צו, אין ווילנע, ניקאלייקען א ספר תורה און לייב וועגדעט זיך מיט א „פּאַרוואס?" צו זיין טאטן, ענטפערט אים דער טאטע:

„אט אזא דעלעגאציע, מיין בכור, סימבאליזירט אונדזער מצב, דעם יידישן מצב אין צארישן רוסלאנד."

תשעה באב, 1914, ברעכט אויס די „ערדציטערניש", — די ערשטע וועלט־ מלחמה. מיט גרויס טאלאנט מאלט שמעוני גרויל־בילדער פון דער מלחמה, — דאס אנטלויפן, די מאסן פּאניק וואס באהערשט מענטש און חיה.

די מלחמה־שטימונג ווערט ארויסגעבראכט אויך אין זיין דערציילן וועגן דער ברענענדיקער באד אין פלאטשיצנע, מיט די נאקעטע מענטשן אויפן בריענ־ דיקן פּראַסט, און אויך אין דעם ווי אזוי דרוסקעניק ברענט, ווען די מיט נסים אנטלאפענע פון איר יידן זעען עס פונעם שכנותדיקן דארף — סקלערי:

„פון וויטן ברענט דרוסקעניק. ס'ברענט דער וואלד. דאס אימה־ דיקע רויטע ליכט שפרייט זיך בלוטיק איבער די הימלען, פון וואנען עס קוקט ארויס א פּיצעלע פון א לבנה. דער רויך איז אויך רויט, די הערצער וויינען פון אומרו און ציטער פאר די פארבליבענע אין גהינום."

ס'איז פּרייטיק צונאכטס, שטעלן זיך די יידן אוועק דאווענען און זינגען:

„התעוררי, התעוררי, כי בא אורך,
קומי, קומי, אורי,
התנערי מעפר קומי..."

ס'איז ממש א פּלאסטיש בילד פון יידיש לעבן, פונעם אייביקן יידישן גורל, פון נע־ונד זיין און פון אייביקן ניט אויסשעפּבארן יידישן בטחון און גלויבן.

אין יענע יארן פון „ערדציטערניש", ווערט שמעוני א פּועלי־ציוניק. זיין צושטיין צו די „פּועלי־ציון", פּורים, 1915, קומט פאר אין א טאג ווען פון וויטן

האבן געדונערט די הארמאטן און אין שטאט האט געהערשט א תוהו ובוהו, און ווען די דייטשן זיינען אריינגעקומען קיין סובאַלק צום צווייטן מאל, זינגענדיק „גלאָריאַ וויקטאָריאַ".

איז אין דעם פאראן עפעס פון א סימבאל: דאס צושטיין צו א לינקער ארבעטער פארטיי, וואס קעמפט פאר שלום און פארברידערונג, דווקא אין א מאָ־מענט פון צעגליטן מיליטאריזם.

אין „נעכטן" ווערט ארויסגעבראכט די יידן־שנאה פון די פוילישע שכנים אין צייט פון ביילים־פראצעס, און ביים אנטלויפן פון די דייטשן נאך זייער מפלה אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער דורות־לאנגער פוילישער שכן איז שטענדיק געווען ווי א רויב־חיה, — גרייט צו באפאלן און מארדן דעם יידישן שכן זיינעם.

פון א גאר וויכטיקער באדייטונג זיינען די מאמענטן וועלכע שילדערן די יידישע וויטאליטעט און צופאסונגס־קראפט אין א תקופה ווען די וועלט האט געברענט: יידן פארקליידטע ווי גלחים ברענגען אריין, אונטער באמבעס, טרומנעס מיט שפייז; עס זיינען טעטיק דראמקרייזן און ס'ווערט געפירט א ברייט פארצווייגטע קולטור־טעטיקייט.

ל. שמעוני האט שטענדיק אַן אפן אויג פאר די שיינקייטן פון לעבן און פון דער נאטור. אפילו ווען ער געפינט זיך אין א דייטשן ארבעטס־לאגער, — ביי די „גוטע" דייטשן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, — א הונגעריקער און אויסגעמאטערטער פון שווערער ארבעט, פאלט ער אריין אין באגייסטערונג פון די נאטור שיינקייטן:

„די טייערע וואלד־לופט האט פארשטארקט דיין הונגער, אבער גלייכצייטיק געקרעפטיקט דיינע לונגען; קיינער פלעגט דיר ניט שטערן באגינען, פרילינגצייט, צו געניסן פון דעם וואונדערבארן סימפאנישן קאנצערט פון די מאסן וואלד־פייגל. אדער זיך נישט צו קענען זעטיקן מיט דער ווייסער שנייאיקער פראכט פון ווינטער, מיט וואס דער רבונו של עולם פלעגט באצירן די אייביק גרינע צווייגן פון די יעלן און סאסנעס."

אינעם זעלבן בוך קומט צום אויסדרוק ל. שמעוניס גרויסע ליבע צו יידיש לשון. ער פאלט אריין אין א נאסטאלגישער אפאלאגעטיק ווען ער שילדערט יידיש לשון אין ליטע:

„יידיש לשון איז געווען פארוועבט און איינגעווארצלט אינעם בלוט, אינעם באוואוסטזיין, אינעם גאנצן לייב און לעבן פון ליטווישן יידן. יידיש לשון האט ער געזויגן שוין מיט דער מוטערס מילך. יידיש האט אים תמיד שטיל געזונגען אין די אויערן מיט דער גאנצער זאפט און זיסקייט. מיט דער

גאנצער באהארצטקייט פון „צאינה וראינה" וואס זיין מאמע און באבע האבן אפגעהיט ווי א שטיק אויסגעקושטע קדושה איינגעוויקלט אין אויס־געניייטע ווייסע שפיצן טישטעכלעך, באצירטע מיט גלאנציקע טרערן־פערל, איינגעשטאנצט טיף, טיף במעמקים פון זיין נשמה."

דאס יידישע לעבן אין ליטע אין די ערשטע יארן נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געווען רייך אין האפנונגען און אנטוישונגען. דער אויפבליץ פון אַן אילוזיע וועגן נאציאנאלער אויטאנאמיע און די ברוטאלע ווירקלעכקייט וואס האט צעשמעטערט אלע יידישע האפנונגען. לייב שמעוני איז געווען צווישן די וואס האבן געפורמט דאס יידישע לעבן אין ליטע. דאס בוך „נעכטן" איז א קווערשניט איבער דער וויכטיקסטער תקופה פונעם אויפגעברויזטן יידישן לעבן אין ליטע.

ל. שמעוני דערהייבט זיך צו די העכסטע שפיצן פון עכטער מענטשן־ליבע, ווען ער שילדערט די יידישע מנהיגים אין דער דעמאלטיקער ליטע. אליין אַן עקסטרעם לינקער פועלי־ציוניסט, א רעוואלוציאנער, וואס איז צוליב זיין גלויבן אויסגעשטאנען אזויפיל ביטערע קאמפן, שרייבט ער מיט פיעטעט, ליבע און אנערקענונג וועגן זיינע פאליטישע קעגנער, די סאָלאָווייטשיקס, ראָזנבוימס, ברוצקוסעס און אנדערע מנהיגים. אפשר דערפאר, ווייל רעטראָספעקטיוו, — בפרט ווען דאס יידישע לעבן דארט ליגט אין חורבות, — זעט מען אלץ אין א ליכט וואס לייכט העל און באשיינט דעם יידישן גאנג צווישן די פעלקער.

אויך די שטימונגען און געפילן פון א פאליטישן ארעסטאנט, פארשפארט הינטער טורמע־ווענט, געפינען מיר אינעם דאזיקן בוך. ביז גאר רירנד איז די שילדערונג וועגן אויספירן דעם טויט־אורטייל אויף גאלינען. ס'דערמאנט אזוי שטארק די שילדערונגען וועגן די צום טויט פארמשפטע נאַראָדניקעס און עס־ערן אין צארישן רוסלאנד. ס'איז דער זעלבער ריינער אידעאליזם פון טיף־גלויביקע מענטשן:

„פון דער פינצטערניש הילכט ארויס דער ניגון פון אינטערנאציא־נאל געזאנג. לכתחילה איינציק, איינשטימיק, פאריתומט, ביז דעם ניגון כאפט אויף איין צעל, א צווייטע, א דריטע, א גאנצער פליגל, ביז די גאנצע תפיסה זינגט מיט..."

„נעכטן" איז א קדיש אויפן וואונדערבארן ליטווישן שבט פון אונדזער פאלק; דעם קדיש וויינט אויס א לינקער פועלי־ציוניסט, אַן אטעאיסט, וואס איז אבער קודם כל אַן אמתער ייד.

★

ניט צופעליק האט שמעוני אנגערופן זיין לעצט דערשינענעם בוך מיטן סימבאלישן נאמען „גאנג". ס'איז א בוך וואס דערציילט וועגן א לעבן וואס גע־

פינט זיך אין כסדרדיקער באוועגונג, אין גאנג, אונטער אלע באדינגונגען. ניט אלעמאל איז דער גאנג א לייכטער: מען דארף אפטמאל זיך דראפען בארג ארויף, קלעטערן איבער שטיינער און פעלדזן, אנהאלטן זיך מיט ציין און נעגל, קוקן דעם טויט אין די אויגן אריין און אפגיין אין בלוט, אויב מען האט ניט תופס געווען דאס נייע לעבן, — אזוי ווי דאס איז געשען אינעם אלטן חברון.

דער לעבנס־גאנג וועגן וועלכן שמעוני דערציילט, איז פול מיט ראנגלע־נישן און שטרויכלונגען, בפרט ווען ס׳גייט א גאנץ פאלק, — א קאלירפולער צוג פון פארשיידענע יידישע שבטים מיט זייערע מנהגים, זיטן און טראדיציעס. פון אנהויב גייט יעדער שבט באזונדער, לאנגזאם פאלן איין די מחיצות: „אזוי ווי דער רעגן טרינקט אָן די פארשטיינערטע דורשטיקע ערד, די ביימער, די פלאנצן, די בערג און טאלן״, אזוי טרינקט אָן דער בשותפותדיקער גורלדיקער גאנג דעם מענטש מיט „וואַרעמקייט פון מענטש צו מענטש״. — ווי דאס שיל־דערט שמעוני אין זיין דערציילונג „רעגן״:

„דא האט זיי דער הימל צונויפגעבראכט אזוי נאענט, אינטים, צו געניסן איינער פון צווייטנס וואַרעמקייט, וואס האט געשטראמט פון גוף צו גוף, פון נשמה צו נשמה.״

ניט ווילנדיק טויכט אויף אינעם זכרון א בוך, וואס איז דערשינען מיט עטלעכע און פערציק יאר צוריק, וועלכער האט געטראגן א נאמען וואס דערמאנט אויך אין „גאנג״, — דאס איז דוד בערגעלסאנס „אפגאנג״. אין „אפגאנג״ דאָמינירט דער מינאָרער טאָן, ס׳איז געווען דער אפגאנג פון דורות, דער אנזאג פון אונטערגאנג פון יידיש לעבן אין אלע זיינע פארמען. שמעוניס „גאנג״ איז דאס קעגנזעצלעכע צו בערגעלסאנס „אפגאנג״, — ס׳דערציילט וועגן דער באנייאונג פון יידיש לעבן, ס׳אטעמט מיט ליבשאפט צום לאנד, צום יידישן מענטש און אויך צום הארעפאשנעם אראבישן שכן; ס׳איז א בוך פון קוואליקן אידעאליזם וואס ברענגט דערמונטערונג און טרייסט, אפטימיזם און האפנונג.

און אפשר כדי בולטער אונטערצושטרייכן דעם קאנטראסט צווישן דעם אלטן אונטערגייענדן יידישן לעבן — דעם לעבן פון „אפגאנג״, עפנט שמעוני זיין בוך מיט דער דערציילונג — „א ליבע אין חברון״, וואו ער באווייזט, אז שפלדיק יידיש לעבן קען אויך זיין אין לאנד פון די אבות און, אז אויך דא קען עס זיין א לעבן וואס גייט אונטער אין א בלוטיקער אַגאָניע. כדי צו לעבן, אויפגיין און בליען, דארף דאס לעבן זיין באגלייט פון אַן אידייע; דארף דאס האבן א זין און אַן אינהאלט; דארף מען לעבן אנדערש, דארף מען שמידן דעם יידישן כוח און ציען יניקה פארן דאזיקן כוח פון דער מאמע ערד. אזוי ווי דאס קומט צום אויסדרוק אין די דערציילונגען „טרייסט״, „דער רעגן״, א.א.

אין זיין בוך „קידוש השם" דערציילט שלום אש ווי אזוי ס'איז אומגעקומען די יידישע קהילה קדושה — טולטשין. צום סוף פון קאפיטל געפינען מיר אזא שילדערונג:

„אונטער א בוים צווישן צעטראטן גראז און אפגעהאקטע צווייגן האט זיך געוואלגערט דער קערפער פון פרנס פון זלאַטשעוו. די אויגן זיינע האט ער געהאלטן אפן און געווענדט צום הימל. דאס פנים זיינס וואס איז דורך די לעצטע פאר מאנאטן פארעלטערט געווארן, האט אפילו נאך איצט, ביי דער בלייכקייט פון די ליפן געוויזן שטארקייט און לעבעדיקייט און עס האט זיך גארניט געוואלט גלויבן אז דאס אפגעברענטע פנים מיט דער אפגעשיילטער הויט איז טויט, ווייל אויף דעם פנים האט געשיינט דער רואיקסטער און געזינטסטער שמייכל.

און אפשר איז עס געווען דערפאר, ווייל לעבן אים איז יוכבד געלעגן, נאר ווי איר פנים האט אויסגעזען קען מען ניט וויסן, ווייל זי האט געהאלטן איר פנים איינגעגראבן אין זיין ברוסט..."

די דערציילונג „א ליבע אין חברון" ענדיקט זיך אויך מיטן אויסשעכטן די גאנצע יידישע קהילה אין חברון. אויך דא, ווי מיט 280 יאר פריער אין טולטשין, איז געבליבן פון די יידן נאר א צעפליישטע בלוטיקע מאסע. און אויך אין חברון האט מען געפונען דעם טויטן קערפער פון א ישיבה־בחור, מיט 31 מעסער שטעך אין זיינע פלייצעס, וואס האט צוגעדעקט דעם גוף פון זיין געליבטער מיידל און מיט זיין גוף געראטעוועט איר פון טויט:

„אז מען האט אים איבערגעדרייט, אפצורייסן זיין טויטן גוף פון רבקהען, האט זיך אויף זיין פנים נישט געמערקט די מינדעסטע שפור פון שרעק, אדער ליידן."

דער דאזיקער פארגלייך באווייזט אונדז די ענלעכקייט פונעם יידישן גורל, די גרויסע קראפט פון אמתער ליבע וואס אנטפלעקט זיך אזוי בולט אין א מאמענט פון גרויסער געפאר. ס'באווייזט אויך די עכטע שילדערונגס קראפט וואס דער מחבר פון דער דערציילונג באזיצט.

אין קעגנזאץ צו די יידן אין חברון, וועלכע לאזן זיך אויסשעכטן, ברענגט ל. שמעוני די דערציילונג „טרייסט" מיט די העלדישע יידישע בחורים און די יידישע מאמע — מירה, די אלמנה, וועמענס איינציקער זון — רוביק, פאלט מיט א העלדן־טויט אין מדבר סיני. זי, וואס איז פארבליבן אויף דער וועלט עלנט ווי א שטיין, טראגט מוטיק אריבער איר שווערן גורל, פארקערט, זי טרייסט איר זונס חברים וועלכע קומען איר טרייסטן און זיצן מיט אראפגעלאזטע קעפ ניט געפינענדיק די פאסיקע ווערטער:

„איך דאנק אייך פון טיפן הארצן פארן באזוך, פארן געדענקען

רוביקס אמא. אדרבה, אויב איר ווילט מיר לייכטער מאכן, טא הויבט אויף די קעפ, מאכט אויף די אויגן און קוקט מוטיק, איך ווייס דאך וואס ס'איז געשען".

„און די אמא — מירה — האט זיי געטרייסט..."

די ניט יידישע ליטעראטור ווייסט צו דערציילן וועגן אזעלכע העלדישע מאמעס, — דארט איז עס געווען נארמאל און נאטירלעך. דאס ווארט היימלאנד איז ביי די פעלקער ניט קיין פוסטער באגריף און האט א ממשותדיקן זין. יידן האבן כמעט ניט געוואוסט פון אזעלכע מוטערס. מדינת ישראל האט ארויסגעגעבן פון זיך אויך אזעלכע מוטערס, וואס קענען איבערטראגן די גרעסטע יסורים, א דאנק זייער באגרייפן דאס נייע לעבן און זייער ממש אומבאגרייפלעכער ליבע צום לאנד ישראל.

ל. שמעוני דערציילט אויך ווי אזוי עס געשעט, אז דער נאענטער שכן פון די יידן, דער פשוטער אראבישער פאלקס־מענטש, ווערט אויפגעהעצט און באהערשט פון די פינצטערע אור־אינסטינקטן און גייט מיטן בלוטיקן שטראם פון יידן־מארד.

אין דער דערציילונג „ציבעלעס", וואס איז איינע פון די בעסערע דערציי־לונגען אין בוך „גאנג", שילדערט ל. שמעוני אַן אלטן גוטמוטיקן אראבישן פאליציאנט, וואס האט געדינט אין דער מאנדאט פאליציי.

דער פאליציאנט האט ליב צו נעמען א קליינעם כאַבאַר, האט זיך זיינע קליינע הנאהלעך, און דער עיקר האט ער א שוואכקייט צו ציבעלעס וועלכע ער האדעוועט אין זיין גארטן פאר זיך און צום פארקויפן צו זיינע יידישע שכנים.

די דערציילונג איז א מייסטערהאפטע שילדערונג פונעם אראבישן לעבן מיט זיינע מנהגים, מאכלים און פירונגען. דער הויפט־העלד, אבו חליל, איז ווי אויס־געהאקט פון שטיין דורך דער האנט פון א געניטן סקולפטאר, — יעדער שטריך איז בולט און שארף.

ס'קומען פאר אנטי־יידישע אומרוען. דער דאזיקער פון נאטור גוטמוטיקער פאלקס־מענטש, פאלט אריין צווישן אַן אויפגעהעצטן אראבישן המון, וואס דורשט נאך יידיש־בלוט. זיין פשוטער שכל דיקטירט אים, — ניט פאלגן די העצערס, אנטלויפן וואס גיכער אהיים און אפהיטן דעם פאליצייאישן געבאט: „שיסן נאר אין אַן אויסנאם באדארף". אבער אויך ער ווערט פארוואנדלט אין א חיה ווען ס'דאכט זיך אים אויס, אז די יידן צעטרעטן זיין גארטן מיט ציבעלעס. און ווען א העצערישע שטים הייסט אים שיסן, פאלגט ער בלינד, און דערשיסט צום טויט זיין יידישע שכנה.

דאס וויכטיקסטע אבער וואס ל. שמעוני ברענגט ארויס, איז דער פאקט אז ס'איז ניטא ביי אבו חלילן קיין חרטה, קיין געוויסן־ביסן אדער פארדרוס אויף דאס געשעענע: „...מעכאניש, וואקלדיק, מיט שטייפע פיס איז ער צוגעגאנגען צו א קופע ציבעלעס און זיי גענומען איבערקלייבן."

✶

לייב שמעוניס שאפונגען זיינען עכט און אמתדיק; זיי זיינען גענומען פונעם לעבן ארויס. און ער אליין איז ניט קיין זייטיקער צושויער, — ער גייט אליין מיטן לעבן. אויך זיין לשון איז פריש און פאלקסטימלעך באטעמט:

„אט פאלט בערל ארויף אויף אים, אויף כאָנען, ער קושט אים, ער הויבט אים אויף אין דער לופט, ס'ארא יונגאטש! ס'ארא געזונטער חברה־מאן, א חדוה אים אנצוקוקן..."

„א געזונט אין דיין קאפ, בחור, כ'בין געקומען זען מאן בערלע פון ירושלים, מאן זין."

„אט האט מען דערלעבט צו אנקערן אין יידישן לאנד. מיט נסיונות, שוויים און פראצע, געקומען צו וואס מען איז געקומען, וואס בלאז איך זיך, הע?"

די יידישע ליטעראטור האט אין לייב שמעונין א קערנדיקן דערציילער וועלכער האט געשילדערט דאס ווירקלעכע לעבן אין ארץ־ישראל ביזן אויפקום פון דער מדינה, און אויך דאס באנייטע לעבן אין מדינת ישראל.

ב. לוי פּאַפּיערניקאָוו

נאָר געציילטע יידיש־שרייבער אין ישראל, פון די וועלכע זיינען עולה געווען נאָכן אויפקום פון דער מדינה, באַרירן אין זייערע ווערק דאָס פּראָבלעם פונעם ניי געקומענעם אין לאַנד, — פון דעם עולה. אָבער אויך זיי זעען דעם נייעם עולה נאָר פון אַ באַשטימטן ענגן קרייז און סביבה, וועלכע שפּיגלען ניט אָפּ דעם אייגנאַרטיקן ספּעציפיש־ישראלדיקן לעבן; גיבן ניט איבער דאָס געפיל פון לעבן אין דער אייגענער יידישער היים. די פּראָבלעמאַטיק זייערע איז אייגנטלעך אַ גלותדיקע, מען קען גענוי דאָס זעלבע שרייבן וועגן יידיש־לעבן אין יעדן אַנדער לאַנד אויף דער גאָרער וועלט.

אַנדערע שרייבער, ווידער, זיינען אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם ישראל־פּייזאַזש, אַזוי פאַרבלענדט געוואָרן פון דער זוניקער העלקייט, אַז זיי זעען בכלל ניט דעם לעבעדיקן מענטש, דעם פּשוטן יידישן מענטש מיט זיין פרייד און צער, זאָרג, און האָפענונג, בטחון און יאוש, — דעם מענטש אין זיין אייגן לאַנד, אין זיין היים.

די טעמאַטיק פון לוי פּאַפּיערניקאָווס ערשט בוך — „אין דער נייער היים", איז אַן אַנדערע; זי איז נאָך כמעט ווי ניט באַרירט געוואָרן אין דער ישראלדיקער יידיש־ליטעראַטור; ס'איז נאָך ווי שוואַרצבראָך וואָס וואַרט מען זאָל איר אויפאַקערן און פאַרזייען. דאָס איז די טעמאַטיק וועלכע ווערט אויף דעם אָפיציעלן לשון באַצייכנט מיטן נאָמען „קליטת עליה"; דאָס איז די פּשוטע דערציילונג וועגן די נייע עולים און זייערע ערשטע טריט אין דער נייער היים; דאָס איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע צייט־אָפּשניטן אינעם ישראל־לעבן וואָס איז אַזוי רייך אין פּערסאָנאַזש, אין פּראָבלעמען און אין פּאַסירונגען.

★

דער שרייבער איז ווי שוואַרצערד, די סביבה זייט אירע קערנער אין אים, און זיין שאַפן איז די פּרוכט. לוי פּאַפּיערניקאָוו איז אַליין אַ פּאַרט־אַרבעטער און געפינט זיך אין אַ סביבה וואו ער טרעפט זיך פּנים־אל־פּנים מיטן נייעם עולה באַלד ביים שטעלן זיינע ערשטע טריט אינעם נייעם לאַנד.

מיט אַן אָפן אויג און פילבאַר יידיש האַרץ גייט לוי פּאַפּיערניקאָוו נאָך טראַט נאָך טראַט, דעם נייעם עולה און דערציילט, ווי אַזוי ער, דער נייער עולה, האָט זיך איינגעוואָרצלט אין דער נייער היים. דערביי פאַרגעסט ער ניט צו דערציילן אין קורצן, — ווער דער נייער עולה איז, פון וואַנען ער קומט, וואָס ער איז געווען ביז צום אָנקום אין לאַנד, און מען באַקומט אַ פאַרגלייך צווישן „דאָרט" און דאָ. דאָרט, מעבר לים, דאָס געוועזענע יידישע לעבן וואָס

ליגט אין חורבות, — א לעבן פון נויט, ארעמקייט, אויסוואָרצלונג, שרעק און זארגן וועלכע האבן געזויגן און געפרעסן דעם מארך פון די יידישע ביינער. דא, אין דער נייער היים, — נייע, אבער גאר אנדערע, זארגן; דאס זיינען זארגן פון בויען, פון פלאנצן, פון איינווארצלען זיך אינעם לאנד ישראל אויף דור־דורות.

דער לייט־מאָטיוו פון ל. פאפירניקאָווס שאפן איז דער בטחון, אז טראָץ אלע שוועריקייטן, טראָץ די יסורימדיקע חבלי־קליטה, איז ווער עס וויל דאס באמת, ווער ס׳האט געדולד און אויסדויער, דער ארדנט זיך איין און דערוואַרט זיך אויף א בעסערן, שענערן און פרייערן לעבן. זיין לעבנס־פילאזאפיע דריקט לוי פאפירניקאָוו אויס מיט די ווערטער פון זיין העלד „בערקע דער שמיד״, וועלכער זאגט:

„דאס לעבן מוז מען נעמען אט אזוי מיט צוואַנגען, מיט שמידן
דאס אייזן ווי לאנג עס גליט...״

צוגלייך מיט דאס שאַטנדיקע, זעט ל. פאפירניקאָוו אויך דאס העלע ליכט פון דעם נייעם ישראל־לעבן. דאס ברענגט ער שוין ארויס אין דער ערשטער דערציילונג „זיין ערשטער פרילינג״, וואו ער זאגט:

„גרויס זיינען געווען די געבורט־ווייען פון א ניי לעבן... דערפאר איז
אויך נאך ליבער געווען דאס פריש געבוירענע און גרעסער די פרייד...״

ל. פאפירניקאָוו איז אַן אפטימיסט, א מאמין, ער שלאגט אפטמאל אָן הויכע אפטימיסטישע טענער. ער דערגייט צום פשוטן אבער קלוגן געדאנק, אז „דארט וואו ס׳איז דא לעבן — מוז מען בויען, און דארט וואו מען בויט — איז דא לעבן״. אין אונדזער אַטאָמישער תקופה איז פשוט גוט באוווירקט צו ווערן פון אזא געזונטן אפטימיזם, איז גוט צו געפינען זיך אין א סביבה וואו אויך „דער אפגעדארטער בוים — דער צווייאונפערציק יאריקער ר׳ זלמן״, וואס האט זיין גאנץ לעבן אפגעפינצטערט אין א חושכדיקער שטוב, אינעם קאַסטן־הויף, האט זיך באהאפטן מיט דער מאמע ערד, גענומען אויפבליען און איז דערגאנגען צום פריידיקן אויספיר:

„אפגעפינצטערט אַן אפגענארט לעבן אינדערפרעמד! געמיינט
אז אנדערש קען שוין ניט זיין... אז אנדערש קען שוין דאס לעבן נישט
אויסזען! און אט טייערע איז עס מיין ערשטער פרילינג אין לעבן.״

ל. פאפירניקאָווס העלדן זיינען בדרך כלל ארבעטער, — עכטע, געזונטע, פשוטע פאלקס־מענטשן, אָן קאמפלעקסן, אָן צעשפילטעליידנשאפטן און אָן סעקסועלן הונגער. דאס זיינען מענטשן וועלכע נעמען אויף די שוועריקייטן ביים איינארדענען זיך, ווי אַן אומפארמיידלעכע זאך, מיט געדולד און אויסדויער, מיט גלויבן אין די אייגענע ארבעטס־הענט ווי עס דריקט זיך אויס גבריאל

דער „פּוסטעלניק״, ווען ער באַשליסט צו פאַרלאָזן די שטאָט און אַריבערגיין אין דאָרף:

„כ׳מיין דבורה, אַז שווערער ווי דאָס שטיין אין דער לשכת־עבודה און קוקן אויף דער פּקידה מיט אויגן פון אַ הונגעריקן הונט — קען דאָרט נישט זיין... געוויס וועט עס ביים אָנהייב גאָרנישט לייכט זיין, ס׳וואַקסן אונדז אָבער אונטער צוויי זין — פיר הענט.״

נאָר אין איין דערציילונג — „דער ווילן צום לעבן״, שילדערט דער מחבר ווי עס דערוועקן זיך שטאַרקע עראָטישע פאַרלאַנגען אינעם שווער קראַנקן רחמים, וועמען מען אַמפּוטירט גלידערווייז. אָבער אין דעם פאַל קומט עס אַרויס נאַטירלעך, מענטשלעך.

דער סאָציאַלער מאָטיוו איז דער בולטסטער אין ל. פּאַפּירערניקאָווס שאַפן און דריקט אויס די אידייאישע וועלט פונעם מחבר. מיט ליבע און פאַרשטענדעניש דערציילט ער וועגן גורל פונעם יידישן אַרבעטס־מענטש, פון זיינע ליידן און פריידן. אין דער דערציילונג „קבוע״, באַרירט ער אַ פּראָבלעם, וואָס איז אַזוי אַקטועל אין ישׂראל, אַזוי ווייטעקדיק ווי אַן אָפענע וואונד: ס׳איז דאָס פּראָבלעם פון ווערן אַ „קבוע״ ביי דער אַרבעט און פאַרזיכערן זיך דעם אַרבעטס־פּלאַץ, — דער חלום פון טויזנטער אַרבעטער אין ישׂראל. ווען יצחק ווערט שוין אַ „קבוע״ און הייסט זיך אָפּגעבן אַ מזל־טוב, קומט דער אַכזריותדיקער גורל און שפּילט אָפּ מיט אים אַ חוזק שפּיל:

„געשען איז דאָס אומגליק בעת יצחק האָט אָפּגעשפּילעט פון זיך דעם זיכערהייטס־גאַרטל, אים איבערצוהענגען אַ צוויי מעטער פון זיך, דאָס ברעט אויף וועלכן ער האָט אַרויפגעשטעלט דעם פוס האָט זיך אַ רוטש־געטאָן און — אַ מענטש איז געפלויגן פון העכסטן פונקט אַראָפּ, אַראָפּ. אַ מענטש־קנויל האָט מיט אַ פאַרטויבטן קלאַפּ זיך אָפּגעשלאָגן אָן דעם באָדן...

דאָס מיטאָג — פּאַרטיק, דער טיש — געדעקט, אויפן שניי־ווייסן טישטעכל זיינען וואַרטנדיקע, אומבאַרירטע געבליבן ליגן גאָפּל־מעסער מיט אַ שטעכיקן בלישטש...״

אין עטלעכע געציילטע שורות און אין קאַרגע ווערטער, דערציילט דאָ דער מחבר וועגן אַ שרעקלעכער טראַגעדיע; וועגן לעבן און טויט; וועגן חורבן פון אַן אַרבעטער־משפּחה. מען פילט ממש דעם אומגליק און די גרויסע טראַגעדיע וואָס איז דאָ פאָרגעקומען. אויב דערציילונג דאַרף איבערגעבן בילד און שטימונג, געפינט מען דאָס אינעם בצמצומדיקן באַשרייבן דעם געדעקטן טיש: דאָס שניי־ווייסע טישטעכל און דער שטעכיקער בלישטש פון גאָפּל־מעסער גיבן איבער די שטימונג און זיינען אַ בולטער קאָנטראַסט צום פאַלנדיקן מענטש־קנויל.

אַן ענלעכן גורל פון אַן ארבעטער משפחה ברענגט ער אין דער דערציילונג „געצעלע".

לוי פאפיערניקאוו באוויזט די פייאיקייט צו שילדערן בצמצומדיק. אין קורצע שורות און געציילטע שטריכן גיט ער איבער שטימונגס־בילדער און שיל־דערונגען. איינע פון זיינע דערציילונגען פארענדיקט ער אזוי:

„אינעם שוין פארווישטן ארום פונעם אוונטיקן טונקל־בלאָ, אין וועלכן ס'האט זיך איינגעשניטן א רויט בלוטיק אויג פונעם קוזשניע־פענצטערל, האט זיך נאך דערטראגן דער געקלאנג פון די לעצטע האמער קלעפּ אויף א קאָוואַדלע."

בילדעריש לעבעדיק שילדערט ער דעם אויסזען פון זיינע העלדן:

„יעדער קערפּער־טייל זיינער זעט אויס ווי אויסגעקאָוועט, אויס־געהאמערט: א גרויסער, כמעט קוואדראט־פארמיקער קאפּ אויף א נידע־ריקן, דיקן האלדז, מיט א קארק וואס ציט זיך אין א גלייכער ליניע פון קאפּ־שיידל ביז צו דער פּלייצע און דערמאנט מיט זיין קרעפטיקער גלאנ־ציקער אנגעצויגנקייט אין א קאוואדלע..."

די דערציילונג „א נייער וועג־ארבעטער", הויבט זיך אָן מיט אזא שילדערונג:

„ווי מיט פייערדיקע ריטער האט די זון געשלאגן איבער דער ערד. אינדערמיט, צווישן צווי רייען אויסגעלייגטע הויפנס שטיינער פון פארשיידענער גרויס, האבן זיך געזען איינגעבויגענע, ברוין פארסמא־ליעטע, גלאנציק פייכטע רוקנס און נאקנס פון א גרופּע וועג־ארבעטער. איבער די געבויגענע רוקנס האבן זיך געזען די שפּיצן פון זייערע „טעמבעלעס" און דאָס הייבן און אראפּלאזן זייערע ארבעט־כלים. פון צייט צו צייט, האט זיך דא איינער, דא א צווייטער אויסגע־גלייכט, אויסגעקנאקט די גלידער און אפּווישנדיק דעם שווייס פון שטערן, פּנים און האלדז, ארויסגענומען פון א שאטנדיק באהעלטעניש א „דזארע" זי אויפגעהייבן איבערן פארווארפענעם קאפּ און געלאזט לויפן א דין זיל־בערן שטראַמל, וואס איז בויגנדיק גלייך געפאלן צווישן די פונאנדערגע־שפּרייטע פארטריקנטע ליפּן — בעת דער גארגל מיט די זייטיקע בויך־מוסקולן האבן מיט א זשעדנער הנאה זיך באוועגט ארויף און אראפּ.

לוי פאפיערניקאוו באנוצט אין זיין שרייבן א סך אידיאמען און פאלקס־ווערטלעך: „שעכט אפּ אַן א מעסער", „ניט מיין פערד ניט מיין וואגן", „שפּינגע דעגינגע" (שוואך, נ"ט מאסיוו), „אכצן און יאכצן", א.א.וו. דאס אלץ מאכט זיין שפּראך לעבעדיקער, פארביקער און אינטערעסאנטער. ער באוויזט אויך א גע־זונטן חוש פאר הומאר. מיט א שארפן בליק קוקט ער אריין אינעם לעבן און

זעט דעם מענטש אין זיין הילפלאָזיקייט און קאַמיזם, ווען ער ווערט פאַרפּלאָנ־טערט אין סיטואַציעס איבער וועלכע ער הערט אויף צו האָבן אַ שליטה. דאָס קאָמישע ווערט ביי אים געשילדערט מיט אַ סובטעלער דינקייט, אין אַ טאָן פון מיטגעפיל מיטן העלד ווען ער בליקט אריין אינעם קרומען שפּיגל פון לעבן.

✶

כאָטש דאָס ערשטע בוך פון לוי פּאַפּיערניקאָוו איז געשריבן מיט טאַלאַנט, פילט מען נאָך אַרויס די ניט זיכערקייט פון מחבר ביים שטעלן זיינע ערשטע טריט אין אונדזער ליטעראַטור. עס מערקט זיך בולט דאָס פעלן פון ברייטערע נאַטור־שילדערונגען, — בפרט ווען מען שרייבט וועגן ישראל, — אַ לאַנד וואָס געפינט זיך נאָך אין איר מערהייט אינעם צושטאַנד פון בראשיתדיקן באַשאַף; וואו דער מענטש באַוועגט זיך צווישן דעם אייביק צעזונגענעם ים און בראשיתדיק־נאַקעטע, כמעט אומבאַרירטע בערג; אַ לאַנד פון כמעט שטענדיקער זוניקער העלקייט און שטורעמדיקע פּלייצרעגנס אין ווינטער; אַ לאַנד וואו עס וואַקסט און בליט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, און דער ייד, דער לופט־מענטש, קערט זיך צוריק צו דער מאַמע־ערד און געניסט מיט דער ברייטער האַנט פון איר שפּעדיקער ברכה. שרייבן וועגן לעבן אין אַזאַ לאַנד און ניט שילדערן איר נאַטור, איר לאַנדשאַפט, — מאַכט אָרעמער דאָס געשריבענע, נעמט אַוועק אַ גרויסן טייל פונעם התרו־ממות־הנפש וואָס דאָס געשריבענע קינסטלערישע וואָרט גיט דעם מענטש.

אויך מערקט זיך ביים מחבר אַ געוויסע טענדענץ צו גיין „מיטן שטראָם", צו געבן זיין פּאָזיטיוון צושטייער צום פּראָבלעם פון "מיזוג גלויות".

די דערציילונג „דער ערשטער מישלינג פון קיבוץ גלויות", גיט בכלל ניט איבער די פּסיכאָלאָגישע און גייסטיקע אויפטרייסלונגען, וועלכע קומען פאָר ביים עולה פון מזרח־אייראָפּע, ביז ער ווערט נאָענט און משפּחהדיק מיטן ייד פון צפון־אַפריקע, ווען דער מחבר באַקרוינט מיט די סימבאָלישע נעמען „אברהם אבינו" און „רחל". דער באַגריף „שוואַרצער", כאָטש באַצייכנט מיט געגנדזנ־פּיסלעך, און דאָס דערמאָנען דעם ווילן צו פאַרלאָזן דעם ישוב וואָס די „שוואַרצע" האָבן באַהערשט, זאָגט גאָרניט און גיט ניט איבער די שטימונג און די אַטמאָספער פון די באַציאונגען צווישן די מזרח־אייראָפּעאישע יידן און זייערע ברידער פון די אָריענטאַלישע לענדער.

ס'איז כמעט ווי נאַיוו צו דערציילן, אין עטלעכע שורות נאָר, וועגן דער ליבע צווישן מרדכי גוטמאַן און זמרה, דאָס מיידל פון טוניס: זיך פאַרליבט, חתונה געהאַט און גלייך געבוירן דאָס ערשטע מישלינג פון קיבוץ גלויות. דער מחבר דערציילט בכלל ניט וועגן דעם וואָס ס'איז פאַרגעקומען ביי די גוטמאַנס, וועלכע טרוימען צו אַנטלויפן פונעם ישוב וואו די „שוואַרצע" האָבן זיך באַזעצט, ווען זייער זון זאָגט זיי אָן די בשורה, אַז ער גייט חתונה האָבן מיט זמרה'ן.

אוודאי ווילן מיר אז אונדזער ליטעראַטור זאָל אָפּשפּיגלען דעם גרויסן היסטאָרישן פּראָצעס פון „מיזוג־גלויות״, — די צונויפשמעלצונג פון אונדזערע שפּליטערס אין איין פאָלק. דער באַהעפטונגס־פּראָצעס פון פאַרשיידענע קולטורן, טראַדיציעס, מנהגים, זיטן און אפילו טעמפּעראַמענטן, איז אַ לאַנג־דויערנ־דיקער, אַ ווייטעקדיקער, פאַרמאָגט אין זיך זייער פיל אויפרייס־שטאָף און וועט נאָך מן־הסתם ניט איינמאָל אויסגעבראָכן ווערן מיט גאַל און צאָרן. מיר ווילן אָבער ניט אַז דער שרייבער, וואָס באַרירט די דאָזיקע טעמאַטיק, זאָל צוואַייגענען פאַר זיך דעם איינגעשטעלטן נוסח פון פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט, וואָס איז אַ סך מאָל מײַלן ווייט פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט.

★

אין זיין צווייט בוך „די משפּחה יעלניק״, אַ ראָמאַן פון 212 זייטן, זעען מיר שוין לוי פּאַפּיערניקאָוו אַ מער רייפערן אַלס שרייבער און אַ מער זיכערן אין זיך. ער פאַרמעסט זיך דאָ אויפצולעבן דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט יידיש לעבן אין פּוילן, וועלכן ער אַליין האָט אַדורכגעפּיבערט.

די תקופה הויבט זיך אָן מיטן קליינשטעטלדיקן אָרעמען יידישן סעדער־פאַכטער — איטשע־מאיר יעלניק, וואָס ווערט פּלוצלינג אויפגערייכט, פאַרלאָזט דאָס קליינע שטעטל און פאָרט אַריבער קיין וואַרשע, וואו ער ווערט אַ דער־פאָלגרייכער מעל־סוחר און אַ גרויסער גביר. אין איטשע־מאירן, זיין שטוב, זיינע קינדער, פאַרקערפּערט דער מחבר דאָס גרויסע וואַרשעווער יידנטום. אין די געשעענישן און האַנדלונגען, וועלכע פּלעכטן זיך איינס אינעם אַנדערן, ברענגט ער אַרויס שטיקער יידיש לעבן אויפן פאָן פון די וועלט געשעענישן: ערשטע וועלט־מלחמה, רעוואָלוציעס, זעלבסשטענדיק פּוילן, צווייטע וועלט־מלחמה, רוסלאַנד, און מדינת ישראל.

ל. פּאַפּיערניקאָוו קען דאָס געוועזענע יידישע לעבן אין פּוילן און איר הויפּט־שטאָט וואַרשע; ער קען די יידישע פּראָבלעמען פון יענער תקופה; און דער פּויליש־יידישער לעבנס־שטייגער איז אים נאָענט און אייגן.

אין דער יידישער ליטעראַטור פאַרנעמט די משפּחה שילדערונג אַ חשובן אָרט. צענדליקער ווערק זיינען שוין אָנגעשריבן געוואָרן אויף דער טעמע. מיר האָבן מערסטנס משפּחות וואָס ווערן דעגענערירט און צעפאַלן זיך אונטער דער ווירקונג פון די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ענדערונגען אינעם יידישן לעבן: י. י. זינגער, — „די משפּחה קאַרנאָווסקי״; דוד פּינסקי — „דאָס הויז פון נח עדן״; דער נסתר, — „די משפּחה מאַשבער״; דוד בערגעלסאָן, — „ביים דניעפּער״; פּרץ הירשביין, — „בבל״, א. א. אויך די משפּחה יעלניק ווערט צע־טרייסלט פון שטורעמס, — עס לאָזט זיך איבער איר אַראָפּ די האַק פון נאַציזם און סיביר; ס׳פאַלן פון איר שטיקער, אָבער דער משפּחה־שטאַם בלייבט גאַנץ:

ס'קומט אויף א נייער דור פון איטשע־מאירס אייניקלעך, און נאך יארן טראגן זיך צום אומבאוואוסטן, דערגרייכט זי מדינת ישראל. מיט וועלכע כוחות איז די משפחה יעלניק גובר אלע שוועריקייטן און האלט אָן איר קיום? — דאס איז איר געקומען בירושה פון איטשע־מאירן, דעם הויכן, ברייטפלייציקן, געזונטן פאלקס־מענטש, וואס איז מיט פעסטע און זיכערע טריט געגאנגען אין לעבן, און קיינמאל ניט פארגעסן, אז פאר דער חתונה איז ער געווען א פערד־אנטרייבער און געפירט אין א בויד פאסאזשירן.

לוי פאפיערניקאוו האט צענדליקער יארן געלעבט אין די ענגע יידישע קווארטאַלן פון ווארשע. אט דעם ספעציפיש ווארשעווער יידישן „פייזאזש", אָן וועלכן ס'איז ניט מעגלעך צו פארשטעלן זיך יידיש ווארשע, געפינען מיר אויך אינעם ראמאן זיינעם:

„אין די יידישע גאסן און געסלעך האט זיך שוין געפילט דער פאַר־פסחדיקער פיבער. דראָזשקעס, טראַמווייען און וועגענער פאטשן איבערן בלאטע־צעריבענעם גראען שניי, באשפריצן די איילִיקע דורכגייער, נאָר מען נעמט עס פאר ליב און מען טוט אפילו א שמייכל — פרילינג!...

אויף די נאַלעווקעס, גענשע און פראַנטשישקאַנער מוז מען זיך פשוט מיט די עלנבויגנס דורכשטופן דעם וועג. פארשמייעטע, פארשוויצטע פרא־ווינצער סוחרימלעך און שפּיליטערן מיט צעכראסטעטע קאפאטעס, מיט פליענדיקע שפּיצן פון צעעפנטע שאליקלעך און צאפלדיקע בארד־און־פיאות — שטויסן זיך כסדר צוזאמען אינעם אהין און אהער. האבן קיין צייט ניט, איילן מיט פעק און פעקלעך און מיט פליענדיקע חשבונות אין קאפ — צו דער באן אדעה צום „זאַיאזד".

דער מחבר פירט אריין אין זיין ראמאן א גאנצע גאלערייע טיפן און געשטאלטן: קליינשטעטלדיקע יידן און גרויסשטאטישע סוחרים, שטודירנדיקע יוגנט, אינטעליגענטן און קאָוויאַרנע־זיצערס, אגודהניקעס, בונדיסטן, פּועלי־ציוני־ניסטן, פעפעסאָווצעס און אסימילאַטארן, ווי אויך טיפּן פון סאוועטישן לעבן. דער פערסאנאזש איז גוט פארטראכט און פסיכאלאגיש אויסגעהאלטן. דער איי־דייאישער געראנגל און קולטור־קאמף אינעם יידישן לעבן אין פוילן קומט אמ־בולטסטן צום אויסדרוק אין די חתונות פון איטשע־מאירס זין: דער סאציאליסט, וויגדער, האט חתונה מיט לייטשען, די טאכטער פון שוסטער וועלוול „סמאָלע"; דער פרומאק, יואל הערש, האט חתונה מיט ליבעלען, די טאכטער פון ביאַלער נגיד און קאָצקער חסיד, ר' לייביש שעניצער; און דער אסימילאטאר, לייזערקע — לוציאַן, האט חתונה מיט פריילין צעלינאַ קראַקאָווסקאַ, די טאכטער פון אסימי־לירטן ד"ר קראַקאָווסקי. די דאזיקע חתונות סימבאליזירן די זיך קעגנזייטיק באקעמפנדע שטרעמונגען אינעם פויליש־יידישן לעבן. דער מחבר דערציילט וועגן דעם אין אזא טאָן, אז מען פילט ארויס מיט וועמען ער סימפאטיזירט און וועמען ער ס'איז אים אנטיפאטיש.

מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז גראַד דער צו ברייטער פאַרמעסט פון מחבר צו אויפלעבן אַזאַ שטורמישע תקופה און אַריינפירן אַזויפיל העלדן און געשעענישן אין די ענגע ראַמען פון 212 בוך־זייטלעך, איז זיך קודם כל נוקם אין זיין ווערק. מיטן אַריבערפאָרן פון איטשע־מאירן קיין וואַרשע, אַנטוויקלען זיך די געשעענישן מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז מען קען זיי קוים נאָכפאָלגן. ס'הערשט אַ גוואַלדיקע דיס־פּראָפּאָרץ צווישן צייט און אָרט. מען פילט ממש ווי דעם מחבר ווילט זיך נאָך דערציילן און שילדערן, אָבער ער מוז פריי מאַכן דעם פלאַץ פאַר עמיצן אַנדערש פון זיינע העלדן.

פונדעסטוועגן איז דער ראָמאַן „די משפחה יעלניק" אַ גוטער באַווייז, אַז לוי פּאַפּיערניקאָוו איז אַ שרייבער מיט טאַלאַנט און אַז מיר קענען דער־וואַרטן פון אים נייע, מער שלימותדיקע קינסטלערישע ווערק.

רבקה קוויאטקאָווסקי־פּנחסיק

דינהלע

דינה׳לע איז דאס איינציקע מיידעלע אין באראק צווישן די פרויען. זיי אלע זיינען פון ליטע פארטריבן געווארן אין דעם פארניכטונגס־לאגער הינטער דאנציג אין פוילן.

זי האט עלף יאר, איז קליין און שמאלביייניק. איר פנימל איז דאר און אויסגעצויגן; אין אירע אויגן איז דער פונק פון ליכטיקייט און שטיפערישקייט פארבליבן; נאר די שווארצע רעדער אונטער די אויגן דערציילן פון א באהאל־טענעם טרויער, פון א ווייטיק, וואס פייניקט איר הערצל און לאזט ניט רוען.

איר מאַמען רופט זי פשוט — סולא. ווייל קיינער אין באראק טאר דאך ניט וויסן, אז זי איינע איז די גליקלעכע, וואס איז צוזאמען מיט איר מאמען אין לאגער געבליבן. זי קען איר זען אלעמאל, רעדן מיט איר, און באהאלטן זיך נאר דעמאלט ווען עס קומט דער דייטשער אויפזעער ציילן די פרויען, זען צי די רשימה שטימט.

כאטש קיינער קען פון דעם וואלד־לאגער ניט אנטלויפן, דאך ציילט מען אלעמען צוויי מאל א טאג, צו זען צי קיינער פעלט ניט.

אין דינה׳לע א בריה אויף אויסבאהאלטן זיך פון דעם ריזיקן ס.ס.־מאן, וואס קומט אין זיין שפּאגל־נייעם גרינעם מונדיר מיט א גומי בייטשל אין זיין האנט. ער דארף דאך ניט וויסן, אז אזא מיידעלע, ווי דינה׳לע, געפינט זיך אין לאגער.

אלע קינדער, די גרעסערע און קלענערע זיינען פון זייערע מאמעס אפּ־גענומען געווארן, פארשיקט ערגעצוואו אין אַן אנדערן ארט. זאגן אייניקע צווישן די פרויען, אז די קינדער ארבעטן אין האלאנד אין א נייער פאבריק פון שוועבעלעך, באקומען גענוג צו עסן און עס פעלט זיי דארט גארניט. זאגן אנדערע, אז זיי זיינען פארשיקט געווארן קיין דייטשלאנד אין א שאכטל־פאבריק. קיינער אבער ווייסט ניט גענוי, וואו די קינדער זיינען אהינגעקומען.

★

סולא, דינה׳לעס מאמע, איז א הויכע, געשיקטע פרוי, מיט טונקעלע ביר־אויגן און א העל, לענגלעך פנים. די זיידענע קאשטאן־האר זיינען ביי איר ניט

אפגעשוירן געווארן ביים אנקומען אין לאגער און שוין דערמיט איז זי שענער און אנדערש פון אלע.

ווען זי איז מיטן טראנספארט ליטווישע פרויען געקומען אין לאגער און ארייגעפירט געווארן אינעם גרויסן באד־אנשטאלט, האט זי זיך ניט פארלוירן, ניט דערשראקן פאר די דייטשע אויפזעערינס, וואס האבן געזידלט און געשלאגן.

קיינע פון די אויפזעערינס האט ניט באמערקט ווי סולא האט דינה׳לען גע־געבן א שטופ אריין אין קלאזעט און שטיל איר אנגעזאגט:

— ווארט דא אויף מיר... איך בין ניט דיין מאמע... רוף מיך סולא...

אין דינה׳לע רואיק געשטאנען אין קליינעם טואלעט־צימערל און דורך א שפארונע געזען ווי די דייטשע אויפזעערינס שערן אפ מיט מאשינקעס די האר פון די פרויען־קעפ און ווי זיי וואשן זיך און טוען אן לאנגע געשטרייפטע קליידער. אויף דער ערד בלייבן ליגן העלע בלוזקעס און רעקלעך, קליידער און שיך. אלע פרויען, אויך די יונגע מיידלעך און די זקנות, שטייען אויסגעשטעלט אין א לאנגער ריי — ווי זעלנער, אין געשטרייפטע קליידער ווי זעק.

ווען די מאמעשי האט — געשיקט און אומבאמערקט פון קיינעם — איר ארייגעווארפן א פעקעלע זאכן, האט דינה׳לע גלייך פארשטאנען, אז זי דארף אנטאן דאס גרינע לאנגע קלייד, אויפן קאפ אנטאן דאס טיכל, ארייננפאקן טיף די האר, ווי זיי וואלטן אויך ביי איר אפגעשארן געווארן. ווייל סולא האט געוואוסט אז איר מיידעלע איז מיט איר, האט זי זיך געהאלטן רואיק און באהערשט, כדי מיט א נארישער האנדלונג איר קינד ניט צו פארלירן.

די ס. ס. מיידלעך מיט די גומענע בייטשלעך אין די הענט, וואס האבן אן אויפהער געשריען צו די פרויען, זיי זאלן זיך אויסשטעלן אין רייען צו פינף, האבן אין סולאס פנים און אויפפירונג עפעס באזונדערס געפונען און האבן איר באפוילן אויסצוסדרן די ריי, ווייל מאמעס האבן זיך געטוליעט צו זייערע טעכטער, שוועסטער צו שוועסטער און האבן זיך אויסגעשטעלט צוזאמען. זיינען אין די שורות געווען צו זעקס און צו אכט פרויען.

זיי קענען ניט ציילן ביז פינף, די אידיאטן־באנדע! מאך דו אן ארדנונג מיט די בהמות! האבן זיך די אויפזעערינס געהיצט; זיי האבן זיך ניט געקענט קיין עצה געבן ביים צעטיילן די משפחות, און אין זייער אומבאהאלפענעם כעס געשלאגן די פרויען מיט די בייטשן איבער קעפ און פנימער.

ביים ארויסגיין פון באד האט די מאמע גיך א וואונק געטאן צו דינה׳לען, האט זי שטיל און פלינק ווי א קעצעלע זיך אריינגעגליטשט אין דער אפגעציילטער ריי און צוזאמען מיט אלע, ווי א קליין דאר ווייבעלע, געשפאנט פאראויס מיט גרויסע טריט איבער דעם ברייטן, לאנגן וועג פון לאגער.

ווען דינה׳לע איז אריין מיט אלע פרויען אין באראק, האט זי זיך שטיל אנידערגעזעצט אין א ווינקל ביי דער וואנט און ניט אראפגעלאזט אויף קיין רגע איר בליק פון דער מאמען. ווען דערזען ווי די נייע אויפזעערקע, א יידישע פרוי, וואס האט איבערגענומען דעם באראק, האט איר מאמען אויסגעקליבן צו ברענגען ברויט פאר אלע, האט איר דינה׳לע מיט גליקלעכע בליקן ביז צו דער טיר באגלייט.

דאס איז געווען א נס! א נס, וואס מיר זיינען צוזאמען אין איין באראק געבליבן, האט איר הערצל געקלאפט מיט בטחון.

די מערהייט פון די פרויען זיינען צעטיילט געווארן און ס׳האט זיך געהערט זייער שטיל געוויין:

— וואו איז מיין שוועסטער, מיין פרומעלע?

— מיין איינציקע מומע איז מיר פארלוירן געווארן!

זיי האבן שטיל געקלאגט פאר זיך, פארצווייפלטע און אומבאהאלפענע.

ווען סולא איז מיטן ברויט צוריקגעקומען אין באראק איז געווארן א טומל, א קריגעריי: די פרויען האבן זיך אויפגעהייבן פון זייערע ערטער אויף די שטרויזעק, געשטופט זיך נעענטער צום טיש וואו די שטובן־עלטסטע האט געשניטן דאס ברויט אויף פארציעס, האבן געטומלט און געשריען.

ווען די שטובן־עלטסטע האט באפוילן אז סולא זאל דאס ברויט פארטיילן, האט זיך דינה׳לע אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער וואנט, צוגעמאכט די אויגן, ניט געוואלט קוקן אויף דאס ברוינע, שמעקעוודיקע ברויט: זאל די מאמעלע ניט מיינען, אז זי איז הונגעריק; ניט צוגיין צו איר מיט דער פארציע; נאר טיילן און טיילן, ביז זי וועט צוקומען אויך צו איר.

✶

שווער זיינען פאר דינה׳לען געווען די ערשטע טעג. זי האט גארניט געקענט באנעמען, וואס אזוינס איז א לאגער.

ווען ס׳איז נאך פינצטערע נאכט, וועקט די שטובן־עלטסטע מיט א פייפל די פרויען. זי פייפט אזוי לאנג ביז אלע פרויען הייבן זיך אויף פון די שטרויזעק. איבער אלע שטובן, איבער אלע באראקן, אויפן גאנצן שטח פון לאגער הערט זיך אזא לאנג, דויערנדיק פייפן, וואס שניידט די אויערן.

צעטומלטע גייען אלע פאמעלעך ארויס אויפן פעלד ארום די באראקן. ס׳איז א שטארקע קעלט. ס׳בלאזט א ווינט און נעמט ארורך ביז צום מארך פון די

ביינער. די פרויען ציטערן אין די לייכטע זומער קליידער, בארוועסע, מיט צעריסענע שיך, אדער אין קלומפעס אויף די בלויע, פארפרוירענע פיס.

דינה׳לע ווייסט, אז באלד נאכן ערשטן פייף דארף זי שנעל זיך אויפכאפן און אריינלויפן אין דער ברויט־קאמער. דארט, אונטער די זעק מיט ברויט, לייגט זי זיך אוועק.

איר מאמע, וואס האט די שליסלען פון דער ברויט־קאמער, פארשליסט זי. נאך דעם גייט זי אליין ארויס אויפן פעלד אויסצוסדרן די פארשלאפענע פרויען אין א לאנגער, גלייכער קאלאנע.

שעה׳ן דויערט עס ביז די טויזנטער פרויען פון אלע באראקן שטעלן זיך אויס צו פינף אין א שורה. צום סוף קומט דער „אבער־שארפירער" און נעמט איבער פון די „קאפאס" די צאל „העפטלינגען".

די הונגעריקע, האלב־נאקעטע פרויען שטייען גלייך, ווי אויסדרעסירטע זעלנער און ווארטן מיט א פארכאפטן אטעם אז דער ס.ס. מאן זאל וואס גיכער אוועקגיין.

די ציילונג הייסט „אפעל" און מוז אלעמאל שטימען, באווייזן אז קיין איינע פון די פרויען איז איבער נאכט ניט אנטלאפן אין וואלד.

קיינער קען ניט אנטלויפן אין וואלד. דער וואלד איז ארומגעשטעלט מיט דייטשע זעלנער, און איז ארומגעצוימט מיט עלעקטריזירטע דראטן. און איבער דעם לאגער שטייט א הויכער באלויכטענער וואך־טורעם. דער זעלנער וואס זיצט אינעווייניק וועט גלייך נאכשיסן. איז ווי קענען זיי לויפן די קראנקע הונגעריקע פרויען? ווער קען זיי באשיצן אין גרויסן, פינצטערן וואלד, ארומגעשטעלט מיט וואך־פאסטנס און הינט?

דאך, פארנאכט קומט פאר דער זעלבער „אפעל". ווידער שטעלן זיך אויס אלע פרויען צו באשטעטיקן, אז קיין איינע פון זיי איז ניט אנטלאפן דורכן טאג.

לויפט ווידער דינה׳לע אין דער ברויט־קאמער. ליגט איינגעקארטשעט, אן אטעם, מיט א ציטערדיק הערצל, ביז דער „אבער־שארפירער" וועט אוועק אין א צווייטן טייל פון לאגער.

אזוי איז עס יעדן טאג.

קען דינה׳לע ניט פארשטיין פארוואס האט מען די מענטשן דא אהער־געבראכט. זיי אלע האבן דאך אין געטא געארבעט, פארדינט אויפן עסן. און דא ליגן זיי גאנצע טעג אויף די שטרויזעק, אדער אויפן זאמד אין דרויסן, בעת מען רייניקט די שטובן. דינה׳לע קוקט דורך די דראטיקע צאמען און זעט

טויזנטער פרויען אזוי ליגן אויפן זאמד, אזוי אייגן פארשפארטע, דארע, אפ־געריסענע.

אין די ערשטע טעג האבן נאך די פרויען גערעדט צווישן זיך, דערציילט פון זייערע היימען און משפחות. היינט ליגן זיי אלע און שוויגן אדער שלאפן.

— ווי לאנג קען דאס אזוי דויערן? — טראכט דינה׳לע אין זיך. און כאטש איר מאמע גיט איר א גרעסער רעפטל ברויט באשמירט מיט מארמעלאדע, א גרעסער שיסעלע עסן, ווערט זי דאך וואס אמאל בלאסער, פארטריקנט; די שווארצע רעדער אונטער די אויגן יואס אמאל טיפער.

✶

יעדן טאג דערציילט סולא, פאר די פרויען פון באראק:

— עס גייען ארום קלאנגען, אז די מלחמה וועט זיך באלד ענדיקן... כאפן אויף די פרויען די ווערטער, ווי טרינקנדע א רעטונגס־ברעט. וויינען פאר פרייד מיט גרויסע שווערע טרערן, וואס קייקלען זיך פאמעלעך איבער זייערע בלאסע פנימער.

דינה׳לע אבער גלויבט ניט, אז די מלחמה וועט זיך אמאל ענדיקן. ס׳דאכט זיך איר, אז שוין שטענדיק וועט זי אזוי זיצן אין איר ווינקל אויפן שטרויזאק מיט א רעפטל ברויט אין א טארבעלע אויסבאהאלטן. ביינאכט לייגט זי דאס טארבעלע אונטערן קאפ, קיינער זאל עס חלילה ניט ארויסציען.

ניט איין מאל וועקט זי אין דער נאכט א געשריי:

— געוואלד, ווער האט מיר דאס ברויט ארויסגעגנבה׳ט! ווער? — טראגט זיך א פארצווייפלט שטיל געוויין אין דער פינצטער.

דינה׳לע היט גוט איר ברויט. זי ווייסט, אז ברויט איז לעבן. איר מאמען, סולאן, האט זי ליב ווי דאס ברויט.

ווי אנדערש איז איר מאמע פון די אלע ווייבער אין דער גרויסער באראק שטוב. אפטמאל אין דער שטילער נאכמיטאג־שעה נעמט זי צוזאמען פון די ארומיקע באראקן די פרויען וואס קענען דעקלאמירן, אדער זינגען, זעצט זיי אוועק אויפן בעט און אלע זינגען צוזאמען יידישע און העברעאישע לידער. טראגן זיך זייערע שוואכע שטימען צאפלדיק־שטיל, ווי פון פארוואונדעטע פייגל. די פרויען אויף די שטרויזעק ווערן ארויסגעריסן פון זייער גליוועור, ווער עס קען האלט אונטער, זינגט מיט:

„קום מיין געליבטער,	און חוץ דיר קיינער
דיינע אויגן קוילן שווארץ	האט ניט געפאנגען נאך מיין הארץ"

זיי זינגען מיט א פארחלומטער, פארבענקטער שטים, ווי זיי וואלטן דערמאנט זייערע פארלוירענע חתנים, אומגעבראכטע מענער. ליד נאך ליד אומעטיק, ווי שקיעה־שטראלן, ציען זיך איבער דעם באראק און גייען אויס פאמעלעך, פאמעלעך... טייךמאל נעמט סולא דערציילן, סתם אזוי זיך, א פריילעכע, וויציקע מעשה. די פרויען הייבן אן לאכן און קוקן זיך איבער איינע מיט א צווייטער, ווי געוואונדערט זיך, אז זיי קענען נאך לאכן. דאך לאכן זיי וואס אמאל העכער מיט א געלעכטער וואס קלינגט פרעמד, גרילצנדיק און קרימט אויס די פנימער אין א גרימאסע. אין באראק אבער ווערט לעבעדיקער און טומלדיק.

טראכט שוין ניט דינה׳לע, ווען וועט זיך ענדיקן די מלחמה. זי לאכט צוזאמען מיט אלע מיט איר קינדיש־שטיפעריש געלעכטער. זי האט ליב צו זען ווי איר מאמע מאכט זיך פריילעך און דערציילט פריילעכע מעשות פאר די פרויען, ווי אמאל אין דער היים פאר די געסט. זי זעט איר רואיק פנים און די האר צוזאמגענומען, אנגעלייגט כוואליעדיק. יעדן פארנאכט דרייט סולא צוזאמען אירע ברוינע, געלאקטע קאשטאן־האר אין פאפירלעך און אין דער פרי זעען זיי אויס ווי רינגעלעך געדרייטע און געפלאכטענע.

איצט זעט זי ערשט ווי שיין איז איר מאמע. שענער פון אלע אין באראק. שענער פון אלע אויף דער וועלט!

— מען מוז זיך האלטן ריין — רעדט סולא אפט צו די פרויען און טרייבט זיי אין קליינעם וואש־צימערל: — איצט איז פאראן גענוג וואסער, גייט זיך ארומוואשן זאגט זי צו זיי.

— ס׳איז קאלט... ניטא מיט וואס צו וואשן זיך... ניטא מיט וואס ארומצרווישן זיך... ניטא קיין כוח אויפצושטיין... ענטפערט איינע נאך דער אנדערער און בלייבן ליגן אויף די שטרויזעק.

— אבער אין דרויסן איז א זון... ס׳איז געזונט פאר די ביינער, פארן פנים... די זון וועט שוין אויסטריקענען! טרעט ניט אפ סולא.

— כ׳לייד ניט די זון, זי שטעכט אין די אויגן. הערט זיך ווידער אן אומעטיק קול. זיי בלייבן ליגן אויף זייערע ערטער אויסגעלאשענע, דער ווילן איז ביי זיי אפגעשטארבן. שלאפן זיי ארומגעהילטע אין די גרויע דעקעס, מיט אשיקע פנימער, צוזאמגעקארטשעטע, פארזונקענע אין זיך.

דינה׳לע אבער לויפט אין קליינעם צימערל זיך ארומוואשן, — אזוי האט די מאמע איר געלערנט. זי קען ניט ארומגיין ווי זיי אלע, גאנצע טעג ניט געוואשן; אפילו אין דער פרי נאכן „אפעל״ נעמט זי אביסל הייסע, שווארצע קאווע ארומצוואשן דאס פנים. גלייך פון וואש־צימערל לויפט זי יעדן טאג ארויס פארן באראק און לייגט זיך אוועק אויפן זאמד. זי האט ליב די ווארעמקייט און ליכטי־

קייט פון דער זון... ארום א גרינער וואלד מיט הויכע שמעקעדיקע ביימער... אין דער נאכמיטאג שעה קומען ניט קיין דייטשן, האט דינה׳לע ניט קיין מורא איצט פאר קיינעם. זי דארף אויך ניט מער אויסבאהאלטן זיך מיט איר סוד. אין באראק ווייסן שוין אלע, אז סולא איז איר מאמע און קיינער וועט זי דאך ניט מסרן פאר די דייטשן.

ליגט זי דינה׳לע, דאס קינד פון באראק, פארקוקט אין וואלד, ווארעמט זיך ווי א קעצל אין די הייסע זון־שטראלן און פארשטייט ניט, פאר וואס איז אלע פרויען אזוי קאלט...

*

איצט טראכט אפט דינה׳לע פון איר טאטן: ניט נאר די מאמע, נאר אויך דער פאפא איז אן אנדערער פון אלע.

זי האט געוואוסט, אז איר פאטער איז א ליטווינער. צו זיין משפחה איז זי זעלטן ווען געגאנגען. ביי יעדער באגעגעניש האט זי פון זייערע בייזע בליקן פארשטאנען, אז זיי זיינען ברוגז אויף איר מאמען, ווילן זי ניט זען... און אויך איר, דינה׳לען, ווילן זיי ניט זען... זיי זיינען געווען שלעכט צו איר און אפילו צו איר געבורטסטאג ניט געקומען. יעדעס מאל, ווען דער טאטע איז געקומען מיט א מתנה און געזאגט:

— די באבע האט עס געשיקט... זי קען ניט קומען... זי איז אלט, קראנק... האט דינה׳לע פארשטאנען, אז ער זאגט עס נאר סתם אזוי, ווייל די באבע וויל ניט קומען. אזוי אייגן די מומעס.

— דער פאפא איז געווען א גוטער!... טראכט דינה׳לע פול מיט ליבשאפט ליגנדיק מנוחה׳דיק אויפן זאמד. ביז דער מלחמה האט זי ניט פארשטאנען דעם אונטערשיד צווישן ייד און ניט ייד.

דער פאפא איז דאך געווען אזא אייגענער מענטש, ווי אלע פעטערס און שכנים, וואס זיינען ארייננעקומען. נאר זיין פנים איז געווען מער לאכעדיק און די האר העלער. ערשט ווען זיי זיינען אין געטא געקומען און דער פאפא איז מיט אלע יידן מיטגעגאנגען, האט זי פון אלעמענס פנימער ארויסגעלייענט א באוואונדערונג פאר אים; צום ערשטן מאל באנומען מיט איר קינדישן שכל, אז דאס איז א גרויסע זאך, ווען א ניט ייד גייט אין געטא און נעמט אליין אויף זיך א סך צרות.

אפטמאל האט זי געזען, ווי דער פאפא פארשווינדט פון דער שטוב. און יעדעס מאל האט אין איר מוח׳ל געשלאגן די פראגע: וואוהין קען ער גיין מיט דער געלער לאטע, ווען אלע יידן האבן מורא ארויסצוגיין? איצט דערמאנט זי זיך

אז יעדעס מאל ווען ער איז צוריקגעקומען, האט ער געבראכט אנגעפאקטע טאשן מיט פעקלעך פוטער, קעזן, וואורשטן. פון היטל ארויסגעשלעפט פאפיראסן, אויסגעטאן פון זיך העמדער, סוועטערס. דינה׳לע האט זיך געקאטשעט פון געלעכטער צוקוקנדיק וואס אלץ ער שלעפט אראפ פון זיך.

— הא, הא, הא! שקארפעטן און זאקן ציט דער פאפא ארויס פון די ארבל פון מאנטל! אזוי ווי אמאל דער כישוף־מאכער פון צירק האט געשלעפט פון זיין הוט אייער! א פולע שיסל אנגעלייגט און דערנאך גענומען ציען פון מויל פארביקע בענדער, פאקן זיי אין די טאשן און צוריק ארויסציען פון מויל!

איצט איז דער טאטע א כישוף־מאכער האט זי געטראכט ביי זיין צוריקקומען. ער גייט אוועק מיט ליידיקע הענט און קומט צוריק מיט כל־טוב! קיינער קען דאס ניט באווייזן, נאר ער, איר פאפא!

נאך א צייט איז דינה׳לען קלאר געווארן, אז דער טאטע גנבה׳ט זיך ארויס פון געטא אין שטאט אריין כדי צו ברענגען עסן פאר דער גאנצער משפחה, וואס איז מיט זיי אין געטא פארשפארט געווארן און האט געוואונדערט זיך פארוואס די מאמע בעט זיך:

— גיי ניט מער... ס׳איז א סכנה... געפערלעך!

— וואס קען דען זיין געפערלעך? — האט דינה׳לע געטראכט: וואס קענען אים די דייטשן טאן? דער פאפא איז דאך ניט קיין ייד! ביז איינמאל איז דער טאטע מער ניט צוריקגעקומען. שפעט ביינאכט האט די מאמע זי געבעטן:

— גיי, דינה׳לע, שלאפן. דער פאפא איז מסתמא געבליבן ביי דער באבען, קען ניט אוועק פון איר...

דינה׳לע האט אבער ניט געקענט איינשלאפן. געהערט ווי די מאמע וויינט אריין אין קישן און פארשטאנען, אז מיטן פאפא איז עפעס שלעכטס געשען.

צומארגנס האבן די קינדער דערציילט:

די דייטשן האבן א סך יידן געכאפט ביי די דראטן... אלעמען געשאסן. דינה׳לע איז אבער געבליבן רואיק. ניט געקענט גלויבן, אז אויך איר טאטן האבן די דייטשן דערשאסן.

יעדעס מאל, ווען די מאמע האט זי געטרייסט, אז די באבע מוז נעבעך זיין זייער קראנק און מען טאר זי ניט לאזן אליין, האט דינה׳לע אראפגעלאזט די פארטרערטע אויגן און געשוויגן. זי ווייסט אז די באבע איז תמיד געווען א געזונטע, א פעסטע...

איצט, ליגנדיק אויפן זאמד, זעט זי פאר זיך דעם פאפא. האט אים מער ליב ווי אלע מאל. דערמאנט זיך, ווי ער האט זיך מיט איר געשפילט, ארומגעיאגט. אויף די הענט ארומגעטראגן ווי א פיצעלע, קליינינקע מיידעלע, כאטש זי איז שוין געווען א גרויסע...

— גוט וואס ער איז ניט קיין ייד! — טראכט א בארויקטע דינה׳לע. די דייטשן וועלן אים ניט קענען מאכן קיין צרות! ניט אוועקפירן אין אזא מין לאגער און האלטן פארשפארט אין א באראק.

זי קוקט זיך צו פון דער ווייטנס צו די מענער פון דער צווייטער זייט דראטן און טראכט אין זיך:

— צי איז טאקע דער פאפא ביי דער קראנקער באבען געבליבן? צי וואלט ביינער!...

און דאך ציטערט איר הערצל פאר שרעק:

— צי איז טאקע דער פאפא ביי דער קראנקער באבען געבליבן? צי וואלט ער אלע איבערגעלאזט, אוועק פון שטוב און אפילו קיין בריוול ניט צוגעשיקט? אפשר האבן אויך אים די דייטשן דערשאסן מיט אלע צוזאמען יענע נאכט ביי די דראטן?... דערהרגעט?...

— ניין, ניין! צאפלט איר גופל. אפילו א רגע קען זי אזא מחשבה ניט פארנעמען. דער פאפא איז דאך ניט קיין ייד! ער לעבט, ער לעבט!

✶

אין איינעם פון די רואיקע שטילע טעג, ווען אלע פרויען זיינען געלעגן אויף די שטרויזעק ווי שטום און געפרואווט איבערשלאפן די פוסטע צייט, זיינען פלוצלינג אין באראק אריינגעקומען עטלעכע נייע פרויען איינגעהילטע אין גרויע דעקעס. אויף זייער אנקומען האבן זיך אלע ווי פון חלום אויפגעוועקט געמומען אויספרעגן:

— ווען זייט איר געקומען? פון וועלכער שטאט?

— מיר זיינען פון דער צווייטער זייט לאגער... האבן שוואך און דערשראקן געענטפערט די פרויען. פון אונדזער באראק זיינען אלע אוועק צו פעלד־ארבעט... מיט א טראנספארט... נאר מיר זיינען געבליבן...

זיי האבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד גליקלעכע וואס מען האט זיי אין די דייטשע דערפער ניט געשיקט, אן אויפהער געדאנקט און געלויבט זיין ליבן נאמען, וואס דער גורל האט זיי געשוינט פון ערגסטן און זיי געלאזט

ווייטער מנוחה׳דיק ליגן אויף דער ערד מיט אלע די, וואס טויגן ניט מער צו דער ארבעט...

די יינגסטע פון זיי האט זיך אוועקגעזעצטביים פענצטער, די גרויע דעקע אונטערגעלייגט, טיף אין זיך געצויגן די לופט ווי א פיש ערשט פון וואסער ארויסגענומען און ס׳פעלט איר אטעם.

דינה׳לע האט זיך פון דער ווייטנס צוגעקוקט צו איר בלייכן דארן פנימל און גרויסע, שווארצע אין פיבער צעברענטע אויגן. צוגעקוקט ווי זי נעמט ארויס פון ארבל א שטיק ברויט, באטראכט פון אלע זייטן און לייגט עס צוריק אריין.

פון ערשטן אנבליק האט זיך דינה׳לע דערפרייט מיט איר קומען. ניט דרייסט צוגעקומען צו איר, אוועקגעזעצט זיך דערנעבן און מיט איר זינגעוודי־קער שטים א פרעג געטאן:

— ווי הייסטו?

— רות. איז געפאלן שטיל אַן ענטפער.

— מיט וועמען ביסטו דא אהערגעקומען? וואו איז דיין משפחה? האט זי ווארעם הארציק אויסגעפרעגט.

רות האט געשוויגן, פארקוקט אין גרינעם וואלד.

מיט פארשנדיקע אויגן האט דינה׳לע זיך איינגעקוקט אין איר בלייך פנימל און זארגעוודיק געפרעגט:

— אפשר ביסטו קראנק? און שטילער צוגעגעבן: — מיין מאמע קען דיר ברענגען א פיל... שא...

רות האט געשוויגן.

דינה׳לעס הערצל האט זיך אויפגעמאכט ווי א קוואל; געוומען אויסדערציילן אלץ וועגן זיך, פון איר היים, דעם טאטן און דער גאנצער משפחה, ווי זי וואלט שוין גאר לאנג ניט גערעדט מיט א נאענטן, וואס פארשטייט זי און פילט דאס זעלבע. פון צייט צו צייט איבערגעריסן פרעגנדיק:

— און דו... וואס דערציילסטו גארניט, רות?

רות האט געשוויגן... זי האט פאר זיך געזען די קראנקע מאמע, מיט א גרויסן, שווערן רידל גראבן אויף א פעלד... דאס בלוט איז איר אפגעשוואומען פון הארץ... זי ווייסט: דער טאטע איז אין איינעם פון די באראקן, אבער וואו? און די שוועסטער?... און דער ברודער?... אפשר זיינען זיי ערגעץ ווייט פארשיקט געווארן?... קען זי קיין ווארט ניט ארויסברענגען פון זיך. יעדעס ווארט איז א וויי.

פון איר ווינקל האט דינה׳לע צוגענומען איר האנטעך, די דעקע, די קאנסערוון פושקע און צוגעזעצט זיך נעבן רותןביים פענצטער. אין אוונט האבן זיי ביידע צוזאמען געגעסן.

רות האט דאס קליינע פושקעלע מיט מארמעלאד אוועקגערוקט, ניט געוואלט אפילו א לעק נעמען פון יענעמס; געגעסן דינע, קליינע שטיקלעך ברויט; א חלק באהאלטן אויף מארגן.

האט דינה׳לע פון איר ברויט געשניטן, געשמירט מיטן בלעכענעם לעפל די זיסע פלוימען מארמעלאד פאר רותן און געמונטערט זי פון איר פארטראכקייט:

— עס... עס... טרינק די קאווע, ס׳איז גענוג, קענסט נאך אויף שפעטער לאזן.

ביינאכט ווען ביידע זיינען צוזאמען געלעגן איינגעהילט אין די טאפלטע דעקן, האט דינה׳לע בעטנדיק געשעפטשעט:

— רות׳עלע... ווילסטו זיין מיין שוועסטער?...

רות האט שווייגנדיק צוגעשאקלט מיטן קאפ.

✶

פון סאמע פרימארגן איז איבער די יידישע באראקן אדורך א ציטער. סולא, די געהילף פון דער שטוב־עלטסטער, איז אריין גלייך נאכן קאווע טרינקען און געהייסן גוט אויסלופטערן דעם באראק; אויפמאכן ברייט די פענצטער. די עלטערע פרויען האט זי געגעבן איר אפגעראטעוועטן ליפן־שטיפט און געעצה׳ט:

— גיט א ביסעלע פארב אויף די באקן, אויפן פנים... נאר א ביסעלע...

האבן אלע גלייך פארשטאנען, אז מסתמא קומען די דייטשן; עפעס וועט געשען... זייט א וואך האבן זיך פארשפרייט קלאנגען, אז די געזונטע פרויען וועלן אפגעקליבן ווערן צו א קארטאפל־קאמאנדא. די „קאפאס״ האבן פאר די שטובן־עלטסטע דערציילט:

— אין די דייטשע דערפער גייט עס גוט די „יודען״. די פויערים גיבן אלע פרויען פון טראנספארט ריינע ארבעט־קליידער, טאפלטע זופן, און ברויט — איבערגענוג!

אלע אבער וויסן, אז אין די דערפער איז א גהינום. פון צייט צו צייט קומען צוריק די קראנקע און דערציילן:

— מען ארבעט פון פרימארגן ביז פינצטערער נאכט; מען שלאפט אויף

די פעלדער; ווער ס׳האט געהאט אביסל מזל צו ארבעטן ביי קרויט און מערן, האט געגעסן גרינס צו דער זעט; די אבער, וואס האבן געארבעט ביי קארטאפל, האבן גענומען עסן רויע קארטאפל און זיינען געשוואלן געווארן; וואסער־זופ גיט מען נאר אין די דערפער; אלע פאלן דארט ווי די פליגן! די פויערים שיקן צוריק די קראנקע אוןווארטן אויף נייע טראנספארטן פון געזונטע...

די פרויען אבער האבן ניט געוואלט גלויבן, אז מען גרייט א טראנספארט אין די דערפער. סולא דערציילט דאך יעדן טאג:

— אט.. אט.. ענדיקט זיך די מלחמה.. ביי נאכט לייענט זי א צייטונג... זי ווייסט...

איז עס געווען ווי א דונער פון הימל, ווען די לאגער־עלטסטע, שורא, איז אריין מיט א געשריי:

— אפעל! אפעל!

די פרויען, וואס זיינען נאר וואס געקומען פון פרימארגן אפעל, קוים א זופ געטאן די הייסע קאווע, האבן ניט קיין כוח ווידער זיך אויסשטעלן צו א נייעם „אפעל״; זיי ווילן ערגעצוואו אנטרינען, קיינער זאל זיי ניט דערזען, ניט געפינען.

— ראוס, ראוס! שרייען אלע שטובן־עלטסטע, פייפן ביז צום פארטויבן און ווארפן ארויס די דערשראקענע פרויען אויפן פעלד.

האלטן זיך פעסט ביי די הענט מאמעס מיט טעכטער, שוועסטער מיט שוועסטער, קרובים, באקאנטע און שטעטישע: טויט, אדער לעבן, — נאר צוזאמען!

פאלט צו דינה׳לע צו איר מאמען אן אטעם און שעפטשעט אריין אין איר אויער:

— מאמעלע, זאל רות׳עלע אריין מיט מיר אין דער ברויט־קאמער, מירן זיך באהאלטן צוזאמען... מאכט זיך סולא ניט הערן און שרייט מיט אלע שטובן־עלטסטע:

— צונויפלייגן די שטרויזעק! גיכער ארויס! ארויס! זי גיט א כאפ די צעטומלטע רות און נעמט שרייען:

— וואס שטייסטו ווי א גולם! שנעלער לייג צוזאמען די שטרויזעק! אנו, ריר זיך!

זיינען אלע פרויען ארויס אויפן פעלד פאר די באראקן און רות איז א דערשראקענע ביים בארג שטרויזעק געבליבן.

— אריין... גיך אריין אין שטרוי! טיף, טיף אונטן! — צישעט סולא די ווערטער צווישן די ציין און אירע ליפן באוועגן זיך ניט, ווי די ווערטער וואלטן ניט פון איר געקומען; און שוין איז זי אויפן פעלד צווישן דער צעוויפּגע־קנוילטער מאסע פון טויזנטער פרויען.

פאקט זיך רות אריין צווישן די שטרויזעק און ציט זיך אויס גלייך ווי א ווירע. צאפלט איר הארץ: א פינצטערקייט ארום... אין באראק איז שטיל... און אויך פון פעלד טראגט זיך א טויטן־שטילקייט...

— צי איז אדורך א שעה צי א רגע? אפשר זיינען אלע אפגעפירט געווארן, אוועק אין טראנספּארט? און אפשר איז מיט אלע אוועק אויך דינה׳לעס מאמע? אימה׳דיקע מחשבות שלאגן זיך אין איר מוח און דאס הערצל קלאפט שטארק, וואס אמאל שטארקער, באלד וועט עס פלאצן, ניט אויסהאלטן מער.

פלוצים דערהערט זי א קלינגענדיקע שטימעלע:

— רות... רות׳עלע, ציִ ארויס דעם קאפּ... קענסט אטעמען פריי, ער איז נאך ווייט... האב קיין מורא... האב קיין מורא...

ציט רות ארויס איר קאפּ פון שטרויזאק, קוקט זיך ארום א דערשטוינטע, זעט פאר זיך דינה׳לען א רואיקע, א באהערשטע און וויל ניט גלויבן אירע אייגענע אויגן, זי וויל שרייען: פארשווינד! אנטלויף! איר שטים איז אבער א דערשטיקטע, ווי אפגעשטארבן...

און שוין איז דינה׳לע ניטא. צוריק אנטלאפן א באָרוועסע — שטיל, שטיל, אין איר באהעלטעניש — קיינער זאל אירע טריט ניט דערהערן.

רות אטעמט פעסט, וויל אין זיך איינגעמען א סך, א סך לופט אויס־צוהאלטן די געדיכטע שטיקעניש, וואס טראגט זיך פון די שמוציקע, אלטע שטרויזעק. איר קאפּ פאלט אבער שווער אנידער, זי קען ניט אויסהאלטן דעם עפּוש, גובר זיין די שוואכקייט.

— רות... רות׳קעלע! באהאלט זיך... ער קומט שוין... ער גייט! שרייט אין איר ווידער אריין דינה׳לעס קול.

ווייסט שוין ניט רות, צי איז דאס א חלום צי אָן אמת. ווי א דערשראקן חיה׳לע אין שעה פון א סכנה רוקט זי זיך אריין אין שטרויזאק, נארעט זיך איין טיף, טיף. אין איר מוח קלאפן טריט, טריט, טריט. פעסטע, געזונטע, באשטימטע — דאס איז ער, דער „אבער־שארפירער״! ער גייט מיט זיין רעוואָלווער אין האנט... ער וועט מיך געפינען! שיסן... — ציטערט זי מיט דער גאנצער נשמה, וואס וויל לעבן. זי אטעמט שווער, דאס געהער איז אנגעשפּיצט, אנגעשטרענגט.

צי איז שוין, פארביי א טאג, צי א יאר? זי ווייסט שוין גארניט וואס אזוינס איז צייט. טאג, אדער נאכט. א פינצטערניש, אָן אין־סופיקע פארטויבט

זי און נעמט אפ די חושים. נאר איין מחשבה, ניכטער און קלאר, פייניקט זי ביז ווייטיק:

אפשר זיינען אלע אוועק מיטן טראנספּארט... אויך סולא?

מיט אמאל נעמט זיך וואקלען דער בארג שטרויזעק... ס׳ווערט איר וואס אמאל לייכטער, גרינגער. רות מאכט אויף די פארחלשטע אויגן, קוקט, פארשטייט ניט וואס דא קומט פאר, — דינה׳לע לאכט גאר אויף א קול:

— צעלייג די שטרויזעק... גיך,... אלע קומען שוין צוריק! ס׳איז נאכן „אפּעל״. אט גייט סולא, מיין מאמעלע!

גלייך האט רות דערהערט א טופּעריי פון קלומפּערס, א לויפעניש, א געדודער. הונדערטער פרויען האבן זיך געלאזט לויפן צוריק אין די באראקן.

אין שטוב זיינען נאר א טייל פרויען צוריקגעקומען, צעלייגט זיך אויף די שטרויזעק און גענומען רעדן, שרייען, ארויסוואַרפן אין צעמישטע, אפגעהאקטע ווערטער די שרעק פון „אפּעל״. מעסטן מיט די בליקן די ווינקלען פון באראק, זוכן ווער ס׳איז אוועק, און ווער ס׳איז אויף זיין ארט צוריקגעקומען.

דינה׳לע און רות זיינען שווייגעוודיקע געזעסן ביים פענצטער. איינע אין דער צווייטער איינגעקוקט, און זייערע אויגן האבן געשטראלט מיט ליבע און גליק.

דוד ראַדין

לידער

אין וואנדער

אלט איז מיין וואגן,
און אלט איז מיין פערד,
שלעפט זיך מיין וואגן
אויף בליענדער ערד.

וועלט האט פיל וועגן,
און יאר האט פיל טעג,
מעסט איך אויס וועגן
פון ברעגן ביז ברעג.

שלענגלט דורך פעלדער
דורך פרעמדע מיין וועג,
ווינקט מיר דורך וועלדער
א גאלדענער ברעג.

גאלדענע ברעגן,
און פעלזן, און ים, —
פאר מיינע וועגן
קיין אפהאלט, קיין צאם!

כוואליעט צו ברעגן
א וואסער גאר טיף,
קומט מיר אנטקעגן
א וואגלענדע שיף.

לאד איך מיין וואגן,
און לאד אויך מיין פערד, —
לאז מיך שיף טראגן
צו נייערער ערד.

ח י פ ה

ברענגט מיך מיין שיף
צו וויסטיקן ברעג:
זאמד איז דארט טיף;
ניטא איז קיין וועג.

נעמט זיך דארט טראגן
אויף זאמדיקער ערד
שפּור פון מיין וואגן,
און טראט פון מיין פערד.

פון ברעג און ביז ברעגן
אין וויסטיקן לאנד,
שנייד איך דורך וועגן
און שטעגן נאכאנאנד.

איך גרונטעווע קוואלן,
און אקער, און זיי,
און פלאנץ דארטן ביימער
אין רייען נאך ריי.

שפּראצן אויף פעלדער
מיט זוימען פארזייט;
שפּרינגען אויף וועלדער
אין ווייטן צעשפּרייט.

— — — — — — — —

שלעפּט זיך מיין וואגן
אויף בליענדער ערד.
אלט איז מיין וואגן,
און אלט איז מיין פערד...

* * *

געזאַנג פון שניט

קלינגענדיקע קלאַנגען
טראָגן זיך מיט ציטער,
וויגן זיך אויף זאַנגען
איבער פעלדער ברייט.

וויגן זיך אין קלאַנגען,
און אין ליד פון שניטער,
זוניקע די זאַנגען
איבער פעלדער ברייט.

זוניקע די זאַנגען
פאַלן רייפע אַרונטער
אונטער קאָסע־קלאַנגען
איבער פעלדער ברייט.

קלינגען קאָסע־קלאַנגען,
זינגען שניטערס מונטער,
הילכן אָפּ געזאַנגען
איבער פעלדער ברייט.

זינגען שניטערס, זינגען:
קלינגען קאָסעס, קלינגען:
— זיין וועט היי־יאָר גרינגער!
— זיין וועט היי־יאָר ברויט!

★ ★
★

שלאף

אויף א זעגל־שיף,
שטיל, אויף ימען טיף,
שווימט דער שלאף אין בלייכן אוונט־בלוי.

וויגט זיך זעגל גרוי,
טונקלט אוונט־בלוי,
שימערן שטערן אויף אין בלויען רוים.

הויך אויף מאסטן־בוים,
מיט שטערן־שטויב אין רוים,
וויגט זיך הימל ווי א בלויער טרוים.

מאך די אויגן צו:
ים, און רוים, און רו...
וועלט איז ווייט... און שלאף זינגט שטיל אזוי —
ליו־או, ליו־או, ליו־ו־ו!

*

וואָלף גאָמערמאַן

געדאַנק, פאַרנונפט און חכמה

בעת, און פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אָן, איז די מענטשהייט באַזאָרגט און זוכט צו באַנעמען די סיבות וואָס האָבן דערפירט צו דעם, אַז געדאַנק און פאַרנונפט, וואָס האָבן אויפגעטויכט מיטן דערשיינען פון דעם האָמאָסאַפּיען און דערהייבן דעם מענטשלעכן פענאָמען דורך אַן אַלץ מער שטייגנדער קולטיווירונג צו אַ הויכן מאָראַלישן באַגריף פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין זיין אויפטריט אין דער פּראַקסיס, האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון מעטאַדיזירטער בעסטיאַ־לישקייט. דער שטייגנדער דיאַלאָג פון פאַרשיידענע ריכטונגען צו געפינען אַן אויסוועג, און דער דראַנג וואָס האָט אַרויסגעצוואונגען די ענציקליקע פון יוחנן דעם 23־טן, Pacem in Terris, גיבן ניט קיין ענטפער אויף דער פראַגע: „ווי אַזוי איז דאָס געווען מעגלעך?"

ניט פאַראורטיילן, ניט באַרעכטיקן געדאַנק און פאַרנונפט איז אונדזער אויפגאַבע. עס שטעלט זיך איינפאַך אַ פראַגע וואָס בויערט מיט באַזאָרגטקייט דעם מענטשלעכן געוויסן זינט דער אַנטשטייאונג פון קריטישן אויפפאַסן פון יעדער דערשיינונג, סיי אויסערלעכער, סיי אינערלעכער; דאָס איז די אייביקע פראַגע: „ווי אַזוי?" עס איז נויטיק צו באַשרענקען אונדזער אונטערזוך, שטעלנדיק די פראַגעס: וואָס איז געדאַנק, און וואָס איז פאַרנונפט, ניט נאָר אין זייער פענאָמענאַלאָגישן אויפטריט, נאָר אויך אין זייער סובסטאַנציעלן אויפטויך?

דער אַנאַליז פון מאָסן־פּסיכאָלאָגיע (וואָס איז אַ פּראָבלעם פאַר זיך) דערווייזט אונדז, אַז ציוויליזאַציע, — פּראָדוקט פון קולטור (קולטיווירן אייגנשאַפטן), קען דערפירן צו אַן אימפּאַס (Impasse) אויב דער פענאָמען — די פאָרם — ווערט גענומען אַלס סובסטאַנץ. דער וועזן, די מענטשלעכע ענטיטעט וואָס ווערט אַרויסגערופן צו עקזיסטענץ דורך קולטיווירונג אין אַן אַדעקוואַטן שטח, ווערט פאַרשוואונדן און פאַרטוישט דורך דעם פענאָמען פון רעלאַציע, וועלכער פאַרנעפּלט יעדע טענדענץ פון דעם „אין זיך" צו מאַכן אַן אויסוואַל אין זיין באַציאונג מיט דער אויסערלעכער וועלט אין גייסט פון קריטישן באַנעם. אַזוי אַרום קריסטאַליזירט זיך אויס אין דעם גייסט פון וועזן אַ קאָנדיציאָנעלער רעפלעקס אין רוים פון פאַרנונפט, ווי ס'לערנט אונדז פּאַוולאָוו אין זיין טעאָריע פון „קאָנדיציאָנעלע רעפלעקסן". דער ביישפּיל פון פּסיכאָלאָגישער אויפפירונג פון מאָסן אין דער געזעלשאַפט איז באַלערנד. מיר קענען באַהויפּטן, אַז דער גייסט ווי דער געדאַנק זיינען אונטערוואָרפן

מעטאפיזישע געזעצן אין דער זעלבער מאס ווי די חושים זיינען אונטערוואָרפן פיזיאָלאָגישע, כאטש דורך אַן אייגנאַרטיקער פענאמענאליטעט; זיי זיינען ניט עפּעס אנדערש ווי א מאניפעסטאציע פון אנגעהעריקייט צום רעלאציע־קאמפּלעקס פון חומר דורך אויפרייס און קאמפּלעקסיפיקאציע פון דיפערענציעלער עמפּפינדלעכקייט.

דער קאנצעפּטועלער מעטאד, וועלכער איז ניט אַן און פאַר זיך א ציל אויפצונעמען זאכן אין זייער פענאמענאלאגיע, דערלויבט אונדז א דיאלעקטישן צוגאנג צו רעאליטעט, אויסער דעם רעאלן.

די אויבנדערמאנטע פראגעס מוזן אויך פארבונדן ווערן מיט אנדערע פראגעס: 1) וואס איז די ראָל פון חכמה (Sapientia) אין צוטריט פון גייסט? און אייגנטלעך: וואס איז דאס אזוינס חכמה? 2) צי איז חכמה א פענאמען פון „אין זיך" אַן שום פארבינדונג מיט „פאַר זיך" און, מיט „פאַר דעם אנדערן", אויסער דעם אנטייל „פון דעם אנדערן" און פון דער עמפּפינדלעכער וועלט? אדער, צי איז חכמה אַן עקסטראַפּאָלאַטיווער אננעם וואס ווערט אינהערענט?

כדי צו געבן אַן ענטפער אויף די אלע פראגן איז נויטיק זיך צו באפרייען פון דער איינגעאַנקערטער טענדענץ אוועקצושטעלן די חכמה אויסער, אדער אינער דעם חומר־סטרוקטור, זי אנאליזירן, צוגעבנדיק איר א באזונדער באוועגונגס־קראַפט, וואס מ׳קען ניט אויסגעפינען אין אלע דערשיינונגען פון וועלט־שטאָף.

פונקט ווי דאס דערשיינען פון געדאנק און פארנונפט איז קאָנדיציאָנירט דורך דער אנטוויקלונג פון מענטשלעכן מוח — פון דער קאָרטיקאַלער און פּראָנטאַלער זאָנע פון דעם שאַרבן — אזוי איז דאס דערשיינען פון חכמה קאנדיציאנירט דורך דער גראדועלער אנטוויקלונג פון דעם קאנטראל־סיסטעם פון „ווילנס", וועלכע קומען אין פארמעסט אין צוגאנג פון עמפּפינדונגס־דיפערענציאציע — מאכן דעם אויסוואל אין דעם פארמעסט פון „ווילנס". ווייל אין געגנזאץ צו די באהויפּטונגען פון נעאָ־פּלאַטאָנישע דענקער, ווי דער לאָגאָס פון פילאָן פון אלעקסאנדריע, פארטיפט און אנטוויקלט דורך פּלאַטאָן; דער „געטלעכער ווילן" פון ר׳ שלמה איבן גבירול (Avicebron) אין זיין בוך „יסוד החיים" (Fons Vitae), אויפגענומען פון סענט טאָמאַס, זיינען ניט עפּעס אנדערש ווי עטאַפּן פון עוואלוטיווער איינקייטלונג פון אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט אין זייערע קאנסעקווענצן.

צו באהויפּטן, אַן דיסקורסיווער אויפקלערונג, אז מענטשלעכע חכמה איז אַן אורשפּרינגלעכע דערשיינונג וואס שלייכט זיך דורך אלע עטאַפּן פון חומר, דערפירט צו איינשפּאַרן זיך אין א סאָליפּסיזם, וואס דערפירט צו אבסורד. עס איז דערפאַר נויטיק אַן עפּיסטאמאלאגישער צוגאנג צו באהאנדלען די פּראָבלעמען.

דער ערשטער פּאָסטולאַט פון חכמה איז צו פאַרפעסטיקן איר אייגענע עקזיסטענץ אין דער באַציאונג פון „אין זיך" מיט דער אויסערלעכער וועלט, ניט נאָר „פאַר זיך", נאָר אויך „פאַר דעם אַנדערן", דורך האַרמאָניזאַציע פון באַציאונגען; אויפהאַלטן גלייכגעוויכט אין ראַציאָנעלער אויגנבליקלעכקייט אַזוי לאַנג ווי דאָס אַרומיקע דערמעגלעכט דאָס.

מיר וועלן צוערשט פּרוּוון נאָכפאָלגן דאָס שלייכן זיך פון חומר אין זיין אויפשטייגנדער טראַנסעקציע.

★

לויט דער עטיאָלאָגיע פון אַטאָם, איז די אויפפירונג פון זיינע קאָנסטי־טואיטיווע טיילן — דער פּאָזיטראָן, דער עלעקטראָן און דער נעיטראָן, וועלכע האָבן אַ טענדענץ איינצוזעצן זיך אין דאָפּלטן פעלד פון אָפּשטויס און צוצי דורך עקוויליברירן ראַדיאַציעס שאַפט זיך אַן עלעקטראָמאַגנעטיש פעלד — דאָס איז אַ באַווייז אַז דער פענאָמען איז בלויז טענדענץ און ניט אינהערענטער ווילן.

אין דער אינאָרגאַנישער כעמיע קענען מיר באַאָבאַכטן די אָנשטרענגונג פון טיילן אויפצוהאַלטן אַ גלייכגעוויכט אין פאַרקריטישן צושטאַנד פון צווישנ־אָפּהענגיקייט. קריסטאַליזאַציע דריקט אויס אַ טענדענץ פון עוואָלוציע. מיר קענען דורך דערפאָרונג פעסטשטעלן, אַז קאַ־וואַלענץ און עלעקטראָ־וואַלענץ זיינען אין דער קאָנצעפּטואַליטעט פון סובסטאַנץ אַ קאָמפּלעפּיצירטער אויסדרוק פון טענדענץ. צי קען מען דעריבער זאָגן אַז טענדענץ איז אַ רודימענטאַרער אויסדרוק פון אורשפּרינגלעכער חכמה וואָס איז אינהערענט דעם חומר? געוויס ניין. ווייל דאָס באַדייט בלויז מעגלעכקייט. פּונקט ווי מ׳קען ניט באַשטעטיקן אַז רעפלעקס איז געדאַנק, ווייל רעפלעקס באַדייט נאָר די מעגלעכקייט צום דערשיינען פון רעפלעקציעס אין געוויסע באַשטימטע אומשטענדן פון קאָמפּלעצ־פּיצירטן חומר. אין אינהערענטן איזאָטראָפּיזם פון חומר ליגט די אורזאַך פון אומצאָליקע דורכפאַלן אין זוכן אַן אויסגאַנג, ווי אויך אין דורכפאַל פון די דורכפאַלן — דורך אַן אויסערגעוויינלעכער קאָהערענץ אין זיין אויפרייס אין קוואַנטישער צוזאַמענפּרעסונג אין אַ קאָכיקער קאָנצענטרירקייט פון אַלץ מער און מער שטייגנדע שנעלקייטן כדי צו דערגרייכן אַ דיפערענציעלע קוואַליטאַטיווע קאָמבינאַציע.

די אייגנשאַפט פון חומר אויפצוטויכן אין אַלע ריכטונגען, וועלכע דע־מאָקריט און אַריסטאָטעלעס האָבן באַהאַנדלט, האָט שוין באַאומרואיקט דעם געדאַנק פון דענקער אין אוראַלטע צייטן. די גנאָסטיקער, כדי אויסצופילן בלויזן אין זייער קאָנצעפּציע פון וועלט־באַשאַף, זיינען געווען געצוואונגען אַריינ־צופירן אין זייערע קאָנצעפּציעס פּאַרמיטלער־סימבאָלן — ווי דער „לאָגאָס" פון פילאָן און „דער געטלעכער ווילן" פון איבן גבירול, כדי צוצוגעבן זייערע ספּעקולאַציעס אַן אויסזען פון פאַרנונפטיקער אויפפּאַסונג.

דער קאָנסטאַנט פון חומר וואס דעזאינטעגרירט זיך און ווערט צעפאלן אין זיין אויסשפרייטונג אלס אזעלכער (כ׳זאג אויסשפרייטונג, און ניט שטח) פון צווישן־נעבולעזן, פון צווישן גאַלאַקסיעס, קאנסערווירן זיך די טענדענצן זיך אויסצושטאטן אין א קאָנסטאַנט ארום א ריס וואס שאפט זיך דורך אויס־שפרייטונג. אט אזא ריס אין לייטער פון מיקראָ־נעגאַציע (פארצעלערע לערקייט) ברענגט ארויס טענדענץ פון צוריקאויפבוי פון דעם קאנסטאנט פון חומר. צום ביישפיל: דער עקספערימענט פון אירען און פרעדעריק זשאָליאָ־קורי וועלכע האבן ארויסבאקומען א כעמישע טראנסמוטאציע פון עלעמענטן אין לאַבאָראַטאריע:

„באמבארדירנדיק אלומיניום מיט געוויסע ראדיאציעס האבן זיי ארויסבאקומען א ניט סטאַבילן פאָספאָר, וועלכער האט זיך אויפגעפירט אין משך פון עטלעכע מינוט ווי א ראדיא־אקטיווער קערפער און האט זיך ענדלעך דעקאָמפאָזירט געבנדיק סיליציום. וואס איז מערקווירדיק אין דער אפעראציע איז דאס וואס די אַטאָמישע צאל פון דעם ארויסבאקומענעם סיליציום (וועלכער איז אין איינקלאנג מיטן גראד־קאמפלעקסיפיצירונג פון אטאמישער סטרוקטור) איז ק ל ע נ ע ר פון דעם פאָספאָר און ג ר ע ס ע ר פון דעם פרימיטיוון אלומיניום. אויף אזא אופן איז די באוועגונג אין די טראנספארמאציעס און טראַנסמוטאַציעס ניט נאָר אַן אראפשטייגנדע נאָר אויך אַן ארויפשטייגנדע. עס איז אין דעם פאראן די ערשטע אפראקסימאַציע פון א מעגלעכער צוריקאויפשטעלונג פון דער וועלט.“ [1]

די מיקראנעגאציע (פארצעלערע לערקייט), ניט סטאביל דורך איר נעגאציע זעלבסט, איז א מעגלעכקייט־פאַקטאָר. מיר קענען דאן אויספירן אז אין דער מאָדולאציע פון חומר זיינען פאראן בלויז טענדענצן פון דיווערגענטע און קאנווערגענטע אייגנשאפטן און פאר קיין פאל ניט — חכמה.

✶

אַן אנדער באוויז אז דאס באשאפן פון עלעמענטן איז ניט אפהענגיק פון א ווילן, ד. ה. פון חכמה, נאר דורך צופעליקן בייטראג פון אייגנארטיקער אומגעבונג, וועלכע איז אַן אויסדרוק פון אומענדלעכע קרייצונגען און פון אנצאליקע מעגלעכקייטן. דאס איז: די איזאלירונג פון א באזונדערער געגנווארט, עקספערימענטאל, וועלכע גיט די מעגלעכקייט פון שאפן נייע עלעמענטן, אומ־באקאנטע אין די באוועגונגס־קאנדיציעס פון חומר אויף אונדזער פלאנעט — דאס איז דאס שאפן פון קינסטלעכע טראַנסאורא‍ניום עלעמענטן. דער וויסנ־

1) גאַראַדי: „די טעאריע פון וויסן“, ז״ז 83—84.

שאפטלעכער וויסן, דורך זיינע עקספערימענטן, איז ניט קיין רעזולטאט פון וויזיע, פון אנטפלעקונג, נאר אן אייגנארטיקער אויסדרוק, א צווייטער אננעם פון חומר אין באוועגונג דיפערענצירט אין באציאונגען (דיפערענציעל פון צייטן און שטחים אומגעקערט פראפארציאנעל).

מיר וועלן איצט איבערגיין צו א העכערן שטאפל פון חומר־פארהאלטונג. די שיינבארע געגנזעצלעכקייט צווישן דער קוואַנטא און כעמישע טעאָריעס באווייזט אונדז די קאנטינגענטע אייגנשאפט פון חומר. דער פילאזאף און וויסנשאפטלער — באַשלאַר, אין זיין „ראַציאָנאַלן מאַטעריאַליזם", לייגט אונדז פאר א וואונדערבארן אנאליז וואס דערלויבט דעם פילאזאף זיך אריענטירן אין דעם לאַבירינט דורך וויסנשאפטלעכער דיאלעקטיק. מיר נעמען דא זיין אויפ־קלערונג איבער דעם אויפפיר פון דעם קאַרבאָן־אטאם אין דער פארמולירונג פון מעטאַן אלס באַזע:

„אויף א קאנפערענץ אין 1924, פאר א פובליקום פון כעמיקער, אויף וועלכער ער האט איבערגעגעבן די געשיכטע פון דער טעאריע פון אסימעט־רישן קאַרבאָן, זאגט דער כעמיקער — דעלעפין: „איך וואלט ניט געוואלט לאזן אויף אייך דעם איינדרוק אז די כעמיקער שטעלן זיך פאר אז די פארם פון קאַרבאָן איז באשרענקט דורך א טעטראעדר — רעגולערן אדער ניט; עס האנדלט זיך בלויז פון א באקוועמער פארשטעלונג. די כעמיקער — לע־בעל, ווערנער און פיל אנדערע, באנעמען אז דער אטאם איבט אויס א צענטראלע אקציע, **וואס האט קיין שום נויטיקייט צו זיין אריענטירט אין זיין עסענץ.** דאס וואס אריענטירט זיך איז די נאטור פון די ראדיקאלן וואס גייען אריין אין זיין זאנע פון אקציע". עס איז קיין צווייפל ניט, אז אין דעם פאל פון מעטאַן, וואו 4 אטאמען פון וואסער־שטאָף קאמבינירן זיך מיטן קאַרבאָן־אטאם, פירט דער פרינציפּ פון גענוגנדן פאַרנונפט צו באשטעטיקן, **A-Priori**, אַ רעגולערע טעטראַ־עדרישע פארטיילונג. מיר באקומען דאן, צווישן פארשיידענע פארבינ־דונגען וועלכע פארבינדן דעם צענטראלן אטאם פון קאַרבאָן מיט די פיר וואסער־שטאָף־אטאמען, א ווינקל פון $109^{0} 28^{1}$, וואס איז די כאראקטע־ריסטיק פון א רעגולערן טעטראַעדר. פונדעסטוועגן, וועט די קוואנטישע כעמיע ווידער אוועקשטעלן די פראגע — מיר וועלן דאס זען שפעטער — וועגן דער געאמעטרישער פארטיילונג: ס'וועט אויפפאדערן פון דער קוואנטישער כעמיע א לאנגע אנשטרענגונג אויף צוריקצוגעפינען דעם כאראקטעריסטישן ווינקל פון $109^{0} 28^{1}$. פון דעם פונקט הויבט אָן די קוואנטישע כעמיע צו שטעלן אין דורכפאל די געגעבענע אינפערענץ, באגרינדעט אויף דעם פרינציפּ פון באגנוגנדער פארנונפט. ביי דער געלעגנ־הייט וועלן מיר האבן דעם באווייז, אויף וועלכן מיר ציען די אויפמערק־זאמקייט פון פילאזאף, א באווייז, אז דער פרינציפּ פון גענוגנדער פארנונפט

קען ניט ווערן באשטימט אין אבסאלוטן, און אז ער איז אויך רעלאטיוו צו א קערפער פון פארנונפט." [1])

דער לאנגער אויסצוג איז אונדז נויטיק בכדי צו קענען אנטוויקלען אונדזער באווייז אין דער וויכטיקייט פון דיסקורסיווער אויפקלערונג.

כאטש די קוואנטישע כעמיע שטעלט ווידער אוועק די פראגע פון גע־אמעטרישער פארטיילונג, קענען מיר פארמולירן:

1) אז דער צענטראלער אטאם פון קאַרבאָן, דורך א דאפלטן פעלד פון צוצי און אפשטויס, איבערגעווארפן דורך אַן עלעקטראָמאַגנעטישן פעלד, צווינגט די פיר אטאמען פון וואסער־שטאף זיך איינצווזעצן אסימעטריש אין באצוג צו דעם צענטראלן אטאם, שאפנדיק אזוי ארום א צירקל־פלוס אויגנ־בליקלעך סטאביל אין באציאונגען. די קאָ־וואַלענצן און עלעקטראָ־וואַלענצן זיינען — טענדענץ. קען מען פון דעם אויספירן, אז די פאזיטיוויטעט פון דער קאמבי־נאציע איז פון אורשפרונג אַנטאָלאָגישער ווילן אדער חכמה? פאר קיין פאל ניט. ווייל דאס דערשיינען פון דעם פענאמען אין דער נאטור איז א רעזולטאט פון ספאנטאנער רעאקציע א דאנק גינסטיקע דערשיינונגען, צונויפזאמלענדיק בעפאָר די נויטיקע באדינגונגען צו דעם דערשיינען פון אזא פענאמען.

2) די שטערן־כעמיע לערנט אונדז, אז דער פענאמען קען נאַטירלעך אויפטרעטן בלויז צופעליק.

מיר קענען דאן באהויפטן, אז דער וועלט־שטאף עקזיסטירט און קרייצט זיך אויסער א באשרענקטן פעלד וואס שטעלט מיט זיך פאר דעם צוזאמענ־געזעצטן פענאמען פון לעבן, וועלכער שאפט דעם באדינג פאר א קאנטינגענטער מעגלעכקייט (עטלעכע צענדליק גראדוס ווארעמקייט) צום דערשיינען פון ווילן און חכמה. מיר וועלן פרובירן נאכפאלגן דעם וועלט־שטאף אין זיין עוואָ־לוציע: איז דער פענאמען פון לעבן, אין זיינע ערשטע שטאמלונגען, אַנטאָלאָגיש? איז ער אנגעוויזן אויף אַן עקסטראַ־וואַלענטן ווילן? צי איז חכמה אינהערענט דעם וועלט־שטאף וואס שלייפט דעם פענאמען?

די וויסנשאפטלעכע אָננעמען גיבן א פארמעלע אפלייקענונג צו ספעקו־לאציעס פון דעם כאראקטער. די טעאריעס פון רעלאטיוויטעט, קוואַנטא און כוואליע־מעכאניק באווייזן, אז דער וועלט־שטאף איז אין זיין געוועב — באַ־וועגונג און רעלאציע.

★

---

1) באַשלאַר: „ראַציאָנעלער מאַטעריאַליזם" ז. 120.

דאס דערשיינען פון לעבן, אנפאנגענדיק פון א וואסערדיק געמיש פון אלבומין מיט אנדערע סובסטאנצן, דורך וועלכן ס'פארמירט זיך א קאמבינירטער זשעלאַטין־סובסטאנץ אין דער פארם פון וואסער־טראפן, וועלכע אָפּאַרין באצייכנט מיטן נאמען — „קאָאַסערוואַטס" אָן סטרוקטוראַציע, איז לויט דעם וויסנשאפט־לער — אָפּאַרין, דער ערשטער שריט פון וועלט־שטאף צו א נייער פארם פון אויסדרוק. זיין אייגנשאפט באשטייט אין אויסטויש פון סובסטאנצן דורך פאנגען (דערנערונג) און באפרייען (ארויסשטויסן) דורך זיך זעלבסט זיין שלעפוואגן — דעם אַלבומין.

אין א קאמיוניקאציע וואס איז געגעבן געווארן אין 1963 פון כעמישע וויסנשאפטלער אין די פאראייניקטע שטאטן ווערט פעסטגעשטעלט, אז מ'קען אויך ארויסבאקומען א קאמבינירטע זשעלאטין־סובסטאנץ ווען מען פארבייט דעם אלבומין־סובסטאנץ דורך סובסטאנץ פון אַמאָניאַק־זויערשטאף.

די איינשרומפונג און די אויסשרומפונג — אלטערנאטיווער פראצעס — מאכן דערשיינען די אויפרעגונג (וואס מ'קען אגב געפינען אין דער אויפפירונג פון קריסטאלן), וועלכע זאגט אָן די מעגלעכקייט צו א שפרונג פאראויס: צו פילבארקייט, — א העכערע פארם פון אויפרעגונגס־קאמפלעקס. שפעטער עוואַ־לואירט די פארם פון אויסטויש פון סובסטאנצן צו א פראצעס פון גלייכצייטיקער אינהיביציע, אויפבלאזנדיק זיך אין א האמאגענער פליסיקייט, אויסציענדיק איר הייטל ביז אויפבראך דורך ריס — קריטישער פונקט פון רוים־מעגלעכקייטן אין באצוג צו די צוזאמענשטעלנדיקע עלעמענטן. עס פראדוצירט זיך א פענאמען פון צעדאפלונג: ביידע טיילן קאנסערווירן זייערע איניציאלע אייגנשאפטן. דאס איז דער פענאמען וואס זאגט אָן פרוכפערונג און ירושה. ביי זיין דער־שיינען האט דער לעבעדיקער חומר ניט באזעסן די צעל־סטרוקטור; ערשט פון עוואָלוציון פראצעס האט אויפגעטויכט די צעל.

אזוי ארום, שטייגנדיק פון איינפאַכן צום קאמפליצירטן דורך סטרוקטו־רירונג, אָן אריינצוגיין אין די איינצלהייטן פון כסדרדיקער עוואלוציע, קענען מיר באהויפטן, אז מיט דער שפיל פון געזעץ פון מעגלעכקייט, דורך אומצייליקע דורכפאלן וועלכע פירן צו אָן Impasse, האט דער לעבעדיקער שטאף געפונען אָן אויסוועג (דער מענטש) און קיין שום חכמה האט ניט געפירט דעם פראצעס:

„די אויפרעגונג איז פאר קיין פאל ניט געבונדן צו דער עקזיסטענץ פון א נערוון־סיסטעם. דאס איז אַן אלגעמיינע אייגנשאפט פון לעבעדיקן שטאף אונטער אלע זיינע פארמען.[1]) אין א געוויסן פעריאד פון דער עוואלוציע פון ארגאַנישן שטאף שטעלט מיט זיך פאר די אייגנשאפט פון איינזאפן ליכט און אויסנוצן איר ענערגיע צו דערמעגלעכן דעם פאָטאָליז פון וואסער אום צו שאפן א סינטעז פון ארגאנישע סובסטאנצן.

מיטן אויפטריט פון זויער־קאַרבאַנישן קאַרבאָ, — אַ דעצידירנדער

שריט אין דער קאנסטרוקציע פון לעבן — און דאס דערשיינען פון דער פּאַטאָ־סינטעזע, האבן ראדיקאל געענדערט די באדינגונגען פון לעבן אויף דער ערד. געוויסע ארגאניזמען האבן אזוי ארום אנגעהויבן אויפ־צוביען, זעלבסט, ארגאנישע קאמבינאציעס אין וועלכע זיי האבן זיך געניטיקט, ווען אנדערע האבן אויפגעהאלטן די פריערדיקע פארמען פון דערנערונג, אויסנוצנדיק ניט ביאָ־גענע ארגאנישע סובסטאנצן. עס האבן זיך אזוי ארום געשאפן די אונטערשיידן פון לעבעדיקע ארגאניזמען אין וועגעטאלע און חיה׳שע״. [1]

נאכפאלגנדיק די פארזוכן פון לעבן דורכצוברעכן א וועג צו די ברייטע שליאכן פון עוואלוציע; נאכפאלגנדיק די סטעזשקעס פון דעם בלאנדזשען דורך אומציילקע פרואוון פון קאמבינאציעס, איז שוידערלעך צו קאנסטאנטירן ווי יעדער קוואליטאטיווער שפרונג פאראויס איז א רעזולטאט פון אומענדלעכע דורכפאלן אין טענדענצן.

די פארשטאפטע וועגן צו וועלכע דיפערענצירטע ארגאנישע קאמבינאציעס זיינען דערגאנגען בכדי צו געפינען הארמאניע צווישן פאראינערונג און פאר־אויסערונג אין אויסטויש (פארשוואונדענע מינים דורך ניט צופאסן זיך צום ארומיקן), זיינען פון אזא געווימל אז ס׳איז פארבאטן זיך פארצושטעלן א ווילן, א וועלכע עס איז חכמה וואס זאל האבן געפירט דעם פראצעס. וויסנדיק דורך דער מעגלעכקייט־טעאריע ווי אזוי ס׳האט זיך איינגעגעבן דעם חומר צו באקומען א פאזיטיוון רעזולטאט, קענען מיר מיט זיכערקייט זאגן אז קיין שום אויפטריט פון אינהערענטער חכמה פון וועלט־שטאף, ווי איינפאך זי זאל ניט זיין, איז ניט פארמישט אין דער אוואנטורע.

✶

וואס איז דאן אזוינס חכמה? אין וועלכן מאמענט האט זי אויפגעטויכט? איז זי א פּאָרדערשיינונג צי א נאכדערשיינונג פון געדאנק און פון פארנונפט? וואס איז איר וועזנטלעכע כאראקטעריסטיק אין דער פארמירונג פון מענטשלעכן גייסט? וועלכע זיינען אירע אטריבוטן?

באפרייענדיק זיך פון אלע אַנטאַגענישע ספעקולאציעס: אפווארפנדיק די מאָנאַדאָלאָגיע פון לייבניץ; ארויסגייענדיק פון פרינציפּ אז חומר איז אייביק אין זיין העטעראָגענישקייט, ווי עס דערווייזט אונדז דער פיזיקער אייזנבערג; אפווארפנדיק די מאָנאָסובסטאַנציאַליטעט וועלכע איז אין ווידערשפרוך מיט העטע־

---

1) גאַראַדי: „די טעאריע פון וויסן״ ז״ז 111—112.

ראַגענישקייט, קענען מיר שטאַפּל נאָך שטאַפּל נאָכפאָלגן דעם חומר אין זיין אויפשטייגנדיקן אויפטריט אויסנוצנדיק דעם דיסקורסיוון וויסן.

אויב מיר קענען ניט באַהויפּטן מיט העגעלן, אַז חומר איז נעגאַציע פון אידייע (אין פּלאַטאָנישן זין), קענען מיר אויך ניט אננעמען די טעזע פון מעכאַ־ניסטישן מאַטעריאַליזם — אַז געדאַנק איז חומר:

„קוואַליפיצירן געדאַנק אַלס אַ פאָרם פון חומר איז מאַכן אַ פאַלשן שריט צו קאָנפוזיע פון מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם". [1])

דער געדאַנק, וואָס טויכט אויף שפּעטער פון אידייע (בילד־פאָרמולירונג), קען ניט עקזיסטירן אויסער אַ פאַרבאַשטימטער אַראַנזשירונג פון חומר, אין דעם פאַל, אַ נעיראָנישע קאָנטעקסטור אין דער קאָהערענטער רוימלעכקייט פון מענטש־לעכן מוח, וואָס איז אין שטענדיקער באַציאונג מיט סאָמאַטישער אויסטויש־פונקציע מיט געגעבענעם קרייז — די נאַטור. דער געדאַנק, כאָטש ער שיילט זיך אויס פון חומר וועלכער האָט דערגרייכט אַ הויכן שטאַפּל קאָמפּלעקסי־פיצירטער ראַפינירונג, קען ניט ווערן באַטראַכט אַלס חומר, נאָר, אַלס צווייטע געגעבענע. פונקט ווי די ראַדיאַציעס און די ליכט וואָס טיילן זיך אויס פון אַ שטערן־קערפער אינפאָרמירן וועגן זיין פאָרם אין זייער צעשפּרייטונג, פונקט אַזוי איז דער געדאַנק אַ שפּיל פון איבערגיסונגען (אינהערענטע דיאַלעקטישע פאָרם), פון פאַנגען און איינהאַלטן דורך דעם פעטאַמען פון אָפּשפּיגלדיקער פערצעפּציע, וועלכע קאָנצענטרירט דאָס געגעבענע פאַר מעגלעכע קאָמבינאַציעס. דאָס איז אַ קאָנצענטרישע דאָמינירונג. דער געדאַנק אַרבעט אויס זיינע עסענצן קאָנצענטריש און שטויסט זיי אַרויס פּאַראַבאָליש. אין דעם, אייגנטלעך, ליגט זיין אייגנשאַפט פאַר אויסטויש מיט דער אויסערלעכער וועלט.

דענקען הייסט איינפאַסונג פון אידייען־פלוס (בילד־פאָרשטעלונג), זיי קלאַסירן, דיפערענצירן, קאָמבינירן מיט אַ מערקווירדיקער פּאַרקירצקייט פון אינטערפערענצן. דאָס איז — דער דיפערענציעל פון ציַיטן (פּלאַנעטאַרע, קאָסמישע און גאַלאַקסישע) אין דעם אויפוויקלען זיך אין אַ באַשרענקטן רוים הערמעטיש געשלאָסן (רוים פון מענטשלעכן שאַרבן) אין איינזאַפנדיקע קאָנטורן, אין דער פאָרם פון אַ געאָמעטריש געבויגענער ליניע (Curve). געדאַנק איז די אויגנבליקלעכע פאַרענדיקטקייט פון אומענדלעכן. אין דעם ליגט די אייגנשאַפט פון מענטשלעכן וועזן אַריינצופירן די אויפפאַסונג פון אומענדלעכן אין דער אינערלעכקייט פון פאַרענדיקטן. דאָס פאַראויסערלעכן שאַפט אַן אויסטויש־פלוס מיטן פאַראינערלעכן פון וועלכן עס טויכט אויף דער געוויסן פאַר דעם וואָס ס'איז מעגלעך צו באַנעמען.

---

1) לענין: „מאַטעריאַליזם און עמפּיריאָקריטיציזם".

צו זיין מער אויסדריקלעך: די פערצעפציע — עמפינדונג וואס פירט דורכן קאנאל פון פילבארקייט צו „אין זיך" — די פארם פון אויפגענומענעם אביעקט, דרינגט אריין אין צירקל־תחום וואס בויט דאס בילד לויט רעפלעקטיווע געגעבענע. די עסענץ פון אביעקט, פאראויסגעזעצט לויט דער אויפגענומענער פארם, ווערט ווידער אויפגעשטעלט אין בילד, באררייכערט מיטן צוגאב פון רעספּטיוון „פאר זיך". דאס בילד דריקט זיך אפּ אויף א פּארא־אָפּטי״שן פעלד וועלכער טראגט זיך איבער אין א צווייטן צירקל־תחום פון אויפפאסונג. דאס בילד ווערט דאן טראנספארמירט אין אידייע (בילד־פארשטעלונג) פון אויפגענומענעם אביעקט און דערמעגלעכט זי ארויסצואווארפן אונטער דער פארם צו דעם „אנדערן", צו דער אויסערלעכער וועלט. ווען די אידייע פון באקומענעם אביעקט שלאגט זיך אָן אין דעם „אנדערן", איז דאס דורך דעם זעלבן קאנאל פון פילבארקייט, אבער, אין קעגנריכטונג. אזוי ארום ווערט די עסענץ צוריקגעקערט דעם אביעקט דורך זיין פארם. דורך די וועגן פון סינטעז בליצט אויף דער פונקט פון צוזאמענטרעף וואס גייט פון „אין זיך" צו דעם „אנדערן" און אומגעקערט.

דער קאָראַלער (גלייכגעגעבענע) פון געדאנק — די פארנונפט — איז די סעלעקטיווע מעגלעכקייט פון געדאנק. וואס שטעלט זיך אין גלייכער דיסטאנץ צווישן געדאנק און פראקסיס. אזוי ווי געדאנק, אזוי איז אויך פארנונפט א צווייטע געגעבענע פון חומר. מיר קענען דאן אויסגעפינען צוויי ליגאמענטן וואס בינדן דעם חומר צום געדאנק: פון איין זייט די פערצעפציע וואס שטאמט פון חומר צום געדאנק, און אומגעקערט, די פארנונפט וואס שטאמט פון געדאנק צום חומר. דאס איז די דיאלעקטיק פון צירקל־תחום. אין דעם געפינט זיך דער זעלבסטגעוויסן פון דער אלטערנאנץ פון „זיין" און ניט „זיין" מיט אינטערפּאָלאַטיוון „נישט" (Neant) פון סארטר, וואס זאגט אָן דעם איינעם און דעם אנדערן. די מערצאליקע „אין זיך־ן" וואס קרייצן זיך און באאבאכטן זיך, פארמירן דעם ראציאנאלן „איך" אין זיין דיפערענציעלער אייניקייט. דער מענטשלעכער זעלבסטגעוויסן קומט צו דעם באוואוסטזיין פון דעם פענאמען און פון דער נויטווענדיקייט אויפצוהאלטן די אייניקייט פון „איך" אין באצוג צו דעם „אנדערן".

די פארנונפט קומט ניט פריער פאר דעם געדאנק, ווי קאנט פארמולירט עס אין זיין „באשרענקטער פארנונפט", און אויך ניט ווי בראָנשוויג באהויפטעט דאס מיט זיינע „קאָנסטרואירנדע און קאָנסטרואירטע פאַרנונפטן".

די פארנונפט טויכט אויף גלייכצייטיק מיט דעם געדאנק און ביידע אנטוויקלען זיך גלייכצייטיק. געדאנק אימפליצירט

ב ה כ ר ח א פ א ר נ ו נ פ ט א ו ן א ו מ ג ע ק ע ר ט. ביידע, אויפגעטויכט אין ספּעציפישע אומשטענדן פון חומר־קאָמפּלעקסיפיקאַציע זיינען דאס ניט מער אין זייער עסענץ. מיר קענען פאר קיין פאל ניט באהויפּטן אז אַן אידייע (בילד־פאַרשטעלונג), איז A-Priori פאַרנונפטלעך אדער ניט (אידייע איז פאר אלעמען אפּקלאנג, רעזאָנאַנס). אין געגנזאץ, קענען מיר אָן צווייפל באהויפּטן, אז געדאנק באזיצט שטענדיק זיינע פאַרנונפטן פון אויפטויך און אומגעקערט, ווייל זיי דערשיינען אין איין־און דערזעלבער צייט.

פון אט די צוויי קאָנסטרואירנדע און קאָנסטרואירטע אייגנשאפטן — געדאנק און פארנונפט — וועלכע דערשיינען גלייכצייטיק, טויכט אויף א באזונדערע ר ע ס ט ר י ק ט י ו ו ע א י י ג נ ש א פ ט, וועלכע איז ספּעציפיש דעם גייסט פון מענטש און וועלכע ווערט באצייכנט מיט דעם טערמין — חכמה.

ניט דער געדאנק, ניט די פאַרנונפט, קענען זיין רעסטריקטיוו אין זייער צוזאמענשטעל ווי אויך אין זייער שלייכונג, ווייל דורך זייער עסענץ זעלבסט האבן זיי זיך באפרייט פון די נאָרמאַטיווע געזעצן פון קאָמפּליפיצירטן חומר. מיט דעם ווערט אויפגעוויזן, אז געדאנק און פאַרנונפט, כאטש זיי טויכן אויף פון חומר, זיינען זיי דאס ניט מער, נאָר א צווייט־געגעבענע לויט דעם דיאַלעק־טישן מאטעריאליזם. דער איזאָטראָפּיזם דערשיינט ווידער מיט זיין גאנצער קראפט אין זייער פענאָמענאָלאָגיע, אפשאפנדיק די שטערונג פון באשרענקטער רוימלעכקייט אין זייער פאַרמולירונג. כאטש זיי דערשיינען אין קאָנטעקסט פון א באשרענקטער רוימלעכקייט (שארבן), האבן זיי די אייגנשאפט זיך צו באוועגן אין צייט און אין אלע ריכטונגען אומבאשרענקט.

דאס הייסט: פ ו ן ג ע ד א נ ק א ו ן פ א ר נ ו נ פ ט ו ו ע ר ט ג ע ב ו י ר ן ח כ מ ה, וועלכע שמידט אויס אלס אייגנשאפט געקייטלטע נארמען; דורך איר סעלעקטיווער עסענץ שליסט זי איין אין קייטן דעם געדאנק און די פאַרנונפט, קייטן וואס זיינען דער פענאָמען פון ווילנס אין דער רעגו־לאַציע פון פּראַקסיס.

חכמה אליענירט די אבסאלוטע און אומקאָנדיציאָנעלע פרייהייט פון גייסט. זי איז דאן א ספּעציפישע אייגנשאפט פון דעם מענטשישן מוח; זי דערשיינט בלויז און אויסשליסלעך אין דעם פענאָמען פון מענטש (לאגישע אויפפירונגען פון דער חיה אין דער פּראַקסיס איז א רעזולטאט פון קאָנדיציאָנעלע רעפלעקציעס וועלכע שאפן זיך דורך אויסערלעכער אומגעבונג, און פאר קיין פאל ניט פון וועלכער עס איז חכמה ווען אפילו מיר באמערקן א שמץ פון איניציאַטיוו ביי א חיה וועלכע זאָגט אָן די דערשיינונג פון מענטש); זי עקזיסטירט ניט אונטער אַן אנדער פאָרם אין דעם וועלט־שטאָף און קען ניט ווירקן אנדערש ווי דורך דער פאַרמיטלונג פון אדעקוואטן אָרגאַן — דער מוח פון מענטש.

מאכנדיק די געהעריקע אויספירן קענען מיר לייכט פארשטיין, אז דער וויסנשאפטלעכער וויסן איז מער פארפליכטונג בנוגע דער אביעקטיווער וועלט — זי צו באהערשן, צייטנווייז זי אריענטירן — ווי קומען צו באוואוסטזיין.

דער זעלבסטגעוויסן פון דער פארפליכטונג פון וויסנשאפטלעכן וויסן, וועלכער אימפליצירט דעם שטראם וואס פליסט פון גייסט צו פראקסיס און אומגעקערט, איז אַן איבערוועגנדער פאקטאר פון חכמה.

מיר קענען דאן פעסטשטעלן, אז געדאנק און פארנונפט, ניט באגרענעצט פון חכמה, קענען דערפירן צו זעלבסטפארניכטונג, פענאמען וועלכן מען קען נאכפאלגן אין דער מעגלעכקייט פון אויסנוצן די אויפפירונג פון חומר. צום ביישפיל: די קראפט פון A און H באמבעס; דער גרויליקער עקספערי־מענט וואס די מענטשהייט האט דורכגעמאכט מיט דעם נאצישן רעזשים אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, וועלכער האט געזאלט לאזן פארזינקען די מענטשהייט אין סיסטעמאטישער זעלבסט־פארניכטונג; די אומקוואליפיצירבארע אויסראטונגען אין די טויט־לאגערן; די באמבארדירונגען פון גווערניקאַ, היראָשימאַ, און קאָווענטרי. דורך דעם וואס זיי האבן צעבראכן די קייטן אין וועלכע די סעלעקטיווע חכמה האט זיי איינגעשלאסן, האבן געדאנק און פארנונפט דערמעגלעכט די אומניצלעכע און דערווידערנדיקע אויסראטונגען. די גאנצע מענטשהייט — און דאס פארקלענערט ניט די באזונדערע פאראנטווארטלעכקייט פון דייטשישן פאלק — טראגט די פאראנטווארטלעכקייט פאר אזעלכע עקספערימענטן.

אט די זיינען די באציאונגען צווישן דעם עמפינדלעכן וועזן, דעם פאר־נונפטיקן וועזן און דער חכמה, די באציאונגען וואס פארמירן די דיווערסיפיצירטע אייניקייט פון דעם מענטשלעכן גייסט. דער סארטרישער „נישט" (neant), אַז די מערקווירדיקע דערפינדונג וואס מיר קענען שוין פאראויסזען איר אנטוויקלונג און אירע קאנסעקווענצן; די פארצעלערע לערקייט ארום וועלכער עס וועבט זיך דער וועלט־שטאף, וואס מיר האבן דערפונדן (אין געגנזאץ צו דעם וואס איז אנגענומען), זיינען דעמארקאציע־ליניעס און דורך דעם — אויך פארבינ־דונגס־שטריכן פון „אין זיך" מיט „פאר זיך" ווי אויך „פאר דעם אנדערן". סארטרס ניט דורכברעכבארע וואנט ווערט דאן דורכגעבראכן.

חכמה איז אויך דער ווילן צו אייניקן דעם סאָמאַטישן וועזן אין אלע זיינע אויסדרוקן, אין דעם וואס ער איז, און אין דעם וואס ער איז ניט; חכמה איז דער ליגאמענט פון סטאביליטעט און ניט־סטאביליטעט פון סאָמאַטישן וועזן אין זיין לויף און אין זיינע אלטערנאנצן; זי איז באציאונג און איינבאגרייפונג.

אט ווי אזוי עס שטעלן זיך די פראגן: אין וואס פאר א ריכטונג גייט

די מענטשהייט און ווי אזוי? דער פאַרוואונדעטער גייסט פון מענטש, וואס האט זיך ארויסגעראטעוועט פון די אפגרונט־לאבירינטן אין וועלכע ער האט געזונקען, זוכט איצט מיט אלע כוחות און מעגלעכקייטן צוריק איינזעצן געדאנק און פארנונפט אין די קייטן פון חכמה. אין דעם ליגט דער זין פון דער פרייהייט פון סאַמאַטישן וועזן בנוגע דעם ארומיקן. קרייצונג פון געדאנק און פארנונפט מוזן זיך אונטערוואַרפן דעם ערשטן פאסטולאט פון חכמה — טאלעראנץ. בויען דאס מענטשלעכע לעבן אויפן גרונט פון קעגנזייטיקער פארשטענדיקונג, אויף גערעכטיקייט און אומבאגרענעצטער ליבע צו דעם מענטשלעכן מין, בכדי אויפצוהאלטן זיין קיום. אט די זיינען די פראבלעמען מיט וועלכע פילאזאפן פון אלע ריכטונגען — אידעאליסטישע ווי מאטעריאליסטישע — פארנעמען זיך היינט צו טאג אין א ברייט־פארנעמענדן דיאלאג.

הירש שיליס (שילת): גירוש

ל ו י פ אַ פ י ע ר נ י ק אָ ו ו

בינטשע קאוואלעריסט

דעם נאמען „קאוואלעריסט" האט בינטשע זיך דערווארבן גלייך נאכן פארלאזן די „פריסוטסטווע" אין זיין שטעטל.

דערהערט פון בינטשען, וואס איז א בלייכער און צעטראגענער ארויס־געקומען פון דער אונטערזוכונג: „מאמע, גאָדין!... זיי האבן מיך ארייגגע־פאקט צו די פערד!"... האט קיילע די אלמנה זיך געלאזט לויפן דורכן מארק מיט צום הימל פארהייבענע הענט און זיך פארגאנגען אין א יללה מיטן נגון ווי מ'באוויינט א מת:

— אזא איידל קינד! א בראך איז צו דער מאמען אז „גאָדין" איז א זעלנער! א זעלנער ביי פערד איז דאך אויף גאנצע פינף יאָ־אָ־ר!

דערהערט קיילע דער אלמנה'ס יללותדיקע אויסרופן מיט א לויה־נגון, האבן מארקהענדלער ארויסגעבויגן זייערע קעפ פון דיביידלעך; קרעמער זיינען ארויס אויף די טרעפלעך פון זייערע געוועלבער; א שוסטער איז ארויס פאר דער טיר מיט אַן אנגעטוענעם שטיוול אויף דער האנט, און דורכגייער האבן זיך אפגע־שטעלט און געשאקלט מיטן קאפ אויף דעם בראך וואס האט נעבעך געטראפן דער וויסטער אלמנה — וואס אנשטאט צו פירן איר זון צו דער חופה, האט אים גאר „פאָניע גנב" ארייגגעפאקט אויף גאנצע פינף יאר אין דער קאוואלעריע.

דער איינציקער וואס האט אפגעשטעלט קיילען אויף איר וועג און געפונען פאר איר א טרייסט־ווארט, איז געווען דער שטעטלדיקער משוגענער, „דאדעלע האצמאך", וועלכער האט קיינמאל פון איר קויבער מיט געבעקס גארניט ארויסגעכאפט.

אנגעכאפט זי פאר דער פאטשיילע, האט ער ארייגעקוקט מיט רחמנות אין אירע פארוויינטע אויגן און געגומען טרייסטן איר:

— וויין ניט, וויין ניט, קיילעשי. פאָניעלע וועט אים שוין מאכן פאר א לייט! פון דער שווארצער קאשע מיט די שטיקער חזיר־פלייש אין דער קאפוסטע, וועט ער פון דארט אזא צוריקקומען! — האט דאדעלע האצמאך אנגעבלאזן די באקן און אנגעמאסטן אויף זיי זיינע בײדע, משונה'דיק ברייטע דלאניעס.

— אלע מיינע וויסטע חלומות פון דעם יאר און פון יענעם יאר, אויף דיין משוגענעם קאפּ! — האט קיילע די אלמנה אויסגערופן מיט פארביטערונג, ארויסגעריסן די פּאטשיילע פון זיין האנט און האט ווייטער געשניטן מיט איר לויה־נגון דעם וועג צום אלטן בית־עולם, אריינצוואווארפן א קוויטל אין צדיק׳ס אוהל און „רייסן קברים"...

✶

ווי קיילע די אלמנה, האט אויך דאס שטעטל יידן געגלויבט, אז דעם הויט־און־ביינערדיקן לאנגן בינטשען וועט די „פריסוטסטווע" זיכער אויסבראַ־קירן — אבער ניין. ניט געקוקט דערויף וואס ער האט עטלעכע וואכן פארן „שטעלן זיך" געגומען אויף זיין גאנצע נעכט, געגעסן מצהלעך מיט הערינג, גענאגט ציטרינעו, געטרונקען שטארקע קאווע, און דערגאנגען צו א מעמד, וואס א שענערן פון אים לייגט מען אין קבר, איז אבער בינטשע די ערלים פון דער „פריסוטסטווע" דוקא געפעלן געווארן, און דאס צוליב זיינע לאנגע פיס...

— ניטשעווא! יעסט קאָסטי, בודיעט מיאָסאָ! (ניט געזארגט, אז ס׳זיינען פאראן ביינער וועט אויך זיין פלייש) — האט דער מיליטערישער דאקטאר דערקלערט און, באטראכטנדיק זיינע עטוואס איבערגעבויגענע פּלייצעס, פונעם זיצן ביים זייגערמאכעריי, צוגעגעבן:

„נאַ לאָשאַדי וויפּריאַמיטסיאַ"! (אויפן פערד וועט ער זיך אויסגלייכן).

דער איינציקער, וואס האט שטארק געצווייפלט אין בינטשעס באפרייאונג, איז געווען זיין באלעבאס, דער זייגערמאכער רב שלמה. ער האט נאך פארן פריזיוו געזאגט: — אומעטום איז גילטיק דאס ווערטל „אז מען שמירט — פארט מען". אין דער פריסוטסטווע אבער, איז גאר פארקערט: ווער עס שמירט, פארט ניט; נאר בלייבט זיצן אין דער היים..." ער איז אפילו גרייט געווען זיך וועטן, אז לייזער שניט־סוחר׳ס זון, הענעך, וואס מיט זיין הייך און ברייט איז ער ווי אריינגעפּאסט אין קייזערלעכן דראגונער פּאלק, וועט צוליב זיין קענען „שמירן" בלייבן זיצן אין דער היים.

— אזוי איז טאקע געווען. „פאניע גנב" האט אויף זיין ארט אריינגעפּאקט בינטשען אויף גאנצע פינף יאָר אין דער קאוואלעריע און אים אפגעשיקט מיט אַן עשאלאָן קיין סאַראַטאָוו.

✶

די צייט איז געגאנגען, מיטשלעפנדיק נאָך זיך טעג, וואכן און חדשים. וועגן בינטשע קאוואלעריסט האט דאס שטעטל ביסלעכווייז פארגעסן.

קיילע די אלמנה האט די ערשטע עטלעכע חדשים דערהאלטן פון איר זון ביטערע בריוו וועגן די צרות און באליידיקונגען וואס ער שטייט אויס

אין זיין „זוואָד". זי האָט די בריוו דורכגעוויקט מיט הייסע טרערן און געלאָפן צום בית־עולם מיט א קוויטל צום צדיק׳ס אוהל, ער זאָל אויספּועלן אין הימל אַז איר איידל קינד זאָל אויסגעלייזט ווערן פון גוישע הענט.

ביסלעכווייז זיינען בינטשעס בריוו געוואָרן אַלץ זעלטענער און מילדער, — ער האָט זיך אויפגעהערט באַקלאָגן. איינמאָל, נאָכן אַפּדינען פולע צוויי יאָר, האָט קיילע דערהאַלטן א בריוו מיט א פאָטאָגראַפיע אַזש פון ווייטן קאַלטן סיביר. אויף דער פאָטאָגראַפיע האָט זיך געפונען א הייכער פעסט געבויטער מונדירטער מאַן מיט א שווערד ביי דער זייט, מיט מעדאַלן אויף דער ברוסט און מיט שפּאָרן ביי די קנעכלעך פון די הייכע קאַוואַלעריע־שטיוול.

ניט קיילע די אַלמנה און ניט די שכנים פון געסל האָבן דערקענט אויפן בילד בינטשען. אַז דאָס דאַרף זיין ער, דערוויסן זיי זיך פונעם בייגעלייגטן בריוול :

— ליבע טייערע מאַמע און ליבע ברידער משה־לייב און דוד־בעריש מיט אייערע ווייבער און קינדערלעך! איך שיק אייך דעם בריוו מיט מיין „פּאָטאָקאַר־טאָטשקע" פונעם ווייטן און קאַלטן סיביר. די פרעסט דערגרייכן דאָ ביז פופציק גראַד. אַז מע טוט א שפּיי, פאַלט עס צו דער ערד ווי א שטיקל אייז. אין דעם אָרט וואו איך געפין זיך, וואוינען מענטשן מיט קליינע קאָסע אויגעלעך, פלאַטשיקע פּנימער ווי פלאַכע טעלער, און מיט אַרויסשטייענדיקע קינבאַקן. אָנגעטאָן גייען זיי אין זייער מאָדנע קליידער. פון אונטער זייערע געפלאָכטענע פאַרביקע גאַרטלען שטעקן אַרויס האַלב־רונדע מעסערס. אַזאַ איינער קען מיט „איין זעץ" אויפעסן פיר פונט שעפּסן־פלייש !...

געענדיקט האָט בינטשע דעם בריוו מיט דעם, אַז היות ווי דער וועג אַהיים איז א שרעקלעך ווייטער, און צו קומען אויף „אָטפּוסק" (אורלויב), באַדאַרף דער וועג אויף אַהין און צוריק פאַרנעמען עטלעכע חדשים, וועט ער קיין „אָטפּוסק" ניט נעמען, נאָר דערפאַר וועט מען אים באַפרייען א שטיק פאַרן „סראָק" (טערמין) פון דער „וואָיענגער סלוזשבע" (מיליטער דינסט).

דאָס שטעטל האָט נאָכן באַקענען זיך מיט דער „פּאָטאָקאַרטאָטשקע" און מיטן אינהאַלט פונעם בריוו, גענומען גיין כּאַדאָראָם ; לאַנגע טעג געהאַט צו רעדן וועגן בינטשען דעם קאַוואַלעריסט און וועגן סיביר. גערעדט האָט מען אַזוי לאַנג, ביז ס׳האָבן זיך אונטערגערוקט אַנדערע דאגות, פּאַסירונגען און סענסאַציעס.

✶

ס׳איז אַוועק א יאָר נאָך א יאָר און אין איינעם א טאָג (געווען איז עס אין די ערשטע חדשים פונעם יאָר, ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה) איז יולטשיק באַלעגאָלע מיט זיין בריטשקע אַריינגעפאָרן אין שטעטל

מיט א הילכיקן געטראסק איבערן שטיינערנעם מארק־ברוק, אפגעשטעלט זיך האסטיק נעבן קיילען דער אלמנה מיט אירע צוויי קויבערס געבעקס האט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאנצער לענג, געגעבן א וואוילעריש הילכיקן קנאל מיט דער בייטש אין דער לופט און האט אויסגערופן מיט א הויכער שטים צו דער איבערגעשראקענער קיילען: „קיילעשי, כ׳האב אייך געבראכט א ליבן גאסט — אייער מעזינעקל בינטשע קאוואלעריסט!״ איידער קיילע איז פון גרויס איבערראשונג געקומען צו זיך, האט יולטשיק באלעגאלע מיט זיינע פעסטע ידיים זי א הייב געטאן מיט ביידע קויבערס, ארײנגעזעצט איר אין דער בריטשקע נעבן איר זון און מיט אַן אונטערקנאלן מיט דער בייטש, געלאזט זיך, פייל־פון־בויגן, בארג־אראפּ מיטן שעכט־הויז־געסל צום הייזל וואו קיילע האט געוואוינט.

לאנגע טעג האט ביי קיילען אין הויז זיך ניט צוגעמאכט די טיר; יונג און אלט זיינען געקומען ווינטשן איר א „גאט העלף אייך מיט אייער ליבן גאסט״ און באטראכטן פון דער נאענט דעם געוועזענעם זייגערמאכער „בינטשע לולב״, וואס פלעגט גאנצע טעג זיצן אַן איבערגעבויגענער איבער פארשידענע געווערקן פון זייגערלעך און וועקזייגערס, און „ארודעווען״ אין זיי מיט א פינ־צעטל צווישן צוויי פינגער. געוואלט האט יעדער איינער זען מיט זיינע אייגענע אויגן, ווי אזוי „אזעלכער״ איז דאס פארוואנדלט געווארן אין א „קאוואלעריסט״, אין אַ יונג מיט ביינער, מיט מעדאלן אויף דער ברוסט, מיט קלינגענדיקע שפארן ביי די קנעכלעך פון די הויכע גלעלע קאוואלעריע־שטיוול, און פאר איינוועגס הערן פון זיין אייגן מויל די משונהדיקע מעשות וועגן דעם ווייטן סיביר מיט אירע האלב־ווילדע מענטשן; מעשות וועגן דער געטריישאפט פון פערד און זייער גרויסער חכמה; וועגן מיליטערישע פאראדן און, צי האט ער טאקע מיט זיינע אייגענע אויגן געזען דעם קייסער.

און אז יולטשיק באלעגאלע האט צווישן איין געהערטער מעשה און דער צווייטער, מיט א שמייכל אויף זיין צעאקערט פנים א זאג־געטאן: „איר זעט, קיילעשי, פאניע גנב קען אפילו פון א זייגערמאכער מאכן א לייט!״ האט אים קיילע מיט האלב־שמייכל און האלב־טרויער ארײנגעשעפטשעט אין אויער אריין:

— וואס קומט דען ארויס יולקעלע, ער האט מיר אבער דאס זעקעלע מיט די תפילין צוריקגעברענגט כמעט אזוי ניי ווי ער האט עס גענומען...

✶

ווען בינטשע האט ארויסגעשטעלט זיינע ערשטע טריט אויפן מארק, האט זיך גלייך ארום אים געשאפן א קרענצל און איינער האט גענומען פארויסלויפן דעם צווייטן מיט זיינע שאלות. אויף דער פראגע: „ווי אזוי ביסטו דאס פון א „בינטשע לולב״ צוגעקומען צו אזא גוייש פנים?״ האט בינטשע א פיר־געטאן

מיט א פינגער איבער זיינע פולע רויטלעכע באַקן און האָט געענטפערט מיט א ברייט־צעלייגטן שמייכל:

— דאָס איז יידן, פון די פייערדיקע פעטש וואָס כ'האָב אריינגעכאַפּט פונעם „זוואָדני"!

— און פון דער סאַלדאַטסקער קאַשע און דער קאַפּוסטע מיט די שטיקער „בשר־קוויטש" — האָט דער משוגענער דאַדעלע האַצמאַך צוגעגעבן, און אריינגערוקט זיין גרויסן צעשויבערטן קאָפּ אינעם קרענצל.

„באַטשטאָ נאַ נאַשעגאָ בינטשע"! (זעט נאָר אונדזער בינטשען) — האָבן עטלעכע פּויערים פון א שכנות'דיק דערפל זיך אָפּגעשטעלט פאַרן קרענצל יידן אין מיטן מאַרק, און אַפּמעסטנדיק בינטשען פון אונטן אַרויף מיט גרויס כבוד, אים דערלאַנגט זייערע ברייטע האַרטע דלאַניעס.

וואָכנלאַנג האָט דאָס שטעטל געאָטעמט מיטן נאָמען בינטשע־קאַוואַלעריסט און מיט זיינע וואונדערלעכע מעשות וועגן מיליטערישע מאַנעוורעס, פּאַראַדן, סיביר, פערד, און — וועגן קייסער און זיין פעטער, גרויספירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש.

וואָכנלאַנג, אויסגעפּוצט אין זיין אוניפאָרם מיט די מעדאַלן און די הייכע שטיוול, איז בינטשע יעדן שבת געזעסן אָן איינגעלאַדענער אין פאַרשידענע שטיבער, וואו ס'האָבן זיך געפונען דערוואַקסענע ניט־אויסגעגעבענע טעכטער, געהאַלטן אין איין איבערחזרן זיינע וואונדערלעכע געשיכטעס, און בשעת מעשה הנאה געהאַט פונעם געשטעלטן כיבוד...

בעת אַט אַזעלכע אויפנאַמעס פלעגט, דאָ און דאָרט, א מאַמע אריינקוקן מיט א פאַרשנדיקן בליק אין בינטשעס אויגן, און א זאָג־טאָן מיט א בולטער אַנצוהערעניש:

— ביי לייטן מאַכט מען שוין ביי אַזאַ „פּשיענטשע" (אויפנאַמע) א שמחה, א תנאים...

✶

וועגן קיין שום זאַך האָט בינטשע ניט גערעדט און דערציילט מיט אַזאַ ליידנשאַפט און ברען, ווי וועגן פערד. ס'האָט ביי אים ניט עקזיסטירט קיין שום שמועס אָדער מעשה וועגן זיין „וואָיענער סלוזשבע", אין וועלכער עס זאָלן ניט זיין אריינגעפלאָכטן קיין פערד, און ניט דערמאָנען דערביי זייערע געוואוינהייטן, זייער געטריישאַפט און גרויסע חכמה...

ווער אין שטעטל האט דאס ניט געוואוסט וועגן באזוך פונעם רוסישן קריגס־מיניסטער סוכאמלינאוו אין בינטשעס פאלק, און ווי ער האט בעתן פאראד זיך אפגעשטעלט נעבן בינטשען, און איינקוקנדיק זיך אין אים, א פרעג־געטאן:

— ווי רופט מען דיך, יונגער קאוואלעריסט?

„בינטשע אַלעקסאַנדראָוויטש! וואַשע וויסאָטשעווסטוואָ!" — האט בינטשע, אַן אויסגעצויגענער ווי א סטרונע, ארויסגעדונערט.

דער קריגס־מיניסטער האט געווענדעט זיין בליק צום פאלקאווניק און א הייב־געטאן מיט א פינגער... אין דער רגע איז ער, בינטשע הייסט עס, זיכער געווען אז דער מיניסטער וועט אים אנהענגען א מעדאל... אבער אין דער לעצטער סעקונדע, האט דער פאלקאווניק באוויזן זיך צובייגן צום קריגס־מיניסטער און אים אויפקלערן:

„וואַשע בלאַגאָראָדיע (אייער וואוילגעבארן), דער בינטשע איז א פוילישער ייד..."

אבער מער ווי וועגן דעם קריגס־מיניסטער, וואס האט גערעדט מיט בינטשן, האט דאס שטעטל געוואוסט וועגן זיין עקיפאזש וואס איז געווען געשפאנט מיט פיר הייס־בלוטיקע „בולאנעס" „נא שפיץ" — עפעס אזוינס און אזעלכעס, וואס די וועלט האט נאך ניט געזען!... געוואוסט האט אויך יעדער איינער וועגן דעם אופן פון זייער שטעלן די שלאנקע פיס, וועגן זייערע גראציעזע העלדזער מיט די שיין־צוגעשוירענע גריוועס און וויידלען, וועגן זייערע ברייטע זאדעס מיט דער גלאנציק אנגעצויגענער פעל אויף די רונדע באקעס. געגלויבט האבן אויך אלע אין בינטשעס אפשאצונג, אז אזעלכע פיר „קוקלעס" (לאלקעס) האבן א גרעסערע ווערט ווי אלע פערדלעך פון שטעטל, אריינגערעכנט די פערד פון דער פאטשט...

בינטשעס מבינות אויף פערד איז ביסלעכווייז באקאנט געווארן ניט נאר צווישן יידן, נאר אפילו צווישן די ארומיקע גויים. ער איז אויף אזוי ווייט באקאנט געווארן, אז אָן אים, אָן זיין עצה האט מען ניט געקויפט קיין פערד.

*

נאך דעם ווי בינטשע האט זיך ארומגעדרייט מערערע וואכן פוסט־און־פאסט און ניט געוואלט מער הערן פון זיין אמאליקער זייגערמאכעריי, האבן מיטאמאל אין זיינע קעשענעס גענומען קלינגען הויפנס זילבער־געלט, פארדינטע פון מעקלעריי און מבינות אויף פערד.

די מיידן פון שטעטל, די וואס האבן אמאל בינטשען קיין בליק ניט געשענקט, און אפילו די וואס האבן שוין דורך דער צייט חתונה־געהאט, האבן

איצט פאר אים א כפרה איינגענומען און מיט גלוסטיקע בליקן נאכגעקוקט אים בעת ער האט לאנגזאם שפאצירט איבערן מארק אין זיינע מיליטערישע קליידער, מיט ביידע הענט אין די קעשענעס פון זיינע „גאליפע־הויזן" און געקלונגען מיטן זילבער־געלט וואס איז געווען אין זיי צעשאטן...

די ניכפּה וואס די מיידן האבן באקומען פאר בינטשען, איז געווען ניט נאר צוליב דעם זילבער־געקלאנג אין זיינע קעשענעס און ניט צוליבן מונדיר אויף וועלכן עס זיינען געהאנגען די צוויי מעדאלן פאר גוט שיסן און פאר גוט אראפּהאקן מיטן שווערד, רייטנדיק אויפן פערד, שטרויענע קעפ... געווען איז עס אויך צוליב די מאדנע אויסדרוקן, וואס זיינען געקומען פון זיין מויל נאך יעדע עטלעכע ווערטער, ווי: „דאַ דאַ", „קאָניעטשנאָ" „אַדנים סלאָוואָם", „פּאָזשאלויסטאַ", „ווסאָמאָם דיעלע", און נאך א סך אזעלכע ווערטלעך וואס האבן זיך מיט לייכטקייט אראפּגעגליטשט פון זיין צונג...

✶

סוף־סוף, האט מען בינטשען אנגעהייבן פארלייגן שדוכים, און בינטשע האט אנגעהייבן צו בראקירן: „די איז ניט פאר אים, ווייל זי זעט אויס צו זיין א „זאיאדע", א שלאק, וואס וועט ניט גיין אין „געשפאן" און זיך „ליגניען"; די צווייטע איז צו קנאכיק און גייט מיט א ניט גלייכן טראט. מיט אזא איינע, האט ער מורא, וועט ער ווייט ניט דערפאָרן; די דריטע ווידער, איז וואס אָן אמת, א גאנץ געזונטע מיט א פאר רונדע באקעס און א שיין־געלאקטע גריווע... האט זי שוין אבער ניט מיט איין בחור ארומגעגאַלאָפּירט... און, אזא איינע, כאטש שיט איר אָן א פולע קאריטע, גלעט זי און פוץ זי, וועסטו זי שוין פארן ציימל ניט פירן...

נאך א לאנגן בראקירן האט בינטשע לסוף חתונה־געהאט מיט יולטשיק באלעגאלעס טאכטער, דוואיטשע, א העלע ברייטפלייציקע מויד מיט א הייכן בוזעם, א פאר פעסטע ארעמס, מיט א רונדיק רויטלעך פנים באזעצט מיט זומער־שפרענקלעך, ווי די זון וואלט אויף איר געשיינט דורך א זיפּל...

נדן האט בינטשע באקומען פון יולטשיק באלעגאלע פערד־און־וואגן און א שטאל אין זיין הייפל; דאס הייסט, באקומען א פלאטפארמע און געלט אויף צו קויפן פאר זיך צוויי פערד לויט זיין געשמאק און מבינות.

עטלעכע טעג האט בינטשע אנגעשפארט אין די פארוואָרפנסטע מקומות, און זיך צוריקגעקערט מיט צוויי פערדלעך — „אזוינס און אזעלכעס"!...

— א כפרה די בעסטע „פאטשטאוווע" פאר אזעלכע צוויי „סאקאליקעס" (אדלערלעך), האט בינטשע געהאלטן אין איין איבערחזרן צום קרענצל באלע־

גאלעס וואס האט באטראכט און באטאפט פון אלע זייטן זיינע איינגעהאנדלטע צוויי „ציערס״.

— קוקט נאר אָן וואס פארא היפטן! וואס פארא זאדעס! זעט נאר ווי זיי שטעלן די פאדערשטע פיס! — האט ער א שיינענדיקער געהאלטן אין איין אנ־ווייזן אויף זיינע צוויי, ווי פון שטאל אויסגעגאסענע, ליכטיק־גראע פערדלעך.

נאך דעם ווי דאס קרענצל באלעגאלעס האט פארענדיקט באטראכטן און ארומטאפן ביידע „ציערס״, האט בינטשע אלעמען אריינגעבעטן אין דער נאענטער שענק, אוןביים געשטעלטן ביר־און־בראנפן מיטן גוטן פארבייסעכץ, איז אפגע־צייכנט געווארן בינטשעס אפיציעלער אריינטריט אין זייער „קאמפאניע״.

*

זייער גיך האט בינטשע זיך דערווארבן אַ געשוואוירענע קונדשאפט און געהאט פרנסה — ניט צו פארזינדיקן. די פערדלעך זיינע, די צוויי „סאקאליקעס״, האבן ביי אים שטענדיק געגלאנצט ווי אויף אַ „פּאַלקאָוואָי־סמאָטר.״

געזען בינטשען זיך ארומפּאָרען ארום זיינע פערדלעך ביים מארק־פּלומפּ, ווי ער רעדט צו זיי און פּעטשלט מיט ליבע איבער זייערע באקעס, האלדז און מארדע, פלעגן די ווייבער ביי די געשטעלן זיך וויצלען:

— דיין דוואיטשע וואלט זיך געפילט איבערגליקלעך, ווען דו וואלסט זי אזוי געצערטלט און זיך געצאצקעט מיט איר, ווי מיט דיינע פערדלעך...

— ניט אזוי שלעכט ווייבער! — צעשמייכלט זיך בינטשע מיטן גאנצן פנים און דעקט אפ זיינע ברייטע פעסטע ציין — די בעסטע עדות דערויף זיינען די צאפלדיקע „זשרעבאקלעך״, וואס מיינע שטעלט מיר צו יעדעס יאר...

די צייט איז ניט געשטאנען: יארן זיינען געלאפן און קינדער זיינען געוואקסן; דוואיטשע האט געקאכט אין אלץ גרעסערע טעפּ; בינטשע האט שוין פאר דער צייט געטוישט זיינע „סאקאליקעס״; שוין עטלעכע מאל זיך געלאזט נייען נייע מלבושים, אבער אלץ אין מיליטערישן שניט; מערערע מאל געביטן זיינע שטיוול, אבער אלץ מיט הייכע געלע כאלעוועס; אין רעדן האט ער נאך אלץ זיך באנוצט מיט — „טאָטשנאָ״, „נאַ קאקאָי טשאָרט״, „קאָניעטשנאָ״, און אנדערע אזעלכע רוסישע אויסדרוקן.

מיט דער צייט זיינען צוויי פון בינטשעס „זשרעבאקלעך״, שוין דער־וואקסענע יונגען, אוועק קיין ארץ־ישראל. די אנדערע צוויי האבן חתונה־געהאט אין די שטעטלעך פון זייערע כלות. איינער האט באקומען נדן א הייזקע מיט

א פערד־און־וואגן, און דער צווייטער — נייע צוויי דראזשקעס, א שליטן און צוויי פערד.

★

געשען איז דאס גרויסע אומגליק אין א שפעט־זומערדיקן נאכמיטאג, בעת בינטשע האט זיך געפונען אויף א „יאזדע" אונטערוועגס.

אומגעריכט איז די געמיטלעכע שטילקייט פונעם שטעטל איבערגעריסן געווארן דורך אַן אימה׳דיקן געברום פון אנגעפלויגענע שטאלענע פייגל, וואס האבן גענומען זייען טויט און פארניכטונג... אין די ווייניקע מינוטן פונעם גרויליקן געוואי פון די ארונטערגעלאזטע באמבעס און זייערע צעדונערטע אויפרייסן, איז דאס שטעטל פון שרעק פארגליווערט געווארן... ס׳האט פארלוירן דאס לשון און דעם אטעם... ערשט, נאכן פארשווינדן פון די שטאלענע געשפענסטער, ווען מ׳האט דערזען דעם שרעקלעכן חורבן וואס זיי האבן נאך זיך געלאזן, האבן זיך פון אלע זייטן גענומען טראגן שרעק־רופן: „די דייטשן האבן באמבארדירט!... דייטשע עראפלאנען!... מלחמה!".. און ווי צעטומלטע האבן מענטשן גענומען לויפן מיט פעקלעך און קינדער — געזוכט אַן אנטרינונג...

אין איין אטעם האט בינטשע מיט זיין פלאטפארמע געאיילט אהיים פון אונטערוועגס. ארויפגעווארפן אן א סדר וואס ס׳איז אים געקומען אונטער דער האנט פון די שטוב־זאכן, ארויפגעזעצט זיין דוואיטשען אויף א פאק בעטגעוואנט, האט א הילכיקן קנאל־געטאן מיט דער בייטש איבער די קעפ פון זיינע פערד און גענומען ציען, ווי פייל־פון־בויגן, אין דער ריכטונג צו ווארשע.

שוין אין די ערשטע טעג פון בינטשעס אויפהאלטן זיך אין ווארשע, האט ער צוליב אפטע באמבארדירונגען און שריפות געמוזט עטלעכע מאל בייטן די אויפהאלט־ערטער פאר זיך מיטן ווייב און פאר פערד און וואגן.

אין איינעם אַן אינדערפרי, עטלעכע טעג פארן אריינמארש פון די דייטשן אין דער שטאט, צוריקקערנדיק זיך פון א „יאזדע" ביים איבערפירן א ביסל מעבל פון א צעשטערטער וואוינונג אין א צווייטער, האט בינטשע געמוזט, צוליב א לופט־אלארם, לאזן שטיין זיינע פערד און וואגן אויף דער גאס און ארייַנלויפן אין א שוץ־בונקער.

ווען דער לופט־אלארם איז אפגערופן געווארן און ער איז צוריק ארויס אינדרויסן איז שוין פון זיין פלאטפארמע קיין גאנצער אבער ניט פארבליבן. זיינע צוויי פערד זיינען געלעגן צעשמעטערטע מיט אויפגעריסענע בייכער און ארויסגעשליידערטע געדערים. ארום זיי האבן זיך שוין ארומגעפארעט מערערע הענט מיט בלאנקנדיקע מעסערס, שניידנדיק שטיקער פון זייערע נאך צאפּלענדיקע ווארעמע לייבער...

— אוי, מײַנע סאַקאַליקעס! — האָט בינטשע אויסגעשריגן ווי ניט מיט זײַן קול, געגומען פון פאַרצווייפלונג זיך קלאַפּן מיט בײדע פויסטן אין קאָפּ, ניט אויפהערנדיק צו רופן מיט א וויינענדיקער שטים: „מײַנע סאַקאַליקעס! מײַנע סאָקאָליקעס!"

עטלעכע וואָכן נאָכן פאַרנעמען וואַרשע דורך די דײַטשן, איז בינטשע אוועק מיט זײַן דוואַיטשען קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, וואו ער האָט געהאָפט אָפּצוגעפינען זײַנע צוויי זין, וואָס זײַנען — ווי ער האָט זיך צופעליק דער־וואוסט, אַריבער אויף יענער זײַט גרענעץ.

אָבער אינעם גרויסן ווירוואַר פון הין־און־הער וואַנדערונגען פון ריזיקע מענטשן־שטראָמען, וואָס האָבן פאַרפלייצט די דורכן סאָוויעטישן מיליטער אָקופּירטע שטעט און שטעטלעך, האָט בינטשע אויף זײַן וועג ביזן אוראַל זײַנע צוויי זין ניט אָפּגעפונען.

✶

א לאַנגזאַם אָפּשווימענדיקע רויטלעכע זון־קויל, האָט פאַרגאָסן מיט פּורפּור רויט די פענצטער־שייבלעך פון בינטשעס כאַטע וואָס האָט זיך געפונען אין א טאַליקער געגנט פון דער שטאָט מאַגניטאָגאַרסק. באָגאָסן מיט א קופּערדיקער ליכט פון דער פאַרגייענדער זון, איז בינטשע געזעסן פאַרן פענצטער, און דרייענדיק אויטאָמאַטיש צווישן די פינגער א ביסל מאַכאָרקע אין א שטיקל צייטונגס־פּאַפּיר, אַרויסגעקוקט פאַרטראַכט צום פּויכיקן רויטלעכן שניי, וואָס האָט זיך געפּאַלדעט אויף די אַנטקעגנדיקע הייכע בערג־שיפּועס.

וועגן וואָס האָט בינטשע געטראַכט אין די דאָזיקע בין־השמשותדיקע מינוטן? ער האָט געטראַכט וועגן די צוויי זין וואָס ער האָט נאָך ביז איצט ניט באַוויזן אָפּצוגעפינען; ער האָט געטראַכט וועגן די אַנדערע צוויי זין אין ארץ־ישראל, וועמענס אַדרעסן זײַנען אים אין זײַנע וואַנדערונגען פאַרלוירן געגאַנגען; ער האָט אויך געטראַכט וועגן דעם, צי ער וועט שוין דאָ אַזוי שטאַרבן אַלס הייצער אין דער שטאָטישער באָד, און באַגראָבן וועט מען אים אויבן, אויפן אַלגעמיינעם בית־עולם פון דער צווייטער זײַט באַרג, וואוהין זײַן בליק איז איצט געווענדעט; און אפשר גאָר... האָט א וואַרעמער געדאַנק זיך פאַרבייגעגליטשט אין זײַן מוח, וועט ער נאָך אַמאָל א הילכיקן קנאַל־טאָן מיט א בײַטש אינדערלופטן איבער די קעפּ פון א פּאָר פּולבלוטיקע „סאַקאַליקעס"... און מיט א רוף „א ווישטאַ! היידאַ, לובימצעס!" זיך א טראָג־טאָן ווי א וויכער איבערן ברוק, אַז פונקען וועלן פליען... אָבער וואו? — האָט זיך בינטשע געפרעגט אין געדאַנק — דאָרט? „דאָרט" איז שוין פונעם יידישן לעבן אין שטעטל קיין זכר ניט געבליבן... און דאָ? — דאָ איז עפּעס ניט „דאָס"... ניטאָ דאָ קיין „דיינס" און ניטאָ דאָ קיין „באַלעבאָס". דאָס פערדל וואָס דו באַקומסט דאָ

אין „קאַנני־פּאַרק" (פּערד־פּאַרק), פילט ניט אז דו ביסט אים א נאָענטער, און דו — אז דאס פּערדל איז דיינס... ווייל, היינט גיט מען דעם „גניאַדן" צו גאַווריליאָוויטש, און אויפן צווייטן טאָג — צו ניקיטאַן; היינט באַקומסטו א פּאָר שווערע בעלגישע פערד, און צומאָרגנס — א פּאָר שקאַפּעס, וואס איינס הינקט אונטער אויף א פוס און די צווייטע האט א בעלמע אויף אַן אויג.

— — — אין זיינע טראַכטענישן איז בינטשען ווידער ארויפגעקומען אויפן געדאַנק דאס לאַנד, וואו זיינע צוויי עלטערע זין געפינען זיך — ארץ־ישראל.

— ווי מיינסטו דוואיטשע? — האט ער מיטאמאל אויסגעדרייט דעם קאָפּ און א פרעג געטאָן ביי זיין ווייב. וואס איז געזעסן ביים צווייטן פענצטער און געלאָטעט זיין אפגעטראָגענע „פּופייקע" — צי קען ניט אמאל געמאָלט זיין, אז מיר זאָלן נאך דערלעבן צו טרעפן זיך מיט אונדזערע אלע קינדער אין ארץ־ישראל און איך זאל נאך דאָרט א פלי־טאָן מיט א פּאָר „סאַקאַליקעס" איבערן ברוק פון תל־אביב אדער ירושלים?...

דוואיטשע האט אויף א ווײַלע איבערגעריסן דאס לאַטען, ארויפגערוקט די ברילן אויפן שטערן, און אנשטעלנדיק אויף אים אירע קליינע רונדע אויגן, וואס זיינען ווי פאַרלוירן געגאַנגען אין איר ברייטן געשפּרענקלטן פּנים, געענטפערט:

— אז מיר'ן געקענט, בינטשעשי, פון אונדזער שטעטל פאַרוואַרפן ווערן אט דא אַהער, איז שוין אלץ מעגלעך...

✶

צוריקגעקומען קיין פוילן, האט בינטשע אויך דא ניט אפגעפונען זיינע צוויי יינגערע זין.

ערשט דורך באַקאַנטע, וואס האבן שוין באַוויזן זיך איבערצושרייבן מיט זייערע קרובים אין ארץ־ישראל, האט בינטשע ענדלעך דערהאַלטן א קורץ בריוול פון זיין עלטסטן זון וועלוול. ער שרייבט:

ליבע עלטערן:

דעם טאָג וואס מיר האבן דורך א צופאַל זיך דערוואוסט אז איר לעבט און איר געפינט זיך אין פוילן, איז ביי אונדז געווען א זייער גרויסע שמחה. כ'קען אייך מודיע־זיין, אז ס'איז שוין באַלד א יאָר ווי הערשל און לייזער געפינען זיך אין ארץ־ישראל און וואוינען ניט ווייט פון מיר מיט בערלען. בעת זייער זיין אין רוסלאַנד, האט זיך זיי ניט איינגעגעבן אייך אפצוגעפינען. מיר אלע מיט אונדזערע ווייבער און קינדער זיינען געזונט. וואס שייך פּרנסה, איז ניט צו פאַרזינדיקן. מיר האבן אייגענע מאַשינען. נאָך לייזער פּאָרט נאך דערווייל אויף

א פרעמדער טעקסי. ווען איר וועט דערהאלטן דאס דאזיקע בריוול — פאקט איין די זאכן און היידא, קיין תל־אביב! איר וועט דא לעבן צוזאמען מיט אונדז אן שום דאגות.

מיט דער האפנונג צו זען אייך אין גיכן, פארבלייב איך, מיט בעסטע גרוסן און קושן.

אייער זון וועלוול.

★

אנגעקומען אין לאנד אריין איז „בינטשע קאוואלעריסט" מיט זיין דוואיטשען שוין נאך דער פראקלאמירונג פון דער יידישער מדינה. כאטש שוין א זעכציקער, מיט א פארזילבערטן קאפ, האט נאך זיין גלייכער וואוקסיקער גוף געשלאגן מיט פיזישן כוח. געקומען איז ער אין ניי־אויפגעבויטע „גאליפע"־הויזן, אין א פרענטש פון מיליטערישן שניט, און אין א פאר הייכע געלע שטיוול...

אפגעפריידט זיך עטלעכע וואכן מיט זיינע קינדער, שנורן און אייניקלעך האט בינטשע אין איינעם א טאג אנגעהייבן רעדן מיט די זין וועגן א תכלית פאר זיך...

די קינדער האבן אנגעשטעלט אויף אים פארוואונדערטע אויגן:

— טאטע, וואס האסטו זיך פלוצים אנגעכאפט אן א „תכלית" ביי דיין גראען קאפ? דו ביסט דאך שוין א זיידע! פאר דיר וועט געוויס זיין דאס שפילן זיך מיט די אייניקלעך. איז וואס האט דיך עפעס מיטאמאל געצומען שטעכן דער האבער?... דאגות־פרנסה דארפן דיך ניט אנגיין — האט אים דער עלטסטער זון ניט געלאזט קומען צום ווארט — דערויף האב איך א „מעק"; בערל א — „דאדזש"; הערשל — א „בענץ", און לייזערל וועט אויך אין קורצן האבן זיין אייגענע טעקסי.

ס'האבן אבער ניט געהאלפן דעם זונס רייד וועגן א „דאדזש", א „מעק" און אנדערע אייזערנע שלעק; ווען מען גיט אים אזא אומזיסט, וואלט ער זיך צו דעם ניט צוגערירט! ווייל, וואס ווייסט אזא אייזערנער גולם? ס'איז ניט קיין „בולאן", ניט קיין רוסאַק און ניט קיין גניאדער „סאקאליקל", וואס דערניוכעט פון ווי ווייט זיין באלעבאס... וואס דו האסט צו ווענען א ווארט אויסצורעדן... א גלעט טאן איבער די ווארעמע באקעס, ווען אויף דיר זיינען אנגעשטעלט א פאר גרויסע, גוטע ברוינע אויגן...

ניין! האט בינטשע פעסט באשלאסן, ער וועט ניט אויפגעבן דאס ווער־מאכן פון זיין לאנג געפלעגטן חלום, אויף וואס ער שפּארט שוין זינט ווען א גראשן צו א גראשן.

— נישט־קשה! — האָט ער אַנטשלאָסן געענטפערט זיינע קינדער — איך קען נאָך ביי מיינע זעכציק אַ צי־טאָן מיט די לייצעס און אַ קנאַל־טאָן מיט דער בייטש! איכ׳ל שוין צופאָרן דאָס ביסל יאָרן וואָס זיינען מיר נאָך פאַרבליבן!...

אין אַ שיינעם דינסטיק אינדערפרי האָט בינטשע קאַוואַלעריסט איינגעשפּאַנט זיינע איינגעהאַנדלטע צוויי גניאַדע „סאָקאָליקלעך" אין אַ ניי־געפאַרבטער פּלאַטפאָרמע, אַוועקגעשטעלט זיך אויף איר שטראָם אין זיין גאַנצער הייך, און מיט אַן „אַנוקאַ! הײדאַ, לובימצעס!" — זיך אַ טראָג־געטאָן מיט זיי איבערן תל־אביבער ברוק...

* * *



שלמה איצקאָוויטש: הייזער אין חיפה

עזרא להד

יידיש טעאטער אין א"י

(אין צייט פון דער צווייטער עליה)

דאס בינטל מאטעריאלן וועלכע איך פארעפנטלעך דא זיינען א דערגאנצונג צו דער אפהאנדלונג: „בראשית פון יידישן טעאטער אין ארץ־ישראל", געדרוקט אין „פאלקסבלאט", תל־אביב, 2.7.59, (איבערגעדרוקט אין „יידישע קולטור", ניו־יארק, נומ' 3, מערץ 1960). און דעם צוגאב־מאטעריאל, א רעצענזיע וועגן דער אויפפירונג פון „הערצעלע מיוחס", אין „פאלקסבלאט" פון 3.4.61.

לעצטנס האב איך, ארבעטנדיק אויף צוגרייטן א גרעסערע מאנאגראפיע וועגן העברעאישן טעאטער פון דער צווייטער עליה, געפונען אין דער העבראישער פרעסע א גאנצע ריי מאטעריאלן וועגן יידישע פארשטעלונגען, ביז איצט אינגאנצן ניט באקאנטע. מיט די מאטעריאלן וויל איך איצט דערגאנצן דאס בילד פון דאזיקן אינטערעסאנטן קאפיטל אין דער געשיכטע פון יידישן טעאטער.

די ערשטע טרופע פון אשר ערליך

סוף זומער 1904, האט א גרופע יונגע חלוצים, בראש פון וועלכע ס'איז געשטאנען אשר ערליך, אַן אדעסער יונגערמאן און א לערער פון העברעאיש, באשלאסן צו גרינדן אין יפו א דראמאטישן פאראיין. ניט האבנדיק קיין העברעאישן רעפערטואר האבן זיי אנגעהייבן זייערע פארשטעלונגען אין יידיש. אלס ערשטע פיעסע האבן זיי באשלאסן אויפצופירן שלום־עליכמ'ס „צעזייט און צעשפרייט", און דער פאראיין „עזרת נשים" אין יפו, וועלכער האט געשטיצט ארעמעלייט, האט געבעטן ערליכן צו געבן די פארשטעלונג פאר דעם דאזיקן וואוילטעטיקן צוועק. די טרופע האט געגעבן איר הסכמה, און חנוכה 1904, איז פארגעקומען די פארשטעלונג, טראץ די פראטעסטן פון הרב קוק, דעם דעמאלדיקן רב אין יפו, וועלכער האט געגן דער פארשטעלונג געלאזט אויסקלעפן מודעות אין די גאסן. איך ברענג דא דעם דאזיקן דאקומענט אין א יידישער איבערזעצונג, לויט ווי ער איז פארעפנטלעכט געווארן אין „חבצלת" פון י"ד תשרי, תרס"ה (סעפט. 1904), באמיענדיק זיך איבערצוגעבן, ווי ווייט מעגלעך, דעם מליצהדיקן נוסח:

„מיט דעם בין איך מודיע פארן גאנצן פאלק, גאטס קינדער, תושבים פון אונדזער הייליקער שטאט און אומגעגנט, אז עס זיינען שוין אריבער עטלעכע

וואכן ווי איך האב מיך געוועגדט מיט רייד פון ווירדע, רייד פון שלום און תחנונים צו די עסקניות פון דער חברה „עזרת נשים״, זיי זאלן ניט מאכן קיין טעאטער פאר זייערע מיטגלידער. טעאטערס בכלל, און דער עיקר זינגערייען פון פרויען מיט מענער צוזאמען, זיינען פארבאטן פון אונדזער הייליקער תורה, און מען טאָר ניט חלילה צדקה טאָן מיט דער הילף פון זאכן וועלכע זיינען אַן עבירה. די עצם שיטה פון צדקה נעמען מיט דער הילף פון נשפי חשק און טעאטערס איז אַן עקלדיקע פאר יעדער ערלעכן מענטשן; מער ווי זי קען פארגיטיקן דורך דער צייטווייליקער הילף וועלכע זי דערלאנגט אויף א רגע, טוט זי שאדן. די דאזיקע זאך איז משפיל דעם כבוד פון אונדזער שטאָט בכלל, און מאכט זי פאר א זינדיקער שטאט חלילה, אנטקעגן די טויערן פון דער עיר הקודש אין הייליקן לאנד, און מען וועט זאגן: אט האט זיך געפונען אַן ארט לכל דבר אסור און פריצות. דעריבער ווארן איך וועגן דער גרויס פונעם איסור אויף דער מצוה וועלכע מען וויל טאן מיט דער הילף פון דער דאזיקער עבירה. איך בין זיכער, אז יעדער, ביי וועמען עס טליעט נאך א פונק פון יידישקייט אין הארצן, וועט וויסן זיך צו היטן און אפהיטן אנדערע, ניט צו גיין אין דאזיקן טעאטער, און וועט ניט אויסשטרעקן קיין האנט צו העלפן אים — ואשרי האיש אשר לא הלך, ד.ה. וואויל איז צו דעם וועלכער וועט ניט גיין און וועט דערמיט אויסגעלייזט ווערן פון דער קללה פון א פורץ־גדר, און די געהארכזאמע זאלן זיין געבענטשט פון גאט, אמן.״

אשר ערליך איז אבער ניט געווען פון דעם סארט יידן וועלכע מען האט געקענט אפשרעקן מיט קללות און חרמות, — ער האט זיינס אויסגעפירט, און די פארשטעלונג איז אדורך מיט א גרויסן דערפאלג. וועגן דעם לייענען מיר אין דעם דאנק־בריוו וועלכן די גבאיטעס פון „עזרת נשים״ האבן פארעפנטלעכט אין „ההשקפה״ פון 16.12.1904.

אין די אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן אין בוך: „אשר היה״, תל־אביב, תשי״ט, דערציילט אשר ערליך אז אין דער פארשטעלונג האבן אנטייל גענומען די לערער: אהרן טורקעניץ, א. פאַפער, מנחם גנעסין, און יעקב מושלי — די זעלבע וועלכע האבן אין 1905 געגרינדעט די ערשטע העבראַאישע טרופע „חובבי הבמה העברית״.

כאטש פורים 1905, איז געלייגט געווארן דער גרונט־שטיין פון דער העברע־אישער טרופע, האט זיך ערליך ניט אפגעזאגט פולשטענדיק פון יידישע אויפּ־פירונגען, און דעם זעלבן יאר, פסח, פירט ער אויף גאָגאָלס „שידוכים״ אין זיין אייגענער איבערזעצונג אונטערן נאָמען: „אויס כלה ווידער א מויד״.

קעגן דער אויפפירונג איז ארויס מיט טענות שלמה גאָלדמאַן, דער יפוער קארעספאנדענט פון בן־יהודה׳ס „ההשקפה״. אין דעם נומער 63, פון כ״ז ניסן, תרס״ה (1905), שרייבט ער:

„דעם היינטיקן פסח האט מען אין יפו געשפילט א פיעסע אין זשארגאָן. און ווער זיינען די אקטיארן? איר קלערט אודאי מענטשן וועלכע קענען ניט קיין עברית? ניין. דאס זיינען די זעלבע אקטיארן, וועלכע האבן געשפילט פורים „אוריאל אקאָסטא" און געצויגן דעם עולם מיטן כוח פון ריידן עברית פון דער בינע. דאסמאל האבן זיי געטאָן זייער פליכט און געמאכט לאכן אלטע ווייבער מיטן צויבער פון זשארגאָנישן לשון. און דער איבערזעצער וועלכער האט געארבעט מיט גרויס אייפער אויף דער העבּרעאישער איבערזעצונג פון „אוריאל אקאָסטא", האט געטאָן ארבעטן מיט גרויס קנאה אויף דער זשארגאנישער איבערזעצונג. סארא שטות איז אריין אין די קעפ פון די קלוגע, איבערצוזעצן א פיעסע אויף זשארגאָן? מילא, וואלטן זיי זיך כאטש באנוצט מיט אן אריגינעלער פיעסע, האט מען זיך געקענט פארענטפערן, אז צוליב דער קורצער צייט האבן זיי זיך ניט געקענט אפגעבן מיט איבערזעצונגען. אבער אז מען האט שוין יא איבערגעזעצט, האט מען עס דאך געקענט מאכן אין עברית. נאר בכדי נושא חן צו זיין ביים עולם שפילט מען זשארגאָן? דאס האט קיין שום גרונט ניט, ווייל אלע, חוץ די אלטע ווייבער, פארשטייען עברית און ווילן עברית. — — — און אנשטאט צו שאפן א התקרבות אין אונדזער ישוב, כאטש א שפראכלעכע, פארגרע־סערט מען דעם אנטאגאָניזם צווישן אונדז; און אויב מען מאכט איין טריט פאר־אויס לטובת עברית, מאכט מען גלייך צען טריט צוריק."

נאך א לאָקאַנישע ידיעה וועגן אַן אויפפירונג פון דער טרופע אין יידיש האבן מיר פון פורים, 1906. לויט א נאָטיץ אין „ההשקפה" פון כ"ג אדר, תרס"ו, האט מען געשפילט אין יפו שלום־עליכם׳ס איינאַקטער „מזל טוב".

פינסקיס „פאמיליע צבי" אין פתח־תקוה

אין א קאָרעספּאָנדענץ פון פתח־תקוה, אין נומער 51 „ההשקפה" פון י׳ אדר, תרס"ח (מערץ 1908), ווערט איבערגעגעבן, אז דער פאראיין, וועלכער רופט זיך „צעירי פתח־תקוה", האט צוגעגרייט אויף פורים די אויפפירונג פון דוד פינסקיס „די פאַמיליע צבי" אין יידיש. דער קאָרעספּאָנדענט באקלאגט זיך, אז צווישן די אנטיילנעמער געפינען זיך צוויי מיטגלידער פון דער געזעלשאפט „עברית" און אז די לערער פון דער שולע האבן געגעבן דעם זאל פאר פראבן; זיי, וועלכע דארפן זיך מיען צו פארשפרייטן די העברעאישע שפראך.

די אויפפירונג פון א. גאָלדפאַדענס „בר־כוכבא"

אין 1908 האט דער יפוער געזאנג־פאראיין „כנור ציון" באשלאסן אויפ־צופירן גאָלדפאַדענס „בר־כוכבא" אין יידיש. די ערשטע ידיעות וועגן די הכנות צו דער פארשטעלונג האבן מיר אין „הצבי", כ"ח תשרי, תרס"ט (סעפטעמבער, 1908). דער קארעספאנדענט דערציילט, אז ער האט זיך געוואנדן צו די איניציא־

טאָרן און זיי געפּרעגט, פּאַרוואָס זיי שפּילן ניט די פּיעסע אין העברעאיש. זיי האָבן געענטפערט, אַז אויב מען וועט זיי געבן אַ העברעאישע איבערזעצונג, האָבן זיי גאָרניט דאַגעגן, אָבער אויף זייער ווענדונג צו די העברעאישע לערער אין יפו האָבן זיי באַקומען אַ נעגאַטיוון ענטפער.

אין דעם נומער 46 פון „הצבי", פון י"ג כסלו, תרס"ט (דעצעמבער, 1908), געפינען מיר דעם נוסח פון אַ כרוז וועלכן דער מרכז המורים האָט אויסגעקלעפּט אין יפו געגן דער פאָרשטעלונג. איך ברענג דאָ אין אַ יידישער איבערזעצונג די וויכטיקסטע שטעלן פון דעם כרוז:

„קויפט ניט קיין בילעטן צו דער פאָרשטעלונג פון „בר־כוכבא" אין זשאַרגאָן! צו דעם חשובן פּובליקום! דער פאַראיין „כנור ציון" האָט אויס־געקלעפּט אַפישן אַז ער גייט שפּילן אַ פּיעסע אין זשאַרגאָן... דער פאַראיין איז באַשאַפן געוואָרן צו אַנטוויקלען דעם העברעאישן געזאַנג דאָ אין לאַנד, און האָט זיך גערעכנט ווי איינער פון די בלומען פון אונדזער אויפלעבונג. פּלוצלינג האָט ער אויפגעהאַנגען די ציון־פידל און אַנשטאָט איר גענומען אין האַנט אַריין די גלות־פידל, כדי צו שפּילן אויף איר פאַר אונדז אין ארץ־ישראל. אין מויל פון בר־כוכבא, דעם פאַלקס־העלד, לייגט מען אַריין דעם גלותדיקן זשאַרגאָן! מיר האָבן געפּרוּווט אָפּווענדן די „כנור־ציון"־לייט פון דעם דאָזיקן שריט.... מיר האָבן געפּרוּווט זיי פאַרלייגן יעדן אויסוועג זיי זאָלן זיך צוריקציִען פון זייער באַשלוס. מיר האָבן זיי געוואָלט געבן אַ העברעאישע איבערזעצונג, געבן זיי אַקטיאָרן וועלכע זאָלן שפּילן אין עברית, א. א. וו. אַלע אונדזערע פאָרשלאָגן זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן... דער פאַקט, פאַר וועלכן עס וויל אונדז שטעלן דער פאַראיין „כנור ציון" — מיט אַ מיין צי אָן אַ מיין — קומט נאָך מער צו באַשווערן די אַרבעט פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, וועלכע ווערט אויסגעפירט דורך יחידים... דעריבער ווענדן מיר זיך מיט אונדזער וואָרט צום פּובליקום, מען זאָל ניט קויפן קיין בילעטן צו דער זשאַרגאָנישער פאָרשטעלונג און אַנטיילנעמען אין איר. און די, וועלכע האָבן שוין געקויפט די בילעטן, זאָלן זיי אומקערן אַלס פּראָטעסט..."

אין אַ ווייטערדיקער ידיעה אין „הצבי" ווערט דערציילט, אַז אין יפו האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער „כנור־ציון" האָט זיך דערשראָקן און אַנולירט די פאָרשטעלונג. אָבער דער רעדאַקטאָר פון „הצבי" גיט צו אַ באַמערקונג צו דער ידיעה, אַז ער גלויבט ניט אין דעם. פיר טעג שפּעטער, י"ז כסלו, תרס"ט, מעלדעט טאַקע דער „הצבי", אַז דער פאַראיין קלעפּט יעדן טאָג אַפישן אין יפו וועגן דער פאָרשטעלונג און אַז כמעט אַלע בילעטן זיינען שוין אויספאַרקויפט. ווייטער שרייבט דער קאָרעספּאָנדענט, אַז לויט ווי ער האָט געהערט, קלייבן זיך די קנאי השפה העברית צו מאַכן אָבסטרוקציעס אין זאָל בשעת'ן שפּילן,

אז די אויפרעגונג ווערט יעדן טאג גרעסער, און די גאנצע זאך קען נאך דערפירן, חלילה, צו א ברודער־מלחמה.

דאס וויכטיקסטע איז אבער דער בריוו וועלכן דער פאראיין האט אריינ־געשיקט אין רעדאקציע פון „הצבי" און בן־יהודה האט אים פארעפנטלעכט מיט א הקדמה פון רעדאקטאָר. פון זיין הקדמה דערוויסן מיר זיך אט וואס: „... מיר קענען ניט פארהוילן פון אונדזערע אויגן דעם גרויזאמען פאקט, וועלכן די שרייבער פון דעם בריוו הענגען ארויס אויף א סלופ. דעם פאקט אז מען האט קיינמאל ניט פארווערט — וואס זאגן מיר פארווערט? דאס ווילן מיר גארניט — אויך מיר ניט! מען האט זיך אבער קיינמאל ניט אנטקעגנגעשטעלט זשארגאנישע פאר־שטעלונגען, ניט נאר אין יפו, אויך ניט אין די מושבות, און דווקא אין די סאמע נאַציאָנאַליסטישע. וואס האט מען געטאן אין רחובות, און ראשון־לציון, און פתח־תקוה? און וואס האט מען געטאן אין זכרון־יעקב? יעדע איינע האט זיך ווי פארנומען אין א וועט־לויף קעגן דער אנדערער אין איר פלייס צו שפילן זשארגאנישע פיעסן. פארוואס זשע און מיט וועמענס רשות פאדערט מען פלוצים פון „כנור־ציון", וועלכער איז גלייכגילטיק צוביידע שפראכן, ער זאל שפילן דוקא אין עברית? זאלן קודם כל העברעאיזירט ווערן אלע יידישע אינסטיטוציעס, די שטעט, די מושבות, די מענטשן מיט זייערע פאמיליעס. זאל מען פילן אין די גאסן און אין טאג־טעגלעכן לעבן, אז ס'איז באמת דא איין נאציאנאלע שפראך... דאן וועט „כנור־ציון" בטל ווערן פון זיך אליין, אויב ער וועט וועלן שפילן אין זשארגאָן. אויב ניט — און דאס האבן מיר שוין געזאגט איין מאל און צוויי מאל און טויזנט מאל — אומזיסט דער חרם פון די לערער; אומזיסט דער חרם פון וועמען ס'זאל ניט זיין; דער זשאַרגאָן וועט זיגן, און די, וועלכע זיינען אים מחרים, וועלן אים נאך זינגען א לויב־געזאנג..."

ווייטער ציטיר איך די וויכטיקסטע שטעלן פון בריוו פון „כנור־ציון", געדרוקט אין נומער 52 „הצבי", פון כ' כסלו, תרס"ט:

אין אנהויב פון דעם בריוו דערציילן די מיטגלידער פון „כנור־ציון", אז במשך פון די פיר יאר פון זייער עקזיסטענץ האט מען זיי אויסגענוצט ביי פארשיידענע אימפרעזעס פאר וואוילטעטיקע צוועקן, און אזוי ארום פארדינט טויזנטער פראנקען. בשעת זיי אליין האבן זיך געפונען אין א שווערער מאטערי־עלער לאגע, און האבן זיך געווענדט צו דער „אגודת חובבי הבמה העברית" זיי זאלן ביישטייערן 40% פון דער הכנסה פון דער פארשטעלונג „גאט, מענטש און טייוול", האט מען זיי אפגעזאגט.

„ווען אונדזער מאטעריעלע לאגע — שרייבן די חברים פון „כנור־ציון" — איז באקאנט געווארן דער פארטיי (געמיינט: „פועלי ציון". ע.ל.), וואס מיט איר הילף שטעלן מיר די פיעסע, האט זי געשיקט שליחים צו אונדז: אזוי ווי די

פארטיי האט באשלאסן צו שפּילן „בר־כוכבא" און זי האט די געהעריקע קאסטיומען און רעקוויזיטן, און די אנטיילנעמער געדענקען נאך גוט דעם טעקסט פון זייערע ראלן, האט די פּארטיי באשלאסן אונדז פארשלאגן צו שפּילן די פּיעסע פאר אונדזער טובה וועגן, כדי צו פארבעסערן אונדזער געדריקטן מצב. צום ערשטן מאל האבן מיר געטראפן מענטשן, זינט אונדזער טעטיקייט, פאר וועלכע אונדזער עקזיסטענץ און די צילן פון אונדזער פאראיין זיינען וויכטיק, און זיי ווילן אונדז העלפן. מיר האבן אנגענומען דעם פארשלאג, אבער דא האט זיך דערוועקט די פראגע פון דער שפּראך. נאך לאנגע דעבאטעס האט זיך ארויסגעשטעלט אז מען קען אין עברית ניט שפּילן, ווייל קיין איבערזעצונג איז ניט בנמצא, און איבערזעצן די פּיעסע אין דער קורצער צייט וועלכע איז געבליבן ביז דער אויפפירונג, איז ניט מעגלעך. אויך די מערהייט פון די אנטיילנעמער האבן עס געהאלטן פאר ניט מעגלעך אנצוהייבן לערנען די ראלן אויפסניי אין עברית, נאכדעם ווי זיי האבן עס שוין אויסגעלערנט אין זשארגאן. — — — אויב אבער אונדזער חטא איז טאקע אזוי גרויס, און מיר זיינען אמתע פארברעכער, טא זאל אונדז דאס פאלק משפטן! זאל אונדז דאס פאלק מחרים זיין, אבער בשום אופן ניט די לערער; ניט די וועלכע האבן זיך געחתמעט אויפן חרם, וועלכע מיינען אז מיט זייער נארישן חרם וועלן זיי ריינוואשן זייער חטא; ניט די דאזיקע לערער וועלכע האבן ניט געוואלט איבערזעצן „בר־כוכבא" אויב מען וועט זיי ניט באצאלן 110 פראנק; די לערער, וועלכע זיינען גרייט איבערצוזעצן יעדע רוסישע שמאטע, טשעכאווס „דער בער" אריינגערעכנט, און נאציאנאלע פּיעסן ווי „בר־כוכבא" אינטערעסירן זיי ניט; ניט די לערער, וועלכע ריידן אינדערהיים מיט זייערע בני־בית רוסיש, פראנצויזיש, און אפילו זשארגאן, נאר ניט קיין עברית! — — — לכל הפחות וואלטן זיי געשוויגן און ניט פארשפּרייט ליגנס, אז זיי האבן יא געוואלט העלפן, און נאר מיר האבן דוקא געוואלט שפּילן „בר־כוכבא" אין זשארגאן..."

די פארשטעלונג איז פארגעקומען ערב חנוכה, 1908, און האט לויטן קארעספּאנדענט אין „הצבי", געהאט א גרויסן דערפאלג. דער דאזיקער קארעספּאנדענט, וועלכער באהאלט זיך אונטער די ראשי תיבות ב.ח. גיט צו וויסן, אז ער אליין איז צו דער פארשטעלונג ניט געגאנגען, ס'הארץ האט אים ניט געלאזט. ער גיט אבער צו, אז ער באשרייבט ווארט ביי ווארט דאס וואס ער האט געהערט פון די וועלכע זיינען דארט יא געווען. ער שרייבט: „די פארשטעלונג איז זייער געלונגען און גאנץ יפו רעדט נאר פון דער דאזיקער געשעעניש. אָן שום ספק, אז דער זשארגאן האט געהאט א גרויסן נצחון. דער זאל איז געווען איבערגעפאקט. פון פתח־תקוה איז געקומען א וואגן מענער מיט ווייבער אנצוקוקן „בר־כוכבא". פון גדרה זיינען געקומען צוויי וועגענער, מענער, ווייבער און קינדער. אויך פון ראשון לציון זיינען געקומען א סך, מען זאגט ארום פופציק מענטשן. ניט ריידנדיק וועגן יפו, וועלכע האט צוגעשטעלט ארום פיר הונדערט

צוקוקערס״... ווייטער דערציילט ער, אז יעדער איינער פון די וועלכע זיינען געקומען זען די פיעסע האט זיך פארענטפערט, אז ער איז ניט לאנג אין לאנד און האט ניט הנאה פון די העברעאישע פארשטעלונגען, ווייל ער פארשטייט ניט. דער קארעספאנדענט באקלאגט זיך אז — „אויך פיינע קינדער, פון יפו און די קאלאניעס, בחורים וועלכע רופן זיך „עברים״ און מיידלעך, וועלכע רופן זיך „עבריות״ און אויך תלמידים און תלמידות פון דער גימנאזיע „הרצליה״ האבן זיך ניט אפגעשראקן פארן „וואס וועט מען זאגן״ און זיינען געלאפן צו דער זשארגאנישער פארשטעלונג.״ (געדרוקט אין „הצבי״, נומ׳ 58, פון כ״ג כסלו, תרס״ט (דעצעמבער, 1909).

גאָלדפאַדענס „שולמית״ אין יפו — ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה

די דאזיקע פארשטעלונג האב איך שוין דערמאנט אין מיין פריערדיקער ארבעט און פארצייכנט, אז זי האט זיך געענדיקט מיט א סקאנדאל. קיין פרטים זיינען מיר דאן ניט געווען באקאנט. איך ברענג דא ווייטער דעם מאטעריאל פון „הפועל הצעיר״, פון 19.6.1914, און פון דער טאג־צייטונג „החרות״, פון 24.6.1914.

די פארשטעלונג האט מען אנאנסירט אויף מוצאי שבת, דעם 18־טן יוני, 1914, אין דעם ניי אויסגעבויטן זאל פון פיינגאלדן. סיי אין „הפועל הצעיר״, און סיי אין „החרות״ ווערט באטאנט, אז עס איז דער ערשטער פרואוו צו שפילן יידיש נאך א הפסקה פון 4 יאר. דער „הפועל הצעיר״ גיט צו, אז די זאך איז געלונגען א דאנק דער גרויסער צאל נייע עולים, און דער עיקר נאכן באזוך פון זשארגאנישע שרייבער (ס׳האבן דאן באזוכט ארץ־ישראל: פרץ הירשביין, שלום אש און ד״ר חיים זשיטלאווסקי — ע.ל.), האט זיך געשטארקט די השפעה פון די יידישיסטן. געגן דער אויפפירונג זיינען ארויס מיט פראטעסטן צוויי ארגאניזאציעס: „מכבי״ און דער סניף פון דער הסתדרות המורים אין יפו.

„דער זאל איז געווען איבערגעפאקט, שרייבט א געוויסער בר־נש אין „החרות״. פון אינטעליגענטן עולם איז כמעט קיינער ניט געווען. דער גרעסטער טייל עולם איז באשטאנען פון די יידן וועלכע זיצן אין נוה שלום און נוה צדק, און די דינסטן אין די הייזער פון תל־אביבער באלעבאטים. היות ווי דאס איז געווען די ערשטע פארשטעלונג אין פיינגאלדס ניי אויפגעבויטן זאל, האט ער איינגעלאדן צו איר דעם יפוער קאימאקאם (דעם טערקישן מושל — ע.ל.), ער זאל אים באערן מיט זיין אנוועזנקייט. די אקטיארן האבן ווייזט אויס מורא באקומען פאר די פראטעסטן פון יפוער עולם, האבן זיי באשטעלט א קאוואס (א טערקישער געדונגענער באוואפנטער שומר — ע.ל.) און עטלעכע זעלנער פון דער ממשלה אפצוהיטן די ארדענונג. פלוצים האט מען אין מיטן דער פארשטעלונג דערשפירט א געשטאנק אין גאנצן זאל. דאס איז געווען

א כעמישע אבסטרוקציע פון עטלעכע יוגנטלעכע, וועלכע האבן געוואלט שטערן דעם גאנג פון דער פארשטעלונג... די אקטיארן האבן זיך געאיילט און גערופן זשאנדארן צו ארעסטירן די, וועלכע האבן געמאכט די אבסטרוקציע. עס איז צום ערשטן מאל געשען אין יפו אז יידן זאלן רופן זשאנדארן און איבערגעבן אין זייערע הענט אייגענע ברידער. אזא מין נבלה איז ניט אפגעטאן געווארן אין יפו אפילו אין די טעג פון דער מלחמת השפות (געמיינט דעם קאמף ארום איינפירן עברית ווי די שפראך פון חיפה׳ער טעכניקום — ע.ל.). ווען אנדערע בחורים האבן געזען ווי מען ארעסטירט איינעם ביי וועמען אין קעשענע מען האט געפונען א פלעשל מיט דער שטינקענדיקער פליסיקייט, האבן זיי זיך מער ניט איינגעהאלטן און גענומען שליידערן שטיינער פון אלע ריכטונגען אויפן זאל, און א סך שויבן זיינען צעבראכן געווארן אויף פיצלעך. אז דער קאימאקאם האט דאס דערזען, האט ער געהייסן די זשאנדארן ווארענען דעם עולם און נאכדעם שיסן. דאן איז זיך דער עולם צעלאפן. א סך בחורים האט מען דאן צעשלאגן לויטן באפעל פון די אקטיארן, כאטש זיי האבן ניט אנטיילגענומען אין די אבסטרוקציעס. די פארשטעלונג אליין איז געווען זייער קאמיש. די געשרייען מיט די געוואלדן האבן פארפילט די סצענע בעתן שפילן. די אויפפירונג אליין איז געווען די בעסטע אבסטרוקציע געגן דער פיעסע.

אין צוויי טעג ארום ברענגט דער „החרות״ די פאלגנדיקע ידיעה: „די וועלכע האבן געשפילט די זשארגאנישע פיעסע און האבן אויפגעבראכט די בעסערע עלעמענטן אין שטאט האבן אויפגעגעבן דעם געדאנק צו שפילן די פיעסע א צווייט מאל, אדער אויפצופירן „בר־כוכבא״. דער חכם־באשי האט געשיקט רופן דעם מוכתר פון די אשכנזים און אים געמאלדן, אז ער דערלויבט ניט צו שפילן קיין זשארגאנישע פיעסן אין נוה־שלום. דער באפעל האט געהאלפן און דער רעזשיסער מיט זיינע אקטיארן האבן פארלאזט יפו און זיינען אוועקגעפארן קיין קאירא.״

קורץ פארן גירוש יפו, אין אקטאבער, 1914, האט א טרופע יידישע אקטיארן אויפגעפירט אין יפו די פיעסע „זשידאווקא״. אין „החרות״, פון 20.10.1914, געפינען מיר אייניקע פרטים וועגן דעם: „אין אונדזער שטאט זיינען געקומען צוויי אקטיארן ז. און ב. און האבן אויסגענוצט די היגע זשארגאניסטן אויפצופירן פיעסן און זינגען לידער אין זשארגאן עפנטלעך פארן עולם. אלע מודעות און פראגראמען זיינען געווען געדרוקט אין זשארגאן. לאמיר פארצייכענען אז קיין איין העברעאישער דרוקער האט ניט געוואלט אננעמען דאס דרוקן די מודעות און פראגראמען און די אקטיארן האבן זיי געדרוקט אין א קריסטלעכער דרוקעריי. ווי מען גיט איבער, וועלן די אקטיארן סוף־סוף זיך פאראייניקן מיט דער טרופע „חובבי התיאטרון העממי״ (א העברעאישע אמאטארן טרופע וועלכע האט זיך אפגעשפאלטן פון דער „אגודת חובבי הבמה העברית״ — ע.ל.) און מיט דעם וועט קומען א סוף צו די זשארגאנישע פארשטעלונגען.״

יוסף סאַקולער ז״ל

ירושה

האַרבסט

א האַרבסט,
פאַרוואָלקנט, שווער־געלאָדן,
גייט אויף
דורך דער פּריזמע פון רעגנס
אין מיין נשמה:

אין דיין פענצטער
האָט ראָזע ליכט
מיט האָפענונג אויפגעלויכטן
און דיין שטים האָט גערופן:
— קום, גליק איז אייביק יונג!

ווייך האָט דיין שטים געקלונגען,
ווייך און וואַרעם;
קלוג און ליכטיק איז דיין בליק געווען
און פול מיט ליבשאַפט.

רייף,
ווי די צייט פון האַרבסט,
האָט אין מיין יונגן קאָפּ א גלי געטאָן —
גליק!
און האָפענונגספולע פרייד,
צעבלאָזן ווי פייער פון ווינט,
האָט אויפגעפלאַקערט אין מיין האַרץ,
און כ׳האָב דערפילט —
טיף אין מיר פאַרבאָרגן
לעבן אויף
אלע בליטן פון פרילינג
און אלע זאַפטן פון זומער...

תפילות

גיט מיר א פשוטע תפילה
פאר ווערבעס געבויגן
ביי וואסערן שטילע,
וואס שפּיגלען אין טייכל
די צווייגן די קרומע
און שווייגן,
ווי שטומע
וואס זוכן א תפילה.

גאָט,
דו האסט באשאפן
פריידיקע מארגנס
וואס באדן אין זון זיך
אונטער בלויע הימלען;

דו האסט באשאפן
רויטע פארנאכטן
וואס קוקן אין וואסער
מיט בלוט און מיט פייער;

צו וואס האסטו, גאט, באשאפן
ווערבעס שטילע און שטומע
וואס בויגן צום וואסער
די צווייגן די קרומע
און שווייגן?

גיב זיי, גאט, א תפילה.

*

גיט מיר א פשוטע תפילה
פאר מיידלעך פאר צארטע,
וואס וועבן חלומות פון גליק
אין לאנגע און שלאפלאזע נעכט
און זעען, ווען זיי קוקן צוריק,

ס׳וואלגערן זיך פארגאנגענע טעג
ווי הארבסטיקע בלעטער פארדארטע...
גיט מיר א פשוטע תפילה
פאר מיידלעך פאר צארטע.

צו גאט

גאט,
דו ביסט אייביק יונג
און אייביק שיין.
נאר מיר פארפעלט האט גלויבן
אין דיינע וועגן צו גיין.

אין מיין יוגנט
האבן זינדיקע לייט
מיין ברונעם פארשמוצט,
מיין ברונעם פארסמט.

פארשיט איך דעם סמיקן ברונעם
און לאז זיך מיט פרישן גלויבן
און פריידיקן שפאן
צו דיין שטאמיקן קוואל גיין.
און מיין טראט
וואס געווען איז אלט,
איז ווידער יונג געווארן;

און מיין גאנג
איז שוין מער ניט גאנג —
ס׳איז טאנץ געווארן;

כ׳אטעם טיף דיין לופט
און ס׳איז ניט בלויז לופט —
ס׳איז לעבן!

לעבן וואס פליסט מיט פרייד,
מיט יוגנט, מיט גליק,
מיט שיינקייט און מיט קראפט.

*

אזוי ווי ווייסע טויבן, וואס פליען אונטער
בלויע הימלען,
טוען דיין רצון ריין,
אזוי זאל מיין הארץ, אויף אלע ערדישע וועגן,
טאָן דיין רצון ריין
און ניט געשטרויכלט ווערן,
און ניט פאראומרייניקט ווערן
דורך ניט ריינע געדאנקען.
ווי די טויבן די ווייסע
אין הימל אין בלויען.

ווי אן אדלער אין בלויען רוים

ווי א ווינט
פליט אָן די בענקשאפט
און שפאנט אָן
אלע זעגלען פון מיין נשמה.

ס׳טוט א פלאטער דאס הארץ
אויפן ווינט
ווי אַן אדלער
אין בלויען רוים.

איך פלי
אין בלויען רוים —
אונטן וויגט זיך ים
און רעוועט אויס זיין ליד
פון טיפע גרונטן;
אויבן — מיין זון
הענגט הינטער שווארצן וואלקן.

*

אין מיין יוגנט
ליגן דיווארצלען פון מיין לעבן

פארבארגן,
ווי דיווארצלען פוןביימער
אין באדן פון וואלד
אונטער אייזיקער ערד.
ליגן אוןווארטן
אויף זון, און אויף ווינט, און אויף רעגן.

מיין ליד

מיין ליד האט געוויינט
און ניט געוואלט גיין אין דער וועלט.
ס'האט מיר געזאגט:
— אין דער טיף פון דיין הארץ
לעב איך שטיל
ווי א בלום אויפן שויס פונעם וואלד,
וואו קיין פוס האט געטראטן.
און ס'איז מיר איבער גענוג —
אין א פארנאכט,
ווען ס'קומט א חבר צוגיין,
אדער א מיידל מיט ליכטיקע אויגן,
און דו לייענסט מיך
פון העפטן פארשריבענע
מיט אותיות באשאפן אין שטורעם,
אין פרייד, און אין אומעט.

א זוניק געזאנג

א יונג מיט א לאקיגן קאפ
האט געשפאנט דורכן וואלד
אויף וייכער, אויף מאכיקער ערד.

א פרייע פרייד האט געשלאגן
פון זיינע צעלויכטענע אויגן,
ווי די פרייד וואס שלאגט פון א בארגיקן קוואל.

דער יונג מיטן לאקיגן קאפ
האט געשפאנט דורכן וואלד
און געזונגען א זוניק געזאנג —

חיפה

צו דיביימער,
צו די גראזן,
צום מאך אונטער זיין טראט,
און צום האז,
וואס האט איילים געקרייצט זיין וועג.

דער יונג מיטן לאקיגן קאפ
האט געזונגען זיין זוניק געזאנג,
און דער וואלד האט מיט עכאָ געענטפערט.

דיין אטעם

דיין אטעם,
דיין ריינער ווארעמער אטעם
איז די זון
וואס צעשמעלצט דאס אייז
אויפן פלאך פון מיין לעבן,
און ס׳טוט זיך א שפיגל אין מיר
די זון . . .

איך ווארט

טייערע,
אין מיר ליגן נאך פארבארגן
אומגעהויערע אוצרות
פון שאפנדיקן, גאטגעבענטשטן כוח
און...
גאט, איך ווארט
אויף דיין רוף!

איבער שטעכיקע דערנער

יעדער חלום מיינער, וואס ווערט געבוירן,
איז פריצייטיק
און ווערט דערשטיקט.

און די פעלדער פון מיין לעבן
ליגן וויסט:

ניט קיין קאָרן וואַקסט אויף זיי,
ניט קיין פּרוכט,
נאָר דערנער
און ווילד געוויקס.

גיי איך אַרום איבער שטעכיקע דערנער —
באָרוועס,
הונגעריק,
און מיט צעבלוטיקטע פּיס.

אויסגעלייטערט

קינדער קליינע וויינען
ווען עמיץ טוט זיי ווי;
וויינען פריי און אָפן
ביז פאַרדראָס פאַרגייט.

האָט עס אויסגעוויינט זיך,
לויטערט זיך דאָס פּנימל
ווי זומערדיקער הימל:
ס'האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ רעגנדל
און דער הימל
איז ווידער לויטער בלוי געוואָרן.

ווינטער

ווינטער — די וועלט איז ווייס אַזוי!
דער וועג איז פאַרשאָטן מיט שניי,
פאַרווייעט איז פּלויט, און צוים,
און פעלד, און קוסט, און בוים.

אויף ווייסן פּוכיקן וועג
שפּרינגען האָזן צוויי
און לאָזן איבער אַ שטעג
פון קליינע טריט אין שניי.

טוט אַ ווינט אַ ווייע,
טוט אַ ווינט אַ בלאָז,

און אין ווייכן שניי
בלייבט קיין שפור פון האז.

לודמיר 1946

ס׳גייט אויף א בילד אין מיין דמיון:
נאכט.
דער הימל, ווי שטענדיק, פארשאטן מיט שטערן.
שטיל זיינען גאסן —
מ׳הערט ניט קיין טראט,
מ׳זעט ניט קיין ליכט.
א שטעטעלע פול גלויבן און האפנונג
וויגט זיך אין נאכטיקער רו
און חלומט פון א מארגן א נייעם...
— — — — — — — — — — —

ווידער נאכט:
דער הימל פארצויגן מיט רויך.
מ׳זעט ניט קיין שטערן.
אונטער דעם שווארצן הימל
פלאקערט א בראנדיק פייער.
דאס ליכט פונעם העלישן פלאם
באלויכט א געפאנצערט געשטאלט —
מיט פיס ברייט צעשפרייט,
מיט ארבל פארקאשערט
שטייט א דייטש...
— — — — — — — — — — —

ס׳וויינען די האלב־אפגעברענטע חורבות
אין דער נאכט.
ס׳ווינט דאס אומשולדיק בלוט
פון דער פייכטער ערד ארויס.
און מיין שטעטעלע לודמיר
איז שטיל־ל־ל.
אויף אייביק שטיל־ל־ל ...

מעדיטאציעס

...שפיי אויס די פארצווייפלונג
פון הארצן
ווי מע שפייט אויס סם און
טו א שמייכל צו דער זון.
...גרויס זיינען די כוחות
וואס שטעקן אין דיר.

✶

...האב ניט מורא!
לאז ניט דעם טרויער באהערשן דיינע כוחות.
א גרויסע קראפט שטייט דיר ביי,
וועט דיר העלפן.
טו צו איר א שמייכל
מיט בטחון.

✶

...האב ניט מורא!
קוק ניט מיט שרעק אויף דער שטרויכלונג
וואס האט זיך ברייט צעלייגט
אויפן וועג פון דיין לעבן.

✶

...ווארף ניט אוועק דעם שטעקן
אין מיטן וועג;
ווער ניט פארכישופט פון בליק
פון דער שלאנג —
טרעט ניט אָפּ!
קאלט פארהייב דעם שטעקן
און שפאלט איר דעם קאפ.



שמואל בונה: דער נביא איבער ירושלים

חיים וואָטשין

די ערשטע ביקס

די אקציע האט זיך אנגעהויבן זעקס אזייגער אוונט. די יידן, וועלכע מען האט צוריק געבראכט פון דער קאטארזשנער ארבעט, האבן קוים באוויזן זיך ארומוואשן און עפעס טועם זיין, ווען פלוצלינג האט זיך דערהערט א שיסעריי, א בילן פון הינט און די געציילטע געסלעך פונעם געטא זיינען ארומגערינגלט געווארן מיט „עס־עס"לייט און מונדירטע אוקראאינישע פאליציאנטן.

אין געטא איז געווארן א בהלה. מענטשן האבן זיך געלאזט לויפן ווילד, געוואלט זיך ראטעווען, אבער די קוילן האבן זיי דערגרייכט און זיי זיינען געפאלן ווי אפגעשניטענע זאנגען.

די פאליציי, און צוזאמען מיט זיי דאס רוב פון די שטעטלשע אוקראאינער, האבן זיך א לאז געטאן איבער די יידישע הייזער, ארויסגעשלעפט די באהאלטענע און געטריבן זיי צום זאמל־פלאץ.

שלמהלען מיט נאך עטלעכע בחורים איז געלונגען צו באהאלטן זיך אינעם גוט מאסקירטן בונקער, וואס זיי האבן א לענגערע צייט געגרייט. זיי זיינען דארט געלעגן פארטייעט, מורא געהאט צו אטעמען טאמער וועט מען זיי געפינען, און זיך צוגעהערט צו די אימה׳דיקע געשרייען און שיסערייען וואס זיינען צו זיי דערגאנגען מיט א פארטויבטן אפהילך.

שפעט נאך האלבער נאכט, ווען ס׳איז שוין געווען נאך אלעמען און ס׳האבן זיך שוין מער ניט געהערט קיין שום קולות, איז שלמהלע ארויס־געקראכן פון בונקער, לאנג זיך איינגעקוקט אין דער פינצטערניש, אפשר וועט ער באמערקן א סילועט פון א מערדער, אפשר וועט זיין אויער אויפכאפן א שארך וואס זאל אים ווארענען וועגן דער לויערנדער געפאר.

אינעם געוועזענעם געטא האט געהערשט א דראענדע פוסטקייט און א טויטע שטילקייט. פון ווייטן, פון דער קריסטלעכער גאס, האט זיך נאך דערטראגן אהער א געזאנג פון שיכורים. דאס האבן די דייטשן מיט די אוקראאינער געזויפן אין די שענקען און געפייערט זייער גרויסן נצחון איבער די לעצטע יידן פון שטעטל.

פויזענדיק שטיל אויף אלע פיר זיינען די בחורים ארויסגעקראכן פון בונקער, געשארט זיך ביי די ווענט פון הייזער, ארויס פון שטעטל, און איבער

די פעלדער גלאָזט זיך צום וואַלד, זוכן דאָרט אַ באַהעלטעניש און אַ שוץ פאַרן לעבן.

ווען ס'האָט גענומען שאַריען אויף טאָג זיינען זיי אָנגעקומען אין וואַלד. דער דעמבן־וואַלד האָט די נייע איינוואוינער אויפגענומען מיט אַ פאַרטייעטער שטילקייט, געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף דעם הייפעלע יידישע בחורים און אַנגעוואָרפן אויף זיי אַ פחד.

נאָך עטלעכע שעה וואַנדערן צווישן דיביימער האָבן זיי געפונען אַ וואַלד־פאַליאַנע, וואָס איז געלעגן עטוואָס פאַרטיפט און האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע גרינע שיסל, אַרומגערינגלט מיט הייכע ביימער; זיי צופוסנס זיינען געוואַקסן געדיכטע נוס־ביימער וואָס האָבן קיין ליכט שטראַל ניט דורכגעלאָזט; אַפילו בייטאָג האָט דאָ געהערשט אַ טונקלקייט.

די בחורים זיינען דאָ אַריינגעפאַלן ווי אין אַ פאַרכישופטער הייל פון אַ קינדער־מעשה'לע, וואָס אַ באַרעדעוודיקע באָבע האָט זיי אַמאָל אין זייערע קינדער־יאָרן דערציילט. די פאַליאַנע האָט אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי אַ ווייטע אָפּגעלייגטע וועלט וואו קיינער וועט זיי ניט געפינען.

שלמה איז אין וואַלד אַ היימישער געווען. זיין טאַטע, דער דאָרפס־ייד, האָט אָפט באַקאַנטע וואַלד־וועכטערס באַזוכט און האָט דעם קליינעם שלמהען מיטגענומען. דעם טאַטנס ברייטע שמועסן מיט די וואַלד־וועכטערס פלעגן זיך פאַרציען ביז די שפּעטע אָוונט־שעהן און ער פלעגט דעם טאַטן זיינעם חושד זיין אַז ער האָט אַ ספּעציעלע הנאה פון צוריקפאָרן דורך דעם אין פינצטערניש איינגעהילטן וואַלד. די ערשטע צייט פלעגט דער קליינער שלמה פילן אַ פחד; ס'פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז אָט, אָט, וועט אַ פאַרטייעטע חיה אַ שפּרונג טאָן אויפן וואָגן. דער טאַטע האָט ווייזט אויס געשפּירט שלמהס פחד, פלעגט ער אָנהויבן אונטערברומען אַ חזניש ניגונדל, כדי דער קליינער שלמה זאָל פאַרשטיין אַז ס'דראָט זיי ניט, חלילה, קיין שום סכנה.

ווען שלמה איז אונטערגעוואַקסן, איז דער וואַלד אים געוואָרן גאָר היימיש, ווינטער פלעגט מען פון וואַלד האָלץ ברענגען, און זומער פלעגט ער פירן דער מאַמען צו די פעטערס.ביידע פעטערס האָבן געלעבט אין ווייטע אָפּגעלייגטע אוקראַינישע דערפער, און דער וועג אַהין האָט געפירט דורכן וואַלד.

✶

מיטן צופאַלן פון דער ערשטער נאַכט איז אין דער פאַליאַנע נאָך פינצטערער געוואָרן. דער וואַלד איז געשטאַנען אַרום דעם צעלייגטן פייער ווי אַ גרויסע דראָענדע שטומע חיה, וואָס גרייט זיך וואַרפן אויף די נייע

אומגעבעטענע אַריינדרינגלער, וואָס האָבן אַ חוצפּהדיק פּייער צעלייגט און געשאַפּן אַ העלן פלעק אין דער אַרומיקער פינצטערניש.

שלמה׳ס בליק איז געפאַלן אויף דניאלן, דעם קצב־יונג: זיין שטענדיק רויטער פּנים איז איצט געווען בלאַס און איינגעפאַלן; די אויגן זיינען אים פון מידקייט געווען געשלאָסן; זיין מאַסיווער קערפּער איז אַזוי אומזיכער געזעסן, אַז אַ לייכטער שטויס וואָלט אים אומגעוואָרפן. נעבן אים איז געזעסן דער גרויסשטאָטישער פליט — מאַקס, אַנגעטאָן אין אַ געקראַטעוועט ספּאָרט־רעקל, מיט אַ רויטלעכן קראַוואַט. ער האָט אַפּט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און מיט זיינע באַברילטע אויגן געוואָרפן צעשראָקענע בליקן צום וואַלד. האַרט נעבן שלמה׳ן איז געזעסן מעכעלע דער שניידער־געזעלן. זיין שטענדיק פיין־פאַרקעמטע טשופּרינע, וואָס פלעגט צוציען די מיידלעך, איז איצט געלעגן אַ צעשויבערטע.

שלמה האָט מיט זאָרג געטראַכט, אַז די שרעק און דער הונגער האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעפּאָרט, אין די בחורים זיך איינגעגעסן און משונהדיק פאַר־ענדערט זייער אויסזען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַמאָל, אין שטוב, פלעגן אין דער שעה פאַררויטלטע מאַמעס פאַרען זיך אַרום פּייער און גרייטן וועטשערע פאַר דער משפּחה. און דאָ קנאַקט אַ צולהכעיסדיק פּייער, וואָס דערמאָנט נאָר אין היימישע מאכלים און רייצט דעם ליידיקן מאָגן. אַ צער איז אים באַפאַלן אויף די צעשראָקענע הונגעריקע בחורים, וועלכע האָבן זיך צום פּייער געטוליעט ווי הילפלאָזע באַשעפענישן אין אַנבליק פון אַ גרויסער רויב־חיה. אים האָט זיך געדאַכט אַז זיי קוקן אויף אים מיט תרעומת, פאַרוואָס ער האָט זיי אַהער געבראַכט און נעבן דעם ליידיקן פּייער אוועקגעזעצט.

אַז דאָס פּייער האָט גענומען קלענער ווערן האָט ער געבראַכט טרוקענע צווייגן און געוואָרפן אויפן פּייער. די בחורים האָבן שטום נאָכגעפאָלגט שלמהלעס באַוועגונגען און האָבן זיך געטראַכט: ער האָט ליב צו שפּילן זיך מיט פּייער.

דאָס דויערנדע שווייגן פון די בחורים האָט סוף כל סוף שלמהן צערייצט. נאָר אַנטרעפנדיק זיך מיט מאַקסעס לענגלעך בלייכן פּנים, איז אים דער כעס צערונען געוואָרן.

ער האָט זיך אויפגעהייבן און גענומען לאַנגזאַם שפּאַנען טיפער אין וואַלד אַריין. תּחילת האָבן די בחורים געטראַכט, אַז דער וואַלד האָט אים ווי איינגעשלונגען. מאַקס האָט זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן, געוואָלט לויפן נאָך שלמהן, פאַרהאַלטן אים. נאָר דניאל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ער זאָל בלייבן זיצן און האָט בייז אין זיך עפּעס אַ ברום געטאָן.

שפאַנענדיק אין נאַכטיקן וואַלד, האָט שלמה דערשפּירט ווי דער וואַלד וועדט אים היימיש נאָענט, אַז באַלד וועט דער וואַלד אים מגלה זיין דעם סוד: וואו מען נעמט דאָ שפּייז און ווי אַזוי מען קען זיך דאָ אויסבאַהאַלטן אַז דער שונא זאָל זיי ניט געפינען. נאָר דער וואַלד שטייט אַ שוואַרצער, אַ ברוגזער, אַ שטומער.

שפּאַנט ער צוריק מיט רוגזה, ווי איינער, וואָס מען האָט עפּעס מבטיח געווען און ניט געגעבן. ביים פייער באַגעגענען אים מונטערע געזיכטער. פון דעם וואָס ער איז צוריק געקומען אַ גאַנצער, פאַרשטייען די בחורים, אַז ער האָט מיטן וואַלד געשלאָסן אַ בונד און דורך אים וועט דער וואַלד צו זיי אַלעמען גוט זיין.

*

צומאָרגנס פרי, איז שלמה אויפגעשטאַנען מיט אַן אומרו אין האַרצן. געשפּירט די האַרטקייט פון דער ערד אין אַלע אבֿרים און מיט חידוש באַטראַכט די חבֿרים וועלכע זיינען נאָך געשלאָפן. אין שלאָף האָבן זיי אויסגעזען ווי געבונדענע שעפּסן, וואָס וואַרטן אויפן שוחט. ער האָט חשק געהאַט איינעם מיט דער פוס אַ זעץ טאָן, מען זאָל זיך אויפכאַפּן. דער וואַלד איז דיר ניט קיין ווייך בעט אויסגעבעט דורך אַ מאַמעס געטרייער האַנט! וואַלד־מענטשן דאַרפן, ווי חיות, לייכט שלאָפן, דער מינדסטער שאָרך דאַרף זיי אויפוועקן.

ער האָט אָנגעצונדן אַ פייער פון צווייגן. דאָס קנאַקן פונעם פייער האָט זיי אויפגעוועקט. זיי האָבן צעטומלטע געקוקט אויף שלמהן און צו ערשט ניט אָריענטירט זיך וואו זיי זיינען. נאָר דאָס האַרטע געלעגער און די נאַכטיקע קעלט אין גוף האָט זיי אויך באַלד אַ הייב געטאָן.

שלמה האָט אַריינגעקוקט אין מעכלס הונגעריקע אויגן און שטיל זיך אָנגערופן:

„דערווייל וועל איך גיין אויסשפּירן דעם וואַלד, און ערשט ביינאַכט פּרובירן אַריינגיין אין אַ דאָרף בעטן אַ ביסל שפּייז ביי אַ באַקאַנטן פּויער".

מעכלס אויגן זיינען ברייטער געוואָרן און באַקומען אַ מאָדנעם גלאַנץ, האָט שלמה אַ שמייכל געטאָן און שוין העכער צוגעגעבן:

„דאָס פּייער דאַרף מען ביי טאָג קלענער מאַכן, עס קען צוציען אַ וואַלד־וועכטער".

טרעטנדיק לייכט איבער פאַרטריקנטע בלעטער, האָט שלמה דערשפּירט אַ שטאַרקן הונגער. אַ רוגזה איז אים באַפאַלן. ער האָט געטראַכט וועגן די פולע שפּייז־קאַמערן אין די גויאישע דערפער וועלכע ליגן ווי אָנגעפּרעסענע חיות ביי די וואַלד ראַנדן, און ער וועט ערשט ביינאַכט זיך צוגנבֿענען ווי אַ

הונגעריקער וואָלף וואָס שפּירט דעם ריח פון פלייש, צו א פאַרשלאָסענעם שעפּסן־שטאַל און מוז צוריק שלעפּן נאָר זיין מידן גוף. ער וועט ווי א בעטלער אפשר אויסבעטלען א שטיקל ברויט פאַר זיך און פאַר די חברים. זיי זיינען אויף דעם אויך ניט פּעאיק.

א משונהדיקע צערייצטע הפקרדיקייט באַפאַלט אים. ער דערשפּירט אין קעשענע דעם שווערן שרויפן־שליסל, וואָס ער האָט אין בהלה, אין דער לעצטער מינוט אין שטוב א כאַפּ געטאָן. מיטן שליסל איז ער איצט גרייט זיך וואַרפן אויף יעדן מענטש וואָס וועט טראָגן שפּייז. בכוונה שפּאַנט ער מיט א ברייטער וואַלד־סטעזשקע, וואו מען קען זיך אויף מענטשן אַנשטויסן, און שפּירט אַז ער ווערט פאַרוואַנדלט אין א הונגעריקער חיה גרייט אין א מענטשלעכן גאָרגל זיך איינבייסן.

ווען די סטעזשקע האָט אים צוגעפירט צום זאַמדיקן שליאַך איז ער געבליבן שטיין, דאָס ליכט האָט אים א בלענד געטאָן אין די אויגן און א פּחד איז אים באַפאַלן, גלייך ווי דאָס ליכט האָט אים אַנטפּלעקט פאַרן שונא׳ס אויג. אינסטינקטיוו איז ער צו דער ערד צוגעפאַלן, צוגעפּויזעט צו א קוסט, און דורכן געוויקס איינגעגעסן זיך אינעם זון באַגאָסענעם שליאַך. דאָס סקריפּען פון א וואָגן האָט אים צוגענאָגלט צום אָרט. א געשפּאַנטקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט, אַוודאי פירט דאָס א פּויער אין פעלד אַריין, ער וועט אים פאַרהאַלטן און בעטן עטוואָס שפּייז. ער האָט דערשפּירט דעם שרויפן־שליסל אין טאַש, אַרויסגעצויגן אים און הנאה געהאַט פון זיין שווערקייט. דער שליסל, האָט ער געטראַכט, וועט דעם פּויער אַפּשרעקן און ער וועט אים אָוועקגעבן די טאַרבע שפּייז. דער וואָגן האָט זיך לאַנגזאַם דערנעענטערט. דער זאַמד איז דאָ טיף, דער פּויער וועט ניט קענען אַנטלויפן, האָט שלמהלע געטראַכט און שוין גרייט געווען א הייב טאָן זיך.

נאָר ווען דער וואָגן האָט זיך צו זיין באַהעלטעניש דערנעענטערט, איז ער ווי פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק: אויפן הינטערשטן געזעס זיינען געזעסן גרובער, דער דייטשער זשאַנדאַרם, און קישקאַ, דער אוקראַיינישער פּאָליציי־קאָמענדאַנט. שלמהלע איז נאָך קיינמאָל ניט געשטאַנען אַזוי נאָענט נעבן זיי. א רגע האָט א געדאַנק אויפגעבליצט: זיי האָבן אים זיכער באַמערקט און ווילן אים איבערכיטרעווען; זאָל ער זיך דאָ אין קוסט ליגן, זיי וועלן כלומרשט ווייטער פאָרן, ערשט נאָכדעם אַראָפּשפּרינגען פון וואָגן, פאַרגיין פון הינטן, און אים אָפּשניידן דעם וועג אין וואַלד אַריין. אַנשטאָט צו אַנטלויפן, האָט זיין בליק זיך איינגעגעסן אין זייערע רוקנס און ווי צעטומלט האָט ער צו זיך אַליין געמורמלט: „גרובער מיט קישקאַען. גרובער מיט קישקאַען״.

ערשט אַז דער וואָגן האָט זיך דערווייטערט, האָט ער דערשפּירט אַז זיין קערפּער איז ווי באַפרייט געוואָרן פון א שווערער געלעמטקייט. ער איז

אויפגעשפרונגען פון ארט און גענומען לויפן צוריק אין וואלד אריין, ווי א חיה וואס דערשפירט אז יעגערס האבן זיך אויף אירע פוסטריט אנגעשטויסן און דערנעענטערן זיך צו איר. ער האט געפילט, ווי א קעלט גליווערט אים אונטערן הארצן: אפשר זיינען די צוויי תליינים געקומען אויסשפירן זייער באהעלטעניש?

ער דערפילט, אז ס׳פעלט אים אויס לופט צום אטעמען, בלייבט ער שטיין, כאפט א בליק הינטערוויילעכץ און זעט — דער וואלד איז ליידיק... א מידער זעצט ער זיך אויף א שטאם פון אַן אפגעזעגטן בוים, קוקט אויף די הייכע שטאלצע דעמבעס און דערשפירט זיך נישטיק קליין. א צער נעמט אים ארום אויף זיך און אויף די חברים וועלכע זיצן דארט הונגעריקע ארום דעם פייער; זיי גלויבן אז ער וועט זיי ברענגען שפייז. ווי אזוי וועט ער ביינאכט אין א דארף אריינגיין, אז אפילו דער ליידיקער וואלד שרעקט אים? זיצנדיק טראכט ער איבער דער פלוצימדיקער ענדערונג וואס איז אין אים פארגעקומען: ערשט מיט א האלבער שעה צוריק האט ער הפקרדיק דרייסט געשפאנט גרייט מיט א שרויפן־שליסל צו נעמען שפייז. און אט האבן גרובער מיט קישקאָען אריינגעטריבן אים אין אזא פחד. ווי אזוי זשע וועט ער אין וואלד לעבן? שטענדיק אין פחד? תמיד הונגערן? ווידער טויכן אויף פאר אים גרובערס אנגעפרעסן פנים און קישקאס אסקעטיש מאגער געזיכט. ער באטראכט זיי איצט רואיקער; ער וויל פון זייערע פרצופים ארויסלייענען — מיט וואס האבן זיי אים אזוי איבערגעשראקן? באלד צעשווימען זייערע פרצופים ווי צוויי זייפן־בלאזן, און אויפן וואגן בלייבן שטיין נאָר זייערע צוויי ביקסן, וואס קוקן אויף אים מיט שמאלע שיס־רערלעך. ער טוט זיך א צאפל פון אויפרעגונג: די ביקסן! יא די ביקסן! ער דערמאנט זיך די האסטיקע שיסעריי ביינאכט אין שטעטל צוזאמען מיט די גרויליקע געשרייען, זיכער האבן דאס די שיס־רערלעך געשאסן און איצט זיינען זיי אהערגעקומען אים דראען. פלוצלינג ווערט אים קלאר די סיבה פון זיין שרעק ביים אנבליק פון גרובערן מיט קישקאען: ניט זיי שרעקן אים, נאר די צוויי טונקעלע שיס־רערלעך וואס אין זייערע הענט. א געדאנק בליצט אין אים אויף: אויב ער זאל למשל האבן א ביקס אין האנט, צי וואלטן גרובער מיט קישקאען פאר אים אויך מורא געהאט? ער רייסט זיך האסטיק אויף פון ארט און נעמט שפאנען צו דער פאליאנע. אין גאנג ווערט ביי אים רייף דער געדאנק: ער מוז האבן א ביקס! און אויב גרובער מיט קישקאען וועלן אין וואלד קומען, וועט ער זיי שיסן פונקט ווי זיי האבן די יידן געשאסן.

דער שרויפן־שליסל שטערט אים אין גאנג, נעמט ער אים פון טאש ארויס, באטראכט אים, איצט זעט אים אויס לעכערלעך וואס מיט אט דאס שטיקל אייזן האט ער געוואלט א פויער אנשרעקן. עס גלוסט זיך אים א שליידער טאן דעם שליסל ווי אַן איבעריקער באלאסט, נאר דא דערמאנט ער

זיך, אַז ס'איז דער לעצטער שטוביקער חפץ וואָס איז אים געבליבן פאַר אַן אַנדענק. לייגט ער אים צוריק אין קעשענע אַריין און שפּאַנט אַ האַפּערדיקער צו דער פּאַליאַנע.

די חברים טרעפט ער זיצן ביי אַן אויסגעלאָשן פייער; דאָס אַש זעט אויס ווי רעשטלעך פון אַ פאַרברענטן מת, און זיי — ווי זיינע אבלים. ער דערשפּירט אַז דער ביי'ער געדאַנק וועלכן ער טראָגט מיט אימפּעט צו דערציילן די חברים, איז אים געבליבן אין האַלדז שטעקן ווי עפּעס האַרטעס: ניט אַראָפּצושלינגען און ניט אויסצושפּייען. עס וואַרפט זיך אים באַלד אין די אויגן מעכלס הונגעריק געזיכט. ער האָט אַן אויסזען פון אַ געשלאָגענעם הונט, וועמען מע האָט געוויזן ביינער און אַנשטאָט די ביינער דערלאַנגט מיט אַ שטעקן. מיט רוגזה שלעפּט ער צונויף דאָרע צווייגן, צינדט זיי אונטער און דערפילט אַ לייכטע באַרואיקונג ווען אַ פלאַם זעצט פון זיי אַרויף. ביים ליכט פון פייער באַמערקט ער, אַז אַלע קוקן אויף אים מיט געשפּאַנטקייט, גרייט אויסצוהערן וואָס ער וועט זאָגן. רעדט ער סתם, כדי צו איבעררייסן די דערדריקנדע שטילקייט:

„אויפן שליאַך, האָב איך היינט גרובערן מיט קישקאַען געטראָפן!"

פון זיינע ווערטער ווייעט אַ פּחד. ער באַמערקט מיט שרעק אַז די צוהערערס זיינען גרייט באַלד אַ ריס טאָן זיך פון אָרט און נעמען בהלהדיק לויפן. האָקט ער אַ ווילע אָפּ און גיט פּלוצים שאַרף אַ זאָג:

„גרובער מיט קישקאַען, טאָרן מער דעם שליאַך ניט דורכפאָרן!"

די בחורים קוקן אויף אים ווי אויף איינעם וואָס איז אַראָפּ פון זינען. דניאל נעמט זיך שאַרן נעענטער צו אים, ער זעט אויס ווי אַ טאַטע וואָס גייט באַשטראָפן אַ יינגל פאַר זאָגן אַ מיאוס וואָרט.

„שלמה". רעדט ער צאַרנדיק, איינגעהאַלטן: „דעם וואַלד קענסטו טאַקע, נאָר אַ גרויסער לעקעש ביסטו! גרובער מיט קישקאַען האָבן ביקס, ווי אַזוי זשע, חכם מיינער, וועסטו זיי דעם וועג פאַרשטעלן?„

שלמה האָט זיך איינגעגעסן אין דניאלן, באַמערקט זיינע בייזע פאַרטריקנטע ליפּן און געלאָסן געענטפערט:

„געזען באַ זיי די ביקסן, דניאל, נאָר ווען זיי זיינען פאַרבייגעפאָרן זיינען זייערע רוקנס פריי געוואָרן. אַ ביקס ביי מיר, אָדער ביי דיר, וואָלט זיי ביידן אַוועקגעלייגט."

„משוגע געוואָרן!" האָט דניאל אַ שפּיי געטאָן. „וואו וועלן מיר נעמען ביקסן?"

א ווײַלע האָט געהערשט א שווײַגעניש. אַלע האָבן געשפּאַנטע געקוקט אויף אים, וואָס וועט ער ענטפערן דערויף? שלמה האָט האַסטיק זיך א הייב געטאָן פון אָרט, אָנגעקוקט דניאלן און אַרויסגעקרעכצט:

„איך וועל די ערשטע ביקס ברענגען!"

דניאל האָט זיך געשטיקט פאַר כּעס:

„ א ביקס וועט ער ברענגען! א ביקס וועט ער ברענגען! עסן דאַרפן מיר! שוין דער צווייטער טאָג ווי קיין ביסן ברויט איז אין אונדזער מויל ניט געקומען! בײַנאַכט וועל איך פון דאַרף אַרויסגנבֿענען א קו, וועלן מיר כאַטש מיט פלייש זיך אָנעסן."

דער גרויסשטאָטישער מאַקס האָט זיך אַרײַנגעמישט:

„מײַנער א באַקאַנטער פּאַליאַק וויל פאַר צען גאָלדענע פינפערלעך א ביקס פאַרקויפן."

שלמה האָט פאַרעקשנט אָפּגעענטפערט:

„מיר האָבן ניט קיין גאָלד. אומזיסט וועל איך קריגן א ביקס!"

„ווער וועט דיר געבן א ביקס" האָט דניאל געצאַרנט.

„מיט כּוח וועל איך נעמען!" האָט שלמהלע אָפּגעענטפערט.

„איך גיי מיט דיר, שלמה! איז מאַקס אויפגעשפּרונגען. שטאַרקע הענט האָב איך, בשעתו געלערנט באָקס, וועלן זיי דיר צונוץ קומען!" און ער האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט צו שלמהלען.

„אוודאי וועלן זיי צונוץ קומען!" האָט שלמהלע א שמייכל געטאָן און פרײַנדלעך א קוק געטאָן אויף מאַקסן.

אַרום האַלבן טאָג האָט שלמהלע פאַרלאָזט די פּאַליאַנע, דאַסמאָל איז מאַקס מיט אים מיטגעגאַנגען.

„וואו און ביי וועמען וועט ער א ביקס קריגן?" דניאלס חוזק איבער אים האָט אים צערייצט און באַליידיקט. ער האָט ווידער גענומען שפּירן אין זיך די זעלבע הפקרדיקייט ווי אין דער פרי און זײַן געמיט איז דערפון געוואָרן לײַכטער. מאַקס, דאָגעגן, איז וואָס ווײַטער אומרואיקער געוואָרן; האָט שוין לאַנג חרטה געקראָגן וואָס ער האָט שלמהלען אָנגעבאָטן זײַנע הענט. געוואָלט האָט ער זיך אָפּשטעלן און זיך מודה זײַן, אַז ער גלויבט ניט, אַז מיט ליידיקע הענט קען מען עמעצן אַנטוואָפענען.

שלמה האט דערשפּירט אז מאקס שטייט אפּ אין גאנג, צוגעשריבן עס צו שוואכקייט וואס קומט פון ניט עסן. האט ער פארלאנגזאמט די טריט און שטיל א זאג געטאן:

„לאמיר זיך אפּרוען, מאקס, ביזן אוונט וועלן מיר דאס דארף דערגרייכן." און ניט ווארטנדיק אויף קיין ענטפער זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. ערשט, ווען זיי זיינען ביידע געלעגן, האט שלמה באמערקט מאקסעס בלאס דערשראקן פּנים און פארדאגהט א פרעג געטאן:

„ביסט קראנק, מאקס?"

מאקס האט אים אנגעכאפּט ביי דער האנט און מיט א ציטעריקער שטים געפרעגט:

„וואוהין פירסטו מיך, שלמה?"

שלמה האט דערפילט אז מאקסן איז באפאלן א פחד, פונקט ווי אים אינדערפריביים שליאך. געחידושט האט ער זיך, אויף זיין אייגענער רואיקייט. מאקס האט ווי פון היץ גערעדט:

„איך ווייס, גייסט מיט כוח קריגן א ביקס. ס'איז א סכנה! א גרויסע סכנה!" האט ער זיך ווי געבעטן.

שלמה האט געטראכט, אז אפשר איז כדאי אים פירן צוריק צו דער פאליאנע, מורא געהאט, אז זיין שרעק וועט אויך אים אנשטעקן. נאר פלוצלינג האט ער דערשפּירט אז אין אים נעמט עפּעס קאכן. האסטיק האט ער מאקסעס האנט פון זיך אפּגעשטויסן און זיך צעשריען:

„נאך וואס ביסטו אין וואלד געלאפן? שטארקע הענט האסטו, און פאר הונגער וועסטו דא פגרן! געמיינט אז עס ווארט דא אויף דיר א פּענסיאן, שיינע קעלנערינס וועלן דיר א גוטן מיטאג דערלאנגען, הא?"

מאקס האט זיך איינגעשרומפּן אונטער די בייסיקע רייד. נאר שלמה האט ווייטער געצארנט:

„די פויערים וועלן אונדז מיט העק באגעגענען ווען מיר וועלן קומען גנבענען עסן! די וואלד־וועכטערס וועלן אונדז אויסשפּירן און ווי לעמער אויס־שעכטן! ביקסן דארפן מיר! וואלד־מענטשן מוזן האבן ביקסן, וועלן פויערים הכנעה'דיק אונדז ברויט מיט פלייש געבן! וועלן גרובער מיט קישקאען אין וואלד קומען, וועט זיי א ביקסן פייער באגעגענען!"

מאקס איז געלעגן מיט ברייט צעעפנטע אויגן. שלמה האט חרטה געקראגן אויף זיין שארפן לשון און ווייכער גענומען אין אים אריינרעדן:

„איך ווייס אז א ביקס איז ניט לייכט צו קריגן, ס'איז דערביי דא א סכנה. נו, און דאס דרייען זיך אין וואלד איז ניט קיין סכנה? און גנבענען א קו איז ניט פארבונדן מיט געפאר?"

מאקס איז געלעגן א פארשעמטער, געטראכט אז אייגנטלעך איז דאך שלמה גערעכט: וועט מען קיין עסן ניט קריגן, וועט מען פאר הונגער פגרן. און באוואפנטע, ווייסט ער, גיט מען אלץ. איז דאך טאקע קיין ברירה ניטא, נאר גיין אהין וואו שלמה פירט.

מאקס האט זיך האסטיק א הייב געטאן און שלמהלע האט ליגנדיק זיך געוואונדערט אויף זיין הייך. געווארט האט ער אז מאקס זאל דער ערשטער עפעס זאגן.

„שטיי אויף, מירן גיין!" האט מאקס דעצידירנד געזאגט. און שלמהן האט זיך געדאכט, אז ער האט דעם פחד באהערשט.

שלמה האט געשפאנט דער ערשטער, געטאפט מיט די אויגן דעם ארום. מאקס איז אים נאכגעגאנגען א גלייכגילטיקער, ווי איינער וואס איז געקומען צו דער מסקנא, אז אלע וועגן זיינען אפגעשניטן, נאר דער וועג אויף וועלכן זיי גייען איז נאך פריי.

פלוצלינג האט א הילכיק פייפן זיך צעטראגן איבערן וואלד. שלמהלע האט האסטיק א צי געטאן מאקסן אין וואלד אריין און ביידע זיינען גלייכצייטיק געפאלן אויף דער ערד. שלמהלע האט שטיל א שעפטשע געטאן:

„א וואלד וועכטער גייט!"

דאס איז אָסטאַפּ דער וואלד־וועכטער איצט געגאנגען צו זיין קאכאנקע, די שיינע מאנקע. פאר דער מלחמה האט די גאנצע געגנט גערעדט וועגן אויס־געלאסענע נאכט־ארגיעס וואס קומען פאר אין איר ווייס געקאלכטן שטיבל. אסטאפן האבן די מעשיות אנגעפילט מיט גלוסטונג צו איר פולן אויסגעכאליעטן קערפער וואס האט שטאלץ געטראגן איר בלאנדן קאפ. אסטאפ פלעגט זי באגעגענען אין די זונטאג־פרימארגנס שפאנען צום קלויסטער תפילה טאן. מיט רוגזה פלעגט ער נאך דער באגעגעניש מיט איר קוקן אויפן צעאקערטן פנים פון זיין אייגן פויעריש ווייב. פאר דער מלחמה האט מאנקע נאר בכבודיקע פוילישע בעאמטע אויפגענומען. דער שווינדזוכטיקער מאן האט די געסט באדינט און ווי א געטרייער הונט געקוקט זיין ווייב אין פנים אריין גרייט צו אויספילן אירע באפעלן. איצט, מלחמה צייט, ווען אלע בכבודיקע לייט זיינען זיך צעלאפן און דער הונגער האט גענומען אריינקוקן אין ווייסן שטיבל, האט אסטאפ גענומען א היימיש געמאכטן וואורשט מיט א פלאש בראנפן און אפגעשטאט ביי איר א באזוך. געטרונקען ברודערשאפט מיט איר און מיטן מאן

אירן און נאך דעם זעלבן טאג איינגעביסן זיך אין איר פול לייב. פון יענעם טאג אן גייט ער ארום ווי א שיכורער. ער ווייסט אז די זונה האט אים א כישוף אפגעטאן. יעדן נאך מיטאג ציט אים צום ווייסן שטיבל. די „באבע" זיינע ווייסט וואו ער פארברענגט די נעכט, נאר זי שווייגט פארביסן.

היינט איז אים מאדנע פריילעך אויפן הארצן, שפאנט ער ווי א הערשער אין זיין ברייטן קעניגרייך. דער פוילישער פריץ, דער בעל־הבית פון וואלד, איז אנטלאפן. די דייטשן זיינען מיט דער מלחמה פארנומען און פארלאזן זיך איינגאנצן אויף אים. ער ווייסט, אז די דארפס־לייט שניידן אויס די שענסטעביימער פון וואלד, נאר ער פארמאכט די אויגן. ס'וועט פאר אלעמען גענוג זיין, טראכט ער און נעמט זארגלאז פייפן. זיין פריילעכקייט נעמט זיך דערפון, וואס די דייטשן אין ראיאן האבן צו אים דעם פולסטן צוטרוי. צוריק מיט א וואך האט מען אים די אלטע יאגד־ביקס אויף א נייער מיליטערישער ביקס איינגע־טוישט. אין שטעטל, בשעת דער אקציע, האט ער די יידן אייפעריק געטריבן צום זאמל־פונקט, געשלאגן זיי אָן רחמנות, און איינעם א קראנקן ייד, וואס האט קיין כוח ניט געהאט צו גיין, האט ער מיט זיין נייער ביקס דערשאסן. נאך דער אקציע האט ער א גאנצן וואגן מיט מלבושים א היים געבראכט. דארפס־לייט גיבן אים אפ גרויס כבוד, און אין ווייסן שטיבלווארט מאנקע אומגע־דולדיק אויף אים. ער שפירט אז די תאווה נעמט אים צעשפארן, נאר ער איילט זיך ניט בכוונה, זאל זי ווארטן אויף אים, די זונה.

פון דערווייטנס נאך דערקענט ער אים שלמה. אסטאפ! גיט ער זיך א צאפל. אסטאפ דער מערדער! מאקס וויל עפעס איבערפרעגן, נאר שלמה רעדט האסטיק:

„אסטאפ דער רוצח גייט דא! די דייטשן האבן אים א נייע ביקס געגעבן! מיר וועלן זי ביי אים צונעמען! א פעסטער ערל איז ער, וועל איך מיט כיטרעקייט אים די ציין פאררעדן, און אז ער וועט זיך ניט ריכטן, וועל איך אויף אים אנפאלן און דו וועסט מיר העלפן."

מאקס האט דערפילט א קעלט אונטערן הארצן און פאר פחד געציטערט: „ער וועט שיסן, שלמהלע! ער וועט שיסן! לאמיר אנטלויפן!"

„ער וועט ניט שיסן, האט זיך שלמהלע איינגעשפארט, לעבעדיק וועט ער אונדז וועלן כאפן, צען קילא זאלץ קען ער פאר אונדז קריגן. קום לאמיר אים גיין אנטקעגן."

מאקס האט געשפאנט נאך אים ווי אויף פרעמדע פיס. געהאט דאס געפיל אז ער פירט אים גלייך צום טויט און געחידושט זיך, פארוואס ער קען זיך פון אים ניט אפרייסן און אליין אנטלויפן אין וואלד אריין זיך ראטעווען.

תחילה האט זיי אסטאפ פאר וואלד־ארבעטער אנגענומען, נאר באלד דערקענט אין זייער הילוך אז ער האט פאר זיך צוויי יידן. ער האט זיך פריידיק א צאפל געטאן, ווי א יעגער וואס שטויסט זיך אומדערווארט אן אויף א זעלטענער חיה. צוקומענדיק צו זיי האט ער כלומרשט פריינדלעך א שמייכל געטאן.

„גאט העלף! וואוהין גייען עס בחורים אינמיטן העלן טאג?"

„צו דער קאלייקע זוכן ארבעט", האט שלמה רואיק געענטפערט.

„כא, כא, כא!" האט זיך אסטאפ צעלאכט. „זייט ווען זיינען דאס זשידעס געווארן וואלד־ארבעטער?"

שלמה האט זיך צוגערוקט נעענטער צו אסטאפן און נאכגעפאלגט יעדע באוועגונג זיינע. געטראכט, אז אויב ער וועט די ביקס פון אקסל רירן וועט ער זיך באלד אויף איםווארפן. נאר אסטאפ האט זיך ווידער צעשמייכלט, א פריילעכער געדאנק איז אים איינגעפאלן: ער וועט די יידן צו מאנקען ברענגען, בא איר אין שטאל וועט ער זיי צו א רינג ווי צוויי „בוהייעס" צובינדן, וועט זיי אויסטאן נאקעט, און זי, מאנקע, אויך א נאקעטע, וועט זיי שמייסן מיט א בייטש און ווי איר שטייגער, בשעת מעשה הויך לאכן. מאנקעס נאקעטער קערפער צערייצט אים, ער וויל וואס שנעלער דערגרייכן דאס שטיבל. מען דארף נאר די צוויי זשידעס פארנארן מיט כיטרעקייט. נעמט ער שמייכלען צו זיי:

„ס'איז א גרויסע סכנה פאר יידן אזוי פריי אין וואלד זיך ארומדרייען. ניט ווייט פונדאנען וואוינט מיינע א באקאנטע, א גוטע נשמה, א גאנצע כאפטע יידן באהאלט זי אויס ביי זיך אין שייער. קומט מיט מיר, וועל איך אייך צו איר צופירן, וועט איר קריגן עסן און א דאך איבערן קאפ צו איבערנעכטיקן."

„א דאנק. זאגט שלמה מאדנע שטיל. קום, זאגט ער צו מאקסן, לאמיר מיטן מענטש גיין צו זיין באקאנטער!"

אויף אסטאפס ליפן באווייזט זיך א קרומער שמייכל. שלמה שפאנט דער ערשטער, נאך אים מאקס, און נאך מאקסן אסטאפ.

„גייט שנעלער יידן! טרייבט ער זיי גוטמוטיק אונטער. איי וועט זי דאס אייך אויפנעמען!" כיכיקעט ער אונטער און מעסט דערביי מאקסעס הויכע פיגור. אזא ריזן־יונג! טראכט ער, וואלט דאס אַן אונדזעריקער געווען, וואלט ער פאר אים מורא געהאט, פארזיכטיק געווען. און דער ייד גייט ווי א שעפסעלע, הכנעהדיק. איי וועט זי, מאנקע, הנאה האבן פון קאטעווען אזא פלייצע! מאקס דערשפירט אסטאפס בליקן אויף זיין פלייצע. אים דאכט זיך, אז ער שטויסט אים נעענטער און נעענטער צו אַן אפגרונט. א כעס באפאלט אים, סיי אויף

שלמהן וואס האט אים אין דער סכנה אריינגעפירט, און סיי אויף אסטאפן, וואס פירט זיי אין מיטן העלן טאג צו דער שחיטה. ער וויל א ווײלע זיך אפשטעלן, פרעגן שלמהן אויף יידיש: וואס טראכט ער צו טאן? שלמהס פאלגעוודיקייט געפעלט אים ניט. ער האט א רושם אז שלמהלע האט זיך אינגאנצן פארלארן און שפירט ניט די סכנה. נאר באלד דערשפירט ער א גראבן שטוים:

„מיט אזעלכע לאנגע פיס קענסטו שנעלער ניט שפאנען?"

מאקס דערקענט ניט אסטאפס פריערדיקע פריינדלעכע שטימע, א נייער אסטאפ שפאנט הינטער אים. ער דערפילט אז ער קען זיך אויף שלמהן ניט פארלאזן. א גאנצן טאג גייט ער אים נאך ווי א וואנזיניקער, אינגאנצן פארגעסן אז ער האט אייגענע פיס, הענט, און אַ קאפ. אזוי ווייט האט אים דער דארפישער שלמהלע פארכישופט, אז אנשטאט אנטלויפן פון אסטאפן האט ער זיך צו אים גאר דערנעענטערט און שפאנט פרייוויליק צום טויט!

מאקס גיט זיך פלוצלינג האסטיק א דריי אויס. ער וויל אריינקוקן אסטאפן אין פנים אריין, זען ווער עס פירט אים צום טויט. אסטאפ בלייבט שטיין א ווײלע צעטומלט. מאקס גיט, כמעט אומבאוואוסטזיניק, א פארפלעכט זיינע הענט ארום אסטאפס גראבן האלדז און נעמט אים שטיקן. באלד באפרייט זיך אסטאפ פון זיין צעטומלעניש, ער קלאמערט זיך איין מיט די הענט ארום מאקסן און שיפעט מיט רציחה:

„הרגענען וועל איך דיך, דו הינטישער זון!"

שלמהלע גיט זיך האסטיק א ריס צו זיי, אין האנט האלט ער דעם שרויפן-שליסל גרייט א האק טאן מיט אים איבער אסטאפס קאפ, נארביידע האבן זיך שוין אין א קנויל פארפלאכטן און קייקלען זיך אויף דער ערד — דא דער אויבן, דא דער אונטן, און שלמה קען אין אסטאפס קאפ ניט אנטרעפן.

נאר פלוצלינג באווייזט זיך אסטאפס קערפער, ווי א שלאנג גליטשט ער זיך ארויס פון אונטער מאקסן, כאפט זיך פלינק ארויף אויף אים, און נעמט דריקן מיט זיין קני מאקסעס בויך און פארפלעכט זיינע לאפעס ארום זיין האלדז. שלמהלע קרעכצט אפ מיט דערלייכטערונג און גיט א שניט מיטן שליסל איבער אסטאפס קאפ. אסטאפ שפרינגט אויף מיט א יללה, כאפט זיך אן מיט ביידע הענט פארן קאפ און וואקלט זיך פאר ווייטיק. שלמהלע לאזט נאך אמאל אראפ דעם שליסל אויף אסטאפס קאפ, דאסמאל איז דער קלאפ נאך שטארקער. אסטאפ שפרייט פונאנדער די הענט ווי אן אונטערגעשאסענער פויגל און פאלט מיטן פנים צו דער ערד. נאר שלמהלע באמערקט גארניט זיין פאלן, ער האקט פארביסן איבערן קאפ. ערשט אז מאקס פאלט צו אים צו מיט א געשריי: „ער איז שוין טויט! ער איז שוין טויט!" בייגט ער זיך אריבער איבער אסטאפן און מורמלט: „ער איז טאקע טויט!" נאכדעם דרייט ער אסטאפן

איבער מיטן פנים ארויף, הייבט אויף זיין רעכטע האנט און נעמט אראפ די ביקס.

מאקס איז שטארק צעשראקן:

„שלמהלע, בעט ער זיך, לאמיר אנטלויפן, ער איז טויט!"

נאר שלמהלע באטראכט נייגעריק די ביקס: „א נייענקע, א שפאגל נייענקע, פונקט ווי ביי גרובערן!" רעדט ער צו זיך אליין. ער ליידיקט אויס אסטאפס קעשענעס, געפינט עטלעכע רעזערוו־קוילן, פארווארפט די ביקס אויפן אקסל און ערשט דעמאלט באמערקט ער מאקסן און זאגט רואיק און זאכלעך:

„דעם פגר דארף מען ארײנשלעפן טיפער אין וואלד אריין, צודעקן מיט צווייגן זיי זאלן אים אזוי שנעל ניט געפינען."

מאקס קען זיך צום טויטן ניט צורירן, נאר שלמהלע האט שוין אנגעכאפט פאר א פוס און שלעפט אים. מאקסן דאכט זיך אז אסטאפּ האט זיך דאס אזוי פארטייעט, ער איז גארניט טויט, באלד וועט ער זיך א הייב טאן און אויף זיי זיך ווארפן. ערשט ווען שלמהלע נעמט זיך בייזערן: „העלף מיר, דער פגר איז שווער," כאפט אן מאקס אסטאפס צווייטע פוס און דער טויטער קערפער נעמט זיך גליטשן לייכטער. שלמהלע ווארפט אן צווייגן אויפן פגר ביז מען זעט אים מער ניט ארויס. ערשט נאכדעם האט ער א כאפּ געטאן אסטאפס קוישל, וואס איז אין א זייט געשטאנען, און ביידע האבן שנעל גענומען אוועק־שפאנען.

אפגייענדיק א שפאר ביסל וועג, האבן זיי זיך אפגעשטעלט, זיך אוועקגעזעצט, געעפנט דאס קוישל און א לאבן ברויט מיט א היימיש־געמאכטן ווורשט ארויסגעשלעפט. ביי מאקסן זיינען די אויגן־ווייסלען פארגרעסערט געווארן, דאס מויל האט זיך אויסגעקרימט אין א גרימאסע, ספק געוויין, ספק שמייכל. שלמהלע האט א שטיק ברויט אפגעבראכן, מיט כוח א שטיק ווורשט אפגעריסן און מאקסן דערלאנגט, נאכדעם אליין אויך זיך גענומען צו דער אכילה. קייענדיק מיט א פול מויל האט ער גערעדט:

„ווייסט זען מאקס, אז א באוואפנטן וועט מען שטענדיק געבן שפייז. אויב ניט, וועל איך ביי זיי די קישקעס ארויסנעמען!" מאקס האט געשוויגן, געקייט האסטיק, און ערשט ווען דער ברויט מיטן ווורשט זיינען פארשוואונדן געווארן, האט ער א פארשעמטער א זאג געטאן:

„געדארפט פאר אלעמן איבערלאזן, ניט אליין זיך אנפרעסן!"

שלמהלע האט זיך דערמאנט אין מעכלס הונגעריקע אויגן, געדאכט האט זיך אים, אז זיי, דארט, זעען ווי זיי ביידע פרעסן דא, האט ער זיך ווי פאר־ענטפערט:

„ס'וואָלט סיי ווי פאַר אַלעמען ניט געקלעקט, נאָר דעם הונגער צערייצט".

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די ביקס, איינגעשפּיגלט זיך אין איר פרישן פאַליטור און אַ קוק געטאָן אויף מאַקסן. מאַקס האָט דערזען צוויי בייזע פייערלעך אין זיינע אויגן.

„נאָך היינט וועל איך פאַר אַלעמען קריגן שפּייז! ליידיק וועל איך זיך ניט אומקערן!" האָט שלמהלע אויסגערופן.

אין וואַלד איז מיט אַמאָל פינצטער געוואָרן. מאַקס האָט נאָכגעשפּאַנט שלמהלען, מורא געהאַט אים צו פאַרלירן, אים האָט אָנגענומען אַ חשק פאַר שלמהלען זיך דאָס האַרץ אַראָפּרעדן. ער האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז זיין ביז איצטיק לעבן פון אַ גרויס־שטאָטישן סטודענט, איז געווען איין שטיק טינופת; זיין בילדונג האָט דאָ אין וואַלד ניט די ווערט פון אַ שמעק טאַבאַק; אַנשטאָט מאַטעמאַטיק, האָט ער גאָר ביי וואָלאָדעקן, דעם שטאָטישן מעסער־שטעכער געדאַרפט לעקציעס נעמען, וואָלט ער איצט אַן אַנדער פּנים געהאַט. נאָר ער וויל שלמהלען ניט שטערן, אפשר איז ער גאָר מיט אייגענע געדאַנקען פאַרנומען? אין דער פינצטערניש גיט אַ בליץ אויף אַ פייערל.

„אַ שטיבל!" רופט אויס שלמהלע און נעמט אַראָפּ די ביקס פון אַקסל.

„גייסט שיסן?" צאַפּלט אויף מאַקס.

„אַז מען וועט דאַרפן, שיס איך!" ענטפערט ער האַרט.

דאָס פייערל ציט זיי צו זיך. באַלד באַווייזן זיך צוויי באַלויכטענע פענצטערלעך פון אַן איינזאַמען וואַלד־שטיבל. אַ הונט רייסט זיך אויף אַ קייט און צערייסט מיט זיין בילן די אַרומיקע שטילקייט. אַ טיר עפנט זיך מיט אַ סקריפּ און אַ פרוי באַווייזט זיך אין איר, הערט זיך אַ ווײַלע איין אין דער שטילקייט, באַרואיקט דעם הונט און גרייט זיך צוריק די טיר צו פאַרמאַכן, נאָר שלמהלע שטייט שוין נעבן איר און זאָגט באַפעלעריש:

„ניט שרייען! מיר וועלן דיר קיין שלעכטס ניט טאָן! וועסט אונדז נאָר אַ ביסל שפּייז געבן און מיר וועלן זיך אונדזער וועג גיין!"

ביי דער פרוי צעציטערן זיך די באַקן, זי רוקט זיך הינטערווײַלעכץ אין שטיבל אַריין, און מאַקס מיט שלמהלען גייען איר נאָך.

אינעווייניק אין הייזל דערשפּירן זיי זיך ניט היימיש. אַלץ איז דאָ קליין און ענג. זיי דאַכט זיך, אַז שוין לאַנג האָבן זיי אַ שוועל ניט איבערגעטראָטן. נאָר באַלד ווערט שלמהלע באַרעדעוודיק:

„נו, באלעבאסטע! ווארף אריין אין א טארבע עטלעכע לעבלעך ברויט! מיינע מענטשן ליגן דא ניט ווייט הונגעריקע. וועלן זיי אהער קומען, וועט דיר טייערער קאסטן, און פארגעס ניט אויך צו געבן א טעפל פוטער.״

מאקס שפּירט אז די ערד ברענט אונטער אים. די פרוי לייגט לאנגזאם די ברויטלעך אין טארבע אריין. ער איז איר חושד, אז זי מאכט עס בכוונה. אינגדרויסן ריינגלט מען זיי ארום און זי וויל זיי פארהאלטן. כאפּט ער דאס טעפּל פוטער, וואס די פרוי דערלאנגט אים, און לאזט זיך האסטיק צו דער טיר. נאר שלמה איילט זיך ניט:

„וואו איז דיין מאן?״ ווערט ער גאר היימישער.

די פרוי שווייגט פארביסן.

„געשטארבן?״ פּרובירט שלמהלע טרעפן.

„נאך ערגער. ענטפערט די פרוי מיט רוגזה. א קאכאנקע זיך געפונען אויף דער עלטער. פריער א פשוטער וואלד־וועכטער געווען, האבן אים די דייטשן פאר א פריץ געמאכט, שעמט ער זיך מיט פויערישן ווייב.״

„ווי רופט מען דיין מאן?״ פרעגט שלמהלע.

„אסטאפּ.״ ענטפערט פארביסן די פרוי.

„קום!״ זאגט שלמהלע שטיל צו מאקסן, און ביידע פארלאזן דאס שטיבל.

אין דער פינצטערניש דאכט זיך מאקסן, אז אסטאפּ באגלייט זיי מיט ווילד ארויסגעזעצטע אויגן. ס׳ווילט זיך מאקסן עפּעס זאגן שלמהלען, נאר שלמהלע שפּאנט האסטיק, און ער האט מורא אים צו פארלירן. דאס ברויט טראגט מאקס, די משא דריקט אים אויפן רוקן, דער אטעם ווערט אים שווערער, ריטשקעלעך שווייס רינען איבערן פנים און באזאלצן די אפענע ליפּן. ס׳ווילט זיך אים אזוי אפּרוען. נאר פּלוצלינג גיט א בליץ אויף א פייערל פאר די אויגן.

„די פּאליאנע!״ גיט שלמהלע פריילעך א זאג און שלעפּט אראפּ פון מאקסעס רוקן די טארבע ברויט, שטופּט אים די ביקס אין האנט אריין און זאגט באפעלעריש:

„נעם, פארווארף זי אויפן אקסל! זאלן זיי זען אז דו האסט א ביקס געבראכט!״

„שלמהלע, בעט זיך מאקס, די ביקס איז דאך דיינע! דו האסט דאך אסטאפּן דערהרגעט! איך בין דאך א גאנצן טאג א פּחדן געווען!״

„דער ערשטער אויף אסטאפּן האסטו האסטו זיך געווארפן, איי האסטו שטארקע הענט!״ לויבט אים שלמהלע.

מאקס איז שווער צו אפזאגן שלמהלעס באפעל. ער פארוואָרפט די ביקס אויפן אקסל ווי א שווערע פרעמדע זאך אוןביידע שפאנען צום פייער. מאקסעס הויכע פיגור ווערט מיט דער ביקס נאך העכער און דער קליינוואוקסיקער שלמהלע, מיט דער טארבע ברויט אויפן רוקן, זעט אויס ווי א פארצייטיקער קנעכט וואס טראגט נאך די משא פון זיין באלעבאס.

דער ערשטער באמערקט זיי מעכל און ער גיט א געשריי:

„שלמהלע מיט מאקסן גייען!"

אלע ווערן ווי פארשטיינערט, נאר באלד ברעכט אויס ביים פייער א האסטיק געַרעדערײ:

„מאקס טראגט א ביקס!"

מאקס וויל עפעס זאגן, דערציילן דעם אמת, נאר שלמהלע האט שוין אויסגעליידיקט די טארבע ברויט און פריילעך אויסגעשריען:

„חברה! ברויט מיט פוטער האבן מיר אייך געבראכט!"

די חברה האבן זיך געווארפן אויף די שטיקער ברויט וואס שלמהלע האט מיטן מעסער געשניטן און געשלונגען זיי שטיקערווייז. ערשט נאכן עסן האבן זיי מיט גרויס דרך־ארץ געמישט מיט א ביסל פחד גענומען באטראכטן די ביקס.

פון ווייטנס האבן זיי אויסגעזען ווי פארצייטיקע געצנדינער וואס קניען מיט מורא ארום זייער הילצערנעם גאט און גלייכצייטיק שעפן זיי פון אים בטחון.

ל. אליהו

אפאריזם, גראם און עפיגראם

א שווארצער הימל קען ניט דויערן לאנג, — די זון וועט אים דורכרייסן.

✶

נאכט דויערט נאר אזוי לאנג ביז דער טאג קומט אָן.

✶

ניט מיט דיין הויז הייבט זיך אָן די וועלט,
און ניט מיט דיין הויז ענדיקט זיך די וועלט.

✶

דיין געבוירנטאג איז נאר איינמאל אין יאר, און דו קענסט פון דעם מאכן
דיין שמחה־טאג, אדער — דיין טרויער־טאג.

✶

ליבע וואקסט ניט אין גארטן,
און האס פאלט ניט פונעם הימל אראפ.

✶

ליבע קומט ניט פונעם שפיץ פון דער שפיז,
אויך ניט פונעם רער פון דער ביקס.

✶

אַ פינצטערע גרוב קען ווערן א ליכטיקער פאלאץ,
און א ליכטיקער פאלאץ — א פינצטערע גרוב.

✶

ס׳קען טרעפן, א נאר זאל אמאל זאגן אזא קלוג ווארט,
וואס אפילו צען קלוגע וואלטן אזוינס ניט געקענט צוטראכטן.

✶

חכמה קלעפט זיך בלויז צו יעדן חכם;
נארעשקייט — צו יעדן מענטש.

✶

אין ביכער קען מען א סך חכמה געפינען — אויב מען ווייסט ווי צו זוכן.

✶

אויסגעדאכטע אמתן פון היינט זיינען דער פאראט פון מארגן.

✶

וואויל איז דעם וואס ווייסט אז ער ווייסט ניט;
און גוט איז דעם וואס האט וואס צו פארגעסן.

צו דערציילן פון לעבן די לייד און די פרייד
קען מען מיט פשוטע רייד.

✶

גראדער געדאנק איז דאס פשוטע ווארט
געזאגט אין צייט און אָרט.

✶

א גמילות־חסד איז נאר ביי גאט טייערער ווי א נדבה,
אבער ניט ביים מענטש.

✶

דער מענטש איז בלויז א האלבער מלאך,
זיין צווייטע העלפט איז — עפעס אנדערש (דבר אחר).

✶

אז מען טראכט נאר וועגן זיך אליין,
בלייבט מען אייביק נארעש און קליין.

✶

דאס לעבן, ווי תמיד, גייט זיך זיין וועג
און ציילט מעשה נגיד די אפגעלעבטע טעג.

✶

פאר דעם וואנדערער טרעטן אפ די האריזאנטן אלץ ווייטער און ווייטער:
אזוי פאר דעם דענקער; אזוי פאר דעם טרוימער.

✶

גרויס און שיין איז אונדזער וועלט —
א פאנטאזיע אין פאַרבן!
נישטיק איז נאר ד א ס לעבן,
וואס לעבט כדי צו שטארבן.

✶

אז דער קאפ איז צו קליין,
איז די צונג צו לאנג.

✶

„ברויזנדע יוגנט!"
„זוניקער פרילינג!"
אוי, ווי מיר זיינען
מקנא דעם צווילינג!

✶

לאמיר ווי קינדער זיך שפילן;
ווי קינדער זיך מעשות דערציילן;
ווי קינדער אין שפילן ניט פילן
ווי וואונדן דורך וואונדער זיך היילן.

לאז די קינדער זייער קינדהייט;
לאז דער יוגנט יונג נאך זיין;
זאל דערוואקסענער אין צייטיקייט
זופן פון זיין אלטן וויין.

✶

וואס גיכער
יונגע זאנגען ווערן צייטיק,
בייגן זאפטיק־יונגע קעפ אראפ,
אלץ גיכער
קומט דער פויער מיט דער קאסע
און ער שניידט זיי אלע אפ.

✶

פון די אלע ימען גראמען
וואס קענען זיך גראמען מיט ימען,
האט זיך נאך ניט געפונען קיין גראם
וואס קען זיך פארגלייכן מיט ים.

✶

ווען דער פירער זאָגט — „מאַ״
און די געפירטע ענטפערן — „מע״,
וויינט די וועלט: „מ־א־מ־ע!״

✶ ✶ ✶

שמחה האַמבורג

די פילאָזאָפיע פון אבא גאָרדין

ווען א גוי איז געקומען צו הלל און געזאָגט, אַז ער איז גרייט זיך מגייר זיין אויב הלל וועט אים אויסלערנען די גאַנצע תורה אויף איין פוס, האָט אים הלל געענטפערט:

— וואָס דיר איז ניט ליב, טו ניט דעם צווייטן; דאָס איבעריקע איז די אויסטייטשונג פון דעם.

דערקלערן גאָרדינס פילאָזאָפישן גאַנג על רגל אחת, קען מען מיט איין־איינציקן פילאָזאָפישן טערמין — עגאָסאָפיע.

די עגאָסאָפיע, די אויסטייטשונג פונעם „איך", איז דער באַזיס פון גאָרדינס אידייאישן קוואַל: „אנוכי יהוה", איז ניט דער „אנוכי" פון דעם איינצעלנעם, נאָר דער קאָלעקטיווער „איך" פון דער גאַנצער מענטשהייט; אָדער מער דירעקט געזאָגט: דער קאָלעקטיווער „איך" פון דער מענטשהייט איז „גאָט".

די גאַנצע תורת־סיני באַשטייט אין אָט דעם הויפּט עיקר: די גאַנצע מענטשהייט פון דער וועלט איז איין „איך", איין גוף, איין נשמה — איין „אנוכי". אָבער כּדי די מענטשהייט זאָל קענען עקזיסטירן ווי אַן „איינס", מוז זי זיך רייניקן, אַרויסיאָגן פון איר באַוואוסטזיין אַלע אַבערגלויבענישן און פאַראורטיילן וועלכע האָבן זיך אַנגעקלעפּט אין איר זינט איר אויפקום.

די מענטשהייט איז איינע; קיינער קען ניט אויפשטעלן קיין קינסטלעכע מחיצות צווישן מענטש און מענטש, פאָלק און פאָלק. דער אוניווערסאַלער געדאַנק פון ישעיה הנביא וועט ווי א מעכטיקער שטראָם פאַרשווענקען די אַלע קינסטלעכע צוימען וועלכע מ'האָט אויפגעבויט קעגן אמת און יושר, קעגן יהוה — דעם קאָלעקטיוון „אנוכי": קיין יחידים־קריגערייען; קיין גרופּן־אַנטאַגאָניזמען; קיין אייגענלעכע צוויסטיקייטן און שטירצער. אַנשטאָט דעם, איין אינטעראינדיווידואַל פון מזרח ביז מערב און פון צפון ביז דרום.

מיר פאַרמאָגן ניט קיין צוויי ביליאָן עגאָס, מיר האָבן איין־איינציקן עגאָ. „די גאַנצע מענטשהייט איז איין מענטש", זאָגט אבא גאָרדין; מ'קען זי ניט צעטיילן אויף באַזונדערע גרופּעס, אונטער פאַרשיידענע נעמען, ווייל אַזוי לוינט זיך אין די אינטערעסן פון זעלבסט־געקרוינטע מנהיגים — די אַזוי גערופענע „פּאַסטוכער" פון פאָלק, וועלכע פּאַשען זיך, אַנשטאָט צו וויידן די „שאָף".

חיפה

אבא גאַרדין גלויבט, אַז די אַלטע — און אייביק — נייע צען געבאָט, די אַלטע — און תּמיד — נייע תּורה, וועט אַריינגעגעבן ווערן אין אָרון קודש פֿון האַרץ אין דער מענטשהייט. דעמאָלט, וועט ניט נאָר דער מענטש, נאָר אפֿילו די שטערן אין הימל, די גרעזעלעך אויף דער לאָנקע און די שוואָמען אין וואַלד, עפֿענען מויל און אויערן אויפֿצונעמען די דאָזיקע תּורה — תּורת חיים, אהבה וחסד. אָט די אַלטע — און שטענדיק — נייע לערע פֿון „לעבן", „ליבע" און „גנאָד", אָט די ייִדישקייט, וועט ראַטעווען די מענטשהייט, וועט אויסלייטערן און אויסכשרן די וועלט און וועט אויסבערענען דעם גאַנצן חמץ אירן.

גאַרדינס וויזיע איז, אַז די היינטיקע מאַכט פֿון פֿינצטערניש וועט פֿאַרשווינדן, ווי די אַמאָליקע רוים איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן; אַז דאָס אייביקע אין מענטש — זיין הייליקער גייסט — וועט ניט אויפֿהערן צו לעבן; אַז מיט דער צייט וועט דער מענטש דערקענען זיין אויפֿגאַבע: אויפֿצוהיטן אַלע העכערע מאָראַלע און גייסטיקע ווערטן, וועלכע זיינען תּמיד אין אַ סכּנה חרוב צו ווערן.

אַזוי ווי רבי יוחנן בן זכּאי, וועלכער האָט באַזעסן אַ ווייטע וויזיע פֿאַר דער דור־דורותדיקער גייסטיקער עקזיסטענץ פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, האָט זיך אַרויסגעגנבעט פֿון דער באַלאַגערטער, אויף לעבן־און־טויט קעמפֿנדיקער ירושלים, איז אַוועק קיין יבנה און געעפֿנט אַ ישיבה, כּדי פֿון דאָרט ממשיך צו זיין דאָס לערנען פֿון דער תּורה, אַזוי איז געווען די וויזיע פֿון אבא גאַרדין פֿאַר די קומענדיקע דורות. ער האָט זיך באַזעצט אין אַ זייטיק שטעטל — רמת־גן, זיך פֿאַרקליבן אין אַן איינזאַם שטיבל און פֿון דאָרט געשפּרייט זיינע שיינע געדאַנקען פֿאַר אַ בעסערער צוקונפֿט פֿון דער מענטשהייט; פֿון דאָרט געווירקט און געאַרבעט פֿאַר דאָס העכסטע אינעם מענטש.

אבא גאַרדין האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסע גייסטרייכע ירושה, וואָס קען ברענגען פֿיל נוצן דער מענטשהייט; אַ ירושה פֿון די שענסטע אידעען וואָס פֿירן צו אַ העכערער און שענערער וועלט.

משה ביק

י. ל. פרץ און דער ניגון

אין יעדער יידישער שטוב זיינען די שבתים און ימים־טובים געשטאנען אונטערן צייכן פון ז מ י ר ו ת. ניגונים פון רביאישע הייפן, פון ישיבה און בית מדרש לערנער, פון דרדקי דרבנן און פון לעבנס שטייגער, זיינען זיך ארומגעגאנגען ווי לעבעדיקע נפשות און זיך ממש אייגנבלוטיק אנגעקערט מיט משפחות און מיט דער גאנצער יידיש באזעסענער שטעטלדיקייט. דער ניגון האט זיך אפילו צעניגונט אין שאלות און תשובות, ווי בכלל אין דעם רייד־פארקער. עס איז גארניט אויסגעשלאסן, אז דער יידישער מענטש האט אפילו אין זיין טראכטן געניגונט א מין ניגון, אָן א קול און אָן ווערטער, וואס האט זיך שפעטער ארייגעוואָרצלט אין פרצעס „מקובלים"..

ביז אין דער ערב־צייט פון אונדזער יארהונדערט איז דער ניגון קיינמאל ניט געווען קיין אביעקט פאַרן וויסנשאפטלעכן דערגרונטעווען זיך צו זיינע אורשפרינגלעכע יסודות; פאר ניכטערער פאנאנדערגלידערונג צו דער דער־קענטעניש פון זיינע געזעצן און דורותדיקער אנטוויקלונג. דער ניגון איז געווען מער אָן ענין פאר „אַנפּאַרוואָסיקער", אָן סיבותדיקער דבקות אין וועלכער אלע חושים ווערן דערטרונקען, ווערן בטל; אין וועלכער דער גוף לייזט זיך אויף און נאר די נשמה פליגלט ערגעץ ארום אין וועלטן פון „אויב נישט נאָך העכער"...

קען זיין אז איינע פון די מניעות פאר דעם, איז געווען דאס, וואס דאס שטעטל איז געשטאנען מיטן פנים געווענדט אינגאנצן צו דער אינזיכיקייט, אין זיך־תוכיקייט, אָן דער מעגלעכקייט צו אבסערווירן אייגנשאפטן און שטייגער־שטענדיקייטן מיט דרויסנדיקן אָביעקטיוויזם; מיט קאלטן מוח מעסטן דורותדיק אויסגעוואָרעמטע נשמה־יתירהדיקע עמאציאנעלע היימישקייטן...

איינע פון די הויפט מניעות איז זיכער דער פאקט, וואס דער ניגון איז געווען — און ביי געוויסע שיכטן איז ער נאך אויך איצט — אַ מין פארהייליקטע מסורה אויף וועלכער נאר די צייט, גלגולים פון מזלות קענען האבן א שליטה, אבער מענטשלעכע הענט טארן זיך צו איר ניט צורירן. אפילו אויף אויפשרייבן א ניגון אויף נאטן איז חל געווען דער איסור. איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואס דער ניגון איז זייט דורות געווען אַ טייל פון דער יידיש־עטישער וועלט; א כוח מנוסה צום רייסן זיך אין העכערע וועלטן, אין די וועלטן פון רוחניות; אָן אויסגעפּראוווטער רייט־וואגן פון עולם־הזה אין עולם־הבא אריין...

דער ניגון איז געווען א באַשעפעניש אָן קאָנקרעטע גשמיותדיקע ליניען, אָן פיזישער וואָג, וואָס האָט אַראָפּגענידערט אין עמק הבכה פון מענטשלעכער ערדישקייט בכדי אים מתעלה צו זיין... אפילו א ניגון וואָס האָט גערופן צום טאַנץ און זיך געלאָזט אויסטופּען מיט די פיס — אפילו אין פּויערישע שטיוול — האָט אויסגעפירט א העכערע שליחות פון הויבן דעם מענטשלעכן גוף העכער פון דער ערד... למעלה מזה...

✶

י. ל. פּרץ איז געווען דער ערשטער שרייבער ביי יידן וועמעס ווערק עס האָבן אנגערעגט יידישע מוזיקער צו שאַפן י י ד י ש ע מוזיק. פּרצעס שרייבערישע קונסט איז געוואָרן א מוסטער פאַרן יידישן מאָלער, פאַר דער יידישער פּלאַסטישער קונסט און פאַרן יידישן מוזיקער. ווער ס׳האָט זיך צוגעהערט צו פּרצעס שאַפן האָט דערפילט די ליניען פון יידישער פאָרם און דערהערט דעם דופק פון יידישן תוכן. דער פּרימיטיוו פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט איז ביי פּרצן דערהויבן געוואָרן צו גרויסע קינסטלערישע אַנונגען, צו א נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקער צייכן־דערקענונג. זיינען דעריבער צו זיינע טעקסטן געשריבן געוואָרן די ערשטע אָנהייבן פון כמעט מאָנומענטאַלע מוזיקאַלע ווערק (ווי למשל, די „צווישן ברידער", אָראַטאָריע פון יעקב שייפער). זיינע דראַמען זיינען געווען פון די ערשטע ביי יידן וועלכע האָבן געפאָדערט די אריינמישונג, די באַהעפטונג מיטן מוזיקאַלן עלעמענט ווי א דערגענצונג צום אָפּגעהאַקטן אָטעם, פון פּרצעס פּינטעלעך, פון פּרצעס ניט דערזאָגטקייט, פון דער כוונה וואָס אָטעמט אַרויס פון פּרצעס צווישן־שורות...

פּרץ איז געווען דער שרייבער פון אידייען וועלכע פאָדערן די אריינמישונג פון לייענערס געדאַנק: דער לייענער דאַרף מיט אייגענע כוחות זיך דער־גרונטעווען צו זייער "פונוואַנען" און אַניאָגן זייער „וואוהין". מוזיקאַליש שעפערישע כוחות האָבן דאָ געהאַט און וועלן האָבן וואָס צו „דערזאָגן", וואָס אויסצווינגען: אַנדייטונגען און רמזים פון פּרצעס געדאַנקען און אידייען־וועלט, זיינע פאָלקסטימלעכע און חסידישע געשיכטן בעטן זיך צו לייענען מיט א ניגון, יעדע איינע מיטן ניגון פון אייגענער דערהייבנקייט, אייגענעם כוח הדמיון און אינזיכיקער פּאַרטיפּטקייט.

פּרץ איז אפשר דער ניגונדיקסטער שרייבער ביי יידן. ניטאָ נאָך אַזאַ שרייבער ביי אונדז וועלכער זאָל זיך אַזוי פיל באַשעפטיקן מיטן ניגון... ער, פּרץ, שפּאַלט אים ווי אָן אַטאָם, פאַרטיילט אים אין קאַטעגאָריעס פון העכערן דענקען, און יעדער טייל האָט זיך זיין שליחות אין גורל פון דער וועלט ווי א קאָסמישער באַגריף, אין די מעשים פון מענטשן, די טרעגער פון עולם־הזהדיקן און עולם־הבאדיקן גורלדיקן זיין...

ביי פרצן זיינען ניגונים וועלטן וועלכע דרייען זיך ארום אייגענע זונען; דער ניגון איז אין זיינע דערציילונגען, אין זיינע וועלט־באטראכטונגען א באשעפעניש מיט אייגענעם לעבן, וואס באווירקט דעם גורל פון דעם ארום. דעריבער לעגיטימירן זיך זיינע דערציילונגען מיטן ניגונדיקן פאספּאָרט. „א גלגול פון א ניגון", „א כלי־זמרס טויט", „ער שפּילט פארן טייפל", „דער נייער ניגון", „מקובלים", „שמע ישראל", „צווישן צוויי בערג" און נאך און נאך...

אין זיין דערציילונג „די קללה" דערציילט פרץ וועגן איינעם וועלכער זעט דעם ניגון:

„אז איך קוק איר אין די אויגן אריין, זינגט זיך! איז א סימן אז דאָרט שטעקט ער, דער ניגון!"

אויב איר ווילט, גלויבט פרץ אפילו אין תחית המתים פון א ניגון... דער גורל פונעם מענטש און דער גורל פונעם ניגון באאיינפלוסן און באווירקן זיך קעגנזייטיק. נאך מערער:

„די נשמה פון דער וועלט זינגט, — אלץ זינגט!"

דער ניגון, גלויבט פרץ, האט געהאלפן דעם רבונו של עולם אויסצוהאמערן זיין וועלט און איז געווארן א טייל פון איר נשמה.

✶

די אויפזאמלונג פון פרצעס ארויסזאגונגען, אנדייטונגען און אפאָריזמען וועגן ניגון און נגינה, וואלט זיך געקענט אויסברייטערן אין א מאניפעסט פאר דער יידישער מוזיק־שטודירנדיקער יוגנט, ווי אַן „אני מאמין" אין דער שליחות פון דער מוזיק, אויסצולייזן און צוריקצוברענגען די וועלט צו איר שורש און שלמותדיקער אחדות.

✶

א קורצע רשימה פון קאמפּאזיטארן וועלכע האבן געשאפן מוזיק צו פרצעס ווערק:

אדלער, ד.	לעווין, שמואל	פייער, בערנארד
אהרון, יוסף	מרגלית, א. ד.	קליאן, א.
ביטער, אלבערט	מאראלאווסקי, מ.	קוטשינסקי, י.
בערלינסקי, ה.	מילנער, משה	קאזאקאוו, ר.
בערנשטיין, א.מ.	וואלאוויטש, ה.	קאן, הענעך
ביק, משה	ליאָוו, לעא.	קריין, אלכסנדר
גאָלוב, ש.	לודוויג, הערמאן	קאמינסקי, יוסף

ח י פ ה

געלבארט, מ.
גלאדשטיין, י.
דרייצל, ל.
דע־עוז, רם
העלפמאן, מ.
הירשין, א.
לעווקאוויטש, ה.

מאלאמוט, ל.
וויינער, לאזאר
וואלפסטאל, חנא
חפץ, וולאדימיר
ענגעל, יואל
ערליך
פערלמוטער, ארנאלד

ראזקין, ז.
רומשינסקי, יוסף
ראזען, אהרן
שניאור, מ.
שטערנבערג, וו. ע.
שיינפעל, דוד
שייפער, יעקב

די רשימה איז ווייט ניט קיין אויסגעשעפטע, ווייל פרצעס אויסשטראלונגען דרינגען אריין אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון יידישן קיום און יידישן שאפן.

פרצעס אנגעצונדענע דריי אותיות זיינען אויך א טעמע פאר א זוניק אנגע־גליטער, הייס אטעמענדיקער, טראגיש־פריידיקער, יידיש־מענטשלעך דערהויבנ־דיקער מוזיקאלער קאמפאזיציע.



שמואל לאם: אין רעגן

מנשה גפן

דער לעבנסגאנג פון א קאלעקטיוו

ווען ס׳קומט אמאל אין קיבוץ א גאסט אויף א ווייל, און וויל כאפן א קוק אויף א מייל, איז עס אפהענגיק, קודם כל פון דער פארב פון זיינע ברילן, ווי ס׳מאלט זיך אויס אין זיינע אויגן דאס קיבוץ־לעבן.

מען מוז געדענקען צוויי זאכן: ערשטנס, אז אויך קיבוץ־מענטשן זיינען פלייש און בלוט, יעדער איינער פון זיי האט פאזיטיווע און נעגא־טיווע אייגנשאפטן; דאס קיבוץ־לעבן האט נאך ניט באוויזן אפצושאפן אלע שוואכקייטן און קאפריזן; זיכער איז נאר, אז דאס קיבוץ־לעבן שאפט אפ, אדער, פארמינערט אין א היפשער מאס, א סך געמיינהייטן אין מענטשלעכן לעבן. צווייטנס, דאס קיבוץ־לעבן איז זייער דורכזיכטיק. אין א לעבנספארם וואו מענטשן טרעפן זיך, ווילנדיק צי ניט ווילנדיק, בייטאג און ביינאכט, ביי דער ארבעט און ביים עסן, לעבן תמיד בשותפות און אין גאר א גרויסער מאס איז אויך זייער קולטור־לעבן א בשותפותדיקער, דערציען בשותפות זייערע קינדער — בקיצור, אין אלע זאכן וועלכע שפילן אַן איבערוועגנדיקע ראל אין מענטשלעכן לעבן. אין אזא לעבנסארט איז שווער עפעס אויסצובאהאלטן, ווער שמועסט נאך — כאראקטער־שטריכן. און ווען א געוויסער חבר פארמאגט אַן אומסימפאטישע אייגנשאפט, קוקט זי ניט איינמאל ארויס ווי דורך א פארגרעסערונג־גלאז, אין דער צייט ווען אויסער דעם קיבוץ, אין פיל פאלן, זעט אויס א מענטש איידעלער ווי ער איז אינדערעמתן, ווייל קיינער ווייסט ניט וואס ביי אים אין טאפ קאכט זיך.

א גרויסער טייל פון די גרונט־פראבלעמען פון מענטשלעכן צוזאמענלעבן זיינען, אין תוך געזומען, אין א גרויסער מאס ענלעך אין די פארשיידענע קיבוץ־פארמען; פארשיידן זיינען נאר די וועגן פון לעזן אט די פראבלעמען. ס׳איז אויך זעלבסטפארשטענדלעך, אז אין די פארשיידענע קיבוצים פון איין גרופירונג זיינען פאראן א סך שאטירונגען אין דעם צוגאנג צו די איינצלנע לעבנס דערשיינונגען און לעבנס פראבלעמען פון דער קאלעקטיווער געזעלשאפט.

ווען מיר דא מאכן א שפאציר איבער דעם לעבנסוועג פון איינעם א קאנקרעטן קיבוץ — פון דעם קיבוץ „עין־המפרץ״, און אביסל אפטרעטן אין זייטן־סטעזשקעס, כדי צו באקענען זיך מיט דעם לעבן דארט. דאס איז א שפאציר

פון א חבר אין דעם קיבוץ, וואס טרעט שוין אויף דעם וועג דריי־און־דרייסיק יאר. אויב איר ווילט, פאלגט אים נאך.

צוערשט אַ חלום פון א שטאט־קאלעקטיוו

אין אנהויב פון די דרייסיקער יארן, זיצנדיק אויף דערווייל אין חיפה׳ער קווארטאל „בת־גלים״, האבן מיר געחלומט וועגן א שטאטישן קיבוץ, וואס זאל זיין פארווארצלט אין דער ארבעטערשאפט, וואס זאל נעמען אנטייל אין זיינע קאמפן און געפינען זיין חיונה אין לוין־ארבעט, אין אייגענע ווארשטאטן; און אין א הילפס־ווירטשאפט וואס זאל אים באזארגן מיט אייגענע מילך־פראדוקטן, אייער און גרינסן. דערפאר האבן מיר זיך באזעצט אין ארבעטער־קווארטאל קרית־חיים, וואס איז אויפגעבויט געווארן דורך חיפה׳ער ארבעטער. ווען דער פלאן פון א שטאט־קיבוץ האט זיך ניט איינגעגעבן, צוליב שטערונגען וועלכע מיר האבן ניט געקענט בייקומען, האט דער קיבוץ באשלאסן איבערגיין אינגאנצן אויף לאנדווירטשאפט, און טאקע אין דער חיפה׳ער בוכטע (מפרץ חיפה).

שטערגייסטער אויפן וועג פון קיבוץ צו זיין איינזידלונג זיינען געווען דווקא אונדזערע נאציאנאלע אינסטאנצן: דער קאלאניזאציע־אפטייל פון דער „סוכנות״ האט אפגעווארפן דעם פלאן פון באזעצן דעם צפונדיקן טייל פון מפרץ; דער אינסטיטוט פאר אגריקולטור אויספארשונג אין רחובות, איז געווען אויסגעשפראכן געגן; זיינע אונטערזוכונגען האבן באוויזן אז די געזאלצנקייט פון באדן דערגרייכט ביז 5%, א זאך וואס זיין גלייכן אין דער לאנדווירטשאפט, איז אין ערגעץ אויף דער וועלט ניטא, און אויך ניט אין אונדזער לאנד; אירע עקספערטן האבן געטענה׳ט, אז פון דער ערד וועט גארניט ארויסוואקסן; די געזונטהייט־אינסטאנצן פון דער מאנדאט־מאכט און פון „ועד לאומי״ האבן געווארנט געגן א גרויסער געפאר פון מאלאריע; אויך דער „מרכז חקלאי״ — צוליב גאנץ אנדערע טעמים — האט זיך ניט געאיילט צו באשטעטיקן דאס ארויפגיין אויפן באדן. האט זיך דער קיבוץ איינגעעקשנט, און די ווארטפירער פון קרן־קיימת האבן זיך באצויגן צום פארלאנג פון קיבוץ מיט טיפער סימפאטיע און האבן ענטוזיאסטיש אונטערגעהאלפן. די פירערשאפט פון „הקיבוץ הארצי״ פון איר זייט, האט ניט גערוט און ניט געשוויגן. צום סוף האבן אלע, בעל־כורחו, צוגעשטימט.

דער קיבוץ איז אוועקגעשטעלט געווארן פאר גרויסע נסיונות מיט זיין ארויפגיין אויפן באדן (א זאך וואס איז תמיד פארבונדן מיט שווערע הוצאות, ווער שמועסט נאך אין יאר 1938, אין די טעג פון „חומה ומגדל״, און דערצו נאך איז אויסגעבראכן די וועלט־מלחמה). מיט זיינע אייגענע כוחות, אן בודזשעטן, ווי געווינלעך אין ענלעכע פאלן, האט ער זיך געראנגלט מיט דער געגעבענער סיטואציע און אלס רעזולטאט דערפון איז ער כמעט דערגאנגען צו אַן עקאנאמישן צוזאמענברוך, די מערהייט פון די חברים, וועלכע זיינען געשיקט געווארן אלס

ערשטע גרופּע אין די ערשטע חדשים פון דער איינזידלונג, זיינען שווער קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע, אויך האָט ניט געפעלט קיין שטענדיקע געשפּאַנטקייט פון זיכערקייטס טעמים, דאָך איז מען ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן. מיט איבער־מענטשלעכער אָנשטרענגונג האָט דער קאָלעקטיוו אויסגעבויט זיין היים און ווירטשאַפט און האָט זיך צונויפגעהעפט און קריסטאַליזירט געזעלשאַפטלעך.

ניט סתם אין דער וועלט אַריין האָט געזאָגט אַ פירער פון דער באַוועגונג אין זיין באַגריסונג, צו דער געלעגנהייט פון לייגן דעם ווינקלשטיין פון דער ערשטער הויז: „ס'איז נויטיק אַ פּיאָנערישע געוואַגטקייט און אַ שעפערישע פאַנטאַזיע, כדי זיך קענען פאָרשטעלן אַט דעם געזאַלצענעם באָדן מיט זיין ווילד־וויסטער אומגעבונג — אַלס אַ בליענדע ווירטשאַפט, וואָס וועט האַלטן און דערנערן זיינע באַאַרבעטער.‟ אַט די פאַנטאַזיע איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט.

אַ ביסל געאָגראַפיע און היסטאָריע

עין־המפרץ געפינט זיך דריי קילאָמעטער דרום'דיק פון עכו, און אַן ערך צוויי קילאָמעטער פונעם ים־ברעג. איידער מיר האָבן זיך דאָ באַזעצט (סוף 1938), איז דאָס געווען אַן אָרט „וואו דער רוח זאָגט אַ גוטע נאַכט.‟ ביים ראַנד פון אונדזער ווירטשאַפט שטייט אַ פּאַלמע, איז דאָס ניט סתם אַ פּאַלמע, נאָר מיט אַ ביאָגראַפיע: עטלעכע יאָר פאַר אונדזער איינזידלונג איז אַט די פּאַלמע געווען די גרענעץ צווישן זומפּ און טריקעניש (די טריקעניש אַליין איז אויך ניט תמיד געווען אַזוי שטאַרק טרוקן), ווייטער פון איר האָט מען ניט געקענט אַדורך, אַפילו רייטנדיק אויף אַ פערד. פון דעם זומפּ איז נאָך לאַנגער און שווערער מי קיין סימן ניט געבליבן. דער איינציקער „זכר לחורבן‟ פון אים זיינען די איבערבלייבעכצן פון טראָסטינעס אויף די ברעגעס פון „נעמן‟, פון די דרענאַזש־קאַנאַלן, און אויף נידעריקע שטחים, וואו דער באָדן איז פייכט ווינטער־צייט. די ווילדעריניש איז ניט געווען דער רעזולטאַט פונעם חורבן וואָס איז געקומען אויפן לאַנד; אַזוי האָט די סביבה אויסגעזען נאָך אין אַלטערטום. נאָך מער, די זומפּן פון אַמאָל זיינען געווען אַן אַן ערך ברייטער ווי אין די לעצטע צענדליקער יאָרן איידער „עין־המפרץ‟ האָט זיך באַזעצט אין „מאַרדזש אַחמד נור‟, וואָס מיינט אין אַראַביש: אַחמד נור'ס לאַנקעס. אויך די פּאַלמען־לאַנדשאַפט וואָס איז טיפּיש פאַר דער געגנט, איז אַן איבערבלייב פון די אַמאָליקע צייטן.

דאָס געפינען זיך פון דיונעס און זומפּן נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק, שליסט אויס די מעגלעכקייט אַז דער אינעווייניקסטער טייל פון עמק־זבולון און זיינע מערבדיקע שטחים זיינען אַמאָל געווען געדיכט באַזעצט. גורם געווען דאָס אַנטשטיין און פאַרשפּרייטן פון די זומפּן אין עכו־טאָל, וואָס רופט זיך היינט „עמק־זבולון‟, האָבן די טייכלעך „קישון‟ און „נעמן‟, די וואַנדערנדיקע ברעג־דיונעס און דער איבערפלוס פון וואַסער וואָס זעטיקט אַן דעם באָדן פון טאָל

אין זיין צפונדיקן טייל. זייענדיק אפגעשיידט פונעם ים, פון וועלכן ער איז דערוווייטערט סך־הכל פיר מיט א האלבן קילאמעטער דורך א מויער פון זאמד־בערג, האט זיך דער „נעמן" געשלענגלט אין דער לענג פון צען קילאמעטער, און אויפן וועג זיך צעגאסן אין די זייטיקע טאלן.

א געוויסער מדרש דערציילט, אז די איינוואוינער פון דער דאזיקער סביבה, וועלכע האבן געפירט זייער א שווערז און ביטערן לעבנס־קאמף, האבן געצויגן זייער חיונה פון דריי זאכן: פון זאמד, פון ים און פון די זומפן. דער ים־ברעג האט אין פארלויף פון הונדערטער יארן געליפערט זאמד פאר דער גלאז־אינדוסטריע. צוליב דער גרויסער פאפולאריטעט פון אט דעם גלאז־זאמד איז אנטשטאנען א לעגענדע, אז דא איז אנטדעקט געווארן דאס גלאז. א פאקט איז, אז אין אונדזער געגנט געפינט זיך אין פארשידענע ערטער גלאז־מאזאאיק. וואס שייך דעם ים, חוץ שיפעריי און פישעריי, פלעגן די אמאליקע איינוואוינער אויך פאנגען שלימאקעס, פון וועלכע מ'האט ארויסבאקומען די תכלת־און־ארגמן פארבן, ארטיקלען פון גרויס חשיבות אין רעליגיעזן קולט, אין קעניגלעכע הייפן און צווישן די רייכע. דער גרויסער פארלאנג פאר אט די פארבן האט כמעט ווי אויסגעראטן די שלימאקעס און געמאכט די שלימאקעס־פאנגער פאר בלוטיקע אביונים. אַן אנדענק פארן שלימאקעס־פאנג און פארבן אינדוסטריע איז דער נאמען פון טייכל „ואדי חילזון" (דאס שלימאקעס־טייכל). פון די זומפן פלעגט מען אויסהאקן די טראסטינעס און פלעכטן דערפון קיישעלעך און ראגאזשקעס. אט די מלאכה איז גערעכנט געווען פאר אומווירדיק אין דער תלמוד־תקופה.

קאמף מיט דער נאטור

דער קרן־קיימת האט דורכגעפירט, מיט דער הילף פון די חברים פון אונדזער קיבוץ, א פארצווייגטע דרענאזש־אקציע: האט אויסגעגראבן קאנאלן וואס נעמען אויף דעם איבערפלוס פון די וואסערן אין שטארק־רעגנדיקע יארן. אונדזערע חברים האבן זיך געטונקען ביז צום האלדז אין די זומפן און אויסגעהאקט די טראסטינעס. אויך די בריטישע ארמיי, וואס האט אויפגעשטעלט אויף אונדזערע און שכנישע פעלדער, אין צייט פון דער מלחמה, אמוניציע סקלאדן און עראפלאנען סטאנציעס, האט דארטן געמאכט א דרענאזש־קאנאליזאציע. אבער דאס אלץ האט ניט געהאלפן ווען א מבול איז געקומען.

די מעשה איז געווען אזוי: בשעת די ראנגלענישן צווישן יידישן יישוב אין ארץ־ישראל מיט דער ארויסגייענדיקער מאנדאטארישער מאכט, האבן יידישע יונגעלייט אויפגעריסן די באן־בריק דרום'דיק פון עכו, אבער בויענדיק די נייע בריק האט מען ניט אפגערוימט די רואינען פון דער ערשטער און דורך דעם איז פארשטאפט געווארן דער ארויסגאנג פון „נעמן" צום ים. אזוי איז עס געבליבן עטלעכע יאר, מיט אלע סכנות וואס זיינען דערמיט פארבונדן. אין

איינעם פון די ווינטערס, אין עלפטן יאר נאכן באזעצן זיך פון קיבוץ אויף זיין באדן, האט זיך אראפגעלאזט א שטארקער גוס־רעגן וואס האט אין פארלויף פון עטלעכע שעה פארוואנדלט דעם גאנצן משק מיט זיינע פעלדער און געביידעס אין איין גרויסן באסיין. א טייל פון די חברים זיינען געצוואונגען געווען צו פארלאזן זייערע דירות, אין וועלכע דאס וואסער האט אריינגעדרונגען ביז דרייסיק סענטימעטער די הייך. ס׳איז אויך געווען א פלאן צו עוואקואירן די קינדער, מחמת דער געפאר וואס האט געדראט: דער פעלד־וועג וואס האט פארבונדן דעם הייף פון קיבוץ מיטן חיפה־עכו שאסיי, איז אינגאנצן רואינירט געווארן, און דער יישוב איז אפגעשניטן געווארן פון די שכנישע יישובים און פון דער שטאט. די היזקות זיינען געווען גרויסע, אבער דאס אלץ האט נאך ניט באוויזן די אינסטאנצן אפצורוימען דעם גורם, די פארשטאפונג פון אויסגוס פונעם טייך „נעמן" צום ים.

זיי האבן זיך אויפגעוועקט און באשלאסן עפעס צו טאן ערשט נאך דער צווייטער פארפלייצונג, וואס האט געטראפן דעם משק מיט צוויי יאר שפעטער און איז ניט געווען קלענער פון דער ערשטער, ניט מיט איר ערנסטקייט און ניט מיט אירע רעזולטאטן, דעמאלט האט מען אפגערוימט די שטרויכלונג. און ערשט נאך צוויי נייע פארפלייצונגען, מיט צוויי יאר און מיט פיר יאר נאך דער צווייטער, האט מען זיך גענומען ערנסטער צו דער זאך און אנגעהויבן טראכטן וועגן פרעווענטיווע מיטלען צו פארמיידן דאס איבערחזרן זיך פון דער קאטאסטראפע. דעם קאפריזנעם „נעמן" האט מען געצוואונגען זיך אריבערציען אין א נייער פלוסבעט, וועלכע איז געווארן פאר אים אויסגעגראבן, קורצער און טיפער פון אלטן, אזוי, אז זיין וואסער־פלאך איז באדייטנד אפגעפאלן. דערנאך האט מען זיך גענומען צו זיין באַענטן שכן „וואדי־חילזון". אויך זיין פלוס־בעט האט מען פארקירצט און פארטיפט, און אים געצוואונגען זיך אריינגיסן אין זיין נייעם שטראם. עין־המפרץ האט פריי אפגעאטעמט.

איידער עין־המפרץ האט זיך פארווארצלט אין זיין נחלה, האבן די דיונעס און זומפן פארנומען אן ערך א העלפט שטח פון עמק־זבולון. דער תחום פון מאלאריע געפאר איז געווען א סך ברייטער. די אראבישע יישובים האבן זיך, ווי ווייט מעגלעך, דערווייטערט פון די זומפן (טאקע אזוי ווי פון א קדחת...). אין סאמע מיט פון טאל פלעגן ארומוואנדלען געציילטע בעדואינער (אראב־אראמעל), וואס האבן געלעבט א פארחושכט לעבן. אין שכנות מיט אונדזער איינזידלונגס־פלאץ זיינען געשטאנען, אויף הינערשע פיסלעך, צוויי ארעמע אראבישע דערפלעך. אין זיי האבן געוואוינט די „גאווארנע", די טיפישע זומפן־איינוואוינער, וואס האבן זיך באשעפטיקט מיט קולטיווירן תבואות, גרינסן, מיט דזשאמוסן־צוכט (זומפן־קו), און מיט פלעכטן קיישלעך און ראגאזשקעס. מיט א הונדערט יאר צוריק, האבן פערסיאנער־באהייאיסטן זיך פארמאסטן איינ־נעמען, נאך עטלעכע טרוקענע יארן, א שטיק ערד פון זומפ און עס באארבעטן.

דעמאלט איז אנטשטאנען „אחמד נור׳ס סאד״, ווי אַן אינדזל אין זומפּן־ים, און אליין איז עס געווען האלב סאד און האלב זומפּ. די מאלאריע איז זיי אבער בייגעקומען. אין 1923־טן יאר האבן דעם סאד גענומען אין פּאכט יידן פון עכו. אויך זיי האבן זיך ניט געקענט האלטן און ס׳זיינען געקומען אראבישע פּאכטער. די ווירטשאפט האט אויסגעזען זייער נעבעכדיק.

דאס איינזידלען פון עין־המפרץ און דאס אויסטריקענען פון די זומפּן האבן געבראכט א דערלייזונג אויך פאר דער דאזיקער ווירטשאפט. אבער דאס פּארטיליקן פון דער פלארע, אלס רעזולטאט פון זייער אויסטריקענען, האט געמאכט א סוף צו דער ראגאזשקעס־פּראדוקציע. נאכן אויסברעכן פון באפרייי־אונגס־קריג זיינען פארשוואונדן פון דער געגנט די בעדואינער וואס האבן זיך גערופן „אראב אררא מעל״ און די „גאווארנע״ פעלאכן. אויך די אראבישע ווירטשאפט איז פארלאזן געווארן.

אין צייט פון דער וועלט־מלחמה

נאך איידער אונדזער ווירטשאפט האט זיך געשטעלט אויף די פיס, איז אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה. דער מפרץ איז באמבארדירט געווארן. דער קיבוץ האט ניט געהאלטן פאר מעגלעך אריבערצוברענגען זיינע קליינע קינדערלעך (וועלכע זיינען נאך דערוויל געווען אין קרית־חיים), צו אַן ארט וואס הויבט זיך ערשט אן בויען און איז ניט ווייט פון א מסוכנעם אביעקט (די נאפט ראפינעריעס), האט ער באשלאסן זיי עוואקוירן. האבן די קינדער מיט זייערע פלעגערינס אוועקגעוואנדערט קיין מרחביה און מזרע, וואו די ארטיקע חברים האבן, מיט גרויס פארשטייעניש און גוטן ווילן, זיך אליין ענגער געמאכט כדי צו מאכן פלאץ פאר אונדזערע קינדער. יעדן שבת פלעגט אַן אויטא אפפירן די עלטערן כדי צו פארברענגען דעם טאג מיט זיי. נאכן אפזיין דארט קרוב צו א יאר, איז קלאר געווארן אז פון זיכערקייטס טעמים איז ניטא קיין מניעה צוריקצוברענגען די קינדער קיין עין־המפרץ. איז אבער ניט געווען קיין איין הויז פאר זייערטוועגן, חוץ די איינציקע געביידע וואס איז געווען פארנומען פון חברים, און איז אויך ניט געווען צוגעפאסט פאר א קינדערהיים. האבן זיך די מטפלות געבונטעוועט און באשלאסן: אהיים, און זאל זיך די וועלט איבערקערן! — כדי צוריקצוגעבן די קינדער צו זייערע עלטערן און געבן די קינדער א זיכערקייט־געפיל.

אקערשט האט דער קיבוץ אנגעהויבן אויפבויען זיין ווירטשאפט, און שוין האבן געמוזט א טייל פון זיינע חברים איבערשמידן זייערע אקעראייזנס אויף שווערדן און גיין אקעגן דעם גרויזאמסטן שונא פון דער מענטשהייט און פונעם יידישן פאלק. זיינען צען חברים געגאנגען דינען אין מיליטער, אכט אין פלמ״ח, זעקס אין די ים־ברעג פּאטרולן. אונדזערע חברים זיינען דערגאנגען ביז בענגאזי,

און איטאַליע. ווען ס'איז געקומען דער וואַפנשטילשטאַנד, זײַנען טײלעכע פון זיי אַנגעקומען אין די פּליטים־לאַגערן און זיך אָפּגעגעבן מיט צוזאַמענקלײַבן די שארית הפליטה און העלפן די אָפּגעראַטעוועטע.

אין באַפרייאונגס־קאַמף איז דער קיבוץ געשטאַנען קעגן דער פײַנטלעכער עכו, און איז געווען דער זאַמלפּונקט פאַר דער אָפענסיווע פון די באַפרייאונגס־כוחות וועלכע האָבן געשטורמט דעם מערבֿ'דיקן גליל, און מיר זײַנען געווען גרייט צו העלפן מיט אַלץ וואָס איז מעגלעך. אין דער נאַכט פון 16־טן מאַי, 1948, האָבן זיך די צה״ל גרופּן קאָנצענטרירט אין אונדזער הויף, וואָס איז געווען פאַרהילט אין אַ פינצטערניש, און פון דאַנען אָפּגעמאַרשירט צו זייערע פּאָזיציעס. אין צײַט פון באַפרייאונגס־קאַמף, זײַנען אויך אונדזערע חברים געווען מאָביליזירט אין די פאַרשיידענע פאָרמאַציעס פון צה״ל און געקעמפט אויף אַלע פראָנטן.

דאָס דונערן פון האַרמאַטן, סיי אין דער וועלט מלחמה און סיי אין באַפרייאונגס־קאַמף, האָבן ניט פאַרטויבט דאָס געזאַנג פון די שניטערס. די אַקעראײַזנס האָבן זיך טיף אײַנגעגראָבן אין דער אויפגעריכטער ערד וואָס האָט געשאַפן אַ היים פאַר די בויערס, פאַר די וואָס זײַנען שוין געווען און פאַר יענע וואָס האָבן געדאַרפט קומען, און אַ געטרײַ הינטערלאַנד פאַר די קעמפער. ווען דער געגאַרטער שלום איז אָנגעקומען, האָבן די קעמפער פון בײדע מלחמות געפונען אַ וואַרעמע היים, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט מיט בענקעניש. דאָס איז אויך געווען אַ היים פאַר די נײַע עולים.

גלײַך נאָך דער מלחמה האָט דער קיבוץ אויפגעמאַכט זײַנע טויערן פאַר יידישע יוגנטלעכע אַנטרונענע פון טראַנסדניעסטריע. זײַענדיק בײַ אונדז, אַרבעטנ־דיק און לערנענדיק, האָבן זיי צוריק באַקומען זייער אָוועקגערויבטע יוגנט און דעם גלויבן אין צלם האדם. דערנאָך זײַנען געקומען אַנדערע: פון מזרח־אייראָפּע, פון צפון־אַפריקע, און אויך פון דער ישׂראלדיקער יוגנט — אַלע האָבן דאָ געפונען אַ היים און אַ גלויבן אין דער צוקונפט. אַ היפּשער טייל פון זיי זײַנען הײַנט חברים אין קיבוץ. אין יאָר 1948 האָבן אָנגעהויבן קומען גרופּן עולים, דער עיקר פון דער „השומר־הצעיר״־באַוועגונג אין פּוילן. זיי זײַנען געקומען פון די געטאָס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן און פון די פּאַרטיזאַנער רייען. אויפן וועג צום קיבוץ זײַנען זיי „אָפּגעטרעטן״ אין עתלית־לאַגער. אייניקע זײַנען געקומען פון די לאַגערן אין ציפּערן. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט דער קיבוץ אויפגענומען אַ גרופּע עולים, געקומענע פון מצרים. אַ טייל פון זיי האָבן זיך ניט געקענט צופּאַסן צו אַ קאָלעקטיוון לעבן, די איבעריקע האָבן זיך אײַנ־געגלידערט און אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע צוגלײַך מיט אַלע אַנדערע חברים פון קיבוץ.

אבער די צייט שטייט ניט, מענטשן עלטערן זיך, און די לאסט פון די יארן איז גארניט קיין קליינע. די הארעוואניע, באזונדערס פון די ערשטע יארן, און די דעמאלטיקע שווערע לעבנס־באדינגונגען, לאזן זיך איצט גוט פילן. עס זיינען פאראן האלבע און גאנצע אינוואלידן, אדער מענטשן סתם אויס־געהארעוועטע, און די כוחות דינען זיי שוין ניט מער פארצוזעצן זייער פריערדיקע ארבעט. האט דער קיבוץ (ווי אנדערע קיבוצים פון זיין סטאזש) אנגעהויבן צו זארגן אז די אויסגעמאטערטע חברים, דער עיקר חברות, זאלן געפינען אזא ארבעט וואס זאל פאסן פאר זייערע כוחות. כדי ניט צו דערלאזן א סיטואציע אין וועלכער אַן עלטערער אדער שוואכער חבר זאל זיך ארומטראגן מיט א שרעקלעך געפיל, אז ער איז איבעריק, אז ער איז אויסגעשפילט. האבן חברים, אויך וועלכע דער קיבוץ האט ארויפגעלייגט די שליחות, געזוכט און געפונען: דער קיבוץ האט אויפגעשטעלט א קאַרטאָנאַזש אונטערנעמונג, וואס באשעפטיקט שוין א געוויסע צאל עלטערע חברות און חברים, און מיט דער צייט וועט ער קענען באשעפטיקן מער.

קולטור־געזעלשאפטלעכע טעטיקייט

אכט יאר איז דער קיבוץ געווען פארבונדן מיט דער חיפה׳ער ארבעטער־שאפט. די סימפאַטיע מצד די ארבעטער פון חיפה און איר אומגעבונג צום קיבוץ איז געקומען צום אויסדרוק אין דער מאַסן־באטייליקונג אינעם פייערלעכן באנקעט, וואס איז אפגעהאלטן געווארן ערב אונדזער ארויפגיין אויפן באדן, און אין די הונדערטער וואס האבן צומארגנס אוועקגעלייגט זייער ארבעט און זיינען געקומען העלפן אויפשטעלן זיין „מויער און טורעם" (חומה ומגדל). אויך יארן שפעטער נאך דער איינזידלונג, האבן חברים פון קיבוץ פארגעזעצט זייער אנטיילנעמען אין אלע טעטיקייטן און קאמפן פון די חיפה׳ער ארבעטער און פון איר אומגעבונג.

א פארצווייגטע טעטיקייט איז אנגעפירט געווארן דורך עטלעכע חברים צווישן די אראבער פון אונדזער געגנט, ניט בלויז אין טעג פון וואלן, נאר אויך אין טאג־טעגלעכן לעבן. אין אונדזער קיבוץ האבן זיך קוואליפיצירט אייניקע אראבישע יוגנט־גרופן, און אויך גרופן פון דערוואקסענע, וואס צוריקקומענדיק אין זייערע דערפער האבן זיי מיט זיך מיטגעבראכט א נייעם גייסט פון פראגרעס און אַן איבערראשונג פון ווערטן.

אויפן קולטורעלן געביט האט זיך יארנלאנג אויסגעצייכנט דער כאר, וואס אין די ערשטע יארן פון אונדזער איינזידלונג האט ער געשפילט א בכבודיקע ראלע, אין יום־טובים ווי אין די ששת ימי המעשה. דער כאר האט געהאט עטלעכע באגאבטע דיריגענטן פון דרויסן, אבער, צום באדויערן האבן זיי זיך פון צייט צו צייט געביטן. דער קיבוץ האט לעת־עתה ניט באוויזן ארויסצוגעבן

פון זיך אַ קוואַליפיצירטן און געניטן דיריגענט, האָט זיך דער כאָר אויפגעלייזט, און דאָס איז געווען אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר אונדזער קולטור־לעבן. אָבער פּטור בלא כלום אי־אפשר, — אָרגאַניזירן זיך פון צייט צו צייט קליינע געלעגנהייטס־כאָרן, מיט אייגענע, ניט אַזוי ווייט געניטע דיריגענטן, וועלכע דערפילן אין אַ געוויסער מאָס דעם נויטיקן באַדאַרף ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן.

אין פאַרלויף פון די יאָרן זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע פּרוּוון פון טעאַטראַלער טעטיקייט. דאָס זיינען געווען געלעגנהייטס־טרופּן וואָס אין איייניקע פאַלן האָבן זיי געהאַט גרויס הצלחה און געגעבן זייער צושטייער צום לעבנס־שטייגער פון אונדזער קאָלעקטיוו.

אוודאי געניסן אונדזערע חברים אויך פון דעם אַרומיקן קולטור־לעבן. מ׳פאָרט עטלעכע מאָל אין יאָר אין טעאַטער; פון צייט צו צייט ווערן געבראַכט פאַרן קיבוץ אַליין, אָדער צוזאַמען מיט די שכנישע קיבוצים, קליינע טרופּן רעציטאַטאָרן, זינגערס, רעפערענטן אד״ג; מיר פאַרמאָגן אַ רייכן אוצר פון קלאַסישע מוזיק־פּלאַטן, פון וועלכע מען אָרדנט איין, פון צייט צו צייט, קאָנצערטן פאַר מוזיק־ליבהאָבער; און איינמאָל אין דער וואָך ווערט געבראַכט אַ פילם.

מ׳קען אָבער ניט אויסקומען נאָר מיט אימפּאָרט. אַ קיבוץ קען ניט נאָר געניסן פון דאָס גרייטע, ער מוז אויך אַליין שאַפן קולטור. ווייל נאָר דאָס וואָס ער אַליין שאַפט, צי באַזונדער, צי בשותפות מיט אַנדערע קיבוצים, קען אויסדריקן זיינע שטרעבונגען און באַגערן און געבן אַ גייסטיקע סאַטיספאַקציע. קודם כל אין זיינע יום־טובים קען מען גאָרניט, אָדער כמעט גאָרניט, אַריינברענגען פון דרויסן. נעמען חברים — צי זיי זיינען ליטעראַטן צי ניט — די פען אין האַנט און פאַרפאַסן עפּעס. מען לייענט פאָר אָדער מען שטעלט פאָר, אַמאָל בעסער אַמאָל ערגער, אָבער אין די זאַכן קומט צום אויסדרוק דאָס לעבן פון קאָלעקטיוו.

אין סאַמע שטורעם פון דער מלחמה, האָט דער קיבוץ אָנגעהויבן פורעמען זיינע יום־טובים. צוגלייך מיט אַנדערע קיבוצים האָט ער אָנגעהויבן איינצופירן דעם סדר פון פּסח, אָבער אין דער זעלבער צייט אַריינפּאַסן אים אין נייע ראַמען, און אָנפילן אים מיט אַ נייעם אינהאַלט. אין איינעם פון די מלחמה־יאָרן איז געפייערט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד דער „חג הקציר״, דער יום־טוב פון שניט. דאָס איז געווען אַן אימפּאָזאַנטע פייערונג מיט געזאַנג און טענץ. „געטאַנצט״ האָבן אויך צוויי טראַקטאָרן (דערשרעקט אייך ניט, — אויף זיי זיינען געזעסן צוויי געניטע טראַקטאָריסטן!). כאָטש ס׳איז געווען אַן איינמאַליקע דערשיינונג, האָט עס אָבער איבערגעלאָזט אַ ליכטיקע דעראינערונג אין לעבן פון קיבוץ. דריי־פיר מאָל זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון, און

גראַד געראָטענע, צו פייערן דעם „חג הגז" — דעם יום־טוב פון שערן דאָס שאָף. אויך דער דאָזיקער יום־טוב האָט קיין מזל ניט געהאַט און זיך ניט איינגע־בירגערט אין לעבנס־שטייגער פון קאָלעקטיוו. אין גאַנצן צו זיי האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוזאָוועבן דער נייער און מאָדערניזירטער „חג הביכורים", וועלכער האָט איבערגעגאָסן דעם ווײַן פון אַן אוראַלטער טראַדיציע אין אַ נײַעם קרוג, צוזאַמענגעגאָסן מיט נײַע עלעמענטן: קודם אַ באַשיידענע קינדער־פײַערונג, האָט ער דערנאָך פאַרברייטערט זײַנע ראַמען און פאַרטיפט זײַן אינהאַלט ביז צו אַ גרויסן און אימפּאָזאַנטן יום־טוב, טיילמאָל אין דער ענגער ראַם פון קיבוץ, און טיילמאָל אין דער ראַם פון אַ גאַנצן ראַיאָן. ס'זײַנען אויך אויסגעגאָסן געוואָרן די פאָרמען פאַר חנוכּה און פּורים פײַערונגען. דער לעצטער בײַט זײַנע פאָרמען און האָט זיך דערווײַטערט (ניט נאָר בײַ אונדז) פון די יידישע־פאָלקלאָר־עלעמענטן. ביז הײַנט האָט נאָך דער קיבוץ ניט געפונען קיין פּאַסיקן אופן צו פײַערן ראש־השנה, כאָטש ס'זײַנען שוין געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע פּרוּוון.

פאַרשטייט זיך, אַז צוגלײַך מיט אַלע אַנדערע, פײַערט דער קיבוץ יער־יערלעך דעם ערשטן מאַי און דעם „חג העצמאות". דער ערשטער האָט זיך שוין זײַנע טראַדיציאָנעלע פאָרמען; דער צווייטער, כאָטש נאָך אין דער סטאַדיע פון עקספּערימענטן, דאָך אַנטהאַלט ער געוויסע עלעמענטן וואָס הייבן שוין אָן צו ווערן טראַדיציע.

באַזונדערס איז ווערט דערמאָנט צו ווערן די טעטיקייט וואָס איז אײַנ־געפירט געוואָרן אין לעצטן צענדליק יאָר אויפן געביט פון טענץ: אַ גרופּע חברים לערנען טאַנצן אונטער דער הדרכה פון אַ געשולטער כאָרעאָגראַפין, אַ חברה פון קיבוץ. אַט די טעטיקייט, חוץ וואָס זי דינט דעם קאָלעקטיוו דורך באַלעבן און באַרײַכערן די יום־טובים, שאַפט זי פאַר אַ טייל חברים אַ מעג־לעכקייט צו ווײַזן וואָס זיי קענען אויך אין די וואָכעדיקע טעג פון יאָר.

אין די לעצטע יאָרן האָבן מיר דעראָבערט אַ נײַעם קולטורעלן אויפטו, וואָס האָט זיך אײַנגעבירגערט אין אונדזער לעבן, דאָס מיינען מיר אונדזער גרופּע פּיזמונים־זינגער, וואָס אַ סך פון אירע אויפטרעטונגען ווערן אויסגעפירט מיט געשמאַק. אין איינציקע פאַלן איז די גרופּע אויפגעטראָטן אויך אין אַנדערע ערטער.

אין אונדזער קולטור־לעבן פעלן ניט קיין אויפטוען פון יחידים און גרופּן, ווי דיכטער, קונסט־מאָלער, פאָטאָגראַפיסטן און האַנט־אַרבעט־אַמאַטאָרן; מיר אָרדענען אײַן באַנקעטן לכּבוד דאָס דערשײַנען פון ביכער, אָדער דאָס עפענען פון אַ בילדער אויסשטעלונג; מיר האָבן אויך אינטערעסאַנטע „האָבי" אויסשטעלונגען; מיר האָבן אַ קאָלעקציע פון אַרכעאָלאָגישע אָביעקטן, וועלכע געפינט זיך דערווײַל

אין אַ פּראָוויזאָרישער דירה און וואַרט אויף איר סטאַבילער דירה. זאָל דאָ צוגערעכנט ווערן אויך דער קלאַנג־פילם.

מיר האָבן דערוואָרבן אײַנריכטונגען פאַר פיזישער קולטור: אַ שווים־באַסיין, אַ ספּאָרט־פּלאַץ פאַר פוסבאָל, אַ פּלאַץ פאַר פליבאָל און קוישבאָל — ספּאָרט־געביטן מיט וועלכע אונדזער יוגנטוואַרג גיט זיך אָפּ.

איינע פון די גרעסטע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען וואָס דער קיבוץ האָט זיך אונטערגענומען, איז געווען, אָן ספק, די גרויסע פײַערונג לכבוד דעם יובילײַ פון פינף און צוואַנציק יאָר פון זײַן גרינדונג, וואָס האָט צוגעצויגן טויזנטער צושויער פון קיבוצים און פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. די פאַרבאַרייטונגען, וועלכע האָבן זיך געצויגן חדשים לאַנג, זײַנען געווען אַ טיפע איבערלעבעניש פאַרן קיבוץ און האָט דעמאָנסטרירט דעם כוח פונעם קאָלעקטיוו.

★

אַ גרויס שטיק וועג איז דער קיבוץ אַדורך פון טאָג ווען זײַנע ערשטע חברים האָבן צום ערשטן מאָל געטראָטן אויף דער ארץ־ישראל ערד, ביז צום הײַנטיקן טאָג. נאָך מער ווי אַ האַלב שאָק יאָרן פון שווערער פּראַצע, האָבן מיר זיך אַרויפגעאַרבעט דערויף, אַז מען וואוינט שוין ניט מער אין צעריסענע געצעלטן, אָדער אין ענגע אַלטע באַראַקן, וואָס אין אַ טייל פון זיי פלעגט דורך די שפּאַרונגעס פון די ווענט אַרײַנוואויען דער ווינט און דער דאַך פלעגט פאַרגיסן טרערן, ווען אין דרויסן האָט גערעגנט. איצט וואוינען נאָר אַ טייל פון די גאָר יונגע חברים, וואָס זײַנען ערשט ניט לאַנג אַהיימגעקומען פון מיליטער, אין עטלעכע אַלטע באַראַקן וואָס זײַנען נאָך פאַרבליבן. די „ותיקים" — חברים מיט לאַנגן סטאַזש — און לעצטנס אַפילו נײַ־געקומענע — וואוינען שוין אין באַקוועמע דירות פון צוויי צימערן מיט אַ וועראַנדע און קאָמפאָרט. אויך די קליידונג איז צופרידנשטעלנד.

אין יענע יאָרן איז עס געווען אַ גרויסע דערגרייכונג ווען מיר האָבן באַקומען אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט אין דעם עס־זאַל. מיינט איר, אַז אין אַ שיינעם טאָג האָט דער עקאָנאָם אויפגעמאַכט די קאַסע, אַרויסגענומען כך וכך און געגאַנגען קויפן ראַדיאָס? האָט ער דאָך געדאַרפט האָבן פון וואַנען צו נעמען. אלא וואָס דען? דער עולם האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ „ראַדיאָ־מאַרש": אין משך פון אַ שטיק צײַט איז מען געגאַנגען צו דער אַרבעט צופוס, און פון די האַלבע גראָשנס וואָס מ'האָט אָפּגעשפּאָרט, האָט מען צונויפגעלייגט די נויטיקע סומע און — ויהי ראַדיאָ! הײַנט, ניט צו פאַרזינדיקן, האָבן שוין אַלע חברים ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, און אין יעדער שטוב איז דאָ אַ טעפּיך, אַ וואונדערטאָפּ אָפּצובאַקן אַ טאָרט, אַ סערוויס פאַר קאַווע, און אַנדערע זאַכן

וועלכע מאכן דאס לעבן באקוועמער און אנגענעמער. אין די לעצטע פאר יאר האט דער קיבוץ באזארגט די חברים (ניט אלע האבן געוואלט) מיט ראָווערן. צום סוף האט מען ארגאנזשירט אפילו קליינע פריזשידערן. אייניקע חברים האבן געטענה׳ט אז ס׳איז א משוגעת, מען קען זיך באגיין אָן דעם. ווי ס׳זאל ניט זיין, איז עס פון אייגענער פראצע, און דאס אלץ איז ניט לייכט אנגעקומען.

פיל האט זיך דער קיבוץ געראנגלט מיט ווירטשאפטלעכע און געזעלשאפט־לעכע פראבלעמען, שטייענדיק אויף דער וואך פון די קיבוצישע פרינציפן און פון געטריישאפט צום וועג פון דער באוועגונג. פיל שטאפלען זיינען מיר אדורכגעגאנגען און נאך ציט זיך דער וועג אויף ווייטער.



שלמה איצקאָוויטש: פראָיעקט פון א שער־בלאט פאר „חיפה".

ד"ר צמח צמריון

50 יאר יידיש לעבן...

יעדער איינער פון אונדז זעט טאג־טעגלעך דערשיינונגען, און צוליב זייער אפטקייט שפירן מיר זיי ניט. קומט דער שרייבער און שילדערט זיי, דאן באמערקן מיר די דערשיינונגען. דער שרייבער שעפט פון לעבן די מאטיוון פאר זיין בוך, און מיר דערקענען דאס לעבן לייענענדיק זיין ווערק. ריכטיקער געזאגט: יעדער שרייבער שילדערט די אביעקטיווע פאסירונג לויט זיין סוביעקטיוון צוגאנג, און לייענענדיק זיין באשרייבונג הויבט אן אויך דער לייענער באהאנדלען די געשעענישן דורך דער פסיכאלאגישער איינשטעלונג פונעם שרייבער.

דאס איז געזאגט לגבי יעדער שאפונג פון א שרייבער, וואס שילדערט די קעגנווארט. איז אבער דער שרייבער אויך א היסטאריקער, דאן קען זיין שאַפונג זיך דערהייבן צו א סינטעזע פון געשיכטע און בעלעטריסטיק צוזאמען; איז דער מחבר אויך א דערציער, — קען אין אזא פאל זיין היסטארישער ראמאן אדער דערציילונג טראגן מיט זיך דערציערישע אידייען און געבן א דערציערישע ריכטונג. מיר דאכט, אז צו דער מדרגה דערהייבט זיך דאס נײ־דערשינענע בוך פון ישראל קאפלאן „שליאך און אומוועג". און קיין וואונדער: דער מחבר איז א נאוועליסט, האט מיטגעארבעט אין דער קאוונער „יידישע שטימע" אין די יארן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות; א העברעאישער לערער אין ליטע און אין ישראל; א דיפלאמירטער היסטאריקער, וועלכער האט אין דער שארית־הפליטה פון דייטשלאנד אנגעפירט מיט דער צענטראלער יידישער היסטארישער אפטיילונג, געזאמלט מאטעריאלן פון דער נאצי־עפאָכע און רעדאגירט די צען נומערן פון דער אין מינכען דערשינענער אויסגאבע „פון לעצטן חורבן".

כדי צו דערקענען זיין שאפונג, דארף מען פריער בעסער דערקענען דעם שעפער, ווייל זיין מהות און זיין איינשטעלונג וועלן פארלייכטערן צו פארשטיין זיין פסיכאלאגישן צוגאנג צו טאג־טעגלעכע געשעענישן.

דער נאוועליסט־היסטאריקער־פעדאגאג, ישראל קאפלאן, שטאמט פון א רבנישער משפחה און האט געלערנט אין ישיבות. קענען מין שוין פארשטיין, אז ער איז אויך א יודאאיסט, וואס אננעמענדיק דעם מאדערנעם לעבנס־שטייגער איז ער גייסטיק נאך פארבליבן צוגעבונדן צום אלטן לעבנס־שטייגער. ווען ער שילדערט דאס יידישע לעבן פון די לעצטע 50 יאר, איז זיין שילדערונג אנגעזאפט מיט דער יידישער אטמאספער לויט אַן אלגעמיין היסטארישן קוק

געזען מיט די אויגן פון א דערציער. קען מען דעם שרייבער פערזענלעך, ווייסט מען, אז צו דעם אלעם קומען צו אייגנשאפטן, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט א שארפזיניקן יידישן וויץ און סאטיריש־יידישן הומאר. דאס אלץ מערקט זיך אין בוך „שליאך און אומוועג״.

דאס בוך אנטהאלט 16 דערציילונגען. די ערשטע צוועלף שילדערן די יידישע וועלט אין ליטע; צוויי דערציילונגען באהאנדלען דאס לעבן אין דער נאצי־עפאכע; די לעצטע צוויי דערציילונגען באשרייבן דאס לעבן אין ישראל. די דערציילונגען נעמען ארום א תקופה פון 50 יאר יידישע געשיכטע, — און וואס פאר א 50 יאר! פון 1914 ביז 1964! א יובל אזא!...

דער שרייבער פירט דורך א גאנצע ריי טיפן און געשטאלטן פון „עמך״, — ווי דעם בעל־מלאכה, דעם ווינט־מענטש, דעם סוחר, דעם קרעמער, און א ריי געשטאלטן פון כלי־קודש מיט זייערע ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס.

אין גלות איז דער ייד א מינדערהייט; יידישע געשיכטע איז דארט ניט קיין סוביעקט, נאר אַן אביעקט, וואס ווערט געשאפן דורך דער ווירקונג פון אנדערע: דעם פריץ, דעם פאליציאנט, די פוילישע לעגיאנערן און דורך דעם נאצי.

לייענענדיק דאס בוך זעען מיר דעם יידישן עלנד אין די געסלעך פון ווילנע און קאוונע, פון סלאבאדקע, אליקסאט און קיידאן: הונגער און דאגות, צרות און יאוש, אומרו און מורא, ליידיקע שטיבער, קראנקהייט און קברים, — דאס איז דער גורל פונעם ארעמען יידישן ישוב אין ליטע.

כדי צו פארמילדערן די שוועריקייטן פאראייניקן זיך די יידן, ארגאניזירן זיך און שאפן א בית־מדרש, א קלויז, א חברה־ש״ס, א חברה־משניות, א ביב־ליאטעק, א ישיבה בנין, א בית יתומים, א מושב זקנים און א חברה קדישא, אין זיי געפינט דער ייד זיין גשמיותדיקע אדער רוחניותדיקע טרייסט.

אבער מחלוקות פעלן ניט ביי יידן אפילו אין גלות, אמת צוליב רוחניות־דיקע ענינים. „קרדום לחפור״, די לעצטע דערציילונג גיט פאקטיש א בילד פון דעם אלזייטיקן יידישן לעבן אין ליטע. דארט זעען מיר די אינערלעכע גייסטיקע קאנפליקטן פון א יחיד, וועלכער שטייט אויף א שייד־וועג. מיר געפינען דארט באקאנטע עסקנים, סימפאטישע און אומסימפאטישע, און בילדער פון דער פריי־ערדיקער פארגאנגענהייט. א מחלוקה וועגן באשטימען א רב אין קאוונע נאכן טויט פון ר׳ הירשל, דעם זון פון ר׳ יצחק־אלחנן: איינער וויל א רב א למדן, דער צווייטער — אַן עסקן; איינער א חריף ובקי, דער צווייטער א צדיק תמים; איינער — א בקי בגפ״ת, א צווייטער — א וועלטלעכן, וואס באהערשט אלגע־מיינע בילדונג און שפראכן.

איז דאס אבער ניט די איינציקע מחלוקת אין בוך וועגן רוחניותדיקע ענינים. מען קריגט זיך אויך וועגן תורה און השכלה, וועגן קרן־קיימת און קרן־היסוד. אויך אין דער משפחה און אין שטוב פעלן ניט קיין דיסקוסיעס וועגן שפּראכן־פראגן ביי יידן: רוסיש, אדער לשון־קודש. זיינען דאס געווען ויכוחים צווישן מענטשן, וועלכע האבן זיך ליב געהאט מיט ווארעמע ברודערשאפט געפילן און מיט שטענדיקער גרייטקייט פאר קעגנזייטיקער הילף. פלאמיקע ויכוחים צווישן קאלטע ליטוואקעס און התלהבותדיקע מחלוקות צווישן מתנגדים.

עס איז פאראן א מיינונג, אז די נאטור פון די ארטשאפטן, אין וועלכע ס'האט געלעבט דער בעל־שם־טוב האט בייגעהאלפן צו דער אנטשטייאונג פון חסידיזם. קומט ישראל קאפלאן און באווייזט אין זיין בוך, אז אויך אין דער מתנגדישער ליטע איז געווען א נאטור מיט סעזאנען, מיט פעלדער, וועלדער און טייכן.

נאך דעם ווי אַדאַם מיצקעוויטש האט פארפאסט זיין „פאן טאדעאוש” אין פויליש, האט מען געזאגט, אז די ליטווישע שפּראך איז געווען צו ארעם פאר אזא ווערק. איז געקומען א ליטווינער מיטן נאמען באַראַנאַוסקאַס און פארפאסט זיין „אַניקשטער וועלדל” אין ליטוויש, צו באווייזן אז אויך זיין שפּראך איז גענוג רייך פאר א נאטור שאפונג. קומט איצט ישראל קאפלאן און באווייזט די גרויסקייט פון אלעקסאטער בארג און זיין נאטור: דארט האט נאפאלעאן גע־קענט געפינען זיינס, און דער יידישער מאפו — זיינס; און אין געגנט פון בארג האט ר׳ סאַלאַנטער געקענט געפינען זיינס. זעענדיק דעם בארג, האט מאַפו געזען די בערג פון ציון, און ר׳ ישראל ליפקין, דער סאַלאַנטער, האט אין קלימאט פון דעם בארג געשאפן זיין מוסר שיטה, וועלכע איז אגב ניט ווייט פון חסידישן גייסט אינערהאלב דער ליטווישער התנגדות.

אבער דאס איז ניט אלץ, האט מען דאך געזאגט אויף מענדעלען אז „ער האט מגייר געווען די נאטור”. קומט ישראל קאפלאן און זאפט אַן מיט זיין יידישן גייסט די ליטווישע בערג און טאלן, דעם ים און אפילו דעם פרילינג, — אלץ אטעמט יידיש, און אינעם פרילינג פילסטו די נאך פסחדיקע אטמאספער.

★

דאס אלץ ווערט געשילדערט אין געשליפענעם הומאר. דאס איז דאך דער יידישער וואפן אין צייטן פון צרות: סאטיריש זיינען די רעטענישן פון שמשון הגבור, די ווערטער פון ר׳ עקיבא וועגן רוים, די דערציילונגען פון מענדעלע און שלום־עליכם. אזוי האבן יידן מיט טרערן אין די אויגן, אין צייטן פון גזרות, געחוזקט פון זיך אליין. אבער ישראל קאַפּלאַן גיט צו דעם צו זיין ספּעציעלע שפּראך: רייך אין ספּעציפישע אויסדרוקן, דורכגעפלאכטן מיט העבראישע

ווערטלעך און באגלייט דא און דארט מיט א יידיש לידל. דאס אלץ מאכט נאך מער באטעמט די שילדערונגען, וועלכע קאפלאן מאלט אין זיין בוך „שליאך און אומוועג".

אזוי זעען מיר אין דער ערשטער דערציילונג „אפהילך", די טראגעדיע פון אן אלטן אקטיאר וועלכער איז אמאל געווען בארימט און לעבט איצט, נאכן פארענדיקן זיין קאריערע, איינזאם און פארלאזן אין חקות, און דאך איז ער שטאלץ מיט זיין עבר.

טראגיש זיינען די צוויי דערציילונגען פון דער נאצי־תקופה. „באקעטע מענטשן" און „קראנקן־בודע", אין וועלכע עס ווערן געשילדערט, — פון איין זייט א ייד, וואס איז זיך מקריב כדי צו פארלייכטערן די יסורים פון א גוסס, און פון דער צווייטער זייט, — א בלאק־עלטסטער, א ייד, וועלכער קאאפערירט מיט די ס"ס־לייט.

טראגי־קאמיש איז דער יידישער אדוואקאט אין דער דערציילונג „אויס־שטייג", — א געוועזענער סאציאליסט, וועלכער ליבט זיין מיידל און האסט גלייכצייטיק איר סאציאליסטישן שטייגער. קאמיש ווערן געשילדערט אין דער דערציילונג „פארבן", וועלכע איז ביי אונדז אגב א ליטערארישער חידוש אין זין פון אינהאלט, די קאוונער יידישע סטודענטן, זייערע געגרינדעטע קארפאראציעס, זייערע פארוויילונגען, די סתירה צווישן זייער ארעם היים און זייער ווילן נאכצוטאן די ליטווישע סטודענטן א.אז.וו.

מיט יראת־הכבוד ווערט פיל ברייטער געמאלן דאס יידישע לעבן אין ליטע אין דער גרויסער און גלענצנדער אויבן דערמאנטער דערציילונג „קרדום לחפור". דאס ליטווישע יידנטום מיט זיינע פשוטע מענטשן, תלמידי־חכמים, און זייערע קריגערייען וועגן רב, ווערן דא לעבעדיק געשילדערט. אינטערעסאנט איז די שילדערונג פון א למדן, וואס נאך פיל ספקות און שווערע אינערלעכע ראנג־לענישן נעמט ער אן א רבנות־אמט אין א שטעטל, אבער זיין נשמה רוט ניט — טאמער פארוואנדלט ער די תורה אין א „קרדום לחפור". צום סוף גייט ער אוועק קיין סלאבאדקע, און מיר באקענען זיך מיט די מוסרניקעס אין דער דאזיקער וועלט בארימטער ישיבה.

אזוי אויך געפינען מיר אין דער לעצטער דערציילונג „א לייבעלע פון ירושלים", דעם המשך פון דעם אין סלאבאדקע דאמינירנדיקן גייסט. מיט סלא־באדקע שליסט דער מחבר זיינע ליטע־שילדערונגען און מיט דעם סלאבאדקע־גייסט, — זיין בוך.

אין קאפלאנס בוך זיינען פאראן טראגישע, קאמישע און ערנסטע שילדע־רונגען, זיין הומאר באגלייט אויך די טראגישע פאסירונגען, במילא ווערט דער

צער פאַרמינערט אין די יעניקע דערציילונגען. אַזוי אויך אין „קאַץ און מויז״, „אויפן טראַקט״, „ניט זיכער״ און אין די אַלע אַנדערע דערציילונגען פון בוך. מען האָט געזאָגט, אַז אין טשערניכאָווסקיס אידיליעס איז אויך פאַראַן אַ טראַגישער מאָמענט. איז זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז אין קאַפּלאַנס טראַגעדיעס איז אויך פאַראַן אַ מאָמענט פון קאָמיזם.

✶

דאָך, ניט דעם אינהאַלט פון די דערציילונגען זיינען מיר דאָ געקומען איבערגעבן, אויך ניט זייער כאַראַקטער, מיר האָבן זיך באַמיט בלויז אַרויסצו־הייבן פאַרשיידענע שטריכן פון בוך, שטריכן פון יחידים און פון כלל, פון „אַ וועלט פון נעכטן״, לויטן אויסדרוק פון סטעפאַן צוייג, און ווי אַן אינטעגראַ־לער טייל פון דער יידישער „וועלט פון נעכטן״ געפינט זיך אויך די יידישע וועלט פון ישראל קאַפּלאַן. פיר לעבנס־עטאַפּן אַנטהאַלט זיין וועלט: די פאַר־מלחמהדיקע ליטע, די מלחמהדיקע געטאָס און קאַצעטן, די נאָך מלחמהדיקע שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד, און די אויפגעקומענע מדינת־ישראל. כאָטש זיין אייגענער „איך״ איז ניט דערמאָנט אין בוך, פילן מיר אים זייער שטאַרק אין די שילדערונגען פון זיין ערשטן לעבנס־עטאַפּ, און אויך אין די שילדע־רונגען פון זיין צווייטן לעבנס־עטאַפּ, און צום סוף — אין די שילדערונגען פון זיין איצטיקן לעבנס־עטאַפּ. איז עס דער סוד פון מחבר פאַרוואָס ער שילדערט בכלל ניט זיין דריטן לעבנס עטאַפּ, — דאָס לעבן אין דער נאָך מלחמהדיקער דייטשלאַנד? דאָך פילט זיך אין בוך דער מענטש קאַפּלאַן, וואָס האָט אין די יאָרן פון דריטן עטאַפּ פאַרפאַסט די בראשונרן „אין דער טאָג־טעגלעכער היסטאָ־רישער אַרבעט״ און „דאָס פאָלקס־מויל אין נאַצי־קלעם״. איין גייסט פאַרבינדט די דערציילונגען פון אַלע עטאַפּן אין דעם גאַנצן בוך.

איז „שליאַך און אומוועג״ נאָר „אַ וועלט פון נעכטן״? ניין, דאָס איז די וועלט פונעם היינט און פונעם מאָרגן, — אַ וועלט פון שלמות. יאָ, יידישע גע־שיכטע פונעם נעכטן און יידיש־לעבן פון היינט מיט די זכרונות פונעם נעכטן צוזאַמען מיט די האָפנונגען אויפן מאָרגן איז אַ לעבן פון גשמיותדיקן עולם־הזה און רוחניותדיקן עולם־הבא.

„אַ לייבעלע פון ירושלים״, דאָס איז דער נאָמען פון דער לעצטער דערציילונג אין בוך. די ירושלימער פרומע יידן אינטערעסירט ניט די געאָגראַפישע פאַרשונגען וועגן תנ״ך. דער שווערער כאַמסין ווערט ווי אויסגעלאָכט פון זייערע גראָבע בגדים. דער קלימאַט גייט, משמעות, ניט אָן אָט די יידן, ווי עס ליגן זיי ניט אין דער לינקער פאה די אַלע געאָגראַפישע „מעשיות״ פון די היינטוועלטיקע מיט די באַגריפן זייערע וועגן די מקומות און די קדמונים פון תנ״ך... זיי גייען זיך זייער וועג. דער טראַט איז מאַיעסטעטיש און מאַכט פאַרזען אַלע אַנדערע... אין שיין פון זייערע צעקאָרטשעטע הייזלעך, צעוואָרפענע איבער

די גרויע שכונות, שטייען פארבלענדט די נײַ געבויטע פאלאצן ארום. מיט א גאנץ אנדער ירושלים שטראלן זיי, — מיט „ירושלים של מעלה״.

מיט די ווערטער וועגן ירושלים, און וועגן תנ״ך נוסח ירושלים, שליסט ישראל קאפלאן די לעצטע דערציילונג פון זיין בוך „שליאך און אומוועג״. די ווערטער באווייזן די געפילן פון א מחבר, וועלכער פארנעמט זיך מיט קדמונים און געפינט אַן אינטערעס אין געאגראפיע און פארשונג, אין פראגרעס פון נייע שכונות און נייע בנינים, אבער איז מיט זיינע געפילן צוגעבונדן צום אלטן גייסט פון ישראל סבא, מיט וועלכן ער האט זיך באקענט אין זיין פאטערס רבניש הויז אין דער יידישער ליטע.

ישראל קאפלאן זעט דעם היינט פון עולם־הזה און פארגעסט ניט די טרוימען פונעם נעכטן וועגן עולם־הבא. ער איז געאגראפיש פארבונדן מיט דער ירושלים של מטה, און די פארשונגען וועגן דער אמאליקער ירושלים פארבינדן אים גייסטיק מיט דער ירושלים של מעלה.

ווייל ירושלים של מטה איז געשיכטע און ירושלים של מעלה איז ליטעראַרישע וויזיע. און ישראל קאפלאן סימבאליזירט אין זיין וועזן און אין זיין בוך — געשיכטע און ליטעראטור צוזאמען, ביי אים איז דאס שלמות...



יהושע גראָסבאַרד: הייזער אין חיפה

יהושע גראָסבאַרד

צו דער געשיכטע פון דער פלאסטישער קונסט אין ישראל

די געשיכטע פון דער פלאסטישער קונסט אין ישראל הויבט זיך אן מיט דעם פלאן פון באריס שאץ, וועגן אויפשטעלן אין ירושלים א קונסט־צענטער און מיטן גרינדן די ערשטע קונסט־שול „בצלאל״.

אין דער ערשטער צייט האט „בצלאל״ ווייט ניט דערפילט די אויפגאבן פון אן אמתער קונסט־שול. עס זיינען געווען פארשיידענע גורמים: די קליינע יידישע באפעלקערונג, וואס האט זיך דעמאלט געפונען אין לאנד; דער מצב פון לאנד אונטער דער הערשאפט פון טערקיי; און דערצו, — דאס פעלן פון אינטערעס מצד דער באפעלקערונג צו דער נייער קונסט. אזוי ארום איז „בצלאל״ געווען מער א פאך־שול, וואו מען האט געלערנט אויספירן פארשיידענע מלאכות: וועבן טעפיכער, גאלדשמידעריי, מעטאלאפלאסטיק און אנדערע דע־קאראטיווע ארבעטן.

אין די אלע ארבעטן איז בולט דאס שטרעבן אריינצופירן אויבנאויפיקע מאטיוון פון דער ארץ־ישראל לאנדשאפט: צעדער־ביימער, קבר־רחל, איילבירט־ביימער, כותל־מערבי און ענלעכע מאטיוון, וועלכע זיינען געשטאנען אין א זייער ווייטער דיסטאנץ פון דער וועזנטלעכער מזרח ארנאמענטיק און פון די פאדע־רונגען פון דער מאדערנער ארכיטעקטור און פרייער דעקאראטיווער קונסט וועלכע האט זיך זייער ראשיק אנטוויקלט אין אייראפע.

נאך א וויכטיקער גורם צו דעם צושטאנד און ניווא פון דער „בצלאל״ קונסט, איז געווען דער קאמף וואס די לערער פון „בצלאל״ האבן געפירט געגן דער מאדערנער קונסט, ווייל זיי האבן געהאלטן אז די מאדערנע קונסט שטייט אין געגנזאץ צו דער יידישער אויפפאסונג פון קונסט.

אין רעזולטאט פון די אלע גורמים איז „בצלאל״ געבליבן הינטערשטעליק. אויב פון אנהויב האבן די געקומענע קינסטלער פון פארשיידענע לענדער גע־גלויבט אז זיי וועלן דא לערנען און אנטוויקלען א יידישע קונסט, האבן זיי זיך אלע ארומגעזען אז דאס וואס מען לערנט אין „בצלאל״ האט א קליינע שייכות מיט די קונסט־שטרעמונגען און דערגרייכונגען פון דער פלאסטישער קונסט

אין דער וועלט. דאס האט דערפירט „בצלאל" צו א גרויסן קריזיס אין אלע היגזיכטן.

דער קריזיס אין „בצלאל" איז זיך גראד צונויפגעפאלן מיט א גרויסער דערוואכונג אינעם געזעלשאפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון לאנד, וואס האט זיך אנגעהויבן נאך ז'עם שטילשטאנד פון די מלחמה־יארן: דאס גרינדן די הסתדרות העובדים הכללית; דער אנהויב פון ראשיקן אויפבויען תל־אביב; דאס גרינדן דעם פילהארמאנישן ארקעסטער און די אָפּערע; די חידושים אין דער מוזיק און אין דער כאָרעאָגראַפיע; דאס דערשיינען פון א גרעסערער צאל ליטעראַרישע זשורנאלן, וועלכע האבן געזוכט צו געבן דאס נייע לעבן א נייעם מאדערנעם אויסדרוק אין דער ליטעראטור, — אט די אלע גורמים האבן אויס־געאיבט זייער איינפלוס און געפאדערט א נייעם צוגאנג צו דער פלאסטישער קונסט.

א גרויסע ווירקונג האט אויך געהאט דאס קומען פון נייע קינסטלער פון פוילן און רוסלאנד. א סך פון זיי האבן נאך ניט באקומען זייער פולע קינסטלערישע אויסבילדונג, אבער זיי האבן שוין געהערט און געזאנט פון די נייע שטרעמונגען וועלכע האבן זיך אנגעהויבן אנטוויקלען אין אייראפע נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה. צוזאמען מיטן ענטוזיאזם פאר בויען א ניי לעבן און דעם דורשט צו לערנען און שאפן, האבן די קינסטלער דערפילט די באַ־דערפעניש צו שאפן אן ארגאניזאציע וועלכע זאל זיך פאראינטערעסירן מיטן גורל פון די קינסטלער און פארטיידיקן זייערע אינטערעסן. אזוי האט זיך אין 1920 געגרינדעט די „אגודת אמנים עברית", וועלכע האט זיך שפעטער רע־ארגאניזירט און ס'איז אויפגעקומען די תל־אביבער צענטראלע פון „אגודת הציירים והפסלים בארץ־ישראל".

דאס ארגאניזירן זיך פון די קינסטלער און זייער וואוקס אין צאל, האט ארויסגערופן א נייע באדערפעניש: צו ברענגען זייערע שאפונגען פאר דער עפנטלעכקייט. די איינציקע ערטער וואו מען האט צו יענער צייט געקענט אויסשטעלן די ארבעטן, זיינען געווען די שולן, קלובן, אדער פריוואטע הייזער, קיין מוזעאומס, אדער קונסט־גאלעריעס זיינען נאך ניט געווען.

ערשט אין 1923, האט זיך א גרופע קינסטלער איינגעגעבן צו באקומען דעם „מגדל־דוד" אין ירושלים און צו ארגאניזירן דארט אן אלגעמיינע אויס־שטעלונג פון די שאפונגען פון דעם גרעסטן טייל קינסטלער אין לאנד. אט די אויסשטעלונג איז געווען א קער־פונקט אין דער געשיכטע פון דער פלאסטישער קונסט אין ארץ־ישראל. יעדן יאר פלעגן די קינסטלער אויסשטעלן פון 100 ביז 150 ארבעטן. דער אופן און דער ניווא פון די ארבעטן איז געווען א פארשיידנ־ארטיקער: ערנסטע קינסטלערישע דערגרייכונגען זייט ביי זייט מיט אמאטאריש־

קייט. דאָך האָבן זיך מיט יעדער נייער אויסשטעלונג באַוויזן אַלץ מער ערנסטע אַרבעטן אין וועלכע מען האָט געפֿילט די אָריגינעלקייט און פּערזענלעכקייט פֿונעם קינסטלער.

די אויסשטעלונגען אין „מגדל־דוד" (1928 ־ 1923) האָבן געגעבן אַ מעג־לעכקייט דער באַפֿעלקערונג צו באַקענען זיך מיטן קינסטלערישן שאַפֿן אין לאַנד און אַ געלעגנהייט צו אָפּשאַצן די קולטור־ראָל וואָס די פּלאַסטישע קונסט וועט שפּילן אין דער צוקונפֿט.

צוזאַמען מיט די ערשטע דערגרייכונגען זיינען רייפֿער געוואָרן די שטרע־בונגען ביי די קינסטלער, ס'איז רייפֿער געוואָרן דער באַדאַרף אין לאַנד פֿאַר נייע פּראָגרעסיווע וועלטלעכע שטרעמונגען, אין געגנזאַץ צו די ירושלימער טראַדי־ציעס. אַ גרופּע, וועלכע האָט זיך גערופֿן „מאָדערנע קינסטלער", האָט אין די יאָרן 28—1926, אויסגעשטעלט אירע אַרבעטן אין אַ באַראַק וואָס האָט געהערט צו דער „דראַמאַטישער סטודיע" פֿון „אהל" אויף הירקון גאַס אין תּל־אָביב, און שפּעטער אויך אין „אגד". די אויסשטעלונגען האָבן אָנגעצייכנט אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פֿון דער פּלאַסטישער קונסט אין ארץ־ישׂראל.

די קינסטלער וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די אויסשטעלונגען, הגם זיי זיינען ניט געווען אָפֿיציעל אָרגאַניזירט אַלס גרופּע, האָבן דאָך געשאַפֿן דעם איינדרוק פֿון אַ גרופּע מיט אַ באַזונדערן אויסזען און כאַראַקטער. זיי פֿלעגן זיך צוזאַמענקומען מיט שרייבער, אַרטיסטן און מוזיקער און פֿירן ערנסטע דיס־קוסיעס וועגן פֿראַגן וועלכע זיינען געווען אַקטועל אין דער קונסט. אַזוי אַרום האָט די גרופּע געשאַפֿן אַ בריק צווישן די פּראָבלעמען פֿון דער קונסט אין ארץ־ישׂראל און די נייע שטרעמונגען אין דער ברייטער וועלט, וועמענס אָפּ־קלאַנגען האָבן דערגרייכט די ברעגן פֿון ארץ־ישׂראל.

די שפּעטע 20־ער יאָרן זיינען אין דער ישׂראל־קונסט יאָרן פֿון אויס־קריסטאַליזירונג פֿון פֿאַרשיידענע איינצלנע און גרופּן קינסטלער. אַ גרויסער טייל פֿון זיי האָט פֿאַר דער צייט באַוויזן צו באַזוכן אייראָפּע און ברענגען מיט זיך איינדרוקן און ווירקונגען פֿון די פֿאַרשיידנסטע ריכטונגען וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט אין אייראָפּע און באַזונדערס אין פּאַריז. זיי האָבן פּרובירט די ריכטונגען און אויפֿפֿאַסונגען איבערפֿלאַנצן אין דער ארץ־ישׂראלדיקער פּלאַסטי־שער קונסט, — יעדערער לויט זיין אייגענער באַציאונג צו די נייע דערגריי־כונגען און ווערטן אין דער קונסט. ביי דעם גרעסטן טייל פֿון די קינסטלער זיינען די אַלע נייע ווערטן געווען פֿאַרבונדן מיט דער ארץ ישׂראל טעמאַטיק: זיי האָבן געשילדערט דעם ארץ־ישׂראל פּייזאַזש, אירע מענטשן, ווי אויך סאָציאַלע טעמעס, אָבער זיי האָבן ניט אונטערשטראָכן דאָס „אָריענטאַליסטישע" אָדער „עקזאָטישע", וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם ערשטן „בצלאל"

פּריאַד. נאָך מער, ניט נאָר האָבן זיי געוואָלט איבערפלאַנצן דאָס דעקאָראַ־טיווע און שיינע פון דער „פּאַריזער־שול", נאָר מער דאָס טיפע, אינערלעכע, דאָס „עקספּרעסיאָניסטישע". דאָס האָט געהאַט א השפעה כמעט אויף דער גאַנצער ארץ־ישראלדיקער פּלאַסטיק, און אין א געוויסער מאָס, ביז צום היינטיקן טאָג.

מיטן קומען פון היטלעריזם צו דער מאַכט אין 1933־טן יאָר, ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, קומען אין לאַנד א גרויסע צאָל קינסטלער פון פאַרשיידענע אייראָפּעאישע לענדער, איבערהויפּט פון דייטשלאַנד, מיט א פאַרשיידענעם קינסטלערישן ניוואָ און איינפלוסן: נעאָ־אימפּרעסיאָ־ניסטן, דייטשער עקספּרעסיאָניזם, און א גרויסער טייל וועלכער איז באַאיינפלוסט פון דער פּאַריזער יידישער שול. איינצלנע פון זיי זיינען מיט דער צייט געוואָרן די פּאַרקעמפער פאַר דאָס דעקאָראַטיווע און אַבסטראַקט־עסטעטישע אין דער ישראלדיקער קונסט.

אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און נאָך דער באַפרייאונג, זיינען געקומען אין לאַנד א גרויסע צאָל קינסטלער. צווישן זיי א סך יונגע, וועלכע האָבן זייער קינסטלערישע אויסבילדונג באַקומען דאָ אין לאַנד צוזאַמען מיט דעם אין ישראל געבוירענעם יונגן דור. אויך זיי זיינען אין זייער אויפפאַ־סונג צעטיילט פּונקט ווי דער עלטערער דור קינסטלער.

א געוויסע צייט האָט עקזיסטירט אַן אָרגאַניזירטע גרופּע וואָס האָט זיך גערופן „קבוצת עשרה", וועלכע פלעגט פון צייט צו צייט איינאָרדענען אויסשטעלונגען. די גרופּע האָט זיך באַטראַכט פאַר רעאַליסטן. מיט דער צייט האָט זיך אויך אויסגעקריסטאַליזירט א גרופּע וואָס איז באַאיינפלוסט פון די מעקסיקאַנער און אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנישע קינסטלער, וועלכע האָבן אין זייערע אַרבעטן געשילדערט דאָס לעבן פון דעם אַרבעטער, די אָרעמקייט, מעברות, און אַלגעמיינע סאָציאַלע טעמעס.

צום סוף פון די פערציקער יאָרן האָט זיך אָרגאַניזירט א גרופּע פון מאָדערניסטן, וואָס רופט זיך „אופקים־חדשים" (נייע האָריזאָנטן), וועלכע אָרדנט איין פון צייט צו צייט גרופּן־אויסשטעלונגען אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

עס עקזיסטירן אויך קינסטלער אָרגאַניזאַציעס ביי די קיבוצים, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט צו א קולטור־באַזע פון דער קיבוצישער געזעלשאַפט. כאָטש זיי האָבן אין דער ישראל קונסט ניט אַריינגעבראַכט עפּעס באַזונדערס, פאַר־נעמען אָבער א סך קינסטלער פון די קיבוצים אַן אָנגעזעענע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דער ישראלדיקער פּלאַסטישער קונסט.

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז די לעצטע יאָרן אַנטוויקלט זיך אין ישראל, איבערהויפּט צווישן די יונגע קינסטלער, א שטרעבונג צו באַפרייען זיך פון

די פארשיידענע איינפלוסן פון אלע קונסט־ריכטונגען און פארנעפלטע טראדי־ציעס, און ארויסברענגען אין דער קונסט דאס וועזנטלעך־כאראקטעריסטישע פאר אונדזער לאנד.

צום סוף עטלעכע שורות וועגן דער אלגעמיינער ארגאניזאציע פון די ישראל קינסטלער, די „אגודת הציירים והפסלים בישראל״, וועלכע ציילט איבער 500 מיטגלידער און נעמט ארום די גרעסטע צאל קינסטלער, אויך די וואס געהערן צו די קיבוצישע ארגאניזאציעס. די סניפים אין תל־אביב און חיפה האבן אייגענע אויסשטעלונגס לאקאלן. ירושלים וועט אויך אינגיכן באקומען דאס הויז פון „בצלאל״. אויסער די אויסשטעלונגען פון איינצלנע קינסטלער אדער גרופן, וואס טוישן זיך כמעט יעדן חודש, ווערט יעדן יאר איינגעאָרדנט אין תל־אביב א יערלעכע אויסשטעלונג פון אלע מיטגלידער פון פאראיין, אויף וועלכער ס׳ווערט פארטיילט די יערלעכע פרעמיע „פרס דיזנגוף״ און אנדערע פרעמיעס.

אויך אין חיפה ווערט יעדן יאר איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון די מיטגלידער פון חיפה און פון דעם צפון, אויף וועלכער עס ווערט פארטיילט די יערלעכע פרעמיע „פרס שטרוק״, און לעצטנס אויך די פון חיפהער ארבעטער־ראט „פרס מועצת פועלי חיפה״. אויך אין ירושלים קומט פאר א יערלעכע אויסשטעלונג מיט פארטיילן פרעמיעס.

די לעצטע פאר יאר האט זיך ארגאניזירט אין באר־שבע א קינסטלער־פאראיין, די „אגודת ציירי הנגב ובאר־שבע״, וועלכע איז ניט אנגעשלאסן אין דעם אלגעמיינעם קינסטלער־פאראיין. אויך זיי ארדענען איין פון צייט צו צייט אויסשטעלונגען אין זייער לאקאל אין באר־שבע און אויך אין אנדערע ערטער.

עס עקזיסטירן נאך אין לאנד עטלעכע גרופן פון אַמאַטאָרן וועלכע שטעלן אויס פון צייט צו צייט זייערע ארבעטן.

✶

דער ארטיקל שטיצט זיך אויף די ארבעטן פון ק. שווארץ, ד״ר פישאף, א. קאלב, און באציט זיך מער צו דעם צווייג פון דער מאלעריי אין ישראל. מעגלעך אז אין דער געשיכטע פון דער סקולפטור אין ישראל זיינען, צוליב פארשיידענע סיבות, די באריר־פונקטן געווען א ביסל אנדערש. אפשר וועלן מיר נאך אין דעם קומענדיקן נומער ברייטער זיך אפשטעלן אויך אויף דעם.

נ אַ ט א ן מ אַ ר ק (אבי אביר ציון)

פון חסידישן קוואל

ר׳ מאירל פרעמישלאנער

— נו נעם אין מויל אריין שוין עפעס,
באלד איז מנחה־צייט,
דו וועסט דאך פון די פיס חלילה פאלן —
בעט ר׳ מאירלען די רביצן.

שמייכלט מאירל ווי תמיד,
עפנט אויף א חומש אויפן עמוד,
דרשנט אויס א פסוק אויף רוטעניש
און בארואיקט זי:
— ניש־קשה,
מיין ניש מאיר וועט חלילה חלשן:
„לב שמח ייטיב גהה״
מיט א פריילעך הארץ,
קען מען פארטראגן
אויך א לערן מאגן.

ר׳ מאירל האט געדאווענט מנחה־מעריב
און נאך אלץ צו קיין עסן זיך ניט צוגערירט.
עפעס האט זיך היינט ניט צוגעפירט
אז עמיץ זאל ביי אים א טובה בעטן.
מילא,
וועט ער מוחל זיין דאס עסן,
ר׳ צדוק האט געהאלטן תענית גאנצע פערציק
מעת־לעתן,
אבער שלאפן ?
ווי אזוי קען דאס א מענטש זיך לייגן שלאפן
אין א בעט
בעת ער איז אנגעלאדן מיט דעם חטא,
ניט־האבנדיק געטון קיין טובה קיינעם ?
ווי אזוי קען מען דאס ?

איז נעמט ר׳ מאירל זיין שטעקן,
א פשוט איינגעקרומטן שטעקן,
און מיט שטילע טריט,
חלילה עמיצן ניט אויפצואוועקן —
גייט אין גאס.

מאיר איז דאך ניט אברהם.
אברהמ׳ען האט גאט די מצוה צו זיין שוועל
באשערט.
אז מאיר איז ניט ווערט,
מוז ער זי זוכן.

ער קוקט און זוכט אין אלע ווינקעלעך,
אין אלע עקן,
און הייבט אָן כמעט זיך שרעקן:
טאמער חס־ושלום הויערט שווער אויף זיין
נשמה אַן עבירה
און זי איז מקטרג,
ניט באשערן אים די גרויסע מצוה פון
גמילות־חסד — — — — —
— — — — — — — — — — —
און דער שטן האט זיך שוין די שווארצע הענט
געריבן:
אט איז אים געלונגען — —
אט האט ער פון מאירלען
די שמחה באלד פארטריבן.

דערזעט דער צדיק פלוצים אין א ווינקל פונעם
מארק,
א פויער מיט א וואגן ברעטער.
שפאנט ער ביז צו אשר׳ן דעם סטאליער פון דער
„רויטער בריק״
און פרייט זיך ווי א קינד —
ווען ער האט דערזען דארטן לויכט זיך נאך.

— ר׳ אשר! א מציאה!
אין מארק א וואגן ברעטער
אין א שעה אזא א שפעטער,

וועט איר זיין א יחיד...
גיכער! שטייט ניט!

האט דער סטאליער זיך צעזדראכעט,
אויסגעגלייכט די לאנגע געלע בארד
ארויס צום רבין,
אים „גוט נאוונט" געבן.

דער רבי חזרט איבער נאכאמאל די ווערטער.
הערט ער
און ער ענטפערט:
— רבי,
יישר־כח אייך פאר דער טרחא
אבער — — קויפן — — דארף מען האבן געלט,
און מארגן, דאנערשטיק,
אויף צרכי שבת.

לויפט אהיים דער צדיק הענדום־פענדום,
קראצט ארויס די לעצטע פרוטות,
לייגט זיי אין א בלוילעכע פאטשיילע
— — — — — — — — — — —
און אויך די נאכט האט ביים פרעמישלאנער
ניט געגעכטיקט קיין „נבלה"...

✶

ר׳ אורי׳לע טאמבארער

זיצט ר׳ אורילע פאר׳צער׳ט,
אויף א בענקל מיט א קלעצל אונטערגעשפארט
פארטיפט אין א מוסר־ספר.
ווערט אים ס׳הארץ פאריאושט:
— אוי וויי,
דער מענטש איז עפר ואפר!
גיט ער א פארצווייפלטן געשריי
— גורניש נאך,
נאך גורניש ניש געטין!
טאטע! טאטע זיסער! טאטעניו!
מיט וואוס וועלעך מעך פאר דיר וואזן,
ווען ס׳וועט קימען יענע שעה — —

גורניש, גורניש ניש — —
אפילו מיט קא פינגער ניש געטין קא ריר...

לייענט ער ווייטער אינעם ספרל:
— וויזוי מ׳בעט זעך — ווײ איז מיר —
— וויזוי מ׳בעט זעך אזוי שלופט מען,
ווײ איז מיר — —
צי דאנע חסדים גרויסער גאט
איז גור קא שיעור...
כאפט ער אָן מיט זיינע ווייסע
הויט־און־ביינערדיקע הענט
דעם וואקלענדיקן טיש
און וויינט
ווייל קיינמאל ניט פארשלאסן איז די טרערן־
טיר —
— וויזוי מ׳בעט זעך,
וויזוי מ׳בעט זעך — — ווײ איז מיר — — —.

★

קומט אריין אברם דער פריץ,
ניט קיין גרויסער לערנער, ניט קיין קליינער
עם־הארץ,
גיט דעם רבין שלום;
שמייכלט מיט די גרינע אויגן
איינס פון וועלכע האט ווי א סימן,
אַן אויסגעצופטע האלבע וויע,
און פאוואליטשקע,
צעצויגן,
איז מודיע:
„היינט מיין טאטנס יארצייט, רבי.״

און אן אלפ׳ער
פארטרייבט די עצבות
אי פון צדיקס פנים, אי פון צדיקס שטוב.

★

לויפט דער גבאי צו דער רביצן און
זאגט די בשורה איר,
די רביצן לויפט גיך צום יואוועליר:

— נאך היינט — גיט זי א זאג מיט פרייד —
וועל אויסלייזן דאס שטערנטיכל
און די לייכטער
און די בראש.
דערנאך צום קרעמער:
— די חובות אלע וועל איך היינט באצאלן;
זעט, איר האט אייך אומזיסט געפארכטן.

און די רביצן הויבט אָן זיך אויסצומאלן
וואס זי וועט אלץ מיט דעם טויזנטער באזארגן.
נעמט דערווייל אויף בארג די צרכי שבת,
ברייט,
באלעבאטיש,
ווי סע פאסט זיך פאר א רביצן;
נעמט מיט דעם גבאי׳ס
ווייב אז זי זאל זאגן
וואס איז נויטיק,
און די „מויד" דאס אלץ אהיים צו טראגן.
אויפן וועג
פאלט איין דער רביצן:
פון דעם פארמעג
אביסל האלץ צו קויפן,
דעם רבינס שטיבל אנצוּוואַרעמען;
א סאמאוואר,
דער מאן, דער גאון,
זאל ניט דארפן ווארטן גאנצע שעה׳ן
אויפן ביסל ווארעמס;
און פאר דער קראנקער שמשטע
— דער אייבערשטער זאל מרחם זיין —
א פלעשל כרמל־וויין.

✶

— רבי! — מאכט א קרומע מינע
משה־אהרן, וועלכער ציט חיונה
פון פארקויפן מאָסט און הייסע פלעצלעך
די בחורים פון דער קלויז.
— איך האב א טאכטער חתונה צו מאכן
שוין א מיידל אין די יארן,

די הוצאות זיינען גרויס,
עס קאסט מיך שוין ביז איצט א מטמון געלד,
וואלט איך געוואלט
פארמיידן,
אז דאס מיידל זאל קיין בושות ליידן.

✶

ווען די רביצן איז געוואויר געווארן
וואס דער רבי האט איר אפגעטון,
האט זי געוויינט ווי א פארבלאנדזשעט קינד:
— שוין ווידער וועט מיין שבת זיין פארשטערט,
אז אך און ווי צו מיינע זינד!
שוין ווידער וועט ער פרירן
און — אל תפתח פה לשטן —
נאך חלילה זיך פארקילן.

✶

לויפט דער גבאי, פייל פון בויגן,
מיט דער בעקעשע צעפלויגן
און דאס איינע אויג צעשפארט,
הענדום־פענדום צום גביר:
— ר׳ אברם! שרייט ער קלאפנדיק אין טיר,
עס איז אן אומגליק מיטן רבין!
וויפל מען גיט אים
איז ניט גענוג!
פון פדיון איז קיין פרוטה מער ניטא!
דעם גאנצן אלפ׳ער אוועקגעגעבן!
עפעס טוט ער ווי להכעיס!
ס׳ארט אים גארניט
וואס אין שטוב ניטא
קיין מזון — סעודה אחת!

✶

אברם, וואס זיין פנים איז ווי א רויטער צוויק,
און איצט, פאר צארן,
רויטער נאך געווארן —
איז פון בענקל אויפגעשפרונגען,
מיט קוראזש זיך אנגעגארט,
זיך אויסגעקעמט די ברייטע געלע בארד,

א כאפ געטון דאס פוטער פון דער וואנט,
אליין דעם שליטן איינגעשפאנט,
געיאגט די פערד,
אז אונטער זיי געברענט עס האט די ערד.

— — — — — — — — — — —

✶

רבי! פראלט ער אויף די טיר פון רבינס שטיבל,
האט מיר קיין פאראיבל,
איר זענט ניט געווען קיין לאט
און ווערט ניט זאַן קיין לאט!
און ס׳פאלט א פרישער אלף אויפן טישל —
— נאַט!

— זיצט ר׳ אברם, זאגט דער רבי רואיק,
איר זענט ברוגז.
אט אזוי איז שוין די טבע פונעם מענטשן,
שטענדיק ניש צופרידן:
משה־אהרן ניש צופרידן,
האט ניש מיט וואס די טאכטער חתונה צו מאכן,
און די רביצן —
ווייל זי האט ניש די משכונס אויסצולייזן,
מיט וואס קיין שטיקל האלץ צו קויפן;
די גבאים — האבן ניש אויף שפעזן;
און אזוי איעדער אויף זיין שטייגער,
אויף זיין אופן;
איר — וואס עך בין ניש קא לאט;
און עך בין אויכעט ניש צופרידן,
וואס עכאב ניש מ ע ר געהאט...

ק. הלל

דאס לעצטע ווערק פון אפרים דאווידזאן

אפרים דאַווידזאָן ז"ל

ער איז געווען, און אזא וועט ער אויך פארבלייבן אין אונדזער זיכרון: א מענטש אין פולן זין פון ווארט. חכמה און וויסן האט קוואליק ארויסגעשלאגן פון אים — פון „מעין החיים" — דעם קוואל פון לעבן, וואס איז פלוצלינג איבערגעפלאסן די ברעגן און פארפלייצט ביז צום אומקום דאס הארץ זיינס.

ער איז געווען א שרייבער וואס זיינע שאפונגען, גענומענע פון פאלק, וועלן אייביק לעבן צווישן פאלק; געווען פארליבט אינעם לעבן און ער וועט לעבן אויך נאך זיין פיזישן טויט; געווען א גוטער פריינד, און פריינד פילן די גרויסע אבידה.

פאלקלאר איז א פארשונג פון די גייסטיקע כוחות פונעם פשוטן פאלק: זיינע גלויבנס און אבערגלויבנס, זיטן און מנהגים, ווערטלעך און גלייכווערטלעך, לידער און מעשיות.

פאלקלאר ווארפט א ליכט אויף געוויסע ווינקעלעך, אויף געוויסע געשעענישן אין דעם לעבן פון א פאלק אין אלע זיינע צייטן און תקופות. ס'דעקט אויף ווי אזוי דאס פאלק האט זיך באצויגן צו דער וועלט, צום לעבן גופא, צו דער נאטור וועלכע רינגלט אים ארום, צו די ניט פארשטענדלעכע נאטור כוחות א. א. וו.

אין יעדן דור בייטן זיך די מענטשן, ס'בייטן זיך לעבנס־פארמען, ס'קומען אויף נייע אידייען און נייע באגריפן. דאס פאלק באגלייט עס מיט וויץ און סאטירע, מיט געלעכטער און געוויין, מיט שמייכל און זיפץ, — דאס אלץ דעקט אויף די נשמה פונעם פאלק.

יא, דאס פאלק האט א נשמה, א גרויסע קאלעקטיווע נשמה; גענוי אזוי ווי ס'האט א גרויס קאלעקטיוו אויג וואס זעט, אַן אויער וואס הערט, און דער עיקר — א קאלעקטיוו מויל וואס רעדט און דערציילט.

געוועזן (און פאראַן אויך איצט) צייטן ווען דאָס פאָלקס־מויל איז אין קלעם, אָן רעכט צו רעדן, צו לאַכן און אפילו אָן רעכט צו וויינען; און דאָך האָט דאָס פאָלקס־מויל געפונען וועגן ווי אַזוי אויסצוקרעכצן זיין וויי, ווי אַזוי אויס־צולאַכן זיינע פייניקער, טרייסטן זיך אַליין און דערהייבן זיך גייסטיק איבער זיינע אונטערדריקער.

קיינמאָל האָט זיך דער קוואַל פון אונדזער פאָלקס־שאַפן ניט אָפּגע־שטעלט, ניט אויסגעטריקנט געוואָרן; אין יעדן אָרט, אין יעדער צייט, אונטער אַלע באַדינגונגען האָט דאָס פאָלק געשאַפן, און די שאַפונגען זיינען איבער־געגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל ווי תורה שבעל־פה.

דאָס פאָלק האָט געזונגען לידער, געזאָגט ווערטלעך, אויסגעמשלט משלים, זיך געוויצלט און פאַרווײַלט, געלאַכט פון אַנדערע און פון זיך אַליין; איבער־דערציילט שמועסן פון תלמידי־חכמים, דערציילט מעשיות וועגן רביים, גאונים און צדיקים, גבאים, פרנסים און שתדלנים, משומדים און מוסרים, מיניסטאָרן און שררות. פון דור צו דור האָט זיך עס אָנגעזאַמלט, געלייגט זיך ווי שיכטן איינס אויפן אַנדערן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אוצר וואָס איז געלעגן פאַרהוילן פון אויג אין די טיפענישן פונעם פאָלקס־לעבן.

יאָרן און יאָרן איז דער פאָלקס־אוצר געלעגן פאַרשטעקט ביז ס'זיינען געקומען די זאַמלער און פאָרשער, וועלכע זיינען אַראָפּ אין די טיפענישן פונעם פאָלקס־לעבן און זיינען ממש פאַרבלענדט געוואָרן פון די אַנטפּלעקטע אוצרות.

✶

די יידישע פאָלקלאָר־פאָרשונג, ווערט גערעכנט, האָט זיך אַנטוויקלט ערשט אינעם אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט, ווען ש. אַנסקי איז בראש פון אַן עטנאָגראַ־פישער דעלעגאַציע אַרומגעפאָרן (איינעם געוועזענעם יידישן תחום המושב) פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל, אַריינגעדרונגען אין די פאַר־וואָרפנסטע ווינקעלעך און געזאַמלט ספרים, אַלטע כתב־ידן, בילדער, קמיעות, תשמישי־קדושה; געהערט און פאַרשריבן פונעם פאָלקס־מענטש מעשיות, משלים און ווערטלעך וועלכע האָבן געלעבט אין פאָלקס מויל און זיינען איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור.

מיט איבער 53 יאָר צוריק (תרע״ב), איז אין ירושלים דערשינען דער ספר „נפלאים מעשיך״, פון יוסף חיים מבגדד. אַ זאַמלונג פון פאָלקס־ מעשיות, צענויפגעזאַמלט מיט גרויס ליבשאַפט דורך איינעם פון די יידישע פאָלקלאָריסטן.

פאַקטיש האָט זיך אָבער די פאָלקלאָר־פאָרשונג ביי יידן אָנגעהויבן אַ סך פריער.

שוין דער רמבם איז געווען א פאלקלאריסט. מען געפינט ביי אים אנדייר־טונגען וועגן פארשיידענע מנהגים ביי אנדערע פעלקער, וועלכע זיינען ענלעך צו די מנהגים ביי יידן. אזוי צום ביישפיל, ביים בעטן אויף רעגן אין צייט פון א טריקעניש, פלעגן די כאלדייער בייטן זייערע קליידער — א מיטל אפצונארן די שדים.

אויך פאר אנסקין זיינען שוין געווען זאמלער פונעם פאלקלאר: גינזבערג, מאַרעק, י. ל. כהן, ראַווניצקי און דרויאַנאָוו, וועלכע האבן אונדזער פאלקלאר פארשונג אנגעקליידט אין א מאדערנעם וויסנשאפטלעכן לבוש.

די משפחה פון יידישע פאלקלאר פארשער צעוואקסט זיך, ס׳קומען אויף נייע שטערן אויף דעם פאלקלאר־הימל וועלכע באלייכטן אונדזער פאלקס־לעבן מיטן שיין פון זיין עבר. ס׳ווערן באקאנט אין די יידישע תפוצות די נעמען פון איגנאַץ בערנשטיין, נח פרילוצקי, פראפעסאר ישראל דאַווידזאָן, אליעזר שטיינמאַן, שמואל לעהמאן, פראפעסאר דב סדן, הרב זלאַטניק, מרדכי וועלוול בערנשטיין, אפרים דאַווידזאָן און אנדערע.

*

און אט ליגט פאר אונדז דאס צווייטע און לעצטע ווערק פון אפרים דאווידזאן „שחוק לישראל״, א זאמלונג פאר פאלקלאר, הומאָר און וויץ וועגן מדינת ישראל אין וויזיע און ווירקלעכקייט, פון דער משיחישער תקופה, ביזן ערשטן יאר־צענדליק פון דער מדינה. א מאנומענטאלע ארבעט אין וועלכער אפרים דאווידזאן האט צונויפגעזאמלט א גרויסן טייל פונעם פאלקלאר וואס איז פארבונדן מיט גאולה; פון טרוים ביז ווירקלעכקייט; פאלקלאר פון די אור־אלטע קוואלן פון יידישקייט (יהדות), ביז צו די מאדערנע שאפונגען פון אונדזער דור, שוין ארייַנגערעכנט דעם סאטיריש־בייסיקן הומאר פון מדינת ישראל.

דער משיחישער געדאנק האט געגעסטעט אינעם יידישן לעבן ווי עס שטייט געשריבן: „ביום שחרב בית המקדש נולד המשיח״ (איכה רבתי). דער געדאנק האט ביים פאלק אנגענומען פארשיידענע פארמען, מערסטנס טראגישע, פילמאל טראגיש־דערהייבענע, עמאָציאָנעלע און אויך אפילו טראגי־קאמישע. דער משי־חישער געדאנק האט באווירקט דאס יידישע לעבן, ווי א שטיל וואסערל געריזלט טיף, טיף אין די יידישע הערצער און מוחות. דאס פאלקס־מויל האט געגעבן אַן אויסדרוק צו דעם אלעמען.

אפרים דאַווידזאָן האט אין זיין ווערק געבראכט א גרויסן טייל פון משיח־פאלקלאר, אדורכגעוועבט מיט ווערטלעך, פירושים און אריינטייטשונגען וועגן באגריף „משיח״, ביז וויצן און מעשהלעך אויף דער משיח טעמע. ווי

מען שנירלט אַן פערל אויף א שנירל, איינס נעבן אנדערן, ביז ס׳באקומט זיך א פרעכטיקער שנור־באנד, אזוי האט דאווידזאן געבראכט אונדז א באנד פערל וועגן גאולה, וועגן משיחישע טרוימען, ביז צו דער פאקטישער דערלייזונג.

אין זיין ווערק פירט אונדז דער מחבר אוועק איבער פערצן קאפיטלעך וועלכע הויבן זיך אַן מיטן משיח־טרוים, שיבת־ציון, תחית־המתים, באוועגונג פאר יישוב הארץ, חיבת־ציון און בילוי, הערצל תקופה, צווייטע עליה, באלפור, ציוניזם אין גלות, החלוץ, דריטע און פערטע עליה, מאנדאט יארן, קאמף און ווידערשטאנד, העפלה, פאראייניקטע נאציעס, באפרייאונגס־מלחמה, צה״ל און אויפקום פון מדינת ישראל — א פרייע און אפענע פארן פאלק ישראל.

וועגן די וואס גלויבן ניט אין משיחן לייענען מיר אזא משל:

אויף א צווייג פון א בוים שטייט א האָן. א פוקס גייט פארביי און דערזעט דעם האָן. רופט זיך אָפּ דער פוקס: — האָן, ליבער האָן, קום אַראָפּ פון בוים און מיר וועלן לעבן צוזאמען בשלום.

ענטפערט אים דער האן: — פוקס, פוקס, דו מיינסט אז איך ווייס ניט, הא? ווי נאָר כ׳וועל אראפגיין וועסטו מיך אויפפרעסן...

רופט זיך אפּ דער פוקס: — חס וחלילה! צי האסטו ניט געהערט די בשורה אז משיחס צייטן זיינען שוין געקומען און ס׳ווערט מקוים דער פסוק „וגר זאב עם כבש״ (ישעיהו יא. ו׳) און א פוקס מיט א האן וועלן זיין צוזאמען?...

פלוצלינג דערהערט זיך א בילן פון הינט, זעט דער האן ווי דער פוקס ווערט צעשראקן און וויל אנטלויפן, פרעגט ער אים: — וואס האסטו זיך אַזוי דערשראָקן, פוקס? דו האָסט דאָך נאָר וואָס דערציילט, אַז משיחס צייטן זיינען אָנגעקומען...

דער פוקס אנטלויפנדיק: — וואס זאל איך אבער טאן, אז די הינט גלויבן ניט אין משיחן!

(נומער 30)

אין ווייטערדיקע אכט קאפיטלעך גיט א. דאווידזאן א זאמלונג מעשהלעך, וויצן, אנעקדאטן און ווערטלעך וועגן דעם לעבן אין מדינת ישראל: וועגן עקאנאמיק און דערנערונג, שטעט און דערפער, קיבוצים און קבוצות, שפראך ווירוואַר, סלענג און איבער אלעמען — עשור לישראל, צען יאריקער אומ־אפהענגיקייטס יום־טוב.

פון דעם אלץ וועלן מיר ברענגען איין וויץ וואס איז כאראקטעריסטיש פאר מדינת ישראל:

פראפעסאר ראבערט אפנהיימער האט באזוכט ישראל אין שיכות מיטן עפענען דעם וויצמאן־אינסטיטוט פאר קערן־פארשונג אין רחובות.

איינער פון די אויסלענדישע קארעספאנדענטן אין ישראל, ווענדעט זיך צו אים מיט א פראגע: — צי מיינט איר ניט, ה׳ פראפעסאר, אז דער אינסטיטוט פאר קערן־פארשונג איז צו גרויס פאר אזא קליין לאנד?

פראפעסאר אפנהיימער ענטפערט אים:

— איך מיין ערנסט, אז מען דארף פארגרעסערן דאס לאנד.

אין קורצן: דאס פאלק וויצלט זיך וועגן זיין זעלבסשטענדיקייט, וועגן זיינע טאג־טעגלעכע קאמפן און ראנגלענישן, האפנונגען און אנטוישונגען, דערגרייכונגען און דורכפאלן. אונטער אלע באדינגונגען רעאגירט דאס פאלק אויף זיין שטייגער מיט א וויץ, מיט א גלייכווערטל, מיט געלעכטער, אפילו ווען ס׳איז א געלעכטער מיט יאשטשערקעס, און אפילו ווען ס׳איז געמישט מיט טרערן, ווי דאווידזאן רופט עס: „השחוק שנדם", דער געלעכטער וואס איז פארשטומט געווארן.

דאך לעבט דער גלויבן און ס׳שלאגט קוואליק שטארק דער יידישער בטחון, די האפנונג:

„צריך לעבור על הפגעים עם צחוק בלב" (אפרים גובר) מען דארף אריבערגיין איבער אלע שטרויכלונגען מיט געלעכטער אינעם הארץ...

„קראו לשמחה, חבריא! קראו לשמחה ותבואו!" (זוהר דיין) רופט די פרייד, חברה! רופט די פרייד און זי וועט קומען!...

אז מען לייענט איבער אפרים דאווידזאנס בוך, „שחוק לישראל", קען מען אפשאצן זיין גרויסע און וויכטיקע ארבעט: זיין פלייסיקייט ביים זאמלען די אוצרות, די יאָרן־לאנגע מי וואס ער האט אוועקגעגעבן דערויף, די ליבע וואס האט געשלאגן אין זיין הארץ צו אונדזער פאלק און זיין שאפן. מען פילט בחוש די פרייד וואס אים איז געלונגען ארויסצוברענגען א געלעכטער אויף אונדזערע ליפן. ככתוב, ווי ס׳שטייט געשריבן:

„בשוב ה׳ את שיבת־ציון, היינו כחולמים. אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רינה". (ווען גאט וועט אונדז אומקערן קיין ציון וועלן מיר זיין ווי טרוימער. דעמאלט וועט אונדזער מויל זיין פול מיט געלעכטער און אונדזער צונג מיט געזאנג).

אין שווערע טעג, ווען דאס על־ליכטיקע לעבן ווערט פארטונקלט פון שווערע וואלקנס וועלכע יאגן אָן טרויער און אומעט, אין טעג ווען די וועלט ווערט ארייגעווארפן אינעם אפגרונט פון אטאמישער מאסן־שרעק און דער מענטש ווערט דערפירט צום געפיל פון הבל־הבלימדיקייט, צו יאוש און אפאטיע, איז ממש א גליק צו טרינקען פונעם געזונטן דערפרישנדיקן פאלקס־קוואל, וועלכן אפרים דאווידזאן האט אונדז איבערגעלאזט בירושה.

***) „שחוק לישראל" מאת אפרים דוידזון, ילקוט לפולקלור, הומור, הווי ובדיחה על מדינת ישראל. הוצאת „מטמונים".**

שמואל לאם: א געסל אין חיפה.

דוד ראַדין

דער שמעטערלינג

1. פינצטערניש

לאַנג, לאַנג צוריק, אין אַ צייט וואָס מ׳קען קוים געדענקען, האָט אַ פינצטערניש, אַ געדיכטע שווערע פינצטערניש אַרומגענומען די וועלט. די שטראַלן פון דער זון, דאָס בלייכע פנים פון דער לבנה, און די מיליאָסן פינקלענדיקע שטערנדלעך זיינען פאַרשטעלט געוואָרן פון דעם מענטשלעכן אויג. און די פינצטערניש איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מ׳האָט זי ממש מיט דער האַנט געקענט אָנטאַפּן: מענטשן זיינען ווי בלינדע אַרומגעקראָכן, ווי בלינדע געטאַפּט דעם וועג מיט די פיס; מאַמעס האָבן זייער קינד פאַר דער האַנט געהאַלטן און האָבן עס ניט געקענט זען.

איז אויף מענטשן אַ פחד אָנגעפאַלן; זייער האַרץ איז מיט זאָרג פול געוואָרן; און אין קאָפּ האָט זיי אָן אויפהער אַ פראַגע געשלאָגן:

— —וועט פינצטערניש פאַרבלייבן?

— —וועט פינצטערניש פאַרבלייבן?

— וועט דער מענטש אין פינצטערניש פאַרזונקען ווערן?...

זיי האָבן זיך אָבער געטרייסט:

— ניין. פינצטערניש קען ניט בלייבן!

— די וועלט איז אין ליכט באַשאַפן געוואָרן!

— גאָט אַליין האָט געזאָגט — „יהי אור!"...

— ליכט וועט זיך מוזן צוריקקערן!

זיי האָבן געהאָפט און געוואַרט, געזאָרגט און געגאַרט אַז ליכט זאָל זיך צו זיי אומקערן. אָבער, אומזיסט איז געווען זייער האָפן, און אומזיסט איז געווען זייער וואַרטן. ליכט האָט זיך ניט צוריקגעקערט.

איז זייער האָפנונג אויסגערונען געוואָרן; זייער טרייסט האָט זיך אין נאָגנדיקן פּיין פאַרוואַנדלט; און זייער האַרץ איז מיט פינצטערער מורא פול געוואָרן, האָבן זיי זיך צו גאָט געקערט און מיט שטילן ציטער אין קול גענומען תפילה טאָן:

— אָ גאָט! דו האסט די וועלט אין ליכט באשאפן! לאז ניט דיין וועלט אין פינצטערניש פארזונקען ווערן! לאז ניט, גאט! שיק אונדז ליכט צוריק! שיק אונדז ליכט צוריק!...

שעהן־לאנג האבן מענטשן תפילה געטאן, שעהן שווערע און פיינלעכע. אבער, אומזיסט איז געווען זייער געבעט: זייער תפילה האט דער ווינט צו פינצטערע טאלן פארטראגן, און ליכט האט זיך ניט צוריקגעקערט.

האט אן אומרו אין זייער הארץ גענומען נאגן, און א ציטער האט זייערע קני גענומען בייגן. זיינען מענטשן אויף זייערע פנימער געפאלן, האבן זייערע קולות אין פארשטיקטן געוויין געהייבן און האבן הילפלאז, ווי קינדער, געבעטן:

— אָ, גאט! דו האסט דעם מענטש אין דיין אייגענער געשטאלט באשאפן! האסט אים געגעבן ליכט אין אויג, פארשטאנד אין קאפ, אמת און יושר אין הארץ, — לאז ניט דיין יצירה אין פינצטערניש פארזונקען ווערן! האב רחמנות, אָ, גאט! לאז ניט! שיק אונדז ליכט צוריק!...

אבער, אומזיסט איז געווען זייער געוויין: זייער געבעט האט זיך איבער שווארצע וועלדער געטראגן, האט זיך אָן פינצטערע בערג אנגעשלאגן, און האט אפגעקלונגען דורך דער פינצטערניש ווי דער עכא פון דעם געוויין פון שאקאלן.

האבן מענטשן זייער גלויבן אנגעווארן. אין קאפ איז זיי א וויסטעניש געווארן. די פינצטערניש אין זייער הארץ איז נאך פינצטערער געווארן, און זיי זיינען אין גרויסער פארלארנקייט ארייננגעפאלן.

און אין זייער פינצטערער פארלארנקייט האט זיך זיי געדאכט, אז זיי הערן א קול, וואס טראגט זיך ווי כוואליעס דורך דער פינצטערניש, און דאס קול רופט אזוי:

— צינדט אָן א פייער! א פייער — גרויס ווי די וועלט און ליכטיק ווי די זון! — פייער ברענגט ליכט, און ליכט ברעכט פינצטערניש!

זיינען איבער דער גארער פינצטערער וועלט העלישע פייערן אנגעצונדן געווארן. אבער, ארום די פייערן איז די פינצטערניש נאך געדיכטער געווארן.

זיינען אלע פעלדער און אלע וועלדער אנגעצונדן געווארן. אבער, די פינצטערניש איז ניט געבראכן געווארן.

האט זיך אין מענטשן א פינצטערער צארן צעפלאקערט, האבן זיי זייערע וואוינונגען צעשטערט, זייערע פאלאצן אויף שפענדלעך צענומען, און האבן זייער גאנצן האב־און־גוטס אויפן פייער געווארפן.

האָט האָב־און־גוטס געברענט, האָבן שטעט געברענט, האָבן לענדער געברענט, האָט דער גאַנצער ערד־קוגל געברענט! אָבער, די פינצטערניש איז ניט געבראָכן געוואָרן.

און ווען ס'איז שוין מער ניט געווען וואָס אין פייער צו וואַרפן, און ווען ס'איז שוין מער ניט געווען וואָס צו ברענען, — זיינען מענטשן ווילד געוואָרן פון שרעק; די פינצטערניש פון זייער האַרץ האָט זיך זיי אין קאָפּ פאַרקליבן, און זיי האָבן אָנגעהויבן מורא צו האָבן איינע פאַר די אַנדערע: יעדער איינער האָט אין זיין שכן אַ פיינט דערזען, ווייל ער האָט אין זיין שכנס אויגן זיין אייגענעם פינצטערן געדאַנק דערקענט און, ער האָט פון זיין שכן געוואָלט אַנטלויפן. האָט מען מיט פאַרדאַכט זיך גענומען אָפּרוקן איינע פון די אַנדערע, זיך דערווייטערן איינע פון די אַנדערע און, ס'האָט זיך אָנגעהייבן אַ געלויף־און־אַנטלויף אַרום־און־אַרום די פייערן.

אין דעם אַנטלויף איז די פינצטערע פאַנטאַזיע מיט זיי מיטגעלאָפן. האָט זיך יעדן איינעם געגומען דאַכטן, אַז ער ווערט געיאַגט, און ער האָט מיט פאַרדאַכט געוואָרפן בליקן איבער זיין שולטער, צו זיין נאָכלויפער. און דער נאָכפאָלגער, דער פאַרדעכטיקטער יעגער, איז אַליין אין שרעק געלאָפן ווי אַ געיאַגטער. און אַזוי, דורך צעצונדענער פינצטערער שרעק, האָט זיך דאָס געלויף אין אַ היסטערישן געיעג פאַרוואַנדלט, אַ געיעג — ווי אַ ווילדער טאַנץ פון משוגעים.

און אין זייער משוגעים־טאַנץ האָט זיך זיי גענומען דאַכטן, אַז זיי הערן אַ קול, וואָס הילכט פון דער פינצטערניש אַרויס און טראָגט זיך איבער די פייערן און שמייסט זיי איבער די אויערן מיט פלאַמיקע ווערטער אַזוי:

— די וועלט איז פול מיט מענטשן! און יעדער מענטש טראָגט ליכט און פינצטערניש אין זיין האַרץ איינגעשלאָסן!

פינצטערניש איז גרינג צו באַפרייען... פינצטערניש איז גרינג אָנצוצינדן... אַט זעט ווי אַ וועלט ברענט אין פינצטערניש און די חשכה ווערט נאָך געדיכטער...

אָבער דאָס ליכט פון מענטשישן האַרץ קען ברענען העלער, פלאַמיקער און ליכטיקער פון אַלץ אין דער וועלט!

כדי צו באַפרייען דאָס ליכט פון מענטשישן האַרץ, מוז איינער פון אייך, מיט זיין אייגענעם פרייען ווילן זיך וואַרפן אין פייער!

געדענקט: נאָר פרייער ווילן קען אָנצינדן דאָס ליכט פון מענטשישן האַרץ! נאָר פרייער ווילן קען אָנצינדן די גאַנצע וועלט מיט אַ פלאַמיק־העלער און האַרציקער ליכט וואָס וועט ברעכן די פינצטערניש!

יאָ. נאָר פרייער ווילן!... נאָר איינער!... איינער!... איינער!...

האט זיך דאס ווילד געלויף ווי דורך א כשוף אפגעשטעלט, און יעדער איינער האט זיך שטיל אין הארץ געפרעגט:

— נאר „איינער"?... און ווער זאל זיין דער „איינער?"...

און איטלעכער האט מיט נייגער און פארדאכט צו זיין שכן געקוקט און מיט אומגעדולד געווארט.

די פייערן האבן געפלאקערט מיט א פארוואלקנטן פלאם, און יעדער איינער האט שטום צו די פייערן געקוקט מיט שרעק אין הארץ און האט מיט שפאנונג געווארט.

און קיין איינער האט קיין קלאנג ניט ארויסגעבראכט; און קיין איינער איז ניט ארויסגעטראטן פארויס.

און אז פון קיינעם האט זיך קיין קלאנג ניט געהערט, איז די אומגעדולד געשטיגן, די שפאנונג האט געפלאצט, און שכן צו שכן האט היסטעריש א ברום־געטאן:

— דו!...
— ניין. — דו!...

— דו זיי דער „איינער"!...
— ניין. — דו זיי דער „איינער"!...

— דו ברענג ליכט אויף דער וועלט!...
— ניין. — דו ברענג ליכט אויף דער וועלט!...

— וועסט זיין דער העלד!...
— זיי דו דער העלד!...

— דו!...
— דו!...

— דו!...
— דו!...

און שכן האט שכן געשטופט, און קיינער איז ניט ארויסגעטראטן פארויס.

האבן מענטשן זיך גענומען קריגן; האבן מענטשן זיך גענומען ראנגלען; זיינען מענטשן אין א צארנדיקן משוגעת ארייגעפאלן:

מענטש האט מענטשן צום פייער געשטופט; מענטש האט מענטשן צום

פייער געשלעפט; און מענטש האט מענטשן אין פייער געוואָרפן...

האָבן מענטשן געברענט; זײַנען מענטשן פאַרברענט געוואָרן; און די פינצטערניש איז נאָך געדיכטער געוואָרן...

נאָר די זײַנען געבליבן ביים לעבן, וואָס אין גרויס שרעק פאַרן ווילדן געראַנגל, זײַנען אין זײַטיקע ווינקעלעך פאַרקראָכן און זיך אין דער געדיכטער פינצטערניש באַהאַלטן...

2. וואָס דער עלטסטער דערציילט

פּילע יאָרן שפּעטער.

ביים אַרײַנגאַנג פון אַ הייל, אַרום אַ פייער וואָס האָט געברענט יאָר נאָך יאָר און פון דור צו דור, זײַנען געזעסן מענער, פרויען און קינדער. זייערע לײַבער — מיט פעל פון חיה באַדעקט; זייער הויט — גרוי, גראָב און האַרט; זייערע פּנימער — באַוואַקסן, צעקנייטשט, און ווילד. זיי האָבן ערשט אײַנגע־שלונגען זייער רויב, בײַנער און רעשטלעך פון דער פאַרצוקטער חיה האָבן זיך נאָך געוואַלגערט דאָ און דאָרט.

איצט, זאַטע, איז מען געזעסן שטיל און זיך צוגעהערט צו די רייד פון אַן אַלטעטשקן, וועלכער איז געווען באַוואַקסן ווי אַ מאַלפּע, — ער איז געווען זייער עלטסטער.

אין אַ שפּראַך, וואָס איז געווען אַ געמיש פון מימיק, וואָרט און קלאַנג, האָט דער אַלטעטשקער פאַר זיי דערציילט אַ מעשה, וועלכע איז דערציילט געוואָרן פון דור צו דור.

דאָס איז געווען אַ מעשה פון וואונדער; אַ מעשה פון וואונדער איבער וואונדער; אַ מעשה פון דעם לאַנג פאַרגאַנגענעם נעכטן, וועלכער האָט אין אַלטע הערצער שרעק דערוועקט, און אין יונגע — בענקשאַפט אַרויסגערופן.

און מיט יעדן מאָל וואָס דער אַלטעטשקער האָט דערציילט, איז אין אַלטע הערצער די שרעק געוואַקסן גרעסער און גרעסער, און אין די יונגע האָט זיך די בענקשאַפט צעגליט מיט אַ גלוסטונג פון אַ ניט פאַרענדיקטן געגאַרטן חלום.

דער אַלטעטשקער האָט פאַר זיי דערציילט, אַז די ערד, אויף וועלכער זיי וואוינען, איז גרויס און ברייט און ווייט. אַז די גרויס און די ברייט און די ווייט — צוזאַמענגענומען — האָט געהייסן „וועלט״.

אַז מיט יאָרן און יאָרן צוריק, איז די וועלט געווען פול מיט מענטשן. יאָ, „מענטשן״ האָט מען זיי גערופן...

די מענטשן זיינען געווען איינגעטיילט אין גרופעס: יעדע גרופע — א פאלק.

די פאלקער זיינען געווען צעשפרייט איבער דער גארער וועלט. דארט וואו א פאלק האט זיך באזעצט, דארט איז געווארן זיין לאנד. און אזוי איז די וועלט איינגעטיילט געווארן אין פעלקער און אין לענדער.

יענע מענטשן, פון אמאל, האבן זייערע לייבער ניט באדעקט מיט פעלן פון חיות, — זיי האבן זייערע לייבער געוויקלט אין ווייכע געוועבן וואס מ׳האט גערופן „קליידער״.

זיי האבן ניט געוואוינט אין היילן, ניט אויף ביימער, און ניט אין בערג, — זיי האבן געוואוינט אין אויסגעבויטע וואוינונגען וואס מ׳האט גערופן „הייזער״.

און די הייזער זיינען געווען העכער פון מענטש; העכער פון מענטש־אויף־מענטש; און נאך מער העכער.

און גאר הויך פון אויבן, פילע מאל העכער איבער זייערע וואוינונגען, איז א גרויס און ליכטיק געוועב געהאנגען צעשפרייט.

און דאס געוועב האט זיך געשפרייט אָן אויפהער — אין דער ברייט, אין דער לענג, אין דער ווייט — און האט ארומגענומען די גאנצענע וועלט. די מענטשן האבן עס גערופן „הימל״.

און דער קאליר פון דעם הימל איז געווען — נו, דאס איז שווער צו זאגן. זעט איר דארט, וואו די בר׳עגן פון דעם פייער ווערן פארשלונגען פון דער געדיכטער פינצטערניש? — אזוי איז געווען דער קאליר פון דעם הימל: א געמיש פון פייער מיט פינצטערניש.

און אין אט א דעם ווייטן און הויכן הימל זיינען וואונדער געווען: עס פלעגט טרעפן, אז מאל נאך מאל האט פון דארטן א בלייך פנים אראפגעקוקט און פארשפרייט א בלייך ליכט ווייט און ברייט ארום. און פון ארום־און־ארום דעם בלייכן פנים, האבן אנצאליקע פינקלענדיקע אויגעלעך אראפגעקוקט. די מענטשן האבן עס גערופן „נאכט״.

און עס פלעגט טרעפן, אז פון הימל האט א צווייט, א בלענדענד ליכטיק פנים אראפגעקוקט, און דאס פנים איז געווען אזוי ליכטיק, אז מענטשן האבן אין דעם ניט געקענט ארייננקוקן, עס איז געווען ליכטיקער ווי פייער, און עס האט געשפרייט העלע ליכט ווייט און ברייט. די מענטשן האבן עס גערופן „טאג״.

און אין דעם טאג, דעם ליכטיקן, האט דעם מענטשנס אויג געקענט זען אלץ. אבער, דעם מענטשנס אויג קען קיינמאל ניט זאט ווערן, וואס מער דאס אויג האט געזען, אלץ מערער האט עס געוואלט זען, — האבן מענטשן געוואנדערט

ווייט און ברייט. אבער וואס מער דער מענטש האט געוואנדערט אלץ מערער האט ער געוואלט וואנדערן. און אזוי האבן מענטשן אויסגעפונען די אלע אנדערע לענדער און די אלע אנדערע פעלקער אויף דער וועלט.

און דער מענטש, אין יענע צייטן, האט א סך וואונדערלעכע זאכן געקענט אויפטאן: ער האט געוואוסט די סודות פון דער לופט; די סודות פון די וואסערן; און די סודות פון דער ערד, — טיפע סודות זיינען אין דער ערד באהאלטן!

דער מענטש האט זיך געקענט אויפהייבן הויך, הויך, אפילו ביז צו דעם בלייכן פנים וואס האט אראפגעקוקט פון די הויכע הימלען; ער האט געקענט אריבערשפאנען דעם ברייטסטן וואסער; ער האט זיך געקענט דער־גרונטעווען צו די טיפסטע טיפענישן פון דעם וואסער, צו די טיפסטע טיפענישן פון דער ערד, און פון דארט גרויסע אוצרות ארויפברענגען.

ער האט געקענט מאכן ליכט און מאכן פינצטער; ער האט געקענט הערן זיין ברודערס רייד, און זען אים, — אפילו פון דעם ווייטסטן לאנד!

יא. גאר א סך וואונדער האט דער מענטש אין יענע צייטן געקענט אויפטאן, און די אלע וואונדער איז ניט אויסצורעכענען!

די מענטשן האבן געהאט אלץ, ווייל אלצדינג וואס דעם מענטשנס אויג האט געזען, האט ער געוואלט האבן. אבער, וואס מער דער מענטש האט געהאט. אלץ מערער האט ער געוואלט. און זיי זיינען צעטיילט געווארן אין צוויי סארטן מענטשן: — אין רייכע, און אין ארעמע.

די ארעמע זיינען געווען די, וועלכע האבן געארבעט און געשאפן און האבן זיך געטיילט מיט זייער האב מיט אלע מענטשן גלייך;

און די רייכע זיינען געווען די, וועלכע האבן גענומען, און גענומען, און גענומען — בלויז פאר זיך.

מיט דער צייט זיינען די רייכע — רייכער געווארן און זיינען מעכטיק געווארן; און די ארעמע — זיינען ארעמער געווארן און זיינען הילפלאז געווארן.

האבן די מעכטיקע זיך אנגעהויבן שאפן מיט די הילפלאזע, און די הילפלאזע האבן ניט געפרעגט און האבן געפאלגט.

און די מעכטיקע האבן געוואנדערט ווייט און ברייט איבער דער גארער וועלט, און זיי האבן געזען אנדערע פעלקער. און אויך אט די אנדערע פעלקער זיינען געווען צעטיילט אין צוויי סארטן מענטשן: אין רייכע־און־מעכטיקע, און, — אין ארעמע־און־הילפלאזע.

און, ס׳איז געקומען א צייט, ווען די מעכטיקע פון איין פאלק האבן זיך דערוואוסט פון די רייכטימער, וואס די מעכטיקע פון דעם אנדער פאלק פארמאגן, און זיי האבן מקנא געווען איינע די אנדערע. האבן זיי באוואפנט זייערע הילפלאזע ברידער און האבן צו זיי געזאגט אזוי:

— גייט און ברענגט אונדז די רייכטימער פון דעם אנדער פאלק!

זיינען די הילפלאזע געגאנגען.

און ווען די הילפלאזע פון איין פאלק האבן באגעגנט די הילפלאזע פון דעם אנדער פאלק, האט א קאמף צווישן זיי אויסגעבראכן, און א שלאכט האט זיך אנגעהויבן, און —

הילפלאזע

האבן געקוילעט

הילפלאזע...

מער און מערער זיינען געשיקט געווארן אין שלאכט. זיי האבן זיך באגעגנט, זיי האבן געקעמפט, און זיי האבן געקוילעט איינע די אנדערע.

און די שלאכט פון די הילפלאזע האט אנגעהאלטן לאנג, לאנג, — אזוי לאנג, אז מ׳האט פארגעסן צו ציילן די טעג. ביז איינמאל, אין מיטן פון א ליכטיקן טאג האט עס געטראפן:

דער הויך און ברייט אויסגעשפרייטער הימל פון איבער זייערע קעפ איז פארשוואונדן געווארן, און דאס ליכטיקע פנים, וואס האט געבראכט „טאג" צו די מענטשן, האט מער אויף די מענטשן ניט אראפגעקוקט, — „טאג" איז פארשוואונדן.

און די אנצאליקע פינקלענדיקע אויגעלעך זיינען פארשוואונדן. און דאס בלייכע פנים, וואס האט געשפרייט ליכט אין דער נאכט, האט מער אויף די מענטשן ניט אראפגעקוקט, —

אויך „נאכט" איז פארשוואונדן.

א טיפע און ענדלאזע פינצטערניש האט זיך אראפגעלאזט אויף דער וועלט און האט מיט איר געדיכטער שווארצער ליידיקייט אלצדינג צוגעדעקט..

האבן די מענטשן זיך געשראקן פאר דער פינצטערניש. האבן די מענטשן געוואלט פארטרייבן די פינצטערניש, — האבן זיי זייערע הייזער אנגעצונדן; האבן זייערע פאלאצן אנגעצונדן; האבן זייערע שטעט אנגעצונדן, — אבער, אומזיסט.

זיינען מענטשן ווילד געוואָרן און האָבן די גאַנצע וועלט אָנגעצונדן, — אָבער, אומזיסט.

האָט צו זיי דורך דער פינצטערניש אַ קול געשריען און געזאָגט:

— זאָל איינער פון אייך, מיט זיין אייגענעם פרייען ווילן אין פייער זיך וואַרפן, — וועט פינצטערניש פאַרשווינדן!

האָט זיך קיינער פון זיין אָרט ניט גערירט, — אַלע האָבן מורא געהאַט.

האָבן מענטשן זיך גענומען קריגן; האָט איינער דעם אַנדערן צום פייער געשטופּט; האָט איינער דעם אַנדערן אין פייער געוואָרפן.

האָבן מענטשן געברענט; זיינען מענטשן פאַרברענט געוואָרן; און די פינצטערניש איז געבליבן.

וואָלט דעמאָלט, נאָר איינער פון זיי, מיט זיין אייגענעם פרייען ווילן אין פייער זיך געוואָרפן, וואָלטן אויך מיר, איצט, געלעבט אין אַ וועלט פון ליכט...

3. דער גרויסער וואונדער

דער אַלטעטשקער האָט געענדיקט דערציילן דאָס, וואָס ס'איז אים איבערגעגעבן געוואָרן פון די פריערדיקע עלטסטע פון זיין שטאַם, און ער האָט צוגעגעבן:

— און ווען איר, קינדער, וועט קומען אין מיינע יאָרן, און איר וועט זיין די עלטסטע פון אייער שטאַם, זאָלט איר טאָן דאָס אייגענע וואָס איך: — דערציילן פון אונדזער נעכטן פאַר אייערע קינדער און, פאַר אייערע קינדס־קינדער, טאָמער וועט עס אין זיי אַ בענקשאַפט דערוועקן, אַ בענקשאַפט נאָך ליכט און נאָך אַ ליכטיקן מאָרגן...

געענדיקט, האָט ער אַראָפּגעלאָזט זיין צעפּאַטלטן קאָפּ אויף זיין באוואַקסענער ברוסט און איז שטיל געבליבן זיצן. עס האָט אויסגעזען ווי דער אַלטעטשקער וואָלט אין טיפער בענקשאַפט וועגן עפּעס געטרוימט.

די עלטערע, וואָס זיינען געזעסן אַרום דעם פייער, האָבן אָפּגעזיפצט; זייערע הערצער זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ באַהאַלטענער טיפער פרייד און מיט דאַנקבאַרקייט, וואָס זיי לעבן ניט אין די צייטן פון יענע גייציקע מענטשן.

די יינגערע אָבער, זיינען געבליבן זיצן פאַרחלומט; זייערע הערצער זיינען פול געוועזן מיט פאַרדרוסן, אין זייערע מוחות האָט געיאָגט געדאַנק נאָך

געדאנק, און איינער פון זיי האט טרוימענדיק געזאגט:

— אָ, ווען בלויז איין מענטש וואָלט זיך דעמאָלט אין פייער געוואָרפן,
— ער וואלט דאך געראטעוועט אזויפיל לעבנס!... אזויפיל מאמעס!... אזויפיל קינדער!... קינדער, — זיי וואלטן דאך א נייע וועלט אויפגעבויט!...

און א צווייטער יונגלינג האט אין טאן פון א טרוימער פארגעזעצט:

— און ער וואלט די פינצטערניש פארטריבן; און ער וואלט געבראכט ליכט פאר אלעמען; און סע וואלט אויך איצט, איבער אונדז, געהאנגען א הויך און ווייט און ברייט אויסגעשפרייטער הימל; און סע וואלט אויך איצט, איבער אונדז, די בלייך־פנימדיקע נאכט מיט אירע אנצאליקע פינקלענדיקע אויגעלעך אראפגעקוקט; און סע וואלט אויך איצט, איבער אונדז, דער לויכטנדיקער טאג געשפרייט זיין ליכט ווייט און ברייט...

און א דריטער יונגלינג האט מיט בענקשאפט אין טאן געזאגט:

— א, ווען ליכט וואלט נאר צוריקגעקומען! איך וואלט ארומגעגאנגען ווייט און ברייט איבער דער גארער וועלט און וואלט יעדן איינעם געזאגט, אז סע זאלן מער ניט זיין קיין צוויי סארטן מענטשן; אז אלע זאלן זיין גלייך און זאלן צוזאמען ארבעטן און שאפן שיינע זאכן פאר אלעמען...

די עלטערע מענטשן, וועלכע זיינען געזעסן ארום דעם פייער, האבן פון דעם יונגלינג געלאכט, האבן אים גערופן נאר און זינלאזער טרוימער. זיי האבן געזאגט, אז דאס ליכט האט פאר די מענטשן בלויז אומגליק געבראכט.

— ניין! האט דער יונגלינג אויסגערופן: דאס ליכט האט פאר די מענטשן גליק געבראכט — און א סך גליק! נאר די מענטשן, זיי האבן ניט פארשטאנען ווי טייער עס איז, און האבן עס אין אומגליק פארוואנדלט... אָ, ווען ליכט וואָלט ווידער געקומען!

— אבער ליכט קען ניט קומען! האבן אים די עלטערע געענטפערט, — סיידן איינער פון אונדז, מיט א סך גלויבן אז ס׳וועט טאקע אזוי געשען, וועט מיט זיין אייגענעם פרייען ווילן אין פייער זיך ווארפן, — — — וואלסטו געוואלט זיין דער איינער?

— יא! האט אויסגעשריען דער יונגלינג, און ער איז בליץ־שנעל אויפגעשפרונגען פון זיין ארט, גרייט צו ווארפן זיך אין פייער.

נאָר, פונקט אין דעם מאָמענט, ווען דער יונגלינג האָט זיך פאַרמאָסטן אין פייער אַריינצושפּרינגען, איז פון דער פינצטערער ליידיקייט אַ קליינע באַ־פליגלטע באַשעפעניש אַרויסגעשוואומען, און האָט אין זיג־זאַגן גענומען פלאַטערן אַרום דעם פייער.

די מאָדנע באַשעפעניש האָט אויסגעזען ווי אַן אויסערגעוויינלעך גרויסער שמעטערלינג, גלייך ווי פילצאָליקע שמעטערלינגען פון דער וועלט וואָלטן זיך אין דעם איינעם באַהאַלטן. און די אויבערשטע העלפט פון אָט דעם שמעטערלינג האָט אויסגעזען ווי אַ וואונדער־שיין און ליב מיידעלע מיט אַ רונד, ליכטיק און פוכקע פּנימל, מיט בלויע פליגל, געפּורעמטע ווי צוויי צאַפּלדיקע לויכטנדיקע הערצער, מיט אַ רויט־און־גרין געשטרייפטן קערפּער, ווי אַ רויט־און־גרין געשטרייפט קליידעלע. און ווען דער שמעטערלינג האָט גענומען פלאַטערן אַרום דעם פייער, האָט זיין קערפּער גענומען לויכטן מיט די בלענדנדיקע קאָלירן פון בלוי, ווייס, רויט און גרין.

די מענטשן, וואָס זיינען געזעסן אַרום דעם פייער, זיינען אויפגעשפּרונגען אין שרעק און האָבן היינטערוויילעכס זיך אָפּגערוקט: זיי האָבן נאָך קיינמאָל אין זייער לעבן אַזאַ באַשעפעניש ניט געזען, און קיינמאָל אין זייער לעבן אַזוינע בלענדנדיקע קאָלירן ניט געזען. פול מיט מורא און מיט פאַרדאַכט האָבן זיי נאָכגעפאָלגט די זיג־זאַגן פון דער מאָדנער באַשעפעניש; האָבן מיט פאַרזיכט הינטערוויילעכס זיך גערוקט אַלץ ווייטער און ווייטער פונעם פייער, און האָבן שטיל און פאַרשטיקט מיט צאָרן געברומט:

— ס'איז אַ שונא!

— אַ ניט־גוטער!

— סע וועט אונדז אַ כישוף אָפּטאָן!

און דער שמעטערלינג האָט געפלאַטערט אַרום דעם פייער, טאַקע ווי ער וואָלט נאָר געוואָלט אַ כישוף אָפּטאָן: אָט איז ער געפלויגן נידעריק, און נידעריקער; און אָט, האָט ער זיך גענומען הייבן העכער, און העכער, און נאָך העכער; און אָט, האָט ער זיך ווידער אַראָפּגעלאָזן ביז צו דער ערד און האָט גענומען קרייזן אַרום דעם פייער מיט אַ שווינדלדיקער שנעלקייט אַזוי, אַז ס'האָט אויסגעזען ווי אַ ליכטיק פיל־קאָלירטער פאַס שלענגלט זיך און שרויפט זיך אויף אַרויף. מיט אַמאָל האָט ער זיך אַ הייב־געטאָן הויך, הויך — אַזוי הויך, אַז מ'האָט אים קוים געקענט זען, און האָט ווי אַ פייל פון אַ בויגן אַ פלי־געטאָן גלייך אין פייער אַריין...

אַ בלענדנדיקער רעגנבויגן פון ליכט האָט אַ שאָס געטאָן צו דער הויך! עס האָט זיך דערהערט דאָס קול פון אַ מעכטיקן דונער־קנאַל; די גאַנצע ערד

האט א ציטער געטאן — די פינצטערניש האט געקראכט, געפלאצט און האט זיך צעשאטן אין א רעגן פון ליכט.

די עלטערע מענטשן, וועלכע זיינען געשטאנען פון דער וויטן און האבן מיט מורא און פארדאכט דאס אלץ צוגעזען, זיינען פון שרעק שיר ניט אומגעפאלן. ווי נאר זיי זיינען אביסל צו זיך געקומען, זיינען זיי, צעשראקענע און מיט פארדעקטע אויגן, צוריק אין הייל אריינגעלאפן און זיינען שוין מער קיינמאל ניט ארויסגעקומען צוריק.

יונגווארג אבער, האט זיך ניט דערשראקן; זיי זיינען ניט אוועקגעלאפן, — זיי זיינען געבליבן אויפן ארט.

צווערשט האט דאס פלוצלונג געקומענע ליכט זיי א בלענד געטאן אין די אויגן. אבער, צוזאמען מיט דעם בלענדנדיקן ליכט, האט א קוואליקע פרייד גענומען שלאגן אין זייער ברוסט און האט זיך אין אַ פריידיקן אויסגעשריי ארויסגעריסן:

— ליכט איז צוריקגעקומען!

— ליכט איז צוריקגעקומען!

מיט ברייט צעעפנטע אויגן און מיט א צאפלדיק הארץ האט יונגווארג געקוקט אויף דעם ברענענדיקן שמעטערלינג. זיי האבן אים באדויערט, אבער, נאך מער — באוואונדערט.

און אט ליגט ער פאר זיי א פארברענטער: כאטש א פילצאליקער, דאך — אזא קלייניקער; און כאטש אזא קליינינקער, דאך — אזא ריז!... זייער געדאנק קען גאר דעם סוף פון זיין גרויס ניט געפינען.

זיי האבן זיך מיט גרויס באוואונדערונג איבער אים איבערגעבויגן. פון זיין קערפער האט זיך איצט א רויך געשלענגלט — א ווייס־בלויער און רויט־גרינער רויך האט זיך געצויגן אויף ארויף צו די בלויע הימלען. און ווען דער רויך איז אין זייערע נאזלעכער פארקראכן, און ווי נאר זיי האבן דעם רויך דערשמעקט, האט א בענקשאפט, א טיפע און אומרואיקע בענקשאפט ארומגענומען זייערע הערצער, און אין זייערע הערצער איז א פארלאנג געבארן געווארן, — א הייסער און שטארקער פארלאנג.

זיי האבן אויפגעהייבן זייערע אויגן צו דער ווייט, און זיי האבן מיטאמאל דערפילט, אז זיי זיינען אין אט דער ליכטיקייט פון דאס ניי געבארן געווארן: זיי האבן דערזען ארום זיך א וועלט — א ברייטע, א ווייטע, א ליכטיקע וועלט.

איינער פון דער יונגוואַרג האָט זיך פאַרקוקט אין דעם הויכן בלויען הימל: ער האָט געזען דעם וואונדער פון דער ליכטיקער זון; און ביינאַכט, האָט ער זיך געטראַכט, ווען ער זיכער זען דעם וואונדער פון דעם בלייכן פּנים פון דער לבנה און פון די מיליאָסן פינקלענדיקע שטערן.

און ער האָט ווייטער געטראַכט: — ס׳קען דאָך זיין, אַז אויך דאָרטן, אויף די הויכע שטערן, זיינען פאַראַן מענטשן; אַז יענע מענטשן קוקן אַראָפּ אויף אונדזער וועלט, פּונקט ווי איך קוק אַרויף צו זייערע וועלטן... און מיט אַ בענקשאַפט אין האַרץ צו שוועבן דורך דער ענדלאָזער בלויקייט, צו דער־גרייכן צום בלייכן פּנים פון דער לבנה און צו די הויכע שטערן, האָט ער זיך געלאָזט ניין אין דער ברייטער און ליכטיקער וועלט אַריין.

אַ צווייטער פון דער יונגוואַרג האָט פאַר זיך געזען די ווייטע ליניע וואו ערד באַגעגנט זיך מיט הימל, און ער האָט זיך געפרעגט:

— וואָס קען מען זען דאָרטן, אויף יענער זייט פון דער ליניע?

און מיט אויגן אָנגעהאַנגען אָן דעם ווייטן האָריזאָנט, און מיט אַ פאַרלאַנג אין האַרץ צו אַנטדעקן נייע האָריזאָנטן, האָט ער זיך געלאָזט ניין אין דער ווייטער וועלט אַריין.

אַ דריטער פון דער יונגוואַרג האָט זיך פאַרקוקט צו דעם בלוי און גרין שטענדיק שטורעמדיקן ים, און ער האָט געזאָגט:

— געוויס זיינען פילע סודות באַהאַלטן אין אָט דער אומרואיקער טיפעניש!

און מיט אַ פאַרלאַנג צו קענען איבערשפּאַנען די שטורעמדיקע וואַסערן, און צו אַנטדעקן די סודות פון די אומרואיקע טיפענישן, האָט ער זיך געלאָזט גיין צום צעכוואַליעטן ים.

אַ פערטער פון דער יונגוואַרג האָט געפילט, ווי אַ גרויסע און ברייטע און ווייטע וועלט נעמט אים מיט וואַרעמקייט אַרום. ער האָט געזען וועלדער און פעלדער; בערג און טאָלן; קוואַלן, אָזערעס און טייכן; און ער האָט צו זיך געזאָגט:

— געוויס זיינען דאָ אויף דער ליכטיקער וועלט נאָך מענטשן פאַראַן!

און מיט אַ האַרץ פול מיט ליבע, מיט גרויסער האָפענונג און מיט טיפן גלויבן, האָט ער זיך געלאָזט אין דער גרויסער און ווייטער וועלט אַריין.

און אַזוי האָט זיך יעדער איינער פון דער יונגוואַרג אַוועקגעלאָזן אין דער וועלט: יעדער איינער פול מיט טרוימען; יעדער איינער מיט אַ פאַרלאַנג

ברענענדיק אין זיין הארץ צו בויען א ,בייערע און א שענערע וועלט וואו ס'וועלן ניט זיין קיין צוויי סארטן מענטשן: וואו אלע צוזאמען וועלן בויען און שאפן פאר אלעמען גלייך; א וועלט, וואו מענטש — וועט זיין מענטש! און וועט לעבן אין פרידן מיט די מענטשן פון דער גארער וועלט.

און דערפאר, היינט צו טאג, ווען א מענטש דערזעט נאר דעם ליכטיקן טאג, דערמאנט ער זיך אין יענעם וואונדערלעכן שמעטערלינג וואס האט זיך אין פייער געווארפן, כדי צו ברענגען ליכט אויף דער וועלט. און מען דערציילט זיך, און מע זאגט, אז:

„ווען דער רויך פון דעם פארברענטן שמעטערלינג האט זיך פארשפרייט און האט ארומגענומען די גאנצענע וועלט, איז דער שמעטערלינג צוריק לעבעדיק געווארן."

*

און אלע ווייסן, אז דער שמעטערלינג לעבט נאך ביז היינט צו טאג אין יעדן ווינקעלע פון דער וועלט, וואו מענטשן בענקען נאך ליכט. און —

ער וועט לעבן אייביק!

נחמן מייזיל

א גלגול פון א שיר

אין זיין וואונדערלעכער געשיכטע „א גלגול פון א ניגון" זאגט, צווישן אנדערן י. ל. פרץ, וועגן א ניגון: „...פלוצים דערמאנט מען זיך אַן אלטן ניגון. ער שווימט פלוצים ארויס און רייסט זיך פון מויל אראָפּ... נישט ווילנדיק, לייגט מען אין אים אריין א ניי געפיל, א נייע נשמה, און כמעט א נייער ניגון לעבט... דאס איז שויך א גלגול פון א ניגון..."

און אט, א געשיכטע מיט א גלגול פון א שיר, צו וועלכן י. ל. פרץ האט א שייכות, עס איז פארוויקלט אין דער מעשה ח. נ. ביאליק, און אויך דער יידיש־העברעאישער דיכטער שמעון גינזבורג (1944—1890).

צווישן ח. נ. ביאליקס פארשיידענע שירים פארנעמט א גאנץ באזונדער ארט דער העברעאישער שיר „איך", וואס ער האט אנגעשריבן אין 1904, אין דעם זומער־פלאַץ מראָזי, ביי ווארשע. דער שיר טיילט זיך בכלל אויס פון ביאליקס שירים מיט זיין פאָרם און אינהאלט, מיט זיין טעמאטיק. ער איז איינער פון זיינע געציילטע ליבע־לידער, וואו טיפע פארגאַפונג און באַרוישונג, טיפע ניט־אויסגעלעבטע בענקשאפט ווערן ארויסגעבראכט אויף א גאר אייגנארטיקן דיכטערישן אופן. דעמזעלבן יאר, 1903—1904, האט ח. נ. ביאליק אויסגעוויטיקט און אויסגעפיבערט זיינע צער און צאָרן־לידער „על השחיטה", „אחרי מותי", „דבר", וואס רופן זיך איבער מיט די ווארנונג־און שטראָף־לידער פון די נביאים, און האט אויך אויסגעזונגען די פריידיק־זוניקע, שטראלנדיקע שירים „עם שמש", „איך", „צפורת", „ואם ישאל המלאך."

יעקב פיכמאַן, וועלכער איז געווען נאענט צו ח. נ. ביאליק אין יענער צייט, דערציילט, ווי ביים אריבערפאָרן פון אדעס קיין ווארשע, האט ביאליק זיך שטארק געענדערט, ער האט אויפגעלעבט אין דער ווארשעווער סביבה און בעיקר — אין דער נאענטקייט פון י.ל. פרצן, דעם שטענדיק־אומרואיקן און סטימולירנדיקן. גאר באזונדערס האט אים וואוילבאקומען דאס לעבן אין מראָזי, וואו די ארו־מיקע נאטור, דער דארף און וואלד האבן אפגעפרישט און אויפגעמונטערט דעם דיכטער, וואס איז געווען אויסגעבענקט נאך זיי נאכן פארברענגען יאָרן אין שטעט. ביאליק פלעגט קומען פון מראָזי א צעשטראלטער און אויפגעלייגטער. און אט די אויפגעהייטערטע שטימונג, די פארבינדונג מיט דער נאטור, האט געעפנט אין אים פארבארגענע קוואלן פון ליבע און בענקשאפט, וואס ער האט

אזוי פרעכטיק אויסגעדריקט אין די לידער, וואס ער האט דארטן געשאפן, און וועלכע האבן טאקע די אונטער־באצייכענונג „מרוזי, סיוון, תמוז, תרס״ד.״ די צוויי שירים „איך״ און „צפורת״, ווי י. פיכמאן גיט איבער, זיינען אפקלאנגען פון רעאַלע באגעגענישן, פון מעשה שהיה׳ס (זע יעקב פיכמאן — „שירת ביאליק״, ירושלים, תש״ו)...

דער שיר „אַיך״ איז לכתחילה געדרוקט געווען אין „השלח״, תרס״ד, כרך י״ג, פון וועלכן ח. נ. ביאליק איז געווען דער ליטעראַרישער רעדאקטאר.

מיר ברענגען דעם שיר אין העברעאישן מקור, וואס לייענט זיך אזוי:

אַיֵּךְ

מִמְּקוֹם שֶׁאַתְּ נִסְתֶּרֶת שָׁם, יְחִידַת חַיַּי
וּשְׁכִינַת מַאֲוַיַּי —
הִגָּלִי־נָא וּמַהֲרִי בֹּאִי, בֹּאִי
אֵלַי מַחֲבוֹאִי;
וּבְעוֹד יֵשׁ גְּאֻלָּה לִי — צְאִי וּגְאָלִי
וּמָלְכִי עַל־גּוֹרָלִי;
וְיוֹם אֶחָד גְּזֵלַת נְעוּרַי לִי הָשִׁיבִי
וַהֲמִיתִינִי עִם־אֲבִיבִי.
וְתַחַת שְׂפָתוֹתַיִךְ יִכְבֶּה־נָא נִיצוֹצִי
וּבֵין שָׁדַיִךְ יוֹמִי אוֹצִיא.
כִּגְוֹעַ בַּעֲרֹב הַיּוֹם בֵּין פִּרְחֵי בְשָׂמִים
צִפֹּרֶת כְּרָמִים.

אַיֵּךְ?

וַאֲנִי עוֹד לֹא יָדַעְתִּי מִי וָמָה אַתְּ —
וּשְׁמֵךְ עַל־שְׂפָתַי רָעַד,
וּכְרִצְפַּת אֵשׁ בַּלֵּילוֹת עַל־מִשְׁכָּבִי
בָּעַרְתְּ בִּלְבָבִי;
וָאֵבְךְּ בִּנְדוּדֵי לֵיל, וָאֶשֹּׁךְ כָּרִי
וּלְזִכְרֵךְ כָּלָה בְשָׂרִי;
וְכָל־הַיּוֹם בֵּין אוֹתִיּוֹת הַגְּמָרָא,
בְּקֶרֶן אוֹר, בִּדְמוּת עָב בָּרָה,
בְּזַכָּה מִתְּפִלּוֹתַי וּבִטְהוֹר־הִרְהוּרַי,
בְּנֹעַם הֶגְיוֹנַי וּבִגְדָל־יִסּוּרַי —
לֹא־בִקְּשָׁה נַפְשִׁי כִּי אִם־הִגָּלוֹתֵךְ,
רַק־אוֹתָךְ, אוֹתָךְ, אוֹתָךְ...

מְרוּזִי, סִיוָן תרס״ד.

דער שיר האָט, בשעתו, ווען ער איז געווען געדרוקט, און אויך יאָרן שפּעטער, צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די לייענער און איז דורך די פאַרשיידענע ביאַליק־ביאָגראַפן און ביאַליק־פאָרשער באַטראַכט און באַהאַנדלט געוואָרן אויף פאַרשיידענע אופנים. עס איז וועגן דעם שיר פיל געשריבן געוואָרן, און ווי עס גיט איבער אין זיין ביבליאָגראַפיע־בוך דער טרייער ביאַליק־פאָרשער מ. אונגערפעלד (ח .נ. ביאליק ויצירותיו, ביבליוגרפיה לבתי הספר, תל־אביב, תש״ד), האָבן ספּעציעל וועגן דעם שיר און זיין אָרט אין ביאַליקס שאַפן געשריבן פאָלגנ־דיקע שרייבער־פאָרשער: פּ. לחובר, ז. שניאור, יוסף קלוזנער, נתן גורן, יעקב פיכמן, א. אורינובסקי, מנחם דובשני, יצחק ברקמן, שמעון גינצבורג, א. אבּ־רונין, א. אלעזרי־וואָלקני (זע זייט 50, וואו עס זיינען אָנגעגעבן גענויע ידיעות וועגן די אָפּהאַנדלונגען). און זיכער איז די רשימה ניט קיין פולע, ווייל זי נעמט ניט אַריין די יידישע און אַנדערשפּראַכיקע אַרטיקלען וועגן ביאַליקן און זיין שיר...

עס גייען אַוועק עטלעכע יאָר, און אין דער „יודישער וואָכנשריפט", וואָס איז דערשינען אין וואַרשע (אונטער דער רעדאַקציע פון י. ל. פּרץ, אין העפט צוויי, דעם 17־טן פעברואַר, 1909, ז' 29), איז אָפּגעדרוקט אַ ליד אונטערן נאָמען פון ח.נ. ביאַליק — „וואו ביסטו?". מיר ברענגען דאָס ליד ווי עס איז געדרוקט געווען, בלויז די אָרטאָגראַפיע איז געביטן אויף דער היינטצייטיקער:

ח. נ. ביאַליק

— — — — — — —

וואו ביסטו?
אָבער וואו דו זאָלסט נישט זיין,
מיין איינציקע אין לעבן,
מיין הייליקער טרוים,
אַנטפּלעק זיך, קום צו מיר!

— — — — — — — —

ווי לאַנג ס'איז נאָך צייט, קום און באַפריי!
קיניג איבער מיין לעבן!
פון מיין פאַרשוואונדענער יוגנט
קער אַ טאָג מיר צוריק,
און טויט מיך — מיט אים צוזאַמען!

— — — — — — — —

זאָל אונטער דיינס אַ קליינע צערטלעכקייט
צאַנקען מיין ליכט!
אויף דיין צאַרטער ברוסט
זאָל מיין נשמה אויסגיין שטיל

וי פארנאכט א שמעטערלינג
אויף א בלום אין פעלד...
— — — — — — —

אָ, באוויַיז דיך!
נאך איידער כ'האב געוואוסט פון דיר,
האסטו אויף מיינע ליפן געציטערט,
דיין ליכט האט אין הארץ מיר געשטראַלט...
— — — — — — —

ביינאכט, אין לאנגע פארוואגלטע נעכט
האב איך מיט טרערן מיין איינזאם געלעגער גענעצט,
נאך דיין שאטן געלעכצט!
— — — — — — —

און בייטאג — ביים ספר אין קלויז,
האב איך צווישן די שורות,
אין א שטילן ליכטיקן נעבל
דיין שטראלנדיק פנים געזען...
צו דיר האב איך, לערנענדיק, געזונגען,
דיך — מיט מיין געבעט גערופן,
און אין טיפסטן חלום צו דיר געבענקט,
צו דיר...
— — — — — — —
וואו ביסטו?

מיינט עס, אז ח. נ. ביאליק גופא האט דאס ליד איבערגעזעצט אדער איבערגעמאכט אויף יידיש? עס זעט אויס, אז ניט! גיכער איז עס פארײדישט דורך י. ל. פרץ, ווי עס איז שוין געווען דער פאַל מיט עטלעכע יאר צוריק מיט אַן אנדערער העברעאישער ביאליק־שאפונג, וואס פרץ האט עס געגעבן אין אַ פארקירצטער פארם אין יידיש (די געשיכטע מיט פרצעס פארקירצטע איבער־זעצונג פון ביאליקס „בעיר ההרגה" — אדער „משא נמירוב", האט ארויסגערופן א טומל אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט, א געוויסע אומצופרידנקייט ביי ביאליקן גופא און שארפע אנפאלן אויף פרצן מצד ד. פרישמאַן א.א.וו.). עס איז אויך אנגעגאנגען א בריוו־אויסטויש צווישן פרצן און ביאליקן (זע די בריוו פון י.ל. פרץ צו ח.נ. ביאליק אין מיין בוך „בריוו און רעדעס פון י.ל. פרץ", ניו־יארק, 1944, זייטן 221־227, זע אויך די אפהאנדלונג „י. ל. פרץ און ח. נ. ביאליק" אין מיין בוך „י. ל. פרץ און זיין דור שרייבער", ניו־יארק, 1951, זייטן 348—367).

יאָ, סיי דער סטיל, סיי דער ריטם איז מער אַ פּרציִשער ווי ביאַליקס. איך האָב אָנגעפרעגט ביים ביאַליק־פאַרשער, ביי מ. אונגערפעלד, געשיקט אים אַ קאָפּיע פון דעם ליד, ווי פאַרעפנטלעכט אין „יודישער וואכנשריפט". האָט ער מיר געענטפערט, אַז „עס איז ביי אים קיין שום ספק ניט, אַז ביאַליק האָט געזען די דאָזיקע פּרץ־איבערזעצונג, און ווײַבאַלד, אַז ער האָט עס ניט אַריינגענומען אין דער זאַמלונג לידער, וואָס ס'איז דערשינען אין יידיש אין 1913, איז זיכער, אַז עס איז אים ניט געפעלן געוואָרן די פּרץ־איבערזעצונג, ווייל עס איז אַ פרייע און עס איז ניט פאַרהיט אין דעם, ניט דער אינהאַלט און ניט די פאָרם פונעם מקור..." מ. אונגערפעלד גיט צו, אַז „ווי אייך איז באַוואוסט, איז ביאַליק אויך ניט געווען צופרידן מיט פּרצעס איבערזעצונג פון דעם שיר „בעיר ההרגה" און ער האָט עס אַליין איבערגעזעצט..." מ. אונגערפעלד שרייבט ווייטער, אַז פּרצעס יידישע איבערזעצונג פון דער שחיטה־שטאָט האָט ער געפונען אינעם ביאַליק־אַרכיוו, אָבער די איבערזעצונג פון „איך" איז אינעם אַרכיוו ניטאָ, און ער בעט מיך איך זאָל אים שיקן אַ קאָפּיע אָדער דעם אָריגינאַל פון „יודישער וואכנשריפט" פאַרן ביאַליק־אַרכיוו.

עס איז בכלל אַן אינטערעסאַנטער צוגאָב צו דער פריינדשאַפט און צו די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון פּרץ און ביאַליק, וואָס האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פּרץ־און ביאַליק־פאָרשער און אַרויסגערופן שטוינונג און פאַרגאַפונג: ווי פאַרשיידן זיינען זיי געווען פּרץ און ביאַליק! — אין עלטער, אין כאַראַקטער, אין זייערע שעפערישע זיטן, פאַרמעסטן, מעטאָדן און בכלל אין זייערע בליקן אויף יידיש, יידישקייט, פאָלק, און אויף יידישער און וועלטקולטור. פּרץ איז געווען עלטער אויף 22 יאָר פון ביאַליקן. ווען י. ל. פּרץ האָט אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן זיינע שאַפונגען (אין 1875), איז ח. נ. ביאַליק אַלט געווען קוים צוויי יאָר און סאַר אַ נאָענטשאַפט, פריינדשאַפט, ליבשאַפט און קעגנזייטיקע פאַרערונג עס האָט געהערשט צווישן זיי, — זינט 1892, ווען ביאַליק האָט געשטעלט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט, מיט זיין שיר „אל הציפור", און אַזוי אַלע שפּעטערדיקע יאָרן. וועגן דעם איז שוין פיל געשריבן געוואָרן, און אויך איך האָב באַריִרט און באַהאַנדלט עס פיל מאָל. וואָס שייך דעם יידישן טעקסט פון „איך", וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין 1909, לייגט זיך אויפן שכל, אַז ס'איז פאַרפאַסט געוואָרן דורך פּרצן גופא, און פּרץ האָט געשטעלט ביאַליקס נאָמען.

אַ סמך דערויף האָבן מיר אין פּרצעס העברעאישע בריוו צו ביאַליקן, וואָס זיינען טיף־רירנדיק און פאַרמאָגן אַזויפיל אינטימע שטעלן, פּאַטערלעכע, חברישע, און פריינדשאַפטלעכע; ערנסטע, שטראָפּעריִשע און אויך בעטנדיקע, נאָכגיביקע, וואָס מיר טרעפן זעלטן־ווען ביים שטאָלצן, זעלבסטווירדיקן פּרץ. אָבער דאָס איז אַן ענין, וואָס האָט ניט קיין דירעקטע שייכות צו אונדזער איצטיקער אַרבעט. לאָמיר בלויז ציטירן אַ פּאָר שורות פון פּרצעס בריוו צו ח.נ. ביאַליק, וועלכע קענען

באַרעכטיקן און אויפקלערן פּרצעס צוגאַנג צו ביאַליקס העברעאישן שאַפן, און זיין ווילן און באַשלוס זיי איבערצוזעצן און צוטראָגן דעם יידישן מאַסן־לייענער. אין אַ העברעאישן בריוו פון 31־טן יאַנואַר, 1906, שרייבט, צווישן אַנדערן, י. ל. פּרץ, אַז ער האָט מקצר געווען די איבערזעצונג פון „משא נמירוב", „ווייל דער אונטערשייד צווישן מיר און אייך איז זייער גרויס. איר אַרבעט מיט אייזערנע שטאַנגען, און איך — מיט קרישלדיקן שטיין. די נביאישע שפּראַך אַליין, די שטאַרקע און שטייפע, ראַטעוועט אייך די שוואַכערע ערטער; דאָס וואָס אונדזער מאַמע־לשון קאָן נישט און וועט עס קיינמאָל נישט באַווייזן..."

אינעם בריוו טיילט־מיט פּרץ אין אַן ערנסטן און גוטברודערישן טאָן, אַז ער זעצט איבער זיין, ביאַליקס, פּאָעמע „מגילת האש", און ער שרייבט: „איך בעט ביי אייך קיין דערלויבניש נישט, ווייל איך גלויב נישט אין די מאָראַלישע רעכט פון אַ מחבר אויף זיין שאַפונג צו איבערזעצן."

וועלן מיר מער ניט מאריך זיין, און זיך אומקערן צום „גלגול פון אַ שיר" און גיין ווייטער. דער ביאַליק־שיר „אַיך" איז דערשינען אין אַ יאָר אַרום, פעברואַר, 1910, אינעם זשורנאַל „לעבן און וויסנשאַפט" (ווילנע, רעד. ש. הורוויץ — אַ. ליטווין, העפט 8, ז' 6), אונטערן נאָמען פון ח. נ. ביאַליק, און לסוף פון דער איבערזעצונג איז אָנגעגעבן — „פון העברעאיש — שמעון גינצבורג." מיר ברענגען דאָס ליד וואָרט אין וואָרט, בלויז די אָרטאָגראַפיע איז געענדערט אויף דער הײַנטצייטיקער.

ח. נ. ביאַליק

וואו ביסטו?

פון דאָרטן, וואו דו ביסט, מיין איינציקע באַשערטע
און שכינה פון מיין טרוים, געגלוסטע און באַגערטע, —
אַנטפּלעק זיך שוין און קום, און קום געשווינד פון דאָרט
אין מיין באַהאַלטן אָרט;
און כל זמן ס'איז נאָך צייט, — קום מיר אַ תיקון געבן
און קעניג אויף מיין לעבן;
און גיב מיר מיין געראַבטע יוגנט הײַנט צוריק —
און ברענג מיך אום צוזאַמען מיט מיין גליק.
און אונטער דיינע ליפּן זאָל מיין פונק דערגליען
און לאָמיך צווישן דיינע בריסט מיין טאָג דערציען.
ווי צוגעטוליעט פעסט צום בלומענשויס
אַ שמעטערלינג פאַרנאַכט גייט אויס.

וואו ביסטו?

אז דו ביסט נאך געווען א ווייטע אומבאקאנטע —
שוין פלעגן רופן דיך די ליפן די צעברענטע;
און מיין געלעגער האסטו גאנצע נעכט געהיט,
און ווי א פייער־קויל ביי מיר אין הארץ געגליט.
און כ'האב געוויינט ביינאכט, מיין קישן שטיל געביסן,
און ס'האט מיין לייב געשמאכט און זיך צו דיר געריסן;
און אויף דער ברייטער גמרא גאנצע טעג פארטרוימט,
אין וואלקנדל מיט גאלד באזוימט,
אין לויטערסטן געבעט, אין מיינע דינסטע פריידן
און אין די הייליקסטע פון מיינע ליידן, —
האב איך נאר איינס געגארט, נאר איינס פארלאנגט האב איך:
נאר דיך, נאר דיך, נאר דיך...

פון העברעאיש שמעון גינצבורג

דאס דאזיקע ליד איז דערנאך ארייגענומען געווארן דורך י. י. שווארץ אין דער זאמלונג זיינער פון ח. נ. ביאליקס „לידער און פאעמען", אריגינעלע און איבערגעזעצטע, וואס איז צוערשט דערשינען אין ווארשע אין 1913, און דערנאך דערשינען אין נייע אויפלאגעס. פאר אונדז ליגט די אויסגאבע פון 1935, און דאס ליד „וואו ביסטו" אין ש. גינצבורגס איבערזעצונג איז פארעפנטלעכט מיט אייניקע קליינע סטיליסטישע ענדערונגען:

שורה	10	—	און לאמיך אויף דיין ברוסט מיין טאג דערציען
—	14	—	גערופן האבן דיך די ליפן די צעברענטע;
—	17	—	איך האב געוויינט דורך נעכט, מיין קישן שטיל געביסן,
—	23	—	האב איך נאר איינס געגארט, נאר איינס געזוכט האב איך:

ווען און דורך־וועמען אט די קליינע אויסבעסערונגען זיינען געמאכט געווארן — דורך ש. גינצבורג אדער דורך י. י. שווארץ — ווייס איך ניט.

ביים פארגלייכן די ביידע איבערזעצונגען מיטן העברעאישן מקור, זעט מען דעם גרויסן אונטערשייד פון די צוויי דיכטער־איבערזעצער. וואס דער ערשטער, י. ל. פרץ, האט ארויסגעבראכט דעם תמצית, געווען געפירט און גע־שטויסן פונעם אייגענעם אימפעט, אנגעשלאגן אייגענע, אייגנארטיקע טענער, געגאנגען מיטן אייגענעם גאנג און ריטם, ווען דער צווייטער, ש. גינצבורג, האט זיך געהאלטן פעסט ביים טעקסט און טריי געווען צו די ווערטער־אויסדרוקן פונעם העברעאישן אריגינאל. בקיצור, ס'איז דא א מהלך צווישן די ביידע יידישע איבערזעצונגען, עס זיינען אנדערע גלגולים פון דעם שיר. זיכער, וועט איינעם מער געפעלן די פרצישע שורות, און א צווייטער וועט הנאה האבן פון גינצבורגס דיכטערישע שורות, וואס זיינען נאענט צום שיר גופא.

ווען מיר איצט ניט אריינגיין אין א וויכוח, — עס איז בכלל א הארבע און פאראויקלטע פראבלעם, — די פראגע וועגן איבערזעצן, איבערדיכטן פאעטישע שאפונגען פון איין שפראך אויף א צווייטער. וועגן דעם איז שוין פיל געשריבן געווארן אין פארשיידענע שפראכן, און אויך אין יידיש. יעדער דיכטער האט שוין געהאט צו „זינגען און צו זאגן" אין דער־אָ פראגע, און ניט ווייניק הייס בלוט האבן ארויסגערופן אין דער ליטעראַרישער וועלט איבערזעצונגען־איבערדיכטונגען פון פאעטישע שאפונגען...

מיר האבן געוואלט בלויז דערציילן איינע א געשיכטע פון א גלגול פון א שיר, אין וועלכן עס זיינען פאראויקלט ח. נ. ביאליק, י. ל. פרץ און שמעון גינצבורג.

יוני 1965 אלונים, ביי חיפה

עזרא להד

ה. לייוויקס דראמאטישע ווערק אין העברעאישן טעאטער

איינער פון די ניסים פון אונדזער קולטור־רענעסאנס איז דער אויפקום פון „הבימה" אין דער תקופה פון דער רעוואלוציע אין רוסלאנד. לאמיר אבער דערביי ניט פארגעסן, אז אויסער דער התלהבות פון א גרופע יונגע און ענטוזיאסטישע מיידלעך און בחורים, איז געווען נייטיק א געהעריקער רעפערטואר וועלכער זאל דערמעגלעכן דעם ענטוזיאזם, פארוואנדלען אין א יש מאין.

קיין אריגינעלער רעפערטואר אין עברית איז ניט געווען בנמצא. דעריבער איז געווען נאטירלעך אז די „הבימה" זאל זיך ווענדן צו דער שוועסטער־ליטעראטור, דער ליטעראטור אין יידיש, וועלכע האט זיך אין די ערשטע יארן נאך דער רעוואלוציע געפונען אין א כסדרדיקן אויפשטייג און בלי.

נאך אנסקיס „דיבוק" און דוד פינסקיס „דער אייביקער ייד", האט די „הבימה" אויפגעפירט לייוויקס „גולם" — זעענדיק אין דעם א לאגישן המשך פון די פריערדיקע צוויי פארשטעלונגען. די אויפפירונג פונעם „גולם" האט אפגעראטעוועט דעם יונגן טעאטער פון פאנאנדערפאל, צוליב אינעווייניקסטע סיבות האבן א טייל מיטגלידער (מנחם גנעסין, משה הלוי, שושנה אביבית און אנדערע) פארלאזן דעם „הבימה" קאלעקטיוו, און עס האט געהאלטן דערביי אז איר גרינדערס — נחום צמחס — חלום זאל צעשוואומען ווערן. די ארבעט איבערן „גולם" מיטן רעזשיסאר ווערשילאוו — סטאניסלאווסקיס א תלמיד — האט דעם יונגן קאלעקטיוו געגעבן די מעגלעכקייט צו קאנסאלידירן זיינע כוחות אויף דאס ניי.

אין דער שטיקנדער אטמאספער פון כסדרדיקע נגישות וועלכע די „הבימה" האט געהאט אויסצושטיין, סאי פון דער יעווסעקציע, און סאי מצד אירע שותפים אין די צענטראלע קולטור־ארגאנען אין מאסקווע, האט מען געדארפט האבן א סך מוט אויפצופירן לייוויקס דראמאטישע פאעמע. תנחום׳ס רוף: „מי יציל?" — ווער וועט דערלייזן דאס געפייניקטע יידישע פאלק, און דער טיפער גלויבן אז דאס פאלק וועט אויסגעלייזט ווערן נאר דורך זיך אליין — דאס זיינען געווען געדאנקען וועלכע האבן לגמרי ניט געשטימט מיט דער „ליניע" און אן אפיקורסות צו דער יעווסעקישער אידעאלאגיע.

דערפאר האבן אויך די מאסקווער טעאטער־קריטיקער זיך באצויגן קאלט צום אינהאלט און צו דער גרונט־אידייע פונעם „גולם". זיי האבן אבער ניט געקענט איגנארירן די דערגרייכונגען פון די „הבימה" אקטיארן אין זייערע ראלן. דער טעאטער־רעצענזענט אין „נאווי זריטעל" — מ. זאגורסקי, האט זיין ארטיקל וועגן דער „גולם" אויפפירונג באטיטלט: „א טראגעדיע פון א דערפאלג".

נאכן פארנייינען דעם געדאנק פון „גולם", וועלכער איז אין זיינע אויגן „קינדיש, נאיוו און לעכערלעך", שרייבט ער: „עס פילט זיך דער חותם פון שוישפילערישער קולטור, אנהייבנדיק מיט די הויפטראלן און ענדיקנדיק מיט די מאסן סצענעס". ער באוואונדערט דאס שפילן פון פריידקינען אין דער ראל פונעם מהר"ל, ראווינא אלס משיח, און בערטאנאוו אלס טאדעאוש, ועל כולם — מעסקינען אין דער ראל פונעם גולם, און ענדיקט מיט די ווערטער: „מיר באוואונדערן דעם רייכטום פון שוישפילערישע כוחות וועלכע האבן זיך אנטפלעקט אין „הבימה".

אן אנגעגעמע איבערראשונג פאר די יונגע „הבימה" אקטיארן איז געווען לייוויק'ס באזוך אין מאסקווע און די פייערלעכע „גולם" פארשטעלונג לכבוד אים, דעם 25.12.1925. בנימין טשעמערינסקי דערציילט אין זיינע זכרונות ווי גרויס עס איז געווען די אויפרעגונג פון די אקטיארן בשעת לייוויקס באזוך. אויף מארגן נאך דער פארשטעלונג, שרייבט טשעמערינסקי, האט ער געבראכט לייוויקן א מתנה — א פאטאגראפיע פון מחבר מיט טשעמערינסקין אלס דער מהר"ל, און מיט מעסקינען אלס גולם. לייוויק האט אנגעקוקט דאס בילד און געזאגט צו זיינע היימישע: „נו, וואס זאגט איר? דריי גולמ"ס, איא?"

אנהויב 1926, ווען די „הבימה" האט פארלאזן דעם ראטן־פארבאנד און אפגעהאלטן איר ערשטן טריאומפאלן טור איבער לעטלאנד, ליטע, פוילן, דייטשלאנד און עסטרייך, איז דער „גולם" אומעטום אויפגענומען געווארן מיט גרויס ענטוזיאזם און דערפאלג. אין 1928, בשעת „הבימה" איז געקומען אויף איר ערשטן באזוך קיין ארץ־ישראל, איז אויך דא דער דערפאלג פון „גולם" געווען זייער א גרויסער. צום דערפאלג פון „גולם" דארף מען צוגעבן, אז מילנער'ס ניגון „הבה נגילה", ספעציעל געשריבן פון אים פאר דער פארשטעלונג, איז שוין פון לאנג געווארן א פאלקס־ליד און ס'דאכט זיך אז גאר ווייניק ווייסן וועגן זיין אריגינעלן אפשטאם.

אין יאר 1931, בשעת „הבימה" איז געקומען צום צווייטן מאל קיין ארץ־ישראל, דאס מאל שוין אויף שטענדיק, האט טשעמערינסקי אויפגעפירט לייוויק'ס דראמע „קייטן" (פרעמיערע דעם 16.12.1931).

אין „קייטן", א דראמע פון ארעסטאנטן לעבן אין ווייטן סיביר, האט לייוויק ווידער געוואלט ברענגען צום אויסדרוק זיין עטיש־פילאזאפישן צוגאנג

צו מענטש און וועלט. כאָטש די אַקציע שפּילט זיך אָפּ אין אַ רעאַליסטישער ראַם, ערגעץ אין אַ העק, איז דאָך איר אידייע אַן אוניווערסאַלע, ס׳איז די אידייע פון אייביקן קאַמף צווישן לעבן און טויט. די וועלט פאָדערט אַ שינוי, אירע פירערצן און מנהגים מוזן זיך בייטן. ווער אָבער האָט געגעבן דאָס רעכט די פירער צו מקריב זיין זייער מענטשלעכע לעבנס פאַר זייערע אידייען, אָדער אפילו מקריב זיין זיך אַליין? — דאָס איז דער הויפּט געדאַנק פון „קייטן״.

טשעמערינסקי האָט געוואָלט אין דעם גייסט רעזשיסירן די פּיעסע, אָבער פאַקטיש האָט זיך באַקומען עפּעס אַנדערש, ווען די שוישפּילערישע עלע־מענטן פון די קרימינעלע אַרעסטאַנטן האָבן גובר געווען די אַנדערע.

עס איז געווען טשעמערינסקיס ערשטע רעזשיסאָרישע אַרבעט און ער האָט אין איר אַריינגעלייגט אַ סך מי כדי אויסצופורעמען די געשטאַלטן פון לייוויקס דראַמע. די אויפפירונג האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, און איז איינע פון די געציילטע פּיעסן וועלכע איז געבליבן אין „הבימה״ רעפּערטואַר ביז מיט אייניקע יאָר צוריק.

דער דערפאָלג איז געווען גרויס, דער עיקר, צוליב דער גלענצנדער שפּיל פון צוויי אַקטיאָרן: בערטאַנאָוו — דער זיידע, און מעסקין — זאַזולי. צו זיי איז צוגעקומען אַ דריטער — קליאַטשקין אַלס קאַבערעזניקאָוו, און עס איז געשען אַ זאַך וועלכע טרעפט זיך אין טעאַטער: דער דריילינג האָט „צוגעגנבעט״ די פאַרשטעלונג פון די הויפּט סאָליסטן און פון די כוונות פון מחבר און פון רעזשיסער אינאיינעם.

אין זכרון פון די טעאַטער־באַזוכער וועט אַלעמאָל בלייבן דער „זיידע״ (בערטאַנאָוו), בשעת ער לייענט פאַר דאָס בריוועלע פון זיין אייניקל אַנושקאַ, און „זאַזולי״ (מעסקין), טאַנצנדיק דעם קייטן־טאַנץ. טשעמערינסקי שרייבט אין זיינע זכרונות: „די סצענע צווישן מעסקין—קליאַטשקין האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דעם לעבעדיקן פּולס אין דער שטיקנדיקער אַטמאָספערע פון תפיסה־קאַמער. איבערהויפּט ווען צו זיי האָט זיך אַנגעשלאָסן דער דריטער, דער אַלטער קרימינעלער אַרעסטאַנט, דער זיידע פון קאַמער — בערטאַנאָוו, האָט זיך די סצענע פאַרוואַנדלט אין דעם צענטראַלן פּונקט פון דער פאַרשטעלונג. עס האָט זיך געשאַפן אַ דריילינג פון גאָטס גענאַד וואָס האָט צוגעצויגן די אויפ־מערקזאַמקייט און צוגעשמידט דאָס אויג צו יעדער באַוועגונג זייערער. צו די העכסטע שטאַפּלען פון אַרטיסטישער שפּיל איז בערטאַנאָוו דערגאַנגען בשעת דער זיידע האָט אַנגעהויבן פאַרלייענען דאָס בריוול פון זיין אייניקל „אַנושקאַ״.

יצחק נאָרמאַן, דער טעאַטער־קריטיקער פון ליטעראַרישן וואָכנבלאַט „כתובים״, האָט געשריבן: „דעם ערשטן אָרט אין דער אויספירונג פאַרנעמט בערטאַנאָוו, וועלכער שפּילט אָן קיין שום אָנשטרענגונג און איז כמעט אויס־

געצייכנט. זיינע רעפליקעס זיינען הארמאניש פארבונדן מיט דער געשטאלט. אויף אים איגגאנצן ליגט אויסגעגאסן א שנירל פון חן און פאעזיע און א טראפן מענטשלעכקייט, א מין ואהבת לרעך כמוך... מעסקין איז אריגינעל און זייגט ארויס פון דער ראל אלץ וואס עס לאזט זיך. איר זעט פאר אייערע אויגן א ריזיקן כוליגאן וועלכער האט איינגעזאפט בלוט און מארד, און אויב די בלום פון מדבר איז דער פעלז, איז פאר אים די בלום פון דער שטאט די תפיסה. זיין קייטן־טאנץ מיט די שווערע טריט טרייסלט אויף. אבער אויב עס איז גרינג צו שפילן אין קארטן, זיך קראצן אין פלייצע און קושן די פאדעשווע, איז עס טויזנט מאל שווערער אויסצופירן א ראל פון א פאליטישן פירער. אין פינקעלס ראל איז ניטא קיין ארט פאר אימפראוויזאציעס און קונצן, דערפאר מוז איך אים פארטיידיקן... פינקעל האט געקעמפט צווישן דעקלאמאציע און שפיל און איז בדרך כלל ארויס בשלום..."

אין 1935 איז געקומען קיין ארץ־ישראל אלס א פליט פון דייטשלאנד א יונגער רעזשיסער — ליאפאלד לינדבערג. ער האט זיך פארבונדן מיט „הבימה" און אויפגעפירט פיר פיעסן, פון וועלכע די לעצטע איז געווען לייוויקס דראמאטישע פאעמע „דער גולם חלומט" (די פרעמיערע דעם 11.8.1935).

„דער גולם חלומט", אדער ווי די פאעמע הייסט אין אריגינאל — „די גאולה־קאמעדיע", שפינט ווייטער דעם פאדעם פון דער משיחיש־סאציאלער אידייע פונעם „גולם". אויך דא זיינען די געשטאלטן סימבאליש. דער המשך פון דעם גולמ׳ס חלום, זיין אויפוואכן כדי צו ברענגען משיחן. דער קאמף צווישן די משיחים און זייער קאמף קעגן המון, איז אוניווערסאלער און ווייניקער געבונדן מיטן יידישן לעגענדארן שטאף פון אלטן פראג.

לינדבערגס אינטערעסאנטע סצענישע קאנצעפציע, און די פערזענלעכע דערגרייכונגען פון א צאל שוישפילער, האבן ניט געהאלפן. די פיעסע איז נאך 37 פארשטעלונגען אראפ פון דער בינע. גרשון חנוך, דער לאנגיאריקער רעדאקטאר פון טעאטער־זשורנאל „במה", ווייזט אן, אז די סיבה איז געלעגן אין דעם וואס — „די זאך לאזט זיך ניט שפילן ווי עס לאזט זיך לייענען. ס׳איז מעגלעך, אז לינדבערג האט מיט אלע זיינע פעאיקייטן ניט געפונען דעם ריכטיקן טאן פאר דער דראמאטיש־לירישער פאעמע. דעם גולמ׳ס חלום האט אפשר באדארפט אן אנדער אינטערפרעטאציע, א ווייניקער רעאליסטישע, ווי זי איז געגעבן געווארן דורכן רעזשיסער..."

נאך איין פיעסע לייוויק׳ס האט „הבימה" אויפגעפירט אונטער טשעמע־רינסקיס רעזשי: „מי האיש?" („ווער איז ער?"), פרעמיערע דעם 7.8.1939. עס איז א צייט־פיעסע, וועלכע פארנעמט זיך מיטן אנגעווייטיקטן פראבלעם פון אסימילאציע און אנטלויפן פון אייגענעם פאלק. אויך די פיעסע, מיט איר

אַקטועלן אינהאַלט און פּינקעלס פּרעכטיקער קרעאַציע פון פּראָפעסאָר שעלינג, האָט ניט געהאַט קיין אריכת־ימים און איז נאָך 17 פאָרשטעלונגען אַראָפּ פון די בינע־ברעטער. די הויפּט סיבה דאַרף מען זוכן אַט וואו:

צוויי וואָכן פריער איז פאָרגעקומען די פּרעמיערע פון יעקב גאָרדינס „מירעלע אפרת", מיט חנה ראָווינאַ אין דער הויפּט־ראָל. „מירעלע אפרת", וועלכע האָט געוויזן ראָווינאַן אין איינער פון אירע קרוין־ראָלן, האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע טעאַטער־פּובליקום פון דעם דעמאָלט קליינעם יישוב, און אַלע אַנדערע פאָרשטעלונגען האָבן געפּוסטעוועט.

חוץ דער „הבימה" האָט אויך דער „אהל" אין זיין רעפּערטואַר אויפגעפירט צוויי לייוויק׳ס פּיעסן: די ערשטע איז געווען „שאָפּ", רעזשיסירט פון משה הלוי, אויף אַ רעאַליסטישן שטייגער און לויט די בעסטע טראַדיציעס פון דער סטאַניסלאַווסקי־שול (פּרעמיערע — 13.7.1932), ס׳האָט זיך באַקומען אַ געלונגענע אַנסאַמבל־אויפפירונג אין וועלכער ס׳האָבן זיך אויסגעטיילט מאיר מרגלית, יהודה גבאי און זאב ברבן. אַ גרויסן צושטייער צום דערפאָלג פון „שאָפּ" האָבן צוגעגעבן די דעקאָראַציעס פונעם מאָלער מנחם שמידט (שמי).

די צווייטע לייוויק — אויפפירונג אין „אהל" פון משה הלוי׳ן, איז געווען „סדום", (פּרעמיערע דעם 6.5.1939), די אויפפירונג איז דורכגעפאַלן.

הלוי דערציילט אין זיינע זכרונות: „...„סדום" איז ניט קיין בפירושדיקע תנכישע דראַמע. זי איז געשאַפן געוואָרן אונטערן איינדרוק פון די היטלעריסטישע רציחות, און די תנ״ך האַנדלונג איז נאָר געווען אַן אַלעגאָריע פון דער ביטערער ווירקלעכקייט. אין לויף פון דער אַרבעט איבער דער פּיעסע בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער אינהאַלט און די פאָרם פון תנ״ך זיינען ניט סובל קיין אַקטואַליזאַציעס, להבדיל פון מאָדערניזאַציעס אין קינסטלערישן זין. אַלס רעזולטאַט האָט זיך באַקומען אַ סתירה צווישן דער רעזשי און דער דראַמע, און די פאָרשטעלונג איז ניט געלונגען..."

די טעאַטער־קריטיק האָט געהאַט טענות צו הלוי׳ן, אַז די פאָרשטעלונג איז אַן איבערחזרונג פון „יעקב ורחל" — אַ תנ״ך־פּיעסע פון „אהל׳ס" ערשטע אויפפירונגען. די איבערחזרונג אַליין איז ניט פּסול, אָבער זי „צעשטערט די שטרעבונגען פון „אהל" אין דער לעצטער צייט, — צו אַנטוויקלען דאָס אינדיווידועלע שפּילן אין דער קאָנצענטרירטער אויפפאַסונג פונעם איינציקן אַקטיאָר, אין דער באַגלייטונג פון דונערן און בליצן". „לייוויק׳ס „סדום" האָט געהאַט אין זיך אַן אַ שיר רייץ, שרייבט נ. בן־אשר אין „במעלה". פון איין זייט תנ״ך־שטאָף וועלכער אָטעמט מיט אַ טראַגישן צאָרן, און פון דער אַנדער זייט פאַרכאַפּנדיקע אַקטואַליטעט, די געשטאַלטיקונג פון היינטצייטיקן

סדום, סימבאל פון גרויליקע צייטן... אבער דער רייץ וועלכן עס האט געהאט „סדום" בעתן לייענען לייוויק'ס ווערק, האט ניט באקומען זיין תיקון אויף דער בינע, עס איז א גרויסער מהלך צווישן דעם געלייענטן און דעם געזעענעם..."

סומירנדיק, קען מען זאגן אז הלויס פעלערהאפטער צוגאנג צו דער דראמע, די ניט־געלונגענע באארבעטונג פון א בוך־דראמע אין א בינע־דראמע, איז געווען דער הויפט־גורם פונעם דורכפאל.

לאמיר אויך דערמאנען, אז „הירש לעקערט" איז אויפגעפירט געווארן דורך דעם אמאטארן־קרייז פון קיבוץ אשדות יעקב, אין משה באסאקס איבער־זעצונג.

ווי מיר זעען, האט מען קיין סך לייוויקס דראמאטישע ווערק אין העברעאישן טעאטער ניט אויפגעפירט, אבער די השפעה פון לייוויקן אויפן העברעאישן טעאטער איז אין א געוויסן פעריאד געווען זייער גרויס. א טעאטער פארשער *) האט זיך אזוי אויסגעדריקט וועגן דעם אין 1942:

„אין לייוויקן דעם דיכטער און דראמאטיקער האט די העברעאישע בינע געפונען איינעם פון די שעפער פון פאעטישער וויזיע. לייוויק האט געבראכט צום אויסדרוק די מיסטעריעזע גלוסטענישן צו גאולה („גולם" — „דער גולם חלומט"); ער האט געבראכט צום אויסדרוק די ליידן פון ארבעטער־קלאס („שאפ"); די כוחות וועלכע קעמפן פארן תיקון פון מענטש און וועלט („קייטן"); ער האט געפונען ווערטער אויסצודריקן די ליידן פונעם מאדערנעם ייד און מענטש („ווער איז ער?") און האט זיך אויך געצויגן צום תנ"ך־מאטיוו („סדום")".

די דאזיקע ווערטער זיינען געשריבן געווארן מיט איבער 20 יאר צוריק. דורך דער צייט האבן זיך א סך זאכן געביטן אויף דער העברעאישער בינע. מיר האבן די לעצטע 20 יאר געזען א גרויסן אויפשטייג, אבער אויך א סך רעגרעסיווע טריט. איינער פון די בולטסטע צוריקגאנג אין רעפערטואר איז געווען דער גורם אז מער האט מען לייוויקס דראמעס ניט אויפגעפירט.

אין לייוויקס ליטערארישער ירושה זיינען דא אן ערך 20 דראמעס און דראמאטישע פאעמעס. מער ווי איינע פון זיי איז אוודאי ראוי אויפגעפירט צו ווערן: „מהר"ם פון ראטענבורג", „די חתונה אין פערנוואלד" און נאך א סך אנדערע ווארטן אויף זייער סצענישן תיקון אין מאדערנעם העברעאישן טעאטער.

---

*) זע משה ברונזפט: „הדרמטורגיה בתיאטרון העברי", „גזית" מג—מח, 1942.

✶

צום סוף ווילן מיר צוגעבן א ביבליאגראפישע רשימה פון לייוויקס דראמאטישע ווערק וועלכע זיינען דערשינען אין בוך פארם אין עברית.

1. בכלא, מערכה אחרונה מהדרמה „הירש לקרט”. עברית: נ.ג. „במעלה”, חוב׳ 8, י״ט אייר, תרצ״ז — 1937.

2. הירש לקרט, פואימה דרמטית בשש תמונות. עברית: משה בסוק, תל־אביב, הוצ׳ הקיבוץ המאוחד, תש״ד 1944, 100 ז״ז מיט אַן אריינפיר און דערקלערונגען פון איבערזעצער.

3. הגולם, פואימה דרמטית בשמונה תמונות. עברית: א.ז. בן־ישי. אין בוך: „חזיוני גאולה”, טרילוגיה מאת ה. לייוויק, מיט א הקדמה פון מחבר און אַן אריינפיר פון דב סדן, ירושלים, מוסד ביאליק, תש״ז 1957, ז״ז 3—172.

4. חלום הגולם — פואימה דרמטית ב־י״א תמונות. עברית: אברהם שלונסקי. אין זעלבן בוך ז״ז 173—314. די ערשטע סצענע געווען געדרוקט פריער אין „במה” חוב׳ ז׳ זייטן 6—15.

5. כבלי המשיח, פואימה דרמטית בתמונה אחת. עברית: א.ז. בן־ישי.

6. העקדה, קטע מהתמונה הרביעית. עברית: י.מ. סברדליק, „דבר”, מוסף לשבתות ומועדים, ג׳ חשון תרצ״ח.

✶

שׂמחה האַמבורג

האווקא

(אַ מעשׂה פאַר גרויס און קליין)

דאָס איז געווען אַ גרויסע הינטיכע פון אַ געמישטן פּלאַד. דער פויער וואָס האָט געוואוינט אויף דעם וועג צווישן קאַרטשעוו און גער, לענג אויס דער ווייסל, האָט זי באַקומען גלייך נאָך זיין חתונה. ער האָט זיך גענויטיקט אין אַ שומר וואָס זאָל היטן זיין הויז פון וואַנדערער וואָס פּלעגן דורכגיין לענג אויס דעם וועג. איז האווקא געוואָרן אַ מיטגליד פון דער פאַמיליע, און מיט אַ פינף יאָר שפּעטער — אַ גלייכע יחסנטע צוזאַמען מיט די פיר קינדער אין הויז.

דער פויער האָט אויף איר געקוקט ווי אויף אַן אָרעמער קרובה וואָס מוז טאָן אַלץ וואָס מען הייסט איר. זי האָט זיך אָבער ניט געקענט באַקלאָגן אויף איר גורל, ווייל זי האָט געוואוסט אַז מען האָט זי ליב. מען פלעגט אַמאָל אויף איר אָנשרייען, געבן אַ קלאַפּ. נו, האָט מען דאָך אויך אויף די קינדער אָנגעשריען, און אַמאָל טאַקע אַ קלאַפּ געטאָן אויך זיי. אמת איז, אַז האווקא האָט אַריינגעכאַפּט מער קלעפּ ווי די קינדער, ווייל אַז דער פויער האָט געהאַט אַ שלעכטן טאָג, ניט פאַרקויפט דאָס גרינצייג וואָס ער האָט געפירט אין שטאָט, האָט ער געהאַט אויף וועמען די שולד אַרויפצוּוואַרפן; אָדער, אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריגעריי אין שטוב, איז עס ווידער אַמאָל אויסגעגאַנגען צו האווקאַס קאָפּ.

זי האָט ליב געהאַט שלום־בית. גלייך ווי זי וואָלט געהאַט אַ מענטשלעכן פאַרשטאַנד, פלעגט זי זיך אַריינמישן אין אַ משפּחה־קריגעריי. ווען דאָס פאַר־פאָלק פלעגט זיך נעמען קריגן, פלעגט האווקא אָנהויבן וויינען מיט אַ שטילן קול און זיך נעמען פּלאָנטערן דעם פאַר־פאָלק אונטער די פיס, ביז זי פלעגט אַריינכאַפּן אַזאַ פאַרציע קלעפּ, וואָס איז גענוג געווען פאַר דעם פּאָרל אויסצוגיסן דעם כעס אויף איר קאָפּ.

האווקא איז געווען אַ גוטע הויז־היטערן. זי האָט געהאַט כּוח און דרייסטקייט צו באַקעמפן עטלעכע אָנפאַלערס מיט אַמאָל.

אַמבעסטן האָט זי ליב געהאַט צו פאַרנעמען זיך מיט די קינדער: אַכטונג געבן אויף זיי, שיצן זיי און זיך שפּילן מיט זיי; זי איז צו זיי געווען געטרייער

און געדולדיקער ווי א מאמע. די קינדער פלעגן אויף איר ארומרייטן ווי אויף א פערד, און אין שפיל טאקע איר געבן א פאר קלעפּ אויך. האווקא פלעגט אלץ אויפנעמען מיט ליבע, ווי להבדיל א פארשטענדיקער מענטש: וואס ווייסן קינדער?

איין מאל אין יאר האט מען איר, צוליב א קרעמערישן צוועק, דערלויבט צו ווערן א מוטער. ווען אירע הינטעלעך פלעגן פארקויפט ווערן פלעגט זי זיך פארקלייבן אין א ווינקל און קלאגן אין דער שטיל, ווי א צעווייטיקטע מאמע ביי וועלכער מ׳האט די קינדער אוועקגעריסן. וואכן־לאנג נאך דעם פלעגט זי זיך שפּילן מיט די קינדער פון איר באלעבאס און אכטונג געבן אויף זיי מיט דער זעלבער איבערגעבנקייט ווי פריער, נאר אין אירע אויגן האט זיך געמערקט א מין צער, א טרייסטלאזער צער, וואס יעדער פילבארער מענטש האט געקענט זען.

יענעם יאר, אין פרילינג, האבן די שטארקע רעגנס גרויס שאדן אנגעטאן אויף די וועגן און אוממעגלעך געמאכט צו פארן אויף זיי. די וועגן זיינען אין שטייענדיקע בלאטעס פארוואנדלט געווארן און מ׳האט אויף זיי קיין לעבעדיקן מענטש ניט געזען. איז דער ארעמער פויער געבליבן אָן פרנסה — ניט געקענט פארן עפּעס פארקויפן אין שטאט. דערצו נאך האט זיך דער וואגן צעבראכן, געבליבן שטעקן אין א טיפער בלאטע. האט אין הויז זיך אנגעהויבן פילן די נויט, ס׳האט אנגעהויבן אויספעלן דאס וויכטיקסטע — ברויט.

שפּעטער, ווען די זון האט אנגעהויבן אויסטריקענען די בלאטעס, איז די ערשטע זארג געווען: וואו נעמט מען געלט צו פארריכטן דעם צעבראכענעם וואגן? די איינציקע האפנונג האט מען געלייגט אויף די קליינע הינטעלעך, וואס האווקא האט דעמאלט געבוירן: אפשר וועט עמיצער קומען זיי קויפן. האט מען זיך אויסגעקוקט די אויגן, אבער קיינער איז ניט געקומען אויף די וועגן.

איינמאל האט זיך באוויזן א יעגער אויפן וועג, — א הייכער ברייט־פּלייציקער דייטש, אנגעטאן אין פארביקע קליידער, מיט הייכע שטיוול אויף די פיס און מיט א ביקס אויף דער פּלייצע. פון זיין פארברוינטן פּנים, ארומגע־נומען מיט א רויט בערדל, האבן ארויסגעבליצט שארפע, ווילדע און ליידנשאפט־לעכע אויגן, וועלכע האבן עדות געזאגט אז ער האט הנאה פון נוצן זיין ביקס.

האווקא, ארומגערינגלט מיט די הינטעלעך וואס האבן זיך געשפּילט ארום איר, איז געווען צוגעבונדן צו א בוים מיט א גרויסער קייט. זי האט באגעגנט דעם יעגער מיט א כריפּנדיקער בילעריי, ארויסשטעלנדיק דערביי אירע לאנגע שטארקע ציין, — אפשר דערפאר וואס ער איז געגאנגען צו דרייסט, אונטער־פייפנדיק א פריילעך לידל; און אפשר דערפאר, וואס זי האט אין אים דערשמעקט דעם מערדער פון לעבעדיקע באשעפענישן.

דערזעענדיק האװקאס צאָרן, איר רײסן זיך פון דער קײט געגן אים, האט זיך דער יעגער אפגעשטעלט און באװאונדערט די גרויסע, בײזע הינטיכע מיט אירע יונגע הינטעלעך. באטראכטנדיק זײ איז אים אין מוח געבוירן געװארן א פלאן פון א שפיל. ער האט אויסגעשאסן מיט א געלעכטער און זיך אנגערופן צום פויער:

„זאגט נאר, װיפל װילט איר פאר א קלײן הינטעלע? — צען זלאטעס? גוט, איך קויף אלע הינטעלעך װײל איך װיל אויספּרובירן אַן אינטערעסאנטע שפיל, װאס איך האב געזען אין דײטשלאנד אויף א יריד. איך װעל שיסן די יונגע הינטעלעך פאר דער מוטער אין די אויגן. די קלײנע הינטעלעך װעלן מיר ארײנטאן אין דעם הינער־שטײג, װאס געפינט זיך ארום צען מעטער אפּ־געטײלט פון דעם ארט, אזוי, אז דאס װילדע װארפן זיך פון דער הינטיכע זאל ניט דערגרײכן צו דער שטײג.“

דער פויער איז געשטאנען מיט אראפּגעלאזטע הענט און מיט אַן אראפּגע־לאזטן קאפּ און האט געשװיגן. ער האט זיך ניט גערעכנט אויף אזא װילדער שפּיל מיט אומשולדיקע לעבעדיקע באשעפענישן.

„נו, װאס שװײגט איר? האט דער דײטש אים אנגענומען בײם אקסל, — עס געפעלט אײך ניט דער עסק? נו, איז אנשטאט פערציק זלאטעס פאר די פיר הינטעלעך, גיב איך אײך אכציק זלאטעס און לאזט מיך דורכפירן מײן שפּיל“.

דער מאן, די פרוי און די קינדער זײנען געװארן שטארק אויפגעבראכט פונעם פארשלאג, צו טויטן לעבעדיקע באשעפענישן פון פארגעניגן װעגן; א שטארקע ליבע האט זײ ארומגענומען צו דער הילפלאזער מאמען, װעלכע איז געלעגן א צוגעבונדענע און האט נאכגעפאלגט מיט אומרואיקײט די באװעגונגען פון דעם פרעמדן. א שטילער הײזעריקלעכער קװיטשען האט זיך געצויגן פון איר האלדז, גלײך װי זי װאלט פארשטאנען אז דער פרעמדער װיל שלעכטס טאן אירע קינדער. פון צײט צו צײט האט זיך א קװיטשעדיקער בילן ארויסגעריסן פון איר האלדז, גלײך װי זי װאלט זיך געבעטן בײ אירע באלעבאטים: דערלאזט ניט! דערלאזט ניט!

דעם פויערס פאמיליע האט מיטגעפילט מיט האװקען: די קינדער האבן מיט איר מיטגעװײנט. אבער דער הונגער האט געפּײניקט, די נויט איז געװען גרויס, און דער דײטש האט געשטופּט דאס געלט אין האנט ארײן, און מיט ביטול גערעדט:

„נאט, נעמט! אויף װעמען האט איר דא רחמנות? אויף א הינטל? בעסער װאלט איר רחמנות געהאט אויף אײערע קינדער און געקויפט פאר זײ א ברויט צום עסן!“

מיט א ביטער געפיל האט דער פויער צוגענומען די אכציק זלאטעס און מיט עקל געקוקט אויף דעם דייטש מיט זיין ווילדן פארגעניגן וואס ער קויפט זיך.

מען האט זיך גענומען גרייטן צו דער עקזעקוציע: מען האט גוט באַקוקט האווקאס קייט צי זי איז פעסט; מען האט אריינגעשטעלט די יונגע הינטלעך אין דער שטייג. האווקא איז אויפגעשפרונגען פון ארט און האט אנגעשפיצט די אויערן.

די פויערטע איז אריין אין שטוב, זיך געזעצט אין א ווינקל און האט זיך פארשטאפט די אויערן.

דער יעגער האט גענומען לאדן זיין ביקס.

„ווארט!" האט דער פויער אויסגעשריען. ער האט פארנומען זיינע יינגלעך, זיי אריינגעפירט אין שטוב און האט פארשפארט די טיר פון דרויסן.

די בלוטיקע „שפיל" האט געדויערט גאנץ לאנג: דער דייטש האט געוואלט שיסן פון דערווייטנס, האט ער א סך מאל ניט געטראפן. דער פויער האט געמיינט, אז דעם יעגער וועלן אויספעלן קוילן, און ער האט געהאפט: אפשר וועט כאטש איינס בלייבן לעבן! נאר דער יעגער האט דאס לעצטע הינטל מיט זיין לעצטער קויל געטראפן.

האווקא האט אויסגעזען ווילד ווי א צערייצטער לייב: די האר אינגאנצן באגאסן מיט שווייס; די אויגן פייכטע, ארויסגעשטארצטע, האבן געשאסן מיט פייער. מיט יעדן גסיסה־געשריי פון איר הינטל, האט זי זיך א ווארף געטאן צו דער שטייג. די קייט אויף איר האלדז האט איר אפגעשטעלט קורץ פאר דער שטייג. זי האט נאר מיטן נאז דערגרייכט צו די גראטעס. זי האט דערשמעקט די ווארעמקייט פון בלוט, בלוט פון איר קינד; צוזאמען מיטן ריח פון בלוט, האט זי דערשמעקט דעם ריח פון פולווער וואס האט געפירט צו דעם יעגער, האט זי פארהייבן דעם קאפ צום הימל און האט ארויסגעלאזט א ווילדן געוואי ווי א וואלף, איידער ער פאלט אָן אויף זיין קרבן. און טאקע ווי א וואלף האט זי זיך א ווארף געטאן צום יעגער מיט אויסגעשטשירעטע ציין. אבער, ווידער די קייט אויף איר האלדז, — האלט איר אפגעטיילט קורץ פאר דעם יעגער האט זי גענומען שפרינגען און רייסן זיך פון דער קייט, און מיט ווילדער רציחה געכריפעט, גלייך ווי זי וואלט צו אים געשריען: גזלן! פארוואס האסטו געהרגעט מיינע קינדער?

נאכדעם איז געקומען א פינצטער בילן, וואס האט זיך געצויגן ווייט איבער דעם פעלד; א מין געוויין וואס האט דורכגענומען אלעמען: די פרוי מיט די קינדער אין הויז האבן מיטגעוויינט מיט איר און מיטגעפילט איר ווייטיק.

דער דייטש האט קיין אויג ניט אראפגענומען פון דער צויג; ער האט נאכגעפאלגט איר רייסן זיך פון דער קייט, און איר געוויין:

„זי איז א פראכטפולע חיה!" האט ער א זאג געטאן און האט אויפגע־האנגען די ביקס אויפן אקסל.

„און א געטרייע מאמע! האט דער פויער מיט א געבראכן קול צוגעגעבן. איצט טראגט זיך אפ פון דאנען וואס גיכער! איך קען מער ניט צוזען איר רייסן זיך פון דער קייט, איך וויל זי פריי לאזן."

א שוידער האט אנגעכאפט דעם יעגער ווען ער האט דאס דערהערט; ער איז בלייך געווארן און האט גענומען שטאמלען פון שרעק:

„וואס הייסט, איר וועט זי פריי לאזן! זי וועט דאך מיך צערייסן אויף שטיקער!" ער האט גענומען זוכן מיט א נערוועזער האנט אין זיין לעדערנעם טאש, אפשר האט זיך א קויל פארוואלגערט, אבער ער האט דארט קיין קויל ניט געפונען, האט ער גענומען ריידן גיך:

„דער עקספערימענט וואס איך האב דא דורכגעפירט, איז פאר מיר ווערט מער ווי איך האב אייך באצאלט. איך בין גרייט צוצאלן נאך נאר מיט דעם יאדינג: לאזט ניט אפ די הינטיכע פון דער קייט!"

„איך דארף ניט אייער געלט! האט דער פויער מיט עקל א מאך געטאן מיט דער האנט. דא האנדלט זיך ניט מער וועגן געלט; דא האנדלט זיך וועגן געפילן, וועגן מענטשלעכקייט, וועגן מענטשישער ערע! יא, מענטשישע ערע אין פארגלייך מיט דער הינטיכע דא! איר גאנץ לעבן האט זי מיר געטריי געדינט: מיין האב און גוטס געהיט, אויף מיינע קינדער אויפגעפאסט, צו זיי קיין שום בייז ניט צוגעלאזן. און מיט וואס האב איך איר באצאלט? גייט אייך! גייט אייך פון דאנען! טראגט זיך אפ! איך גיב אייך צען מינוט אויף צו דערווייטערן זיך פון דאנען, גייט!"

ווארפנדיק א לעצטן בליק פול מיט שרעק אויף דער פארשוימטער הינטיכע, האט זיך דער יעגער געלאזט גיין מיט אברייטן שנעלן שפאן. אויפן וועג האט ער זיין גאנג פארשנעלערט ביז ער האט זיך געלאזט לויפן.

נאכדעם ווי ס'איז אריבער צען מינוט, און דער יעגער האט זיך מער אויפן וועג ניט געזען, האט דער פויער אראפגענומען די קייט פון האווקאס האלדז. האווקא האט זיך א יאג געטאן צו דער שטייג: זי האט דערשמעקט דעם ריח פון בלוט פון אירע קינדער; דער ריח פון בלוט איז געמישט מיט דעם ריח פון פולווער, און דער ריח פון פולווער פירט צום וועג; האט זי מיט א ווילדן געוואי זיך אווארף געטאן צום וועג, צו כאפן דעם מערדער.

די שטרעקע צווישן האָווקאַן און דעם יעגער האט אנגעהויבן צו ווערן וואס אמאל קלענער; דער יעגער האט דערפילט אז באלד, באלד וועט די הינטיכע אים דעריאגן; דערזעענדיק א הייכן בוים מיט ברייטע צווייגן, האט ער גענומען קלעטערן אויף אים, כדי צו ראטעווען זיך פון דער צערייצטער מאמען.

א קליין יינגל, וואס האט געפאשעט שאף אין פעלד ביי די ברעגן פון א טיפן טייכל, האט זיך דערשראקן פארן ווילדן געלויף פון דער הינטיכע און האט גענומען אנטלויפן. לויפענדיק פארביי דעם טייכל האט ער זיך א גליטש געטאן און איז אריינגעפאלן אין וואסער.

אין איר ווילדן געיעג נאכן מערדער פון אירע קינדער, האט האווקא דערזען ווי דאס יינגל האט זיך א גליטש געטאן און איז אריינגעפאלן אין טייכל. האט זי זיך געגעבן א שטעל אפ, א קוק צום טייכל און א קוק אין דער ריכטונג פון דעם מערדער פון אירע קינדער, גלייך ווי זי וואלט ביי זיך אין הארץ געוואויגן וואס איז בילכער: נעמען נקמה, צי ראטעווען א לעבן?

זי האט זיך א יאג געטאן אין דער ריכטונג צום טייכל, איז אריינגעשפרונגען אין וואסער, האט צוגעשלעפט דעם יינגל צום ברעג, אים באשמעקט, מיט דער מארדע איבערגעקערט אים אויף איין זייט, נאכדעם אויף דער צווייטער, ווידער אמאל אים באשמעקט, האט זיך אוועקגעלייגט נעבן אים און גענומען לעקן זיין פנים.

ווען דאס יינגל איז געקומען צו זיך און דערזען ווי די גרויסע הינטיכע ליגט נעבן אים און לעקט אים, האט ער צוערשט זיך דערשראקן, אבער ווען ער האט דערזען אז זי טוט אים קיין שלעכטס ניט און האלט אין איין לעקן זיין פנים, איז זיין שרעק אוועק פון אים און ער האט גענומען גלעטן איר נאסן קאפ. נאכדעם האט ער ארומגענומען איר קאפ, א קוש געטאן, האט זיך אויפגעהייבן, פארנומען זיינע שעפסן און זיך געלאזט גיין אהיים מיט זיי.

האווקא איז געבליבן שטיין ביים וועג און האט נאכגעקוקט ווי דאס יינגל מיט די שעפסן דערווייטערן זיך.

און וואס איז מיט דעם יעגער געווארן? נאך קלעטערנדיק אויפן בוים האט ער דערזען ווי די הינטיכע האט זיך געגעבן א שטעל אפ, א קוק צום טייכל, א קוק צום בוים אויף וועלכן ער האט געקלעטערט, האט זיך א קער געטאן פון וועג און מיט אלע כוחות זיך גענומען טראגן צום טייכל. האט זיך ביים יעגער דערוועקט א פארדאכט: א קלוגע הינטיכע, זי וויל אים פארלויפן דעם וועג! האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף א צווייג, ארויסגענומען זיינע פעלדגלעזער און גענומען איר נאכקוקן: ניין, ער האט געמאכט א טעות. ער גלויבט

ניט זיינע אויגן, וואס ער זעט: א הונט זאל אויף אזוי פיל שכל האבן! אזוי פיל מענטשלעכקייט אין זיך פארמאגן!

ער האט ארויסגענומען זיין נאטיץ ביכעלע, דארט עפעס פארצייכנט, דאס ביכעלע ארייגעלייגט אין לעדערנעם טאש, וואו ער האט זיינע קוילן געהאלטן, און האט נאכגעקוקט דורך די פעלד־גלעזער ווי האווקא גייט מיט לאנגזאמע טריט, מיט אַן אראפגעלאזטן קאפ, מיטן עק צווישן די פיס, צוריק צו איר „היים", צוריק צו איר באלעבאס.

ווי נאר האווקא האט זיך דערווייטערט, האט דער יעגער - א צערו־דערטער פון דעם וואס ער האט געזען — זיך גענומען אראפלאזן פון בוים. ער האט ניט באמערקט ווי קריכנדיק פון בוים האט זיך זיין לעדערנער טאש איבערגעקערט און פון דארט איז עפעס ארויסגעפאלן. ווי נאר ער האט דערפילט דעם באדן אונטער זיינע פיס, האט ער מיט געאײלטע גנבישע טריט זיך געלאזט אין וועג אריין.

דאס קליינע פאסטוך־יינגל האט מיטן וועג געטריבן זיינע שעפסן אהיים. ווען ער איז פארבייגעגאנגען דעם בוים, אויף וועלכן דער יעגער איז געזעסן, האט ער דערזען דארט ליגן עטלעכע אויסגעשאסענע קוילן־גילזן און א שיין ביכעלע. ער האט עס אלצדינג אויפגעהייבן און ארייגעלייגט אין זיינע קעשע־נעס.

אין דער היים, נאכדעם ווי ער האט דערציילט ווי האווקא, די גרויסע הינטיכע פונעם ווייטן שכן, האט אים פון טייכל ארויסגעשלעפט, און וואו ער האט די קוילן־גילזן מיטן ביכעלע געפונען, האט ער געבעטן זיין טאטן אים זאגן וואס אין ביכעלע שטייט געשריבן.

דער טאטע האט געעפנט דאס ביכעלע און האט פון ערשטן בלעטל ארויסגעלייענט אזוי:

„א הונט ווי א מענטש, און אפשר נאך בעסער..."

דער טאטע האט געקנייטשט מיט די אקסלען און דאס יינגל האט אויף אים געקוקט מיט א גרויסן פרעג־צייכן אין די אויגן.

ק. הלל

יידישע שרייבער אין ישראל

(געדאַנקען און באַמערקונגען)

צוזאמען מיטן מאסן־שטראם עולים פון אייראפע זיינען אויך געקומען אין ישראל יידישע שרייבער וועלכע האבן געלעבט און געווירקט אין די יידישע קיבוצים אין מזרח אייראפע; צווישן זיי פראמינענטע ליטעראטן וועלכע זיינען באקאנט אין דער יידישער וועלט און פארנעמען א חשוב׳ן ארט אין דער יידישער ליטעראטור. זאל דא געזאגט ווערן, אז די אויבן דערמאנטע שרייבער, כאטש זיי זיינען געקומען אין אַן אפגעלאזן האלב־מדברדיק לאנד, האבן אבער דא ניט געפונען קיין קולטורעלן מדבר, ווייל נאך פאר זייער קומען און ביז צום אויפקום פון דער מדינה האבן דא געלעבט און געווירקט א צאל — אמת, א קליינע צאל — יידישע און יידיש־העברעאישע שרייבער און קולטור־טוער, וועלכע האבן צעאקערט און צוגעגרייט דעם באדן פאר דעם וואוקס פון יידיש־געדרוקטן ווארט. היינט צו טאג געפינען זיך אין ישראל א גאנץ גרויסע צאל יידישע שרייבער און זשורנאליסטן, — דער יידישער שרייבער און זשורנאליסטן פאראיין אין ישראל ציילט ארום 150 מיטגלידער.

אין אזא לאנד ווי ישראל, וואו ס׳געפינט זיך אַן אנגעזעענער יידיש־לייענער; א לאנד וואו ס׳דערשיינט א ברייט פארשפרייטע יידישע טאג־צייטונג, יידישע וואכן און צוויי־וועכנטלעכע צייטונגען, זשורנאלן און פעריאדישע שריפטן, — אין אזא לאנד מוז דער יידישער שרייבער פארנעמען א חשובן ארט; ער דארף און מוז בארעכטיקן זיין הויכן נאמען; ער מוז מיטפיבערן מיטן פיבער פונעם דינאמישן ישראל־לעבן; האלטן אפן זיין אויג אויפצוכאפן די שיינקייט און די אנדערשקייט פונעם ישראלדיקן פייזאזש; זיין אויער דארף דערהערן דאס געזאנג פונעם פרייען און באפרייטן יידישן מענטש אין זיין ארבעט, בוי און קאמף.

דער שרייבער דארף פארשטיין דעם גרויסן פסיכאלאגישן געראנגל פונעם יידישן מענטש אינעם איבערבוי־פראצעס: ער מוז זען דאס לאנד, הערן און פילן דעם ריטם פון שעפערישער ארבעט, שפירן די פריידן אוןליידן פון פאלק; ער קען דא ווערן באגייסטערט און מיטרייסן מיט זיין באגייסטע־רונג די לייענער זיינע.

ער מוז אויך דערקענען דאס ישראלדיק קינד, דעם שטאלצן סאברע, וואס זיין נאיוויטעט איז אַן אויסדרוק פון נארמאלער פשוטקייט; א יוגנט וואס איז ניט געצוואונגען צו זיין „אנדערש”, וואס דארף זיך ניט צופאסן, וואס ליידט ניט פון א מינדערווערטיקייטס קאמפּלעקס.

דער שרייבער מוז געבן זיין צושטייער אינעם בוי פון לאנד; זיינע ווערק דארפן זיין פארווארצלט אינעם היגן באדן; ווי די גליאיקע ישראל־זון און די חמסיניקע ווינטן צעגליען דא דעם גוף, אזוי דארף דער שרייבער צעגליען מיט זיין שעפעריש ווארט דעם מענטשלעכן גייסט, די הערצער און מוחות פונעם ישראל־מענטש — זיין לייענער.

דער שרייבער מוז זיין קעמפעריש, מיליטאנטיש, אנגרייפעריש, שעפעריש־יונג און דער עיקר — באנייעריש, בפרט אין אזא לאנד ווי ישראל, וואס געפינט זיך אינעם בראשיתדיקן באנייאונגס פראצעס.

דער שרייבער דארף מיטגיין מיטן לעבן און זיין דער פאראויסגייער, דער וועגווייזער; ער דארף אויספלאסטערן קולטור־וועגן, שאפן קולטור־ווערטן, שאפן נייע פארמען פון א קולטורעלן לעבן פאר א פאלק וואס הויבט אַן איינגעווארצלט ווערן אויף אייגענער ערד.

אוודאי דארף דער שרייבער ארויסברענגען אין זיין שאפן דאס וואס ער זעט, טראכט, פילט און וואס ער לעבט איבער עמאציאנעל. אבער, ווי אזוי קען א שרייבער פילן, עמאציאנעל איבערלעבן, באגייסטערט אדער אנטוישט ווערן, ווען ער שטייט אין א זייט פון דעם ישראל לעבן, גייט ניט מיט מיטן ישראל ישוב, לעבט זיך אפגעשלאסן אין זיינע אייגענע ד׳ אמות, גריבלט זיך אינעם עבר און וויל ניט זען דאס וואס קומט פאר ארום אים?

דא מוז אים קומען צוהילף דער שרייבער פאראיין: ער מוז זיין ווי דאס הארץ וואס דורך פּאָמפּען דאס בלוט אקטיוויזירט זי אלע אברים, שאפט די געהעריקע ווארעמקייט אינעם קערפּער און מאכט דעם פולס שלאָגן מיט לעבן, אזוי דארף דער שרייבער פאראיין שאפן די פאסיקע אטמאספער פאר שעפערישקייט, סטימולירן דעם שרייבער, ארויסציען אים פון זיין אפגעזונדערטקייט און אינזיכיקייט, אוועקשטעלן פאר אים די פראבלעמען פון אונדזער לעבן און פאדערן זיין מיטבאטייליקונג.

צי איז עס אבער אזוי? צי דערפילט דער פאראיין זיין אויפגאבע? צי זיינען די יידישע שרייבער אין ישראל מיטגייער מיטן ישראל לעבן? צי דערפילן דאס אפילו די יונגע — די, וועלכע רופן זיך „יונג־ישראל”? וועלכע נייע פארמען האבן זיי געבראכט? קעגן וועמען קעמפן זיי און קעגן וואס קעמפן זיי?

די טעמאטיק פון דאס רוב ביז איצט דערשינענע ווערק פון יידיש־שרייבער אין ישראל, מיטן אויסנאם פון א פאר געציילטע יחידים, איז א פרעמדע צום ישראל־לעבן.

וואו זיינען די ווערק וועלכע דארפן דערציילן וועגן דעם יידישן פויער? וועגן דעם יידישן ארבעטער און זיינע טאג־טעגלעכע קאמפן? וואו איז די דערציילונג וועגן פראצעס פון ווערן א פויער, ווערן אַן ארבעטער? די ערשטע איבערלעבונגען פון א יידישן שאכטע־ארבעטער, שטאָל־גיסער אדער פישער? וואו איז אַן אפשפיגלונג פון דעם ערד־בויערערס פרייד ביים געפינען וואסער, אויל, גאז? וואס זיינען די מחשבות און געפילן פון א ישראל־מאטראס ווען ער שווימט אונטער דער ישראל־פאן און קומט אין פארטן פון ווייטע עקזאטישע לענדער? און וואו זיינען די ווערק וועגן קיבוץ אין וועלכן ס׳פורמט זיך אויס א נייער לעבנס־שטייגער מיט נייע באגריפן און מאראלן? וואו זיינען די ווערק וועגן ישראלס פארטיידיקונגס־ארמיי מיט איר גבורה און מוט?

צי איז דען נויטיק מער שפאנענדער מאטעריאל, מער אנרעגונג פאר א שעפערישן גייסט, ווי דאס וואס קומט פאר אין אונדזערע טעג, פאר אונדזערע אויגן?

צי האט די יידישע גבורה אין דער סיני־אקציע, וואס האט אויפגערודערט די וועלט, א ריר געטאן פון ארט דעם יידישן שרייבער אין ישראל? מיט דעם איינציקן אויסנאם פון א יחיד, וויפל ווערק האבן זיי געשאפן אויף דער טעמע?

מיט וואס דארף דער יידישער שרייבער אין ישראל קומען צום יידישן פאלק אויב ניט מיט דאס ספעציפיש ישראלדיקע, מיט שילדערן דעם ישראל־לעבן?

אוודאי איז נויטיק צי פאראייביקן, דערמאנען און דערציילן וועגן דעם חרוב געווארענעם יידישן לעבן אין אייראפע, אבער צוזאמען מיטן דערציילן וועגן דאס אומגעקומענע מוז דערציילט ווערן וועגן דאס אויפקומענדע, דאס אויפלעבנדע, דאס המשכדיקע, אַן וועלכן ס׳איז כמעט ניטא קיין קיום פארן יידישן פאלק.

דער יידישער שרייבער אין ישראל מוז ארויסגיין פון זיין איינזיכיקער אפגעזונדערטקייט און לעבן צווישן פאלק, דערקענען דאס לאנד און דעם נייעם ייד און מענטש. די ליטעראַרישע קיבעצארניע איז ניט קיין ערזאץ פאר דעם. פלפוליסטיק וועט אים גארניט געבן, וועט ניט סטימולירן זיין שעפערישקייט. ער וועט נאר ווערן פארוועלקט, פארטריקנט און פרעמד צום ישראל־לעבן. ער וועט לעבנדיק אין ישראל בלייבן א גלות־מענטש אין נעגאטיוון זין.

מיטן פולן כבוד פאר די זייער טאלאנטפולע יידישע שרייבער אין ישראל, דארף מען זיי רופן צו פולער איינגלידערונג אינעם ישראל־לעבן. דאס וועט זיין א ברכה פארן לאנד, פאר דער יידישער קולטור און אויך פאר זיי אליין.

אברהם ישכיל: שטיל־לעבן (אין ווייס און שוואַרץ)

א ב א ג ו ט ע ס

פונעם נעכטן

יידישע אויסגאבן אין חיפה

אינעם רייכן פרעסע מוזייאום, געגרינדעט פון פעוונערן אין תל־אביב, קען מען געפינען עטלעכע יידישע שאפיראגראפירטע העפטן וואס די פועלי־ציון ארגאני־זאציע האט ארויסגעגעבן און פארשפרייט אין חיפה שוין אין 1925, וואס זיינען רעדאגירט געווארן פון ל. שמעוני. דעם 16־טן מערץ, 1928, איז דערשינען א געדרוקטע יידישע אויסגאבע פון 8 זייטן „דאס פראפעסיאנעלע לעבן", וואו ס'ווערט פיל־פארביק באשריבן דאס לעבן און פראפעסיאנעלער געראנגל פון די יידישע ארבעטער אין חיפה.

אין פעברואר 1932, איז דערשינען א ליטעראַרישער זשורנאל „חיפה", 20 זייטן, מיט א געשמאקפולער הילע אין צוויי פארבן, אראנזש און גרין, וואס סימבא־ליזירט אונדזערע שמעקעדיקע ציטרוס פרוכטן. דעם זשורנאל האבן ארויסגעגעבן: „די חיפה'ער חברים פון יידישן ליטעראטן און זשורנאליסטן קלוב אין תל־אביב."

אין דער אויסגאבע האט אינוועסטירט לייב און לעבן צוזאמען מיט די לעצטע פרוטות, אַן ארטיקער פועלי־ציוניסט, שמואל צוקער, וואס האט שפעטער געביטן זיין נאמען אויף שמואל נועם, ז"ל. אומגעקומען אין די פופציקער יארן, בעת אַן עראפלאן קאטאסטראפע, אין שליחות פון מפא"י, אין דרום־אמעריקע.

דעם לייט־ארטיקל האט געשריבן ל. חיין, וועגן אַן אנגעווייטיקטער פראבלעם וואס הייסט: „לערער שטרייק". דארט ווערט געזאגט מיט פארביטע־רונג: „שוין 4 וואכן דויערט דער לערער שטרייק, קרוב צו 15 טויזנט קינדער גייען ארום פוסט און פאס אין די גאסן"...

אינעם זשורנאל געפינען מיר 4 לידער פון יעקב צבי שאַרגעל „צו מיין מאמען" (אגב, האט י. צ. שאַרגעל רעדאגירט די אויסגאבע. ער איז דעמאלט געווען א חיפה'ער תושב); א דערציילונג פון אהרן קאווע, וואס האט דעמאלט אויך געלעבט אין חיפה; א בריוו פון אהרן צייטלין צו ח.נ. ביאַליק, איבערגעדרוקט פון די ליטעראַרישע בלעטער, ווארשע, וועגן יידיש־העברעאיש; א ליד פון ש. צוקער, ז"ל „כנרת"; א וויכוח צווישן ל. שמעוני און י. צ. שאַרגעל

וועגן די לידער וואס זיינען געדרוקט געווארן אין די העפטן „מאי", „יוני", „יולי" פון א בליי, אין תל־אביב; אַן עסיי וועגן 10 יאר „הבימה" פון ק. א—ר; און אקטועלע קולטור נאטיצן.

פסח, 1945, דערשיינט א העפט פון 10 זייטן סטענסיל, געווידמעט דעם 30־טן יארצייט פון י. ל. פרץ. דעם לייט־ארטיקל „אינעם אש פון די זילבערנע עטרות", האט געשריבן ל. חיין. ס'איז געווען באלד נאך אונדזער גרויסן בראך, ווען די קוימענס פון די קרעמאטאריעס האבן זיך נאך גערויכערט. דער מחבר פונעם לייט־ארטיקל שרייבט: „ניט די „נשמות פלאקערן", — ס'האט שוין אלץ אפגעפלאקערט, אויסגעברענט, אויסגעקארטשעוועט מיט די טיפסטע און עלטסטע ווארצלען פון סאמע תהום, וואס האט אונדזער יידיש בלוט איינגעזאפט ווי א שוואם" — — — ניט דריי, נאר גאנצע 6 מיליאן מתנות האט דער אל נקמות פארלאנגט פון שטן; ער האט זיי באקומען מיט דער פולער טעוטאנישער האנט, מיט דער גאנצער פעלקערישער ברייטהארציקייט." — — —

אין דער אויסגאבע געפינען מיר לידער פון שלמה שענהויט (שנהוד); י. גרובער און י. גרינבערג. א דערציילונג פון טשאַרנעזאָן־שאַיאַק; א נאטיץ פון ש. באַסמאַן, וועגן א „פרץ־יאר" אין א"י; נאטיצן פון אבא זיוו, וועגן יידישן קולטור־ווינקל אין חיפה און דאס ליד פון י. ל. פרץ „האף און גלויב".

דער לייט ארטיקל פון דער אויסגאבע פארענדיקט זיך מיט אַן אויסצוג פון א דעקלאראציע פון די יידישע שרייבער אין אמעריקע צום פרץ־יארצייט, פסח, 1945:

> ווען דאס יידיש הארץ, איז אזוי פאריאושט און ווען שארית ישראל זוכט מוטיקונג צום לעבן ווייטער, איז דער שטראלנדיקער נאמען פון אזא יידישן שעפער ווי י. ל. פרץ, מסוגל צו ווערן דער סימבאל פון אונדזער טרייסט, צו דערהאלטן אונדזער שטאלץ, און צו שטארקן אונדזער עקשנות און אונדזער גלויבן, אין דעם ליכטיקן מארגן פון אונדזער פאלק".

אין די חדשים מערץ און יולי, 1946, זיינען אין חיפה דערשינען 2 געדרוקטע יידישע ליטערארישע אויסגאבן „העפטן", 16 זייטן, — „פאר ליטע־ראטור און קריטיק". די לייט ארטיקלען איןביידע העפטן האט געשריבן אליעזר וואַרצל, וועגן „30־טן יארצייט פון שלום עליכם", און וועגן א „נייעם תנ"ך". אין די „העפטן" געפינען זיך לידער פון: יהושע גראָסבאַרד; הלל שאַרגעל; שלמה שענהויט (שנהוד); מאטל מרגלית; יהושע אַלפעראָוויטש; אברהם לעוו; י. גרובער; י. גרינבערג; יאסל גראָסבאַרד; י. מאַניק־לעדערמאַן; אַן עסיי פון י. צ. שאַרגעל; א דערציילונג פון י. גרינבערג און קולטור נאטיצן וועגן זרובבלן צו זיין ווערן 60 יאר אלט און וועגן דיכטער יאסל גראָסבאַרד.

יידישע אויסגאַבן אין חיפה

אין דער כראניק פון די העפטן ווערט דערציילט וועגן אַן אינטענסיווער טעטיקייט פון „יידישן קולטור קרייז אין חיפה״, וואס האט די לעצטע 3 יאר דורכגעפירט א רייכע קולטורעלע טעטיקייט: צאלרייכע רעפעראטן, לעבעדיקע צייטונגען און רעציטיר־אוונטן, מיטן אנטייל פון י. זרובבל, ל. שמעוני, י. פאפיערניקאוו, א. ליס, ש. שענהויט, צבי (פון יגור), י. גרינבערג, א. גרין, א. א. וו. דאס אלץ אין די שווערע מלחמה יארן. ווי זאגט דער פסוק: „לא ינום ולא ישן שומרי — — — יידיש.״

„אונדזער ווינקל״

ווינטער, 1925, בראשית פון דער פערטער עליה, איז דער יידישער יישוב אין חיפה געווען קליין. די נייע עולים פון די צאפלדיקע יידישע יישובים פון ליטע און פוילן האבן זיך קאנצענטרירט ארום די קלובן פון „אחדות עבודה״, „פועלי־ציון״, און „הפועל־הצעיר״. דער יידישער יישוב האט זיך קאנצענטרירט אין דער אונטערשטער אראבישער שטאט, אין דער דייטשער קאלאניע, מחוץ עטלעכע הונדערט משפחות, וואס האבן געלעבט אין די קליינע קווארטאלן פון בת־גלים, הדר הכרמל און נוה־שאנן. דער גאנצער עמק זבולון איז געווען וויסט, ליידיק און זומפיק. אויפן כרמל האבן זיך געפונען ווייניק יידן.

די נייע עולים פון ליטע און פוילן איז געווען אומעטיק, ס׳האט זיי געפעלט די פריערדיקע „גייסטיקע״ שפייז: דער טעאטער, דער רעפעראט, דאס יידיש בוך און צייטונג... חלילה קיינעם ניט צו להכעיס, האבן פועלי ציוניסטן (לינקע) געשאפן א דראמאטישן קרייז פון טעאטער ליבהאבער, אונטערן נאמען „אונדזער ווינקל״, וואס האט זיך אויפגעלייזט 4 יאר שפעטער, נאך די פאגראמען פון 1929.

די ערשטע פארשטעלונג, בימקאָס „גנבים״, האט זיך פארענדיקט מיט א מהומה, פאליציי און ביטערן געשלעג מיט די מענטשן פון „גדוד מגיני השפה״, וואס זיינען באפאלן מיט שטיינער און אייזערנע פרענטן די ארטיסטן. נאכן אנפאל האבן זיך קאנצענטרירט ארום קרייז יידישע אייזנבאנער, חברים פון „גדוד עבודה״, בוי־ארבעטער, סטאליערס, בעקערס וכדומה, וואס האבן באוואכט און באשיצט דעם קרייז פון אנפאלער.

אין א ספעציעלער ביילאגע „אונדזער ווינקל״, צו דער יידישער אויסגאבע „מאי״, אין תל־אביב (30.4.28), לייענען מיר:

„די טעג האט „אונדזער ווינקל״ געפייערט זיין 3 יאריקן יובילייאום. ביי דער געלעגנהייט איז אויפגעפירט געווארן „מיטן שטראָם״ פון שלום אַש און „דאס אייביקע ליד״ פון מארק אַרנשטיין. פאר די 3 יאר האט „אונדזער ווינקל״ דורכגעפירט א צענדליק ליטעראַרישע אוונטן און „משפטים״, א רייע

„אונדזער ווינקל״, חיפה, מערץ 1928

עס זיצן אויף דער ערד, פון רעכטס צו לינקס: באָרנשטיין און מענדל צווילינגער (צפריר).
ערשטע שורה, שטייען: הערליך, בראָניאַ קראַמאַרסקאַ, אָפּאַטאָווסקי. זיצן: משה בער, קלמן, ל. היין־שמעוני, שלמה גאָלדשטיין, קעסטנבוים, אַניוטאַ אַש און שטערן.
צווייטע שורה: פוטערשניס, פּאָזניאַק, אומבאַקאַנטער, נאָך אַן אומבאקאנטער און באַנקהאלטער

איינאקטערס, א רייזין־אוונט, א טונקעלער־אוונט און א מענדעלע אוונט; 3 מאל געשפּילט „דאס גרויסע געווינס", 2 מאל „גנבים", 2 מאל „דאס אייביקע ליד", 1 מאל „מיטן שטראם", פּרץ הירשביינס „נבלה", א.א.וו.".

„צו דער יובילײ פארשטעלונג איז געקומען א גרויסער עולם. דער הייף פון קלוב איז געווען פול ביז איבער די ברעגעס. עס זיינען געקומען עלטערע ארבעטער מיט פרויען און קינדער; עס זיינען געקומען סתם פאלקס־מענטשן, וואס האבן אפילו די ארומיקע דעכער פול געמאכט... דערוואקסענע קינדער האבן זיך פשוט אויסגעזעצט אויף דער ערד, צווישן די בענק און בינע"...

די גרינדער פון „אונדזער ווינקל" זיינען געווען ל. שמעוני, אברהם וואָלקאָוויטש, ז"ל, יהודית וואָלקאָוויטש, פּוטערשניט, בראניא זעליקאָוויטש, ז"ל, י. ערליך, ז"ל און אניוטא אַש. א לענגערע צייט האט דיריגירט מיטן קרייז ד"ר גערשאָוו.

צווישן די שפּילער איז צו געדענקען: סאניא שוחט, מענדל צווילינגער, באַרנשטיין, שער, פּאַזניאַק, קעסטנבוים, ה. קליין און אנדערע וואס זייערע נעמען זיינען איצט אויסער אונדזער זכרון.

אין דער פריער דערמאנטער אויסגאבע „דאס פּראפעסיאנעלע לעבן", חיפה, 16.3.28, ווערט דערמאנט א רעזאלוציע פון א פּראפעסיאנעלער קאנפערענץ אין חיפה, וואס לייענט זיך:

„די קאנפערענץ באגריסט הארציק די פּיאנערן פון יידישן טעאטער אין ארץ ישראל — דעם דראמקרייז „אונדזער ווינקל", ביי די חיפה'ער פּועלי־ציון, צו זיין דריי יאריקן יובילייאום און זאגט צו מאראלישע און מאטעריעלע אונטערשטיצונג!"

ווי מיר ווייסן, האבן זיי געהאלטן ווארט, אלא, די שטורמישע צייט, די אומרועו פון 1929, בעיקר דאס שליסן די קלובן פון פּועלי־ציון דורך דער פּאליציי, האבן געטאן זייערס. אבער קיינער קען ניט אפּלייקענען דעם פאקט, אז די מענטשן זיינען געווען פּיאנערן, וואס האבן זייערס געטאן מיט ליבע און מסירת נפש, און יענע יארן ארייגעבראכט ניט ווייניק יום־טובדיקייט צווישן ארבעטנדן עולם פון דער יידיש־אראבישער חיפה.

מ ר ד כ י ק ר אָ ש נ י ץ

מיניאַטורן און בילדער

צ פ ת

דער וועג דרייט זיך, שלענגלט זיך באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. מיט יעדן דריי שרויפּסטו זיך אַרויף העכער און העכער. האַלטסט אין איין שטייגן און אינאיינעם דערמיט שטייגט דיין דערהויבונג, דיין ווילן איינצוזאַפּן אין זיך אַלץ, וואָס דאָס אויג קען אויפנעמען, אַריינצואָטעמען די ריינע לופט און אָנטרינקען זיך פונעם קוואַל פאַלקס־לעגענדעס.

קעמלדיק געהויקערט ליגן אַרום די בערג. וואו ניט וואו שטייט איינזאַם, קאַרליקעוואַטע אויסגעבויגן אַן אַלטער אַליוון־בוים, ווי אַן אָנזאָג אויף צייטן ווען דאָ אויף די בערג וועט אויף יעדן שטיין שלאָגן מיט לעבן און בלי.

בערג, בערג — שטיינער און פעלדזן: בערג ברוינע, בערג ווייסע, בערג מיט גרינע קרויזן אויף די קעפּ, מיט תהומיקע אַראָפּהאַנגען, מיט שפּאַלטן און וואַדיס; וואו דאָס אויג קען נאָר דערגרייכן, וואו דער בליק פאַלט — בערג. אַ בערגיקע וועלט! און אויסגעגאָסן אויף זיי איז אַ שטילקייט; אַ שטיינערנע, אַ פעלדזיקע שטילקייט.

✶

בלוי רויכערן זיך די בערג; אַ נעפּל הויערט אַראָפּ אין די טאָלן; אַן איינזאַם ווייס וואָלקנדל שפּיגלט זיך איבערן כנרת. ווייס זיינען אויך די דעכער פון צפת, געהויקערטע איינס איבערן אַנדערן. ווי מאָן־בלימלעך דאָס פּאַרשפּעטיקטע רויטע בליעכץ פון גראַנאַטן. עס שמעקט מיט בלומען און פעך פון די סאָסנע־ביימער וועלכע באַצירן ווי מיט אַ קרוין דעם קאָפּ פון דער צפתער פעסטונג.

✶

אַלט צפת: אַנגעהויפטע איינס אויפן קאַרק פונעם אַנדערן ליגן די געסעלעך. שטיינערנע טרעפּלעך טראָגן זיך אימפּעטדיק אַראָפּ, נידעריקער, נידעריקער. צעפוילטע הילצערנע באַלקאָנדלעך הענגען איבערן קאָפּ. איבער הייפלעך און פּאַרקנס קלעטערן וויינטרויב־פלאַנצן, פלעכטן זיך איין אין הונדערט־יאָריקע פייגן־ביימער, ציען זיך מיט גיריקע פינגער צו די פולע, מיט זאַפט אָנגעגאָסענע

מילגרוימען. מאסיווע שטיינערנע ווענט פון אלטע שולן; ברענענדיקע נר־תמידס; קונסט־געשניצטע ארון־קודשים; שווערע, מיט זילבער געהאפטענע פרוכתן; א האלבן יאר־טויזנט אלטע ספרי־תורה; קברים פון הייליקע אין די זייטיקע שול צימערלעך. עס שוועבט דא ארום דער הויך פון פארשוואונדענע דורות, יאר־הונדערטער מיסטישע דבקות, משיח חלומות, טרוימען און האפנונגען וועגן גאולה.

א געסל אין צפת

די זון, א רויט־צעצונדענע, זינקט אראפ צווישן די צפתער בערג. אירע קופער־גאלדיקע שטראלן צעגליען אין א פורפורנער רויטקייט זייערע שפיצן. פון די בערג פאלדן הויבט אָן פאמעלעך ארויסצוקריכן די פינצטערניש.

דאס שמאל געסל, וואס טראגט זיך בארג־אראפ, ווערט באלויכטן מיט א ראזער ליכט. די פינצטערניש, וועלכע ליגט דא פארטייעט א גאנצן טאג, פארשווינדט. די געדיכטע טונקלקייט פון די צעצווייגטע פייגן־ביימער ווערט אדורכגעזיפט מיט ליכט שטראלן, און די צייטיקע פייגן באקומען א האניק־גאלדיקע פארב.

פון צווישן די בערג ארויס קומט אָן א פארטראגענער אין דמיונות, א ניט דאָאיקער, מיין חבר — דער מאלער.

ער האט נאר וואס איבערלעבט דעם גרויסן וואונדער פון זון־פארגאנג צווישן די צפתער בערג; דער וואונדער האט אים ארויסגעריסן פון גרויער טאג־טעגלעכקייט, פארשלונגען און ארייגעווארפן אין עקזאלטירטער פארטראגנקייט.

ער איילט בארג־אראפ איבער די טרעפלעך פונעם געסל און זעט קיינעם אויף זיין וועג. אט באלד וועט ער, אין עקסטאזיקער קדושה, שטיין ביי זיין מאל־ברעט און פאראייביקן די זון־שקיעה, ניט לאזן איר פארשווינדן, ניט לאזן אויסלעשן אירע שטראלן, ניט לאזן די בערג אויסטאן זיך פונעם פורפורנעם לבוש זייערן און איינהאלטן דאס ליכט וואס ראנגלט זיך מיט דער אנקומענדער נאכטיקער פינצטערניש.

פון צווישן די זעלבע צפתער בערג, אין די זעלבע שקיעה פארנאכטן, פלעגן דא אמאל ארויסקומען די מקובלים. עקזאלטירטע און פארטראגענע אין די הימלען, פלעגן זיי אראפנידערן, טראגנדיק אין זיך די איינגעזאפטע סודות פונעם געטלעכן באשאף און אוועקאיילן זיך מתיחד זיין מיטן בורא עולם, מיט דער זעלבער כוונה: צו איינהאלטן דאס ליכט וואס ראנגלט זיך מיט דער פינצטערניש.

ס׳האט זיך אויף דעם צפתער געסל גארניט געביטן, נאר דער אויסערלעכער לבוש איז אַן אנדערער. אויפן ארט פון שטריימל, קאפאטע און צעפלויגענע אויפן

ווינט פיאות, איז איצט א נאקעטער קאפ מיט צעשויבערטע האר, אָן אפן, צעקנעפלט העמד, אראפגעלאזט איבער די הויזן, מיט צעפּאכעטע פּאלעס ווי פליגלען אויפן ווינט.

דער פארחלומטער בליק, פארהייבן צום צפתער הימל אין דאנק און געבעט איז געבליבן דער זעלבער.

קבר רחל

שטיל אויפן בית הקברות, אויפן בערגל ביים ברעג פון כנרת, ווי שטיל ס׳איז אויף יעדן אנדערן בית הקברות. נאר דא הערט מען דאס רוישן פונעם כנרת; זיינע וואסערן קלאפן דעם ברעג; ס׳הערט זיך א ווארקען ווי פון א טויב; דאס זיגנט אויס דער כנרת א ניגון פון עצבות.

רחלס קבר רוט אינעם שאטן פון דיביימער. אויפן קבר טויזנטער שטיינדלעך, וואס די באַזוכער האבן אויף אים איבערגעלאזט. יעדער שטיינדל איז ווי א בלום וואס דריקט אויס ליבשאפט און פארערונג אין אנדענק פון דער צארט פּילנדער דיכטערין — „רחל אם האם״ — רחל די מאמע פון די מאמעס. א געפיל פון יראת הכבוד באהערשט דא. מען פילט די קדושהדיקייט פון דעם ארט. די דריי איינציקע אותיות „רחל״ איינגעקריצטע אינעם שטיין רעדן ממש: זיי דערציילן וועגן אירע שטילע איינזאמע שפּאצירן דא ביים ברעג פונעם כנרת; וועגן איר אומעטיק לעבן און צער פון א צעוויטיקט הארץ, וואס האט דעם ווייטיק איבערגעגאסן אין לירישע פערזן.

דא איבער די וואסערן פון כנרת האט זיך געטראגן איר פארחלומטער בליק און אירע אויערן האבן אויפגעכאפּט דאס געזאנג זיינס — „הוי כנרת שלי!״ „צי האב איך געזען און געחלומט א חלום?״

די פּאלמען אין רחלס וועלדל גרינען און דרימלען. דרימלען און וויגן זיך פארחלומטע. וועגן וואס חלומען די פּאלמעס? וועגן לעבן און טויט, טויט און לעבן, איין גרויסע מיסטעריע — ווי שטארק מען פילט עס דא.

און די וואסערן פון כנרת קלאפן דעם ברעג, דער ניגון פון עצבות האלט אָן.

נגב

ארום און ארום, וואו נאר דער בליק פאלט, — בערגלעך. בערגלעך וויסטע, ברוינע און גרויע. צווישן זיי קופּקעס שטעכיקע ווילד־גראזן, ארום וועלכע ס׳פּאשען זיך אייזלען. א בעדואינער־משפּחה רייט אויף אייזעלעך, — אלע ברוין־

פארשטויבטע, אויסגעטריקנטע, שווייגעוודיקע און ערנסטע. אפילו די קליינע קינדער שווייגן פארשטארטע און ערנסטע ווי זקנים.

מיט אמאל שפרינגען ארויס עטלעכע גרין־צעוואקסענעביימער, — אלטע, בערדיקע, איינס נעבן אנדערן, ווי זיי וואלטן געשטאנען שמונה־עשרה. און ווידער איז אלץ ארום גרוי, ברוין־גרוי. די איינטאניקע גרויקייט מאכט מיד די אויגן. א הייסער ווינט צעיאגט זיך גליאיק איבער די זאמדן, הייבט זיי אויף און נעמט זיך דרייען אויף איין ארט — א ברוינער זייל טאנצט א שדים־טאנץ.

טעראסן־טרעפ — דאס האבן וואסערן און ווינטן זיי באשאפן — רייסן זיך אראפ. צווישן די שטיינער — דערנערדיקע קוסטעס, טונקל־ברוינע ווי דאס זאמד.

דער גרויסער קעניאָן (המכתש הגדול) איז אדורכגעאקערט פון שפאלטן, וואדיס און אויסגעטריקנטע טייכלעך. זיי ווערן פול נאר ווינטער, אין צייט פון די רעגנס, דעמאלט פארפלייצן זיי אלץ ארום, שלעפן מיט בהמות און מענטש. ווייל איז צו דעם, ווען דער האסטיקער שטראם האט ארייגעכאפט.

נחל צין, דא פארביי זיינען מיט טויזנטער יארן צוריק געגאנגען אונדזערע זיידעס און באבעס פון מצרים — פון שקלאפעריי צום אויסגעטרוימטן לאנד — דורכן מדבר צין.

ס'אנטפלעקט זיך א וואונדערלעכער פייזאזש, א תהומיקער שפיל פון פארבן — בלוי, רויט, געל און פיאָלעט. דאס האבן די ווינטן, היצן און קעלטן, נאטור־סטיכיעס און דער אימפעטדיקער פלייץ פון די בערג־וואסערן אויסגע־פורעמט אזא שלימותדיקע קאמפאזיציע. דער וואסער בעקן פון נחל צין זעט אויס ווי טויזנטער צעלטן וואלטן אין אים אויפגעשטעלט געווארן. באזוכער שטייען עקזאלטירטע, מיט פארגאפטע בליקן און שווייגן, געפינען ניט קיין ווערטער אויסצודריקן זייער התפעלות. זיי פילן זיך קליין און אומבאהאלפן אין אנבליק פון דער מעכטיקער רויער נאטור.

א רויטער בארג, א ווייסער בארג און א העל־גרינער בארג קייטלען זיך צוזאמען. אש־גרויע, פיאלעט־בלויע און לימאן־געלע בערג מיניען זיך, טויכן אויף, ציינדן זיך אויף דער זון און פארלעשן זיך אויפן האריזאנט. אלץ ארום איז שטיל — א טויטע שטילקייט. צוויי קראען טראגן זיך דורך, רייסן איבער די שטילקייט און ווידער איז אלץ אָן באוועגונג, אָן לעבן.

✶

דער רויזן־קוסט

געווידמעט דער שרייבערין רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק

דער פראָסט, וואָס האָט אייזיק פאַרקאָוועט די ערד, האָט נאָכגעלאָזן; דאָס אייז איז צעגאַנגען; אַ וואַרעם ווינטל האָט גענומען בלאָזן און האָט געבראַכט מיט זיך די בשורה פונעם אָנקומענדן פרילינג.

דער רויזן־קוסט, וואָס איז אַ גאַנץ ווינטער געשטאַנען אַ נאַקעטער, אָן איין בלעטעלע אויף זיך, האָט זיך אויפגעוועקט פון זיין אייזיקן גליוויר און דערפילט אַ שניידיקן ווייטיק אין אַלע זיינע גלידער; דאָס אייז האָט דאָרט איבערגעלאָזט זיינע שפּורן: אָפּגעפרוירן שטיקער לייב, צעפּרעסן די אָדערן און אַ טייל צווייגעלעך זיינען געבליבן אָן שום סימן פון לעבן אין זיי.

דער קוסט האָט צונויפגענומען אַלע זיינע זאַפטן און האָט גערופן די וואָרצלען צו הילף. האָבן די וואָרצלען זיך גענומען גראָבן טיפער אין דער אויפגעטייעטער ערד, געזויגן פון די טיפענישן פרישע זאַפטן, ביז ער האָט גענומען פילן אַז דאָס לעבן הויבט ווידער אָן שלאָגן אין זיינע אָדערן מיט אַ וואַרעמען שטראָם.

אין געציילטע טעג האָט זיך דער קוסט באַדעקט מיט בלאַטערלעך וועלכע האָבן קנאַספּיק אויפגעריסן זיין הויט, גענומען גרינען מיט בלעטעלעך און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן עטלעכע רויזן־קעפּעלעך.

די קעפּעלעך האָבן שוואַכינקע און צאַרטע אַרויסגעקוקט פון צווישן די בלעטעלעך, געטרונקען דורשטיק די זון־שטראַלן וואָס האָבן זיך געגאָסן איבער זיי, געפילט ווי זיי ווערן גרעסער, שטאַרקער, און אַט באַלד וועלן זיי ווערן רייף און וועלן פאַרשפּרייטן זייער אַראָמאַט איבער דער גאַנצער געגנט.

נאָר פּלוצלינג האָט ווידער גענומען בלאָזן אַן אייז־קאַלטער ווינט; די זון איז פאַרשוואונדן הינטער שוואַרץ־גרויע וואָלקן־בערג, וועלכע האָבן גערעגנט מיט שניי און אייזיקן האָגל.

דער קוסט האָט זיך געקאַרטשעט אין ווייען. דער האָגל האָט אים געקלאַפּט אָן רחמנות, אַראָפּגעריסן די בלעטעלעך, צעבראָכן יונגע, נאָר־וואָס אַרויס־געשפּראָצטע, צווייגעלעך און צעשמעטערט די קעפּעלעך פון די רויזן־בלימעלעך.

איז אַריבער אַ לאַנגע פינצטערע נאַכט, פול מיט יסורים און שרעק. דער קוסט איז געשטאַנען אַ פאַרחלשטער, געווען זיכער אַז דאָס איז זיין סוף. אין זיין יאוש האָט ער תפילה געטאָן צום בורא עולם אַז דער סוף זאָל קומען וואָס גיכער און באַפרייען אים פון די יסורים. נאָר ווען דער טאָג

איז אנגעקומען האט זיך דער ווינט איינגעשטילט, די וואלקן־בערג זיינען פאר־שוואונדן, די זון האט ווידער געשיינט, געשיקט אירע ווארעמע שטראלן און צוריק געבראכט דאס לעבן אויף דער ערד.

דער קוסט האט זיך אויפגעכאפט פון זיין חלשות: צופוסנס דעם קוסט זיינען געלעגן אראפגעריסענע בלעטעלעך; אויף איבערגעבראכענע העלדזע־לעך זיינען געהאנגען די רויזן־בלימעלעך מיט צעשמעטערטע שווארץ־געווארענע קעפעלעך; דער צעוואונדיקטער קערפער מיט די צעבראכענע גלידער האבן אים וויי געטאן און ס'האט זיך אים אזוי געוואלט וויינען! אבער ווי קען מען וויינען ווען די זון שיינט, פייגעלעך צוויטשערן, אלץ ארום איז ליכטיק און יום־טובדיק פריילעך?

נאר איין בלימעלע איז פארבליבן גאנץ. ס'האט זיך פארשטעקט ערגעץ־וואו צווישן די בלעטעלעך, אנגעשפארט דאס קעפעלע אויף א צווייגעלע און אויף אזא אופן איז עס געלונגען צו ראטעווען דאס לעבן.

דער קוסט האט זיך ווידער גענומען צו דער ארבעט: געגראבן זיינע ווארצלען אין דער ערד, געזויגן פון דארט זאפטיקע שפייזן, געטרונקען די זון־שטראלן, באדעקט זיך מיט נייע בלעטעלעך און דער עיקר געהאדעוועט זיין איינציק פארבליבענעם בלימעלע — זיין בן יחידל.

דאס צארטע שוואכע בלימעלע האט גענאסן פון דער ברכה וואס האט זיך אויף אים געגאסן. ס'איז געוואקסן פון טאג צו טאג, אנגעגאסן זיך מיט זאפטן. זיין האלדז איז געווארן דיק און שטארק, האלט שטאלץ זיין צעעפנט קאפ און פארשמעקט דעם ארום מיט גוטע ריחות פון פארפומען. בינען, פלייסיקע ארבעטער, קומען צו אים, טרינקען זיין נעקטאַר און גרייטן פון אים האניק פאר זיך און פארן מענטש.

און דער קוסט? ער איז גליקלעך מיט זיין קינד; ער שעפט נחת פון אים; איז שטאלץ, פול מיט האפנונג און ווייסט, אז די בלום איז דער שכר פאר די שווערע יסורים וואס ער האט געליטן. און שטאלצירט דערמיט, וואס ער, דער געשלאגענער, דער פארגליווערטער, כמעט שוין גוססדיקער קוסט, האט געקענט ברענגען אויף דער וועלט אזא צארטע שמעקעוודיקע בלום וואס איז א דערפרישונג פאר אלעמען.

געזעגענונג

א שיף שווימט לאנגזאם אפ פונעם ים־ברעג, אויפן וועג צו ווייטע לענדער און פעלקער.

שטייען מענטשןביים ברעג און באגלייטן די שיף מיט זייערע בליקן. אויך אויף די דעקן פון דער שיף שטייען מענטשן און זייערע בליקן זוכן אויפן ברעג די מיט וועלכע מען האט זיך מיט געציילטע מינוטן צוריק געזעגנט.

האלט דער מענטש אין האנט א טיכעלע און באוועגט זי צום אפשייד. א פשוטע טיכעלע אבער וויפל געפילן פון בענקשאפט און ליבשאפט דריקט זי אויס?

זי פארבארגט אין זיך נשמה־צאפלעניש, טרערן און פארשנעלערטע הארץ־קלאפעניש. קלאמערט איר דער מענטש מיט זיינע פינגער, זוכט אין איר אן אנשפאר איינצוהאלטן זיין מאראלישן גלייכגעוויכט. צעפלאטערט זיך דאס טיכעלע, פלאטערט אזוי זיין הארץ, צאפלט זיך, וויל ארויסשפרינגען, זיין צוזאמען מיט די וועלכע דערווייטערן זיך אלץ מער, און אט באלד וועלן זיי אינגאנצן פארשווינדן, — געוועזן נעבן אים און ניטא מער.

א מיראזש, א לעבנס־מיראזש: אלץ וואס געוועזן פארשווינדט און ניטא מער . . .

פון חיפה ביז ניו־יאָרק

לאנגזאם גליטשט זיך די שיף ארויס פונעם פארט, פארקערעוועט זיך אויף לינקס און הויבט אן מיט שנעלקייט שניידן די שווארצע וואסערן פאראויס, אינעם אפענעם ים אריין.

חיפה, א צעפינקלטע, הויבט זיך אן דערווייטערן; אירע ליכטער ציגדן זיך און מיניען זיך, א צעצונדענער בארג, דער כרמל, הייבט זיך אינעם חושך; דאס בלויע ליכט וואס באקרוינט דעם כרמל מינטערט און וועקט, באגלייט א שטיק וועג, ווייט אינעם ים אריין.

די נאכט הילט איין די שיף. א קאלטער ווינט יאגט אן. דער ים צעהוידעט זיך, די טריט ווערן אומזיכער, דער עולם צעגייט זיך אין די צימערן. די ערשטע נאכט אויף דער ישראל שיף „ציון".

ס׳הויבט אן טאגן: דער חושך צעגייט זיך, דער האריזאנט ווערט באלויכטן, א זילבערנער פאס לייגט זיך אויס ווייט הינטער דער שיף, — ויהי־ערב, ויהי־בוקר, יום שני.

✶

דער ים רוט. קליינע שפילעוודיקע כוואליעס גלעטן די שיף פון אלע זייטן און שוימען אפ צעשוימטע.

אויפן דעק שטייען די פּאַסאַזשירן. אַ לייכט ווינטל גלעט שטיפעריש, צעשויבערט די האָר. די זון גיט אַ שיין און פאַרשווינדט אונטער אַ וואָלקנדל. קינדער שפּילן זיך, שרייען זיך איבער, לויפן אַרום צעהיצטע. צווישן זיי זיינען אויך פאַראַן קינדער פון יורדים, וועלכע פאָרן זוכן גליקן אין אַנדערע לענדער. די שפּראַך פון די קינדער, עברית, — אַ קלינגעוודיקע, אַ לעבעדיקע, ווי אַקאָרדן פון אַ יידישער לעבנס־סימפאָניע, וואָס די גרויסע האָבן איבער־געריסן. ווען די קינדער וועלן ס'איז זיך דערמאָנען דעם טאָג, ווען זיי זיינען אוועקגעריסן געוואָרן פונעם היימישן ברעג אין וואָגל און זוכניש נאָך נייע און פרעמדע ברעגן?

אויף דער שיף זיינען פאַראַן פיל יורדים. כמעט אַלע זיינען זיי געווען גוט איינגעאָרדנט מיט אַרבעט, דירות, האָבן געלעבט גוט. „זיי פאָרן ניט פון ווייטאַק נאָר פון וואוילטאָג", זאָגט אַ טוריסט פון פלאָרידע. דער יידישער אומרואיקער גייסט, די יידישע נערוועזיטעט קומט צום אויסדרוק אויך אין דער ירידה. אַ טייל פון די יורדים שווייגט, רעדט ניט, שעמט זיך קוקן אין די אויגן; די העברעאישע שפּראַך, אויף וועלכער זיי רעדן צו די קינדער, קלינגט איצט אַזוי ניט נאַטירלעך אין זייער מויל; אַ צווייטער טייל פון די יורדים דערציילט ליגנס, באַשמוצט די מדינה און אירע פירער.

אַ רבּילע פון ירושלים, אַ נטורי־קרתאַניק, פאָרט מיט זיין גרין־דאַרער, גרויסנאָזיקער יידענע קריגן אַמעריקאַנער בירגערשאַפט. ער העלפט צו די יורדים אין זייער מלאכה.

ער איז „נעבעך" זייער „אָפּגעשוואַכט", דאָס רבּילע, האָט ניט קיין כוח צו פאַסטן „תענית־אסתר", וואָס פאַלט גראַדע אויס ווען מיר זיינען אינמיטן ים. ער דערקוויקט זיך דאָס האַרץ מיט אַן עפּעלע, ס'איז אַן איידעלער מאכל אין אַ תענית־טאָג.

הערן לייענען די מגילה קומט ער ניט, עס זיצן דאָרט נשים מיט מענער צוזאַמען. אָבער אין עס־זאַל באַטראַכט ער זיי, די נשים, כאַפּט אַ פאַרגנבעטן בליק אינעם דעקאָלט אַריין אויפצוכאַפּן אַ שטיקעלע אַנטבלויזט ברוסטל. זיינע אויגעלעך ציגדן זיך דעמאָלט אָן מיט אַ זינדיק פייערל, אַ תאווהדיק שמייכעלע לייגט זיך אין די פאַלדן פון זיין שוואַרץ בערדל, און אַ גאַוועדיק סלינעלע רינט אים אַרויס פון מויל: אַי, אַי, סאַר אַ זינדיקע וועלט, — סדום ועמורה!

היינט איז שבת, — סמבטיון רוט אין דעם טאָג. ווייזט־אויס אַז דער ים ווייסט אויך וועגן דעם, רוט ער איצט און לאָזט אונדז פילן די פרייד פון אַן אמתן שבת־קודשדיקן רו־טאָג אויף אַ יידישער שיף.

*

דער ים בייט זיינע קליידער צענדליקער מאָל א טאָג: אַט איז ער טונקל בלוי, באַלד ווידער טונקל גרין. די זון שפּיגלט זיך אין א זילבערנער אַזיערע.

מעוועס באַגלייטן די שיף. ווייסע, זון־באַגאָסענע קרייזן זיי איבער אונדז, רופן זיך איבער, לאָזן זיך אַראָנטער אויפן וואַסער אויפצוכאַפּן דאָס אָפּפאַל. זיי דערמאָנען א מתנה בעטלער וואָס האַלט זיך אויף ביי פרעמדע טישן.

די שיף פאַראַנקערט אין מאַרסעל. די שטאָט איז גרויס, צעוואָרפן אויף א באַרג און האַלט אַרומגערינגלט די ים־בוכטע אויף צענדליקער קילאָמעטער ווייט. אין פּאָרט שטייען פאַראַנקערט הונדערטער שיפן. די קאַפעען זיינען באַזעצט מיט טויזנטער מענטשן, בעיקר מאַטראָסן פון פאַרשיידענע לענדער אין דער וועלט. מען הערט דאָ א געמיש פון אַלערליי שפּראַכן און דיאַלעקטן. די געגנט אַרום פּאָרט איז פול מיט שמוציקע שענקען און קנייפּעס. שיכורע מאַטראָסן מיט גאַסן־פרויען אויף די קני שפּילן אין קאָרטן און זייער ניבול־פּה שרייט אַריבער די גערויזאַנגען וואָס טראָגן זיך פון די מוזיק־קאַסטנס.

טראַמווייען און טראַליי־בוסן שניידן דורך די גאַסן. נעגער פּאַרקויפן מאַ־לערייען, — לייוונטן מיט בילדער פון דזשונגל. אַקראָבאַטן האָבן זיך צעלייגט צופוסנס א דענקמאָל אויף דער הויפּט־גאַס און באַווייזן קאָרק־ברעכערישע קונצן. איבער א באַר מיט פאַרמאַכטע לאָדנס ברענט א רויט ליכט, — זינדיקער אָנבאָט אינמיטן העלן טאָג.

די קירך פון זשאַן ד'אַרק איז הויך, באַפּוצט מיט טורעמס, פּילאַרן, אָרנאַ־מענטיק און מאָזאַיק. פאַרן אַריינגאַנג אין קירך שטייט די סקולפּטור פון זשאַן ד'אַרק, הויך, מאַיעסטעטיש, א פאַרשנורעוועטע פון קאָפּ ביז די פיס. איר גע־שטאַלט דריקט אויס מוט, ערנסטע אַנטשלאָסנקייט, גלויבן און גוטסקייט.

דער מאַרק אין מאַרסעל: שמאָלע געסעלעך, שווערע צום דורכגיין; אַלץ איז דאָ באַלאַגערט מיט שפּייזן, פּרוכטן און גרינסן; ריזיקע רעדער קעז זייט ביי זייט מיט יונגע, טאַגיקע, אָפּגעשוונדענע שעפּסעלעך און אָפּגעפּליקטע פייגעלעך מיט פאַרוואָרפענע שנעבעלעך; פעפער און שיסלען מיט גליטשיקע שלימאַקעס, אויסטריצעס און ראַקעס וועלכע באַוועגן זיך און קריכן איינע אויף די אַנדערע.

20 — 25 שטאָקיגע הייזער — נייע, ווייסע און ליכטיקע גיגאַנטן, האַרט נעבן נידעריקע, אַלטע, פאַרשוואַרצטע בנינים מיט סקולפּטורן אַרום און אַרום, — דער זכר פון אַן אונטערגייענדער וועלט, וועלכע ראַנגלט זיך קעגן דעם אויפגייענדן מאָדערניזם אין דער אורבאַניסטישער אַרכיטעקטור.

די רויע בערג פון מאַרסעל, מיט אויפגעריסענע אינגעווייד, זיינען אזוי ענלעך צום כרמל מיט זיינע אויפגעריסענע שטיינהאקערייען.

די שיף פארלאזט דעם פארט און טויזנטער מאסטן — א וואלד פון מאַסטן — געזעגענען אונדז. פענער פלאטערן אויף די שיפן. די 7 גאלדענע שטערן אויף אונדזער פאן לייכטן אין שיין פון דער פארגייענדיקער זון: — 7 שטערן, ליכטיקע יידישע שטערן, מיטן גאלד פונעם יידישן הארץ זיינען זיי אויסגעוועבט! 7 שטערן, — הערצלס חלום איז אווירקלעכקייט געווארן.

✶

די שיף באוועגט זיך פאראויס. צפונדיק פון אונדז גרינט שפאניע מיט אירע טאלן און בערג. ווי פון א לייכטן נעפל ארויס זעען זיך די בערג פון קאסטיליע. ווייסע דערפעלעך ליגן צעשאטן אין די טאלן. אויף די בערג ווייסע געביידעס, ווייזט־אויס קלויסטערס און מאנאסטירן. דארט האט די אינקוויזיציע אמאל געברענט אונדזערע זיידעס אויף די שייטערהויפנס. טראג זיך שטאלץ „ציון", יידישע שיף! פיר די אוראייניקלעך פון יענע עקשנותדיקע יידן, באשטעטיק פאר דער גאנצער וועלט דעם אלטן אמת אז „נצח ישראל לא ישקר!"

דרומדיק זעט זיך דער ברעג פון אפריקע, — מאַראָקאָ מיט אירע ליידיקע שווארצע בערג. אט דא, אין דער געגנט, איז דערטרונקען געווארן אין די צעשטורעמטע וואסערן א מעפילים־שיפל מיט אונדזערע שוועסטער און ברידער פון מאַראָקאָ, אויפן געפערלעכן אומלעגאלן וועג צום היימלאנד. צי פילן די יורדים ווי הייליק ס'איז דאס דאזיקע ארט?

איבערן אָקעאַן זיינען צעשפרייט פישער־שיפלעך, קליינע, באלאדענע מיט קעסטלעך און נעצן. די שיפלעך הוידען זיך, טונקען זיך אינעם צעאקערטן ים, אט־אט און זיי וועלן זיך אנפילן מיט וואסער. נאָר זיי האלטן זיך, שווימען לאנגזאם פאראויס צום ציל. אויף די דעקן שטייען פישער, ציען נעצן. אַן אויסגעפראצעוועטע האנט פון א פישער־יונג הייבט זיך אויף אין א באגריסונג. די מענטשן אויפן דעק פון דער פאסאזשיר־שיף ענטפערן מיט אויפגעהייבענע הענט: שלום! זאל דיך דער ים ברענגען בשלום צו דיין היים, צו דיין ווייב און קינדער!

די אַזאָרישע אינדזלען קומען אנטקעגן. רעכטס וואקסט אויס דער אינדזל סאַנט דזשאָרדזש. א הויכער פעלדזיקער אָפּריס באגעגנט אונדז. הארט ביים ברעג א ברייטער שטיינערנער פילאַר, אפגעטיילט פונעם בארג, א באזונדער אינדזל, — ער „מאכט שבת פאר זיך". לאנגע צעשאטענע דערפער ציען זיך איבערן בארג. ארום א בוכטע ליגט א ווייס שטעטל. ביים ברעג שטייען פאראנקערט עטלעכע

קליינע שיפלעך. אַן איינזאַם פישער־שיפל טונקט זיך אינעם וואסער נאענט פון אונדזער שיף.

ס׳קומט אנטקעגן דער אינדזל פיקאָ. נאך א העכערער בארג, רייסט זיך אין די וואלקנס אריין, וואולקאניש ווי אלע אינדזלען דא ארום. אויך דא ליגן צעשפרייט ווייסע דערפלעך. צווישן פיקאָ און דעם אינדזל אַפּאַיאַל ליגט א קליין אינדזל־בארג, א שומר, וואס היט דעם דורכפאר צווישן ביידע אינדזלען, ער זעט אויס ווי א קעמל וואס קניט אויף זיינע פאדערשטע פיס.

אינעם העכסטן בארג אויפן אינדזל אַפּאַיאַל געפינט זיך א ריזן גרויסער קראַטער און אין אים אַן אָזיערע. די בערג שפייען דא אפט מיט פייערדיקער לאווע, וואס גיסט זיך אריין אין ים און ס׳וואקסן אויס נייע בערג שפיצן וועלכע פארגרעסערן דעם אינדזל.

איבער די אינדזלען הערשט די אפגעשטאנענע פאָרטוגעזישע אימפעריע. דער שטיוול פון א ברוטאלן סקלעראזעוואטן דיקטאטאר אונטערדריקט סאַטראַ־פּיש די ארעמע באפעלקערונג וועלכע לעבט אין פרימיטיווע באדינגונגען, קלאמערט זיך מיט ציין און נעגל אינעם שטיינערנעם באדן, האלט זיך אויס פון פרימי־טיווער לאנדווירטשאפט און פישעריי. דעם עלנד פילט מען אפילו פון ווייטן, אַן אומעט ליגט דא אויסגעגאסן.

*

די וועטער־סטאנציעס האבן אנגעזאגט דעם אנקום פון א שווערן שטורעם — אַן אוראַגאַן. שטריק ווערן אנגעצויגן ביי אלע דורכגאנגען. די מאטראסן גרייטן צו די שיף, שמירן די רערן, שרויפן, קלאפן און בודקן פון אלע זייטן. מיטאמאל, ביים מיטאג עסן, האט זיך אנגעהויבן א פייפעריי. א ווילדער געוואוי רייסט זיך אינדרויסן, קלאפט מיט אימה די שיף און וויל זי איינברעכן, צערייסן. ס׳פאלן גלעזער, טעלער, די שטולן גליטשן זיך, פאלן־אום צוזאמען מיט די מענטשן.

דער שטורעם ווילדעוועט א גאנצע נאכט. הויכע וואסער־בערג וואקסן אויס און פארגיסן די שיף. א ווייסער שום שלאגט פון די וואסערן; די בייזקייט פארכליניעט זיך, פּאַטשט, רייסט, קלאפּט און וואָיעט. די שיף קריכט אויף די וואסער־בערג, ציט זיך אויף א ווייל צוריק און שפרינגט אריין אינעם צעעפנטן, שוימיק־שווארצן וואסער־פּיסק.

אלץ קרעכצט: די מענטשן, די מאשינען, די ווענט. דאכט זיך אז די שיף ווערט צעפאלן אויף שטיקלעך, נאָר זע א וואונדער: זי איז גאנץ, האלט זיך.

א נייער שבתדיקער טאג איז געבוירן געוואָרן, שבת בסימן שטורעם. דער אָקעאַן וויל אויך היינט ניט רוען און זעצט פאַר זיין שטורמישן אַנגריף אויף דער שיף. אינעם קליינעם בית־המדרשל דאַוונען יידן איינגעוויקלטע אין טליתים. יידן מיט געלע צעקרימטע פנימער שטייען שמונה־עשרה און שאָקלען זיך. ס׳איז ניט פון התלהבות, דאָס וואַרפט זיי אַזוי דער שטורעם.

גאַטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער שיף. דער אוראַגאַן ווערט אַלץ ווילדער. די מאַטראָסן געדענקען ניט אַזאַ שטורעם. זיי זיינען מיד און אויסגעמאַטערט פון כסדרדיקער וואַכזאַמקייט ביים היטן די שיף, רייניקן זי, אָפּהיטן די מאַשינען. דער אַטלעטיש־געבויטער איטאַליענישער גר־צדק, אַברהם בן אַברהם סיראַבעלאַ, קומט אַרויס פון די מאַשין־צימערן אַן אויסגעווייקטער ווי אַ הערינג, כאַפּט זיך אַריין אויף אַ מינוט אין קאַבינע צו זיין ווייב, — אַ יידיש מיידל פון רומעניע, קושט איר אויס די פאַרווייינטע אויגן, באַרואיקט זי און איילט צוריק צו זיין אַרבעט. דער קאַפּיטאַן, מרדכי ליבין, איז אין כסדרדיקער באַוועגונג. זיין אויג באַוואַכט אַלץ. זיין רואיקייט גיט זיך איבער די פּאַסאַזשירן. ניטאָ קיין פּאַניק און שרעק צווישן זיי.

נאָר די קינדער פילן זיך גוט. זיי לויפן אַרום, האָפּסלען פון איין פּיסל אויפן אַנדערן, שרייען, שפּילן זיך. „פּאַ, שרייט אַ קינד פון אַ קאַנאַדער טוריסט. מים אַן דהי ווינדאָו" (וואַסער אויפן פענצטער), — אַ ירושה פון באַזוך אין ישראל. כאָטש מ׳פילט זיך שלעכט, צעלאַכן זיך אַלע פונעם קינדס אויסגעשריי.

*

א נייער טאָג, אַ ליכטיקער, אַ זוניקער האָט זיך געשטעלט. דער אַטלאַנטיק האָט זיך באַרואיקט. ער ליגט איצט אַ רואיקער, אַ גלאַטער, אָן באַוועגונג, ווי באַדעקט מיט אויל.

די מענטשן האָבן זיך אויפגעוועקט צום לעבן, יום־טובדיק אויסגעפּוצט זיך. אַ פרייד האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט — ס׳דערנעענטערן זיך די ברעגן פון אַמעריקע. ס׳קומט אַן אַמעריקאַנער פּאַטראָל־שיף. די ישראל פאָן ווערט אַרויפגעצויגן אין אַ סאַלוט. די אַמעריקאַנער פאָן סאַלוטירט צוריק.

די זון זעצט זיך, פאַרגייט אויפן האָריזאָנט אַ רויט־צעצונדענע. דאָס וואַסער ווערט אויך באַלויכטן רויט. די מענטשן שטייען ווי פאַרכשופט, קענען ניט אָפּרייסן זייער בליק פון דער וואונדערבאַרער שקיעה.

ס׳ווערט טונקל, נאַכט קומט אָן. אויפן האָריזאָנט שלאָגט אַרויס אַ העל־ליכטיקער הימל, וואָס באַלייכט אויך דאָס וואַסער, — ניו־יאָרק שיקט אירע ליכטיקע גרוסן צו אונדז.

לייכט־טורעמס צינדן זיך און לעשן זיך. די שיף שניידט די באלויכטענע וואסערן. עראפלאנען מיט פארביקע ליכטער טראגן זיך איבער אונדזערע קעפ און פארשווינדן.

ס'וואקסט אויס א ים פון ליכטער. מיליאנען ליכטער, סיגנאלן, פייערן, שיפן, ריזן־הייזער וואס דראַפען זיך צום הימל. א טויבער גערויש דערגייט צו אונדז, דאס באגריסט אונדז ניו־יארק מיט א ברוך־הבא!

דער גליקלעכער

אויף דער שיף וועלכע האט געשניטן די וואסערן פון אטלאנטיק אויפן וועג צו ניו־יארק, איז מיסטער נייטען וויינבערג, דער דערפאלגרייכער סוחר פון ברוקלין, געווען דער ליבלינג פון די פאסאזשירן.

א הייכער, א שלאנקער, מיט גרויע האר און ברוינע גוטע אויגן, אנגעטאן עלעגאנט און פעדאנטיש, האט ער דערוועקט צו זיך רעספעקט און צוטרוי.

די מיטפארערס האבן שטענדיק געזוכט צו זיין נאענט צו אים; זיי האבן הנאה געהאט פון זיין געזונטן הומאר, פון די תורה־ווערטלעך וואס ער געדענקט נאך פון דער אלטער היים, און פון זיין פיינעם לאגישן באהאנדלען א פראבלעם וואס שווימט ארויס אין א דיסקוסיע; זיי האבן אנגעקוואלן פון זיין פריילעכקייט, גוט־ברודערישקייט, און אפילו פון זיין געזונטן אפעטיט.

אין די אוונטן, ביז אין די שפעטע נאכט־שעהן, פלעגט מיסטער וויינבערג פארברענגען אין באר: פארוויילט דארט די דאמען, געוויגט זיך מיט זיי אין טאנץ, ארייגעשעפטשעט אין אויער קאמפלימענטן, לייכט א קוש געטאן די דאמען־הענטלעך נאכן טאנץ, און א באַרוישטער פון גליק געזעגנט זיך ביז צום מארגנדיקן טאג.

— א גליקלעכער מענטש. האבן די פאסאזשירן אויף אים געזאגט, טייל אפילו מיט קנאה.

— מסתמא פעלט אים גארניט. האבן אנדערע צוגעגעבן.

מיסטער וויינבערג איז געווען מיין שכן אין עס־זאל. האבן מיר זיך שטארק באפריינדעט און פארבראכט צוזאמען די צייט.

ווען די שיף איז אין א זוניקן פרימארגן ארייגעשוואומען אין ניו־יארקער האפן און פאראנקערט ביים פארט, איז מיסטער וויינבערג ארייגעקומען אין מיין קאבינע אויסגעשטרעקט זיין האנט און האט זיך אנגערופן:

— זייט געזונט! איך בעט אייך זייער ניט צו פארגעסן אז מיר זיינען געווארן פריינד, און איר מוזט מיך באזוכן אין מיין געשעפט. דא האט איר מיין אדרעס.

— גוט, מיסטער ווייגבערג, האב איך געענטפערט, איך נעם אן אייער איינלאדונג און דא האט איר אויך מיין אדרעס.

★

א פאר וואכן שפעטער קלינגט צו מיר דער טעלעפאן: — דאס רעדט מיסטער ווייגבערג. איי, שלעכטער מענטש וואס איר זייט, פארוואס באזוכט איר מיך ניט?

— מיסטער ווייגבערג, ענטפער איך, האט ניט קיין פאריבל, כ'בין געווען פארנומען: קרובים, פריינד, משפחה און די ערשטע וואכן אין אזא גרויסער שטאט, אויך דאס ארומפארן רויבט אוועק די צייט.

— כ'פארשטיי אייך זייער גוט, זאגט ער, נאר דאס מאל דארפט איר מיר ניט אפזאגן; איך וויל אייך מארגן ארויסנעמען פישינג, וואס אויף מאמע לשון הייסט דאס — כאפן פיש. און זיין שטים בעט זיך ווייטער: נעמט אן מיין איינלאדונג, טוט מיר דאס פארגעניגן און זאגט מיר ניט אפ.

די געלעגנהייט צו באטייליקן זיך אין פיש־פאנג אויפן ים, האט מיך אימפאנירט. כ'האב דעריבער אפגעענטפערט:

— גוט, נייטען, — ווער איך מיט אים פאמיליאר, — איך נעם אן מיט פארגעניגן אייער איינלאדונג.

צומארגנס זיבן אזייגער אין דער פרי איז ער געקומען מיט זיין עלעגאנטן אויטא מיך נעמען. אנגעטאן אין א ווינט־זשאקעט און א קליין געקראטעוועט ציקליסטן־היטל מיט א ברייטן דאשעק, מיט א באמבוק ווענדקע אין האנט איז ער ארויפגעקומען א צעשמייכלטער אין שטוב אריין און מיך אונטערגעיאגט:

— נו, גיט זיך שוין א ריר, פוליאק וואס איר זייט, — די שיף וועט אויף אונדז ניט ווארטן!

אויפן וועג צו דער שיף האט ער א פריילעכער דערציילט וועגן זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט און דערפאלגרייכע געשעפטס־עסקים. זיין פריילעכע שטימונג האט אויף מיר גוט געווירקט און איך בין געווען צופרידן צו פארברענגען אין זיין געזעלשאפט.

פון די רואיקע וואסערן פון שיפסהעד בעי האט זיך די פישער־שיף, מיט קרוב צו פופציק מענטשן אויף איר, ארויסגעגליטשט אינעם אפענעם ים אריין.

די זון האָט זיך צעזילבערט: אינעם ים ווייט אַרום, וואו דאָס אויג האָט נאָר געקענט דערגרייכן, — צעגאָסענער זילבער, און אויף אים צענדליקער פישער־שיפלעך.

מיר שטעכן אָן אויף די האָקנס שטיקלעך פיש און לאָזן זיי אַראָפּ אין וואַסער. מיר וואַרטן געדולדיק אַז די ווענדקע זאָל זיך נעמען באַוועגן, ציען טיפער אין וואַסער אַריין. באַלד טאַקע צאַפּלט זיך אין דער לופטן אַ לעבעדיק באַשעפעניש, וואָס וואַרפט זיך, שפּרינגט, ציטערט, זויגט די לופט מיט אַן אָפן מויל און קען ניט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

מיסטער ווייַנבערג נעמט פלינק אַראָפּ פון האָקן דאָס פישל און וואַרפט עס צוריק אין וואַסער אַריין.

— אוי, נייטען, פאַרוואָס טוט איר דאָס? רייסט זיך ביי מיר אַרויס אַן אויסרוף.

— אַ שאָד צו רויבן דאָס לעבן ביי אַזאַ פישל; כ׳דאַרף עס דען? זאָל עס לעבן, וואַקסן, גרויס ווערן און קומען אויף אַנדערע הענט. ביי מיר איז דאָס נאָר אַ שפּיל. דאָס כאַפּן גופא איז מיר אינטערעסאַנט. ס׳דערמאָנט מיר מיינע קינדער־יאָרן און דאָס שפּילן זיך אין באַהעלטעניש. איר ווייסט אפשר פאַרוואָס קינדער האָבן אַזוי ליב צו שפּילן אין באַהעלטעניש? ס׳איז נאָר צוליבן זוכן און געפינען. דער פריידיקער צאַפּל וואָס מען פילט דערביי, דאָס איז ביי זיי דער עיקר. טיילמאָל דאַכט זיך מיר אַז ביי מיינע זעכציק יאָר בין איך נאָך אַלץ אַ קינד. ס׳ווילט זיך מיר אויך האָבן כאָטש אַ קליין ביסעלע פרייד אין לעבן; כאָטש די געציילטע רגעס פרייד ביים פילן דאָס צאַפּלען פון פישל אויף דער ווענדקע: אַהאַ, געפּאַקט דיך, אַרויסגעשלעפּט דיך פון דיין באַהעלטעניש! איצט נעם דיר צוריק דיין לעבן, כ׳דאַרף עס ניט.

— וואָס רעדט איר, נייטען, האָב איך אַ פאַרוואונדערטער זיך אָפּגערופן: איר זוכט כאָטש געציילטע רגעס פון פרייד אין לעבן? איר, וואָס זייט אַזאַ גליקלעכער און שטענדיק צופרידענער מענטש? וואָס פעלט אייך דען? איר האָט אַ משפּחה, געלט, אַ הויז, אַן אויטאָ; איר זייט געזונט און זעט אויס ביי אייער עלטער יוגנטלעך און פריש; איר זייט פּרעזידענט פון אַ רייכן קאָנגרעגיישן־צענטער, וואָס האָט אייך איינגעאָרדנט אַ באַנקעט פאַר אייער געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט, און באַרימטע פּערזענלעכקייטן האָבן אייך באַגריסט. וואָס נאָך ווילט איר האָבן?

אַ וואָלקן האָט זיך פאַרצויגן אויף זיין פּנים. זיינע אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ שלאָף. אויף דער לינקער באַק האָט

גענומען צוקן א דין נערוול, באוועגט זיך ארויף און אראפ. ער האט לאנג, לאנג געשוויגן און ענדלעך זיך אפגערופן:

— איר ווייסט מסתמא וואס דאס פאלקס־ווערטל זאגט: „קיינער ווייסט ניט וועמען דער שוך קוועטשט״. א קלוגער מענטש געווען דער וואס האט דאס צום ערשטן מאל ארויסגעזאגט. דאס לעבן קען אויך זיין אזא מין ענגער שוך, וואס דריקט דיר אזוי צונויף אז דו שטעקסט כמעט ארויס די צונג; קענסט ניט אפכאפן דיין אטעם; קענסט אפילו ניט שרייען; פונקט ווי די פיש וועלכע ליגן דא ביי די מענטשן אין די זעקלעך: זיי שטיקן זיך, קענען דעם אטעם ניט אפכאפן און קענען ניט שרייען. איר וועט מיך אודאי ניט פארשטיין. דערציילן גלוסט זיך מיר ניט. נאר איין זאך בעט איך אייך: פאר אייער פארלאזן ניו־יארק, קומט צו מיר אהיים אויף אַן אוונט־ברויט, — איר מוזט מיר דאס צוזאגן.

✱

ס'איז געווען אַן אנגעגליטער ניו־יארקער זומער־אוונט: די לופט איז געווען א געדיכטע, א שטיקנדע, מען האט איר געשלונגען מיט א צעעפנט מויל; דער אנצוג מיטן קראוואט האבן געדריקט דעם קערפער ווי א שווערע משא; דער שווייס האט צוגעקלעפט דאס העמד צום לייב און דער גאנצער גוף האט געבענקט נאך א טראפן פריש לופט, נאך א קיל ווינטעלע.

אין אזא אוונט האב איך זיך אוועקגעלאזט צו באזוכן מיין פריינד, נייטען וויינבערג, און זיך געזעגענען מיט אים פאר מיין אפפאר צוריק אהיים.

די געגנט וואו ער וואוינט געהערט צו די שענסטע פון ברוקלין: די גאסן זיינען רואיקע, שטילע, אַן געשעפטן, און מען זעט דארט זייער ווינציק דורכגייער; אלץ איז איינגעהילט אינעם שאטן פון הייכע, ברייט־צעצווייגטעביימער, אויף וועלכע עס שפרינגען ארום פלינקע וועווערקעס; די הייזער זיינען דא נידעריקע, מיט באלקאנדלעך, פילארן, גאנעקלעך און ברייטע ווערענדעס; ארום די הייזער ארומגעצוימטע בלומען־גערטנדלעך און קוסטעס; אלץ זעט אויס פארפונדעוועט, רייך, רואיק און דערוועקט א געפיל פון קנאה צו די גליקלעכע מענטשן וואס וואוינען דא.

אויף די טרעפ פונעם גאנעקל פון זיין הויז, האט מיך שוין אפגעווארט מיין פריינד, נייטען. ער האט מיך שטיל באגריסט און פארבעטן אין שטוב אריין.

אויף א פאטעל אינעם גרויסן גאסט־צימער איז געזעסן א פרוי אין די פופציקער יארן. איר פנים האט נאך געטראגן צייכנס פון א געוועזענער שיינקייט. זי האט זיך ניט אויפגעשטעלט מיך צו באגריסן און האט אפילו ניט געענטפערט אויף מיין באגריסונג, נאר געמאכט אַן אומפארשטענדלעכע גרימאסע מיטן פנים.

— ווייזט אויס אז איך געפעל איר ניט, האט א מחשבה א פיק געטאן אין מיין מוח.

— קומט לאמיר זיך זעצן צום טיש, האט מיך נייטען אריינגעפירט אין עס צימער וואו ס'איז שוין געשטאנען א שיין סערווירטער טיש מיט פארשיידענע מאכלים און געטראנקען.

א הייכער ברייטפלייציקער מאן, אין עלטער פון א יאר 35, ווי צוויי טראפנס וואסער ענלעך צו זיין טאטן, נאר מיט א שעמעוודיקן אראפגעלאזטן בליק, איז מיר אנטקעגן געגאנגען און אויסגעשטרעקט פריינדלעך זיין האנט.

— מיין זון, הערי, האט מיסטער וויינבערג אים פארגעשטעלט פאר מיר.

— דאכט מיר אז איר האט נאך א טאכטער אויך? האב איך א פרעג געטאן.

— יא, אבער זי איז איצטער אויסער דער היים.

נייטען איז אויף א ווילע ארויס פון צימער און האט זיך באלד צוריק־געקערט פירנדיק, אויף א פאטעל מיט רעדלעך, זיין פרוי. פארזיכטיק האט ער איר אויפגעהייבן און אוועקגעזעצט אויף א שטול ביים טיש.

— א קאליקע, איז מיר גלייך געווארן פארשטענדלעך איר מאדנער אויפפיר ביי מיין אריינקום, אבער פארוואס האט זי ניט געענטפערט אויף מיין באגריסונג?

די הויז־פרוי האט דערלאנגט צום טיש פשוטע און געשמאקע היימישע עסנס: קאלטער שטשאוו מיט קארטאפל; קעז־בלינצעס; און פארשיידענע פרישע גרינסן און פרוכטן.

מיר האבן געגעסן שווייגנדיקע. כאטש פון לופט־קילער האט אָן אויפהער אריינגעשטראמט קאלטע לופט, איז אין צימער געווען הייס און שטיקנד. די שטימונג איז אויך געווען א דערדריקנדע, די שטילקייט אַן ארויפגעצוואונגענע.

ביי דער קראנקער האבן די הענט געציטערט. זי האט קוים, צוגעטראגן דאס עסן צום מויל, און האט דערביי העלפט פאַרגאָסן אויפן טישטעך. פלוצלינג איז ביי איר דאס לעפל ארויסגעפאלן פון האנט און זיך צעקלונגען אויף דער פאדלאגע. אינסטינקטיוו האט זיך ביי איר ארויסגעריסן פון האלדז א ווילד געברום ווי פון א שטומער צונג. זי האט זיך א בויג געטאן אנצוכאפן דעם לעפל, און איז ווי א שטיק האלץ אראפגעפאלן פון שטול אויף דער פאדלאגע. פון ווייטיק און שאנדע האט זי אנגעהויבן צו וויינען — א געוויין וואס האט אפגעהילכט ווי דאס רעווען פון א הילפלאזער באשעפעניש.

כ'האב פארלוירן דאס לשון. דער שווייס האט אנגעהויבן רינען אויף מיר

אין שטראַמען. כ׳האָב זיך געשעמט צו קוקן די מענטשן אין די אויגן, צו זען זיי אין זייער צער און אומגליק.

דער זון איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, האָט איר אויפגעהייבן, אַריינגעזעצט צוריק אין פאָטעל, אַרומגעווישט איר דעם שווייס און די טרערן, אַרויסגעפירט פון צימער און איז שוין אַליין אויך מער ניט צוריקגעקומען.

מיסטער ווייַנבערג איז געבליבן זיצן אויף זיין אָרט אומבאַוועגלעך. ער האָט מיך לאַנג באַטראַכט, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט זען וואָס פאַר אַ רושם דאָס האָט אויף מיר געמאַכט.

איך האָב מיך דערפילט ניט באַקוועם און האָב זיך אויפגעשטעלט צו געזעגענען, אָבער נייטען האָט מיך אָנגענומען ביי די אַקסלען און צוריק געזעצט אויף מיין אָרט.

— איר גייט נאָך ניט, מיין ליבער פריינד, האָט ער איבערגעריסן דאָס שווייגן; כ׳בין אייך נאָך שולדיק אַן ענטפער אויף דער פראַגע וואָס איר האָט מיך געפרעגט אויף דער פישער־שיף.

ער האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו מיר און גענומען דערציילן. ער האָט אויפגעוויקלט פאַר מיר די לעבנס־געשיכטע פון אַן אָרעמען ישיבה־בחור פון אַ קליין ווייסרוסיש שטעטל, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע און דאָ רייך געוואָרן, פאַרנומען אַ געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע, חתונה געהאַט מיט דער שיינער און געבילדעטער ראָזו, וועלכע האָט אים געבוירן צוויי קינדער, ביז צום גרויסן אומגליק וואָס האָט אים מיט אַכצן יאָר צוריק געטראָפן: די שיינע פרוי זיינע איז אין אַ שטיק ליים פאַרוואַנדלט געוואָרן, אָן באַוועגונג, אָן לשון, און דערצו מיט אַ שרעקלעכער קנאה צו אַלץ וואָס לעבט, רעדט, און באַוועגט זיך.

דער זון וויל ניט חתונה האָבן; דער מאַמעס אומגליק האָט אים אַריינ־געוואָרפן אין אַ קאָמפּלעקס: ער האָט מורא פאַר אַ משפחה־לעבן, ווערט ער פאַרעלטערט אין זיין בחורשאַפט.

די טאָכטער האָט יאָ חתונה געהאַט. אָבער אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה איז איר מאַן גייסטיק קראַנק געוואָרן; קוים מיט צרות אַרויסגעקראָגן פון אים אַ גט; מער וויל זי ניט חתונה האָבן: די זעלבע שרעק פאַר אַ משפחה־לעבן, וואָס ביים זון. אויך זי ווערט פאַרעלטערט אין איר עלנד.

מיסטער ווייַנבערג האָט דערציילט און איך האָב מיט אַלע מיינע חושים געפילט דעם גרויסן צער זיינעם און מיין האַרץ האָט געוויינט. כ׳האָב זיך דערמאָנט אַ סטראָפע פון אַ ליד:

אלץ איז דרויב / לייכטער שטויב,
פאַר דער שוואַכסטער פליג קיין לאַסט (פרץ)

זיין שטים האט זיך געגומען ברעכן און ער האט אפגעהאקט. אויף זיינע באקן האבן זיך געשנירלט טרערן. ער האט מיך פלוצלינג ארומגענומען און הארציק א דריק געטאן צו זיך מיט גרויס פריינדשאפט. איך האב דערפילט אז ס'איז אים גרינגער געווארן דאס געמיט, זיין שטימונג האט זיך אויסגעלייטערט פונקט אזוי ווי ס'לייטערט זיך אויס דאס וועטער אין א זומער־נאכט נאך א גרויסן שטורעם.

איך האב זיך אָן ווערטער אויפגעהייבן פון מיין ארט און נייטען צוזאמען מיט מיר. ער האט מיך מיט זיין אויטא אפגעפירט א היים. אבער ווען איך האב שוין געוואלט ארויסגיין פון אויטא און זיך געזעגענען, האט ער מיך געבעטן:

— בלייבט נאך א פאר מינוט זיצן מיט מיר. ס'דאכט זיך מיר אז מיט אייער אוועקגיין וועט דער אומגליק מיינער זיך ארויפווארפן אויף מיר ווי א רויב־חיה און צערייסן מיך אויף שטיקער. בלייבט טייערער, בלייבט נאך א פאר מינוט.

כ'בין געבליבן. די מינוטן האבן זיך געצויגן ווי שעה'ן, מיר זיינען געזעסן שווייגנדיקע, ניט אויסגערעדט איינער צום אנדערן קיין ווארט. פארביי אונדז האבן געיאגט אויטאס און אויטאבוסן; טויזנטער מענטשן האבן געשטראמט אינעם צעגאסענעם ים פון גרויסשטאטישן לעבן. א מחשבה האט געשלאגן אין מיין מוח: ער איז ווי דער פיש, וואס די ווענדקע פון גורל האט געכאפט אויפן האקן, און ער צאפלט זיך; צאפלט זיך, קען ניט אפכאפן דעם אטעם און קען ניט אויסשרייען זיין ווייטיק.

גריניטש־ווילעדזש

גריניטש־ווילעדזש — דער קינסטלער־דארף אין הארץ פון ניו־יארק, אין שכנות מיט דער אריסטאקראטישער פינפטער עוועניו. דא, אין געפלאנטער פון עטלעכע געסעלעך, וואוינען, שאפן און חלומען די באהעמיער. זיי לעבן הפקרדיק, צו להכעיסדיק דער וועלט מיט אירע אין ראמען געפורמטע באגריפן און כללים. זיי טיילן זיך אויס מיט זייער עקסטראַוואַגאַנטישן קליידן זיך און אויסזען: מענער מיט בערדלעך, אין צעקנייטשטע הויזן, מיט אפענע העמדער און צע־פאטלטע פריזורן; פרויען אין בונטע, פארביקע בלוזקעס, אין הויזן, שיך אויף נידעריקע, ברייטע קנאפל, אויך די פריזור איז א מענערישע, א וואויל־יונגערישע. זיי שטייען גרופנווייז אויף די טראטוארן, שמועסן, לאכן. זייער

געלעכטער איז פריי, אפנהארציק, קייקלט זיך מיט אַן עכא, באגלייט די דורכ־גייער, צעברעכט אלע ראמען.

אויף דעם שטאלן־געסל, וואו ס׳זיינען אמאל געווען די פערד־שטאלן פון דער ניו־יארקער אריסטאקראטיע, און אויך אין די אנדערע געסעלעך, אין די קעלער־קאפייען, זיינען שטענדיק אויסגעשטעלט בילדער, סקולפטורן און קעראַ־מישע אויסארבעטונגען. די קעלער־וועגט זיינען רעדעוודיקע: זיי רעדן מיט דער שפראך פון מאלערייען, אויפשריפטן, חכמהדיקע ווערטלעך, אדער מיט ציניש וואולגאריטעטן, הינטער וועלכע ס׳באהאלטן זיך אפטמאל זייער פשוטע און קלוגע אמתן.

אין די קרעמלעך פארקויפט מען דא אלטערטימלעכקייטן. איין קרעמל פארקויפט אלטע פרעס־אייזנס פון אלערליי גרויסן, פון פארשיידענעם אויסזען. אונדזערע עלטער־עלטער באבעס האבן זיך מיט זיי באנוצט. פרעס־אייזנס וואס זיינען אפשר א זכר פון א גליקלעכער צייט, אַן דזשעטן, אַן ראקעטן, אַן אטאמישע מעגאַטאָנען. זיי רופן ארויס א געפיל פון בענקשאפט, ס׳ווילט זיך אזוי זען צוריק דער אלטער באבען א געבויגענע ביים אויפבלאזן די קוילן, ביים צעגליען דאס פייער וואס האט אזויפיל געמיטלעכע ווארעמקייט אריינ־געבראכט אין דער היים.

אין די שפעטע נאכט שעהן טראגן זיך דא ארום געזאנגען. פארלעך שטייען ביי די טויערן און אויף טרעפלעך ארומגענומענע, איינגעקלעמטע ווי זיי וואלטן באמת געווען ערגעץ וואו אין א ווייט־פארווארפן דארף. די גרויסע שטאט שארפט אירע ציין קעגן גריניטש־ווילעדזש, גרויסע געשעפטן שלינגען איין דעם דארף. פון די געשעפטן, אפענע ביז שפעט אין דער נאכט, און פון די רעסטאראנען שטראמען ארויס טויזנטער מענטשן. זייערע שטימען דערשטיקן דאס געזאנג, זייערע בליקן באגלייטן די פארלעך. די שטאט האט צופיל אויגן, דער דארף ווערט איינגעשרומפן אונטער זייער בליק.

א הייכע, פיל שטאקיגע, פינצטערע געביידע, מיט הונדערטער פארקראַ־טעוועטע פענצטער, שטייט אין גריניטש־ווילעדזש — א ריז וואס די גרויסע שטאט האט דא אויפגעשטעלט ווי א סימבאל פון איר מאכט און הערשאפט — ס׳איז א פרויען־טורמע. וואו נעמט מען אזויפיל פרויען־פארברעכערינס אנצופילן אזא טורמע?

וואס פאר א חלול השם, וואס פאר א קאנטראסט שטעלט מיט זיך פאר די טורמע דא אין גריניטש־ווילעדזש! די וועלט פון דער קונסט וואס דארף אויסאיידלען דעם מענטש, דערפרייען אים מיט דער פרייד פון דער געטלעכער שאפונג וואס לעבט אינעם שעפערישן מענטש, ווערט ברוטאל, ציניש געשענדעט

פון א ריזיקער טורמע. דארט ליידן פרויען. וויפל טרוימען, פארלאנגען, בענק־שאפטן זיינען פארשפארט הינטער די דאזיקע ווענט? וויפל טרערן ווערן פארגאסן אין די נעכט אויף פריטשעס ווען ס׳דערגייט אהין דער אפהילך פון גריניטש־ווילעדזש, פון זיין געזאנג, מוזיק, עקסטאזיקן טאנץ און שכרותדיקער עראטישער צעגליטקייט?

גריניטש־ווילעדזש — א סימבאל פון מענטשן וועלכע האבן אַן אייגענעם וועג אינעם לעבן און ווילן זיך ניט אונטערגעבן. מענטשן טשודאקעס, וועלכע מען קומט באטראכטן ווי איינעם פון די וואונדערס פון דער שטאט. באטראכטן, און אפשר אויך מקנא זיין, ווער ווייסט?

וואָל־סטריט

א שמאל און קורץ געסל, אריינגעפלאכטן אין א נעץ פון ענגע, שמאלע און קורצע געסעלעך — דאס אלטע ניו־יארק — טראגט דעם נאמען וואָל־סטריט.

דער הימל, וואס גיט די פרייד פון רחבות און אנסופיקע ווייטקייטן, איז פארשטעלט פון ריזיק הייכע מויערן, נאר פיצעלעך הימל ווערן דא פארטיילט פאר די מענטשן. די צעיומטובטע זון איז באהאלטן פון אויג, אירע שטראלן ווארעמען, קושן און צערטלען נאר די שווארצע דעכער פון וואלקנקראצערס.

דא, אינעם געסל וואס איז געווארן דער סימבאל פון דער הערשאפט פונעם דאלער, הערשט דער שגעון פונעם מענטש אין זיין גײעג נאכן דאלער: דא ווערן דעצידירט די גורלות פון מענטשן „מי ייעני ומי ייעשר"; דא, פונקט אזוי ווי אין קוני־איילענד, גייט אלץ ארויף און אראפ. דארט — רעדער פון קארוזעלעס און הוידעס; דא — די רעדער פון גורלות און מזלות מיט נומערן פון „סטאקס" און „שערס". דארט, און דא, איז דאס נאר א שפיל. דארט — א פארווײלונג־שפיל פאר אלעמען; דא — פאר א קליינעם טייל. פאר דעם גרעסערן טייל איז דאס א שפיל פון טרערן, ווייטיק, פארלוירענע האפנונגען און דערווארטונגען.

קעגנאיבער דעם אריינגאנג אין וואָל־סטריט, אויף בראָדוויי, שטייט א שמאלער און לאנגער פארשווארצטער קלויסטער — די „טריניטי טשורטש". א הייכער, לאנגער שפיץ איז צלמדיק פארריסן צום שמאלן הימל. גאטס זון, דער געקרייציקטער, קוקט ארויס דורך דער גלעזערנער טיר צו וואָל־סטריט. ער זעט זיינע קינדער אין זייער משוגענעם געצנדינערישן געלויף. אוי ווי ער פייניקט זיך, גאטס־זון. זיינע ווייטיקן אויפן קרייץ זיינען א קינדער־שפיל אין פארגלייך מיט די ווייטיקן פון זיין הארץ ביים אנבליק פונעם מענטש, באשאפן

אין דער געשטאַלט פון גאָט אַליין, וואָס האָט זיך פאַרקויפט צום דאָלער — דעם הערשער און באַהערשער.

וואַשינגטאָן־סקווער

אַמאָל איז דאָ געווען דער צענטער פון דער ניו־יאָרקער אַריסטאָקראַטיע, פון די פּאָליטישע פירער און רייכע געלט־מאַגנאַטן; דאָ האָבן אויך געוווינט די קאָריפייען פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און קונסט. זייערע סקולפּטורן זיינען פאַרבליבן אין סקווער און אויף די געביידעס אַרום. ביים טריאומף־טויער שטייט די סקולפּטור פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, אויף וועמענס נאָמען דער סקווער רופט זיך.

פון דעם סקווער פליסט אַרויס די פינפטע עוועניו, וועלכע גיסט זיך אויס ווי אַ שטראָמיקער טייך איבער דער לענג פון מאַנהעטן און פאַרפּלייצט מיט איר רייכקייט די שטאָט ניו־יאָרק.

אַרום דעם סקווער שטייען די בנינים פון ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, אין זיי טוליזנטער יוגנטלעכע וואָס לערנען, האָפן, האָבן אַ ציל אין עם לעבן. אויף אַ הייכן מאַסט אינעם סקווער פלאַטערט די אַמעריקאַנער פאָן, דער סימבאָל פון פרייהייט, פון אַ ניי־דערוואַכטער וועלט און פון אַ הייכן לעבנס־סטאַנדאַרט, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך אַרבעט און שעפערישקייט; אַ סימבאָל פון מאַכט, אָרדענונג און דיסציפּלין.

אויפן אַספאַלט אין וואַשינגטאָן־סקווער, אויף די שטיינער פונעם ניט־טעטיקן פאָנטאַן, וואַלגערן זיך אַרום יוגנטלעכע — ווייסע און שוואַרצע, פּרויען און מענער. די בחורים באַבערדלטע, באַוואַקסענע; די מיידלעך ניט פריזירטע, ניט גע־שמינקטע, אין שמוציקע בלוזקעס, צעקנייטשטע הויזן און באָרוועסע פיס. דאָס זיינען די „ביטניקעס״, — אַ דעגענערירטע יוגנט וואָס האָט פאַרלאָזן די גימנאַ־זיעס און הויכשולן, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך יעדן יאָך און זיך איינגעוויקלט אין אַ מאַנטל פון אַ פילאָזאָפיע, וואָס איר אויסדרוק איז אַנטוישונג, פוילקייט, און ניט אָנערקענען דעם איינגעשטעלטן מענטשלעכן לעבנס־שטייגער.

זיי וואַרעמען זיך אויף דער זון, נעמען זיך ליידנשאַפטלעך אַרום אָן בושה, נעגערס מיט ווייסע מיידלעך, און פאַרקערט. מען עסט צוזאַמען בפרהסיה — איך אַ ביס, דו אַ ביס; שוואַרץ־רויטע ליפּן בייסן אָפּ אויפן זעלבן אָרט וואו ראָז־בלאַסע, יונג־מיידלשע ליפּן האָבן פריער געביסן. זייער גענאַנג איז אַ ציניש־גראָבער, זייערע טענץ — סעקסועלע באַוועגונגען וואָס דערוועקן אַן אָפּשטויסנדן עקל.

✶

אין טעמפל פון שלום

א וואונדערבארער פרילינג־טאג אין ניו־יארק. ארום דעם בנין פון די פאראייניקטע נאציעס, אויף דער ערשטער עוועניו, פלאטערן פענער, אויף די ישראל פאָן. א לייכט ווינטל באוועגט זי, זי פלאטערט אויפן ווינט, קנייטשט זיך און גלייכט זיך אויס צוריק, אַט אזוי ווי דער יידישער גורל איז פון שטענדיק געווען געקנייטשט, געבראכן און צוריק זיך אויסגעגלייכט. מיין הארץ פלאטערט נאכמער, טרערן שטייען אין די אויגן: האר פון דער וועלט! צו וואס מיר, געטריבענע, פארפאלגטע, האבן דערלעבט! מיין הארץ קען זיך ניט בארואיקן, איך פיבער, טרערן שטיקן מיך, כ׳שעם זיך ניט מיט דעם, שווער צו באהערשן זיך.

אינעם בנין שטראמען אומאויפהערלעך מענטשן. די טירן דרייען זיך כסדר, לאזן אריין און פירן ארויס די באזוכער — ס׳איז אפשר אין דעם פאראן אויך א סימבאל פארן לעבן: דרייסט זיך אריין, וואנדערסט ארום, זוכסט, באַטראכסט אלץ, און צום סוף דרייסטו זיך ארויס צוריק צום זעלבן אָרט פון וועלכן דו׳ האסט אנגעהויבן. א קדושהדיקע שטילקייט הערשט אינעם בנין, די מענטשן רעדן שטיל מיט אַן איינגעהאלטענעם אטעם.

א זילבערנער מאָדעל פונעם „ספוטניק" — רוסלאַנדס א מתנה — הענגט אויף א דין קייטל. אט, אט, און ס׳וועט אראפפאלן אויף די קעפ פון די מענטשן. ווי סימבאליש דאס איז! ווי טראגיש אויך וואס די שרעק קוקט כסדר ארויס פון די אויגן. די סקולפטור פון זעאוסן, דער פאטער פון די געטער, — א מתנה פון גריכנלאנד — שטייט דערנעבן. ער באטראכט אלץ און אלעמען מיט א מין פילאזאפישן בליק: „איך האב שוין געזען אין מיין לעבן, וואס איז אלט א פאר טויזנט יאר, דעם אויפגאנג פון פעלקער און לענדער, געזען אויך זייער סוף. ס׳איז אלץ גארניט ווערט. אויך מנהיגים קומען אויף און פארגייען. די שרעק פארשווינדט אויך. דער מענטשלעכער מין — ער לעבט אייביק, ער בייט נאר זיין געשטאַלט. זעט, קוקט מיך אָן, כ׳בין אויסגעהאַקט פון שטיין, א קינסטלער־האנט האט מיך מיט אזוי פיל יארן צוריק באשאפן, ארייננגעגאסן אין מיינע שטיינערנע גלידער א געפיל פון לעבן, און איך לעב, איך לעב אייביק".

איבער די באזונדערע טרעפ פאר חשובע פערזענלעכקייטן, באוועגט זיך הין און צוריק אין א ראָד א גאלדענע קויל — א מתנה פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. דאס סימבאָליזירט די וועלט, א צעטיילטע אין צוויי טיילן. אלע 24 שעה דרייט זיך די ראד איבער, ענדערט איר פאזיציע. צי דארף עס באדייטן אז אין 24 שעה קען זיך ענדערן די וועלט?

אויפן הייף שטייט א יאפאנעזיש געביידעלע, א דעכל אויף פיר פילארן, אין איר אַ גלאָק — אַ מתנה פון יאפאנס קינדער. עס זעט אויס ווי א מיניאטור

טעמפל. די שטיינער ארום און ארום — ווייסע און פאלירטע — זיינען א מתנה פון ישראל.ביידע פעלקער האבן אין זייער געשיכטע געפילט די גרויזאמקייט און די רשעות פונעם מענטשלעכן פראגרעס. דער טעמפל פון האלץ און די שטיינער סימבאליזירן אפשר דעם ווילן צו איינהאלטן דאס אלטע, אלטע; דעם ווילן אומצוקערן זיך צוריק צו א צייט ווען דער מענטש איז געווען ווייניקער „פראגרעסיוו" און ווייניקער מעגלעכקייטן געהאט אויסצופירן זיין רשעות.

ארום מיר, אין די זאלן און קארידארן פון בנין, טויזנטער מענטשן. זיי זיינען געקומען זען דעם בנין, וואס סימבאליזירט דעם שלום אויף דער וועלט, דריקט אויס די שטרעבונג פון די פשוטע מענטשן צו שלום, פארשטענדעניש, צו א בשותפותדיקער שפראך, צו פארברידערונג.

א תפילה לייגט זיך אויף מיינע ליפן: — רבונו של עולם, דערהער דאס געבעט פון קליין און גרויס, יונג און אלט, פון די מאמעס מיט די קליינע קינדער אויף זייערע הענט, גיב זיי דעם שלום! זאל דער בנין שטיין אויף אייביק אין א וועלט פון שלום!

ניטא קיין ווערטער אויסצודריקן וואס איך פיל, כ'בין גערירט ביז טרערן. דער לעבן איז דאס שענסטע געזאנג, דער שלום די שטארקסטע מוזיק, דאס געבעט אויף שלום די אויפריכטיקסטע תפילה.

מיין תפילה גיסט זיך צונויף מיט דער תפילה פון א פיליפינער פרוי וואס שטייט א פארשטארטע, נאר אירע ליפן מורמלען עפעס. איר האנט האלט א קינד — א קליין מלאכל — א מיידעלע אין א ווייס קליידעלע. איך פרעג זי: וואס טוסטו, פרוי? „איי עם פרייאינג פאר פיס!" (כ'טו תפילה פאר שלום) און זי איז ניט אליין, אלע פילן דאס זעלבע, די לופט איז דא אנגעזאפט מיט תפילה פאר שלום.

די תפילה פאר שלום קומט ארויס פונעם הארצן, זי איז ריין און הייליק, זי איז אויפריכטיק און אמתדיק, זי איז שטארק, זי איז ווי א געזאנג, וואס דער־הייבט דעם גייסט, שענערט אויס און בעסערט אויס דעם מענטש.

דער איסט־ריווער צופוסנס פון בנין, ליגט א רואיקער, א פרידלעכער. ס'טראגן זיך פארביי שיפן און שיפלעך באלאדענע מיט גוטס, מיט מענטשלעכער מי, ארבעטזאמע מענטשן אויף זיי. ווי גוט איז דער שלום, ווי שיין איז די ארבעט, ווי פיין די נאטור, די ביימער אין זייער קנאספיקן בלי, די מילדע גלעטנדיקע זון, דאס צארטע ווינטל, די ליבשאפט וואס ווערט ארויסגעשטראלט פון די מענטשן.

כ'בין ווי שיכור, מיין הארץ מיט ליבשאפט וואס גייט אריבער די ברעגן, צעשפארט די ברוסטן, כ'וואלט איצט אלעמען געקושט.

ווי שיין איז די וועלט! ווי גוט איז דער שלום!

וואָלף גאַמערמאַן

DE PROFUNDIS ...

נאכט —
שטייט מיין שאָטן
איבער מיר
און וואכט.

אין מיין הארץ —
אַ קלינג פון מעסער
טיף ארייננעשטאכן.
אויפן הענטל
פון דעם מעסער
איז אויסגעקריצט
מיט בלויע שטראלן:
„ל י ב ע"

אז מיין בלוט
איז איין־געפרוירן,
איז מיין מוח
קאלט און שניידיק
ווי דער פראָסט.

צום באגינען
קומט די פאליציי,
שליסט
מיין שאטן איין
אין קייטן,
פירט אים
צו דעם פלאץ קאנקאָרד.

דארטן
נעמט דער הענקער

און ציט מיין שאטן
אויף דער תליה
ארויף.

הענגט מיין שאטן
אט אזוי
אין מיטן שטאָט
און וואכט.

שטיי איך אויף,
מיט הענט פארבראכן,
גיי
און שטעל אוועק זיך
אונטער
אט דער תליה.

וויגט אזוי זיך
איבער מיר מיין שאָטן —
הין און צוריק,
הין און צוריק —
— — — — — —
דער אומרו פון דער וועלט.

און מיטאג־צייט,
ווען ס'ברענט די זון,
פאַלט אראָפּ
אַ טראָפּן בלוט
צו מיינע פיס
און בעט
מחילה.

מ ש ה ב י ק

מוזיק צו קינדער־לידער

טעקסט פון דוד ראָדין

זעלדע־קאפעלדע

מיין תלמידה **זעלדע** בראון
א. ר. שול, מעמפיס, 1928

זעלדע־קאפעלדע, גרויסע מויד!
זאג, וואס ווילסטו האבן?
— איך וויל האבן א ווייסע בויד,
און פערד — צוויי שוואַרצע ראָבן.



זעלדע־קאַפעלדע, גרויסע מויד!
ס'דארפסטו פערד און וואגן?
— כ'וועל איינשפאנען פערד אין בויד,
איבער וועגן יאגן.

זעלדע־קאפּעלדע, גרויסע מויד!
וועגן זיינען ווילדע!
— אַך, ווי גוט מיט פערד און בויד
איבער וועגן ווילדע!..

זעלדע־קאפּעלדע, ווילדע מויד!
ביסט נאָך יונג אין יאָרן!
— יאָרן וואַרטן אָף די וועגן —
כ'וועל צו זיי דערפאָרן...

וויג־ליד

איליע, ליו־ליע, ליו־ליע, ליו!
אין א לאַנד א ווייטן וואו,
האָבן פּרינצן, קלוג און שיין,
זיך דערוואַקסט פון טאַכטער קליין.



איליע, ליו־ליע, ליו־ליע, ליו!
האָבן פּרינצן ניט קיין רו.
לאָזן זיי אין וועלט זיך גיין,
זוכן טאַכטער קלוג און שיין.

חיפה

איליע, ליו־ליע, ליו־ליע, ליו!
בלאָנדזשען פרינצן אום אָן רו.
קומען זיי אין שלאָפלאַנד אָן,
זיצט מיין טאַכטער אויבן־אָן.

איליע, ליו־ליע, ליו־ליע, ליו!
לעבן פרינצן שוין אין רו.
איצט זאָל חלום, טאָכטער האָלט,
וועבן דיר א קרוין פון גאָלד.

איליע, ליו־ליע, ליו־ליע, ליו!
שלאָף און חלום, שלאָף און רו.
האָט דער חלום פליגלען ברייט,
ליגן קרוינען פיל שוין גרייט.

ליו־ו־ו, ליו־ו־ו, ליו־ו־ו,

די טעטיקייט
פון יידישן שרייבער־פאראיין אין חיפה

ביי דער געלעגנהייט פון ארויסגעבן דעם יאָרבוך אונדזערן, ברענגען מיר פאר די לייענער א קורצן באריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער חיפהער אָפּטיילונג פון יידישן ליטעראַטן־און־זשורנאַליסטן פאראיין אין ישראל. דער באריכט נעמט ארום די תקופה 1.9.1963 — 31.8.1965.

מיר דארפן אויך דאס מאל צוגעבן, אז מיר האבן פון קיינעם ניט באקומען קיין פינאנציעלע אונטערשטיצונג פאר אונדזער טעטיקייט. אלץ וואס מיר האבן געטאן און דערגרייכט איז נאָר א דאנק דער טרייער און אידעאַליסטישער ארבעט פון עטלעכע מענטשן.

עפנטלעכע ליטעראַרישע אוונטן:

4 אוונטן געווידמעט דאס דערשיינען פון ערשטן נומער „חיפה": אין קרית־חיים, קרית־מוצקין, קרית־ים און „ביתנו" — דעם שענסטן זאַל אין חיפה.

באַטייליקטע: אָפּשאַצונג — גבריאל ווייסמאן (תל־אביב), פארזיץ — מענדל זינגער, רעציטאציעס — מאַלווינא כהן און די מיטארבעטער פון „חיפה".

2 אוונטן געווידמעט נאָטאַן מאַרק צום דערשיינען פון זיין בוך „דערהויבנ־קייט", אין קרית־חיים און קרית־מוצקין.

באַטייליקטע: לייב חיין־שמעוני, מרדכי שטיינבערג און מרדכי קראָשניץ.

2 אוונטן אין קרית־ביאליק און קרית־חיים, געווידמעט דעם חורבן, אומקום און גבורה.

באטייליקטע: בונים העלער (תל־אביב), פערל האַלטער (פּאַריז), רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק און מרדכי קראָשניץ.

3 אוונטן צום דערשיינען פון רבקה קוויאַטקאָווסקיס בוך „אין זיכערע הענט" (בידיים נאמנות), אין קרית־חיים, „ביתנו" אין חיפה און אין קלוב פון געוו. קאַצעטלער אין חיפה.

באטייליקטע: לייב חיין־שמעוני, ד"ר מ. דוואָרזשעצקי (תל־אביב), מרדכי קראָשניץ, דוד ראָדין (פאָרזיץ), שמחה האַמבורג (פאָרזיץ) און רעציטאַטאָר חיים וואָטשין.

1 אוונט, צוזאַמען מיט דער קולטור־אפּטיילונג פון מ.פּ.ח., אין זאַל פון „ביתנו" אין חיפה, לכבוד ד"ר ש. ביקל פון ניו־יאָרק.

דערעפענונגס־רעדע — מרדכי קראָשניץ. דער חשובער גאסט האט רעפע־רירט א. ד. ט. „יוסף אָפּאַטאָשו און דוד בערגעלסאָן."

1 אוונט אין קרית־חיים לכבוד די שרייבער: דוד גלילי־גלאַצער (חולון) צום דערשיינען פון זיין בוך „ביים קוואַל", און יוסף שטשאַווינסקי (תל־אביב) צום דערשיינען פון זיין בוך „אונטער איין דאך".

פאַרזיץ — מרדכי קראַשניץ, אפשאצונגען: ד״ר צמח צמריון און יעקב פילאָווסקי.

1 אוונט אין זאַל פון „ביתנו״ אין חיפה לכבוד דעם דיכטער און משלים שרייבער פרץ מיראַנסקי פון טאָראָנטאָ. באטייליקטע: מרדכי קראַשניץ, עזרא להד און דער קאָמפאָזיטאָר משה ביק אין שירה בציבור.

1. פרץ אַקאַדעמיע אין קלוב פון די געוו. קאַצעטלער אין חיפה, מיט דער באטייליקונג פון מרדכי קראַשניץ און רעציטאַטאָר א. ש. מעלער.

1 שלום עליכם אוונט אין קרית־מוצקין מיט דער באטייליקונג פון מ. קראַשניץ.

1 אוונט אין קרית־מוצקין געווידמעט דאס שאפן פון לוי פאַפּיערניקאוו צו זיין אלט ווערן 65 יאר. מיט דער באטייליקונג פון מ. קראַשניץ און רעציטאַטאָר חיים וואַטשין.

ח׳ לייב חיין־שמעוני האט זיך באטייליקט אין נאמען פון פאראיין אין אוונט לכבוד חיים גראַדע ווי אויך אין די אַקאַדעמיעס צו די יאָרצייטן פון דוד פינסקי און ה. לייוויק אין וועלכע ס׳האבן זיך אויך באטייליקט מ. קראַשניץ און ר. קוויאטקאָווסקי.

שעפערישע אוונטן:

מיר האבן פארגעזעצט די שעפערישע אוונטן וועלכע קומען פאָר יעדע פאר וואָכן שבת־צו־נאכט, יעדעס מאל ביי אַן אנדער חבר אין שטוב.

אויף די דאזיקע אוונטן האבן חברים געלייענט פון זייערע נייע שאַפונגען און עס זיינען אויסגעהערט געוואָרן רעפעראַטן וועלכע האָבן אַרויסגערופן ברייטערע שמועסן און דיסקוסיעס. עס זיינען פאר דער צייט פארגעקומען:

2 מסיבות צום דערשיינען פון יארבוך „חיפה״ מיטן אנטייל פון אלע מיטאַרבעטער און געלאַדענע געזעלשאפטלעכע־טוער.

5 אוונטן געווידמעט נייע שאפונגען פון אונדזערע חברים.

1 אוונט צום ערשטן יארצייט פון ה. לייוויק.

2 חנוכה אוונטן.

1 מסיבה צום דערשיינען פון ר. קוויאַטקאָווסקיס בוך „בידיים נאמנות״.

עס זיינען אויסגעהערט געוואָרן רעפעראַטן אויף די טעמען:

לייב חיין־שמעוני — „ש. אנסקי, זיין לעבן און שאַפן״.

משה ביק — „איינדרוקן פון א באזוך אין ראַטנפאַרבאַנד״.

יהושע גראָסבאַרד — „מאַרק שאַגאַל און זיין שאַפן״,

באַגלייט מיט ליכטבילדער.

מרדכי קראַשניץ — „י. ל .פרץ, זיין לעבן און שאפן״.

שמחה האַמבורג — „די פרייהייטלעכע באַוועגונג אין דער וועלט.״

נאַטאַן מאַרק — „פראַנץ קאַפקאַ און זיין שאפן״.

וואָלף גאַמערמאַן — „קולטור געזעלשאפטלעכע פראבלעמען אין פראַנצוויזישן לעבן."
יהושע גראָסבאַרד — „די פלאַסטישע קונסט אין ישראל", באגלייט מיט ליכטבילדער.
לייב חיין־שמעוני — „אליקום צונזער און זיינע מיטצייטלער."
משה ביק — „דאס יידישע ליד אין צייט פון חורבן און אומקום."
וואָלף גאַמערמאַן — „פּאָעטיקאַ" (די קונסט פון דיכטונג).
דוד ראָדין — „שרייבער און שרייבן."
משה ביק — „דאס יידישע פאלקס־ליד."

מסיבות לכבוד שרייבער געסט:

פאר דער דיכטערין פערל האַלטער פון פּאַריז.
פארן שרייבער ב. דעמבלין פון ניו־יאָרק.
פארן שרייבער און רעדנ. נחמן מייזיל פון ניו־יאָרק צו זיין באזעצן זיך אין אלונים ביי חיפה.
פארן שרייבער אברהם זאַק פון בוענאָס־איירעס.
א צוזאמענטרעף מיטן דיכטער בונים העלער פון תל־אביב.
א גלעזל טיי מיט די שרייבער י. פילאָווסקי, דוד גלילי־גלאַצער און יוסף שטשאַווינסקי פון תל־אביב.

צו אלע פארגעקומענע ליטעראַרישע אוונטן האבן מיר ארויסגעגעבן גרויסע און שיינע פלאקאטן אין יידיש און עברית, ווי אויך סטענסיל איינלאדונגען. מיר האבן אויך ארויסגעגעבן לידער צום איינזינגען אויף די פאַרגעקומענע אוונטן.

עס זיינען אפגעהאלטן געווארן צענדליקער זיצונגען פון אונדזער פארוואלטונג. ח' מרדכי קראָשניץ האט זיך אויך באטייליקט אין די זיצונגען פון דער פארוואלטונג פון יידישן ליטעראטן־און זשורנאליסטן־פאראיין אין תל־אביב, וואו מיר זיינען פארטראטן לויטן באשלוס פון דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון 25.2.1965.

★

ביי דער געלעגנהייט דריקן מיר אויס א הארציקן דאנק דער פארוואלטונג פון יידישן ליטעראטן־און זשורנאליסטן־פאראיין אין תל־אביב פארן צוטיילן אונדז אין די ראַמען פון ליטעראטור־פאָנד א סובסידיע פון 500 (פינף הונדערט) לירות — פארן צווייטן נומער „חיפה".

★

די טעטיקייט פון יידישן שרייבער־פאראיין אין חיפה ווערט פארגעזעצט. מיר האבן דערגרייכט מיט אונדזערע ליטעראַרישע אוונטן צו טויזנטער מענטשן און, אָן ספק, אויפגעוועקט אין זייערע הערצער ליבשאַפט צום יידישן לשון און צום קינסטלערישן יידישן וואָרט.

די דאזיקע ליבשאפט באגלייט אויך אונדז און גיט אונדז כוחות אָנצוגיין מיט דער הייליקער שליחות.

אינהאַלט :

פון רעדאַקציע		5—7
יאַנקעלעוויטש	מוטער און קינד (סקולפּטור)	8
לייב חיין־שמעוני	די הייל פון אליהו הנביא	9—38
נחמן מייזיל	פאַר נייע וויכטיקע אויפגאַבן	39—57
אברהם ישכיל	אדם און חוה (בילד)	58
מרדכי קראַשניץ	חיפהער יידישע שרייבער	59—78
רבקה קוויאַטקאָווסקי־פנחסיק	דינהלע	79—92
דוד ראַדין	לידער	93—96
וואָלף גאַמערמאַן	געדאַנק, פאַרנונפט און חכמה	97—109
הירש שיליס (שילת)	גירוש (בילד)	110
לוי פאַפּיערניקאָוו	בינטשע קאַוואַלעריסט	111—123
שלמה איצקאָוויטש	הייזער אין חיפה (בילד)	124—
עזרא להד	יידיש טעאַטער אין ארץ־ישראל	125—132
יוסף סאָקולער, ז"ל	ירושה (לידער)	133—141
שמואל בונה	דער נביא איבער ירושלים (בילד)	142
חיים וואַטשין	די ערשטע ביקס	143—159
ל. אליהו	אַפאָריזם, גראַם און עפּיגראַם	160—162
שמחה האַמבורג	די פילאָזאָפיע פון אבא גאָרדין	163—164
משה ביק	י.ל. פרץ און דער ניגון	165—168
שמואל לאַם	אין רעגן (בילד)	168
מנשה גפן	דער לעבנסגאַנג פון אַ קאָלעקטיוו	169—180
שלמה איצקאָוויטש	פּראָיעקט פון אַ שער־בלאַט פאַר „חיפה"	180
ד"ר צמח צמריון	50 יאָר יידיש לעבן	181—186
יהושע גראָסבאַרד	הייזער אין חיפה (בילד)	186
יהושע גראָסבאַרד	צו דער געשיכטע פון דער פּלאַסטישער קונסט אין ישראל	187—191
נאַטאַן מאַרק	פון חסידישן קוואַל	192—198
ק. הלל	דאָס לעצטע ווערק פון א. דאַווידזאָן	199—203
שמואל לאַם	אַ געסל אין חיפה (בילד)	204
דוד ראַדין	דער שמעטערלינג	205—218
נחמן מייזיל	אַ גלגול פון אַ שיר	219—226
עזרא להד	ה. לייוויקס דראַמאַטישע ווערק אין העברעאישן טעאַטער	227—233
שמחה האַמבורג	האַווקאַ	234—240

ק. הלל	יידישע שרייבער אין ישראל . .	241—243
אברהם ישכיל	שטיל־לעבן (בילד)	244
אבא גוטעס	פונעם נעכטן	245—250
מרדכי קראַשניץ	מיניאַטורן און בילדער . . .	251—274
וואָלף גאַמערמאַן	De Profundis (ליד) . .	275
משה ביק	מוזיק צו קינדער־לידער . . .	276—278
	די טעטיקייט פון יידישן . . שרייבער־פאַראיין אין חיפה .	279—281

באַמערקונג:

יעדער מחבר טראָגט די פולע אַחריות פאַר זיינע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען.

געזעצט און געדרוקט: דפוס „מוצקין", קרית־מוצקין, ביי חיפה.

דערשינען אין פארלאג „חיפה״

ביי דעם יידישן שרייבער־פאראיין אין חיפה:

1. מ. קראשניץ און ד. ראדין (רעד׳)	„חיפה״ נומער 1
2. מרדכי קראשניץ	אייגנס
3. רבקה קוויאטקאווסקי־פנחסיק	בידיים נאמנות (העברעאיש)
4. דוד ראדין	דער שמעטערלינג
5. מרדכי קראשניץ	נאטור און מענטש
6. מ. קראשניץ און ד. ראדין (רעד.)	„חיפה״ נומער 3—2

דערשיינט בקרוב:

רבקה קוויאטקאווסקי־פנחסיק	אין זיכערע הענט